STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 05953

YID, MENTSH, SOTSIALIST

I. Artusky

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org


DEVI TUSZYNSKI

ייִד
מענטש
סאָציאַליסט

י. אַרטוסקי אָנדענק־בוך

אַרויסגעגעבן דורכן י. אַרטוסקי בוך־קאָמיטעט
צו דער פינפטער יאָרצייט

פאַרלאַג „לעבנס־פראַגן" תל־אביב 1976

YID, MENCH, SOCIALIST

I. ARTUSKY ONDENK-BUKH

○

היהודי, האדם, הסוציאליסט

י. אַרטוסקי — ספר הזכרון

○

Published by
Artuski Book-Committee
"LEBNS-FRAGN"
Tel-Aviv, 48, Kalisher Str., Israel
1976

○

Printed by "Hadfus Haklali" Ltd.
Tel-Aviv, 26, Hashuk Str., Israel

אינהאלט

זייט

אריינפיר

ליבער ברענער	א ווארט פריער	9

י. ארטוסקי אין אונדזער אנדענק

ד״ר עמנואל שערער	אידעען און קאמף	15
יצחק לודען	י. ארטוסקי דער סימבאל	25
י. ש. הערץ	אידעישע ערלעכקייט	43
פראפ. א. לערמער	צו דער סאציאלאגיע פון מאדערנע אידעאלאגיעס	51
בארווין פרענקעל	אין מעמאריאם	60
מלך ראוויטש	יששכר ארטוסקי	63
גבריאל וויסמאן	י. ארטוסקי דער אידעאליסט און פאלקס־מענטש	66
ב. שלעווין	חבר ארטוסקי ווי איך האב אים געקענט	71
פרץ גוטערמאן	א מוסטער פון אויפריכטיקייט	76
מיכאל וויינאפעל	י. ארטוסקי אין מיין זכרון	80
יוסף ליפשיץ	אסקאר א געטרייער חבר און איבערגעגעבענער פריינד	83
נחמן בלומענטאל	ארטוסקי	85
רחל מיניץ	אסקאר אין צער און אין ליכט	90
משה בעסער	באגעגענישן מיט אסקארן	94
יצחק קאהאן	י. ארטוסקי אין מעלבורן	99
יצחק ליפסקי	אט אזוי געדענק איך אים דעם חבר ארטוסקי	107
שייע שיכאטאוו	י. ארטוסקי דער ייד, דער מענטש, דער בונדיסט	115
משה סמאשעווסקי	שטריכן צו אסקארס פערזענלעכקייט	118
מ. גרין	יששכר אייכענבוים	121

פון י. ארטוסקיס ליטעראַרישער ירושה

דער וועג צום „בונד״

צום וו. ק. פון „בונד״	133
וועגן מיין אריינטריט אין „בונד״	134
אריין אין „בונד״	139
ווו איז דער וועג פון די אויפריכטיקע קאמוניסטן	146

פראבלעמען פון סאציאליזם

„די פילאזאפיע פון דלות״ און די פילאזאפיע פון קאמף	157
יוזעף דיטצגען	162
די פארזעלבשטענדיקונג פון מלוכה אפאראט	168
אין תקופה פון אומרואיקע דערווארטונגען	177

זייט

דער נייער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל 182
דער יאָרטאָג פון אַ פאַראַטענער רעוואָלוציע 188
צווישן מלחמה און סאָציאַליזם 195

נאַציאָנאַל פּאָליטישע פּראָבלעמען

די נאַציאָנאַלע פראַגע און די בונדישע וועלט קאָנפע־ע:ץ 202
קיום האומה און דער דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם 210
מדינת ישראל און דאָס יידישע פאָלק 215
אונדזער ווילן אַלס פאַקטאָר פון נאַציאָנאַלן קיום 223
נאָך 13 יאָר — 1943 — 1956 229
די אַקציע פאַר די סאָוויעטישע יידן 235

„בונד" און ציוניזם

דער קריזיס פון עליה און די ישראל מדינה 244
בונדיזם אין מדינת ישראל 253
דער וועג פון „בונד" 269

בונדישע פירער און מאַרטירער

ערליך אַלטער 284
מיין לעצטע באַגעגעניש מיט וויקטאָר אַלטער 287
דער נאָמען פון אַרטור זיגעלבוים דאַרף פאַראייביקט
ווערן אין מדינת ישראל 292
אַ גאַס א. נ. פון ש. מ. זיגעלבוים 293

דער „בונד" אין ישראל

די פערספעקטיוון פון „בונד" אין ישראל 299
אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל 306
אין אַן אחריותפולער צייט 311
אונדזער באַשיידענער יובל 316
15 יאָר בונדישע אָרגאַניזאַציע און „לעבנס פראַגן" אין ישראל 321
דער כוח פון יידיש 329
מיט גלויבן צו פאַרשטאַרקטער טעטיקייט 336
צוואַנציק יאָר „לעבנס פראַגן" 342

אין געראַנגל פאַר יידיש און יידישער ליטעראַטור

די נאַציאָנאַל־שעפערישע ראָל פון די יידיש רעדנדיקע יידן 350
העברעאיש און יידיש 355
דער וועג פון דער יידישער ליטעראַטור אין ישראל 360

ישראל אַראַבישער קאָנפליקט

די מלחמה איז נישט אומפאַרמיידלעך 366
נאָך דער סיני־אַקציע 374
נאָך דעם ישראל אַראַבישן בליץ קריג 383
אין געראַנגל פאַר שלום 388
נאָר אַ פשרהדיקער אויסוועג איז רעאַל 394
צי טאַקע ערב אַ באַנייטער מלחמה 400

י. לודען — י. אַרטוסקי נישטאָ 410

ישׂשׂכר אייכענבוים—אַרטוסקי—אָסקאַר (1971—1903)

אַ וואָרט פריער

דעם 16־טן דעצעמבער 1971 האָט זיך די פאָן פון „בונד" אין ישראל געבויגט איבערן פרישן קבר פון דעם ערלעכן און געטרייען בונדיסט — יששכר אייכענבוים (אַרטוסקי־אסקאר).

פון זינט אַרטוסקי האָט איבערגעריסן מיטן קאָמוניזם און פאַר־עפנטלעכט זיין באַקאַנטע ווענדונג (1935) צום וו. ק. פון „בונד" אין וואַרשע מיט די „אַ פאָר ווערטער אויפקלערונגען וועגן מיין אַריינטריט אין ,בונד'" איז ער באַקאַנט געוואָרן צווישן די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן אין פוילן סיי מיט זיינע פלאַמיקע רעדעס, סיי מיט זיינע פּאָליטיש־טעאָרעטישע אַרטיקלען, געדרוקטע אין דעם טעגלעכן אָרגאַן פון „בונד" אין פוילן „נייע פאָלקס־צייטונג" און אין פאַרשידענע פעריאָדישע אויסגאַבעס: „פאָרויס", „מישל סאָציאַליסטיטשנאַ" א. א.

אַרטוסקי האָט זיך באַקאַנט געמאַכט סיי אין זיינע רעדעס, סיי אין זיינע אַרטיקלען און עסייען, אַלס קאָמפּראָמיסלאָזער מאַרקסיסט און געטרייער בונדיסט. מיט אַ באַזונדערער אָנערקענונג דאַרפן מיר דערמאָנען זיינע פאַרדינסטן פאַר דער בונדישער באַוועגונג אין ישראל, ווו ער האָט געדינט אַלס גענעראַל־סעקרעטאַר פון לאַנד־קאָמיטעט און אַלס רעדאַקטאָר פון די „לעבנס־פראַגן" פון זינט זיין באַזעצן זיך דאָ אויף סטאַביל.

וועגן אַרטוסקיס וויכטיקער טעטיקייט אין ישראל האָט נאָך געשריבן איינער פון די ערשטע בונדיסטן אין ישראל, בענצל צאַ־לעוויטש, אין אַן אַרטיקל „מיינע 35 יאָר אין ישראל" („לעבנס־פראַגן" נר. 75—76, נאָוועמבער — דעצעמבער 1957): „אין 1951, ווערט דערין געזאָגט, קומט צו אונדז חבר אַרטוסקי, און אויף דער ערשטער קאָנפערענץ אין יענעם יאָר ווערט געגרינדעט די בונדישע אָרגאַניזאַציע. מיר הייבן אָן אַרויסצוגעבן אונדזער זשורנאַל „לעבנס־

פראַגן״, וועמעס רעדאַקטאָר ס׳איז חבר ארטוסקי. דער זשורנאַל האָט פון דער ערשטער מינוט אָן אָנגענומען אייגנאַרטיקע, בונדיש־סאָציאַליסטישע שטעלונגען צו אַלע פּראָבלעמען פון דער מדינה. דער זשורנאַל גייט שוין אַרויס מער ווי זעקס יאָר, האָט אַ גרויסן דערפאָלג אין די בונדישע רייען און ווערט אָפּגעשאַצט אין דער וועלט פאַר אַן ערנסטן זשורנאַל רעדאַגירט אויף אַ הויכן ניווא. די „לעבנס־פראַגן״ ברענגען אַרויס אונדזדער שטעלונג צו אַלע געזעל־שאַפטלעכע פּראָבלעמען אין לאַנד און אין דער וועלט, און פירן אַ פּערמאַנענטן קאַמף פאַר דער יידישער קולטור אין ישראל״. און ווייטער: „...אויף דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד״ אין מאָנטרעאָל, וועלכע איז פאָרגעקומען אין אַפּריל 1955 ווערט דעלע־גירט חבר י. אַרטוסקי. די אַרויסטרעטונגען זיינע אויף דער קאָנפע־רענץ, אויף צענדליקער פאַרזאַמלונגען פון ברענטש, פון אַרבעטער רינג, זיצונגען פון קאָאָרדינירער־קאָמיטעט און יידישן אַרבעטער־קאָ־מיטעט, האָבן געברענגט אַ גרויסן מאַטעריעלן און מאָראַלישן דער־פאָלג פאַר אונדזער ישראלדיקער אָרגאַניזאַציע״.

...„און אָט וואָס עס שרייבט איינער פון אַרטוסקיס לאַנגיאָריקע מיטאַרבעטער, גבריאל וויסמאַן: „אַ סך קאַמפן, געראַנגל און שוועריקייטן האָט אָסקאַר גע־דאַרפט בייקומען, אָבער אַדאַנק זיין גייסטיקער רייפקייט און טיפן גלויבן, זיין אָפענעם מוח און שאַרפער פען, האָט ער געקענט אָפּ־שלאָגן די אַלע אַטאַקעס. ס׳איז געווען אַ שווערער און ביטערער קאַמף, אָבער ס׳האָט געלוינט, מחמת אָן דעם וואָלט היינט אפשר נישט עקזיסטירט דער „אַרבעטער־רינג״, די פראַנץ קורסקי־ביב־ליאָטעק, די נאָכמיטאָג־שול, דראַמאַנסאַמבל, „לעבנס־פראַגן״ און אַנדערע קולטור־פּאָזיציעס. אסקאר איז געווען די נשמה פון דעם אַלעם. ס׳איז ממש צו שטוינען ווי אַזוי ער האָט נאָך די בייזע שטורעם־ווינטן — נאָך היטלערן, נאָך סטאַלינען — געפונען גענוג כוח פאַרצווזעצן זיין אַרבעט אין די נייע, גענוג שווערע באַדינ־גונגען...״

עס איז דעריבער גאַנץ פאַרשטענדלעך, וואָס דער בוך־קאָמי־טעט ביים „בונד״ אין ישראל האָט גענומען אויף זיך אַרויסצוגעבן

אַ געדענק־בוך לכבוד אסקאַרן, וואָס מיר גיבן אים איצט איבער אין די הענט פון זיינע און אונדזערע פריינט און חברים.

דאָס בוך אַנטהאַלט:

1. אַריינפיר,
2. אָפּרופן — אַזאַ איז אַרטוסקי געבליבן אין אונדזער אָנדענק,
3. פון אַרטוסקיס ליטעראַרישער ירושה.

צוליב מאַנגל אין די נויטיקע מאַטעריאַלן האָט זיך לײַדער אַרויס־געוויזן פאַר אוממעגלעך צו געבן דאָ זיינע אַן אויספירלעכע ביאָ־גראַפיע. פון די נאָטיצן, טאָגביכער און פערזענלעכע שמועסן, וואָס ער פלעגט פירן מיט זיינע נאָענטע חברים ביי פאַרשידענע געלעגנ־הייטן, האָט זיין געוועזענער מיטאַרבעטער, איצטיקער רעדאַקטאָר פון די „לעבנס־פראַגן", יצחק לודען, אַרויסגעבראַנגט אין זיין אַר־טיקל — „אַרטוסקי דער סימבאָל" — בלויז פראַגמענטאַרישע ביאָ־גראַפיע־מאָמענטן.

צוזאַמענגעשטעלט און רעדאַגירט דאָס בוך האָט ליבער ברענער אין פאַרשטענדיקונג מיט אַרטוסקיס געטרייער לעבנס־באַגלייטע־רין — זיין פרוי העלא און מיטן בוך־קאָמיטעט.

ביים אויסקלייבן מאַטעריאַל פון אַרטוסקיס שעפערישער ירושה פאַרן היינטצייטיקן לייענער זענען מיר, צוליב ריין אָביעקטיווע סיבות, געווען געצוווּנגען זיך שטאַרק צו באַגרענעצן. פון בערך טויזנט אָפּגעקליבענע אַרבעטן זיינע, וואָס מיר האָבן געפונען אין די נישט פולע אַרכיוון: בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל, פראַנץ קורסקי־ביבליאָטעק, „אַרכיון ומוזיאון של תנועת העבודה" אין תל־אביב, „ספריה לאומית" ביים אוניווערסיטעט אין ירושלים, אַרטוסקיס פריוואַטער אַרכיוו, וואָס זיין פרוי, העלא, האָט איבער־געענטפערט אין אונדזער רשות און פריוואַטער אַרכיוו פון דעם יידישן דיכטער און פובליציסט — וואָלף הערש איוואַן, האָבן מיר אויסגענוצט בלויז אַ קליינעם טייל. מיר האָבן לײַדער געמוזט זיך אָפּזאָגן פון אַריינגעמען וואָגיקע אָפּהאַנדלונגען וועגן שאַפונגען פון יידישע און נישט יידישע שרייבער און אויך פון אַנדערע גרעסערע

שאַפונגען, ווי: „שפּאַניע״, „צו דער פּראַגע וועגן איין פּאַרטיי״, „אויף די וועגן פון פאָלקס־פראָנט״ (בראָשור, דערשינען אין 1938 אין וואַרשע), „פון עברית צו יידיש״ (בראָשור דערשינען אין תּל־אביב 1960) און פון כתבֿ־יד, אַרבעטן, וואָס זענען געשריבן מיט טיפער מאַרקסיסטישער בקיאות, ווי: „צי דאַרף מען איינהאַלטן דעם קיום פון יידישן פאָלק״, „דער קיום פון יידישן פאָלק און דער ׳בונד׳״. „דער ראַטנפאַרבאַנד און דער סאָציאַליזם״, „קולטור און דער אַרבעטער־קלאַס״ און פיל אַנדערע אינטערעסאַנטע אַרבעטן, מיט וועלכע עס וועט נאָך כדאי זיין זיך צו פאַראינטערע־סירן אין דער צוקונפט.

לסוף האַלטן מיר („די אַרויסגעבער, די פרוי פון פאַרשטאָרבע־נעם חבר אַרטוסקי, העלא, און די רעדאַקציע) פאַר אונדזער חוב אויסצודריקן אַ יישר כּוח אַלע חברים און פריינט אין ישראל און אויסער אירע גרענעצן, ווי אויך אַלע בונדישע אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט, וואָס האָבן סיי מיט זייערע זכרונות וועגן געשטאַלט פון חבר אַרטוסקי און סיי מיט זייערע פינאַנסיעלעביישטייערונגען מיטגעווירקט ביים רעאַליזירן דאָס דערשיינען פון דעם אָנדענק־בוך.

ליבער ברענער

י. ארטוסקי –
דער בונדישער
אידעאליסט און קעמפער
– אין אונדזער אנדענק

ד״ר עמנואל שערער

אידעען און קאַמף

נישט אַלע מאָל גייען דיביידע עלעמענטן צוזאַמען. נישט אַלע מאָל אַנטוויקלען זיי זיך גלייכמעסיק, און נישט זעלטן, בפרט אין געוויסע שטורעמדיקע צייטן, גייט זייער אַנטוויקלונג איבער אומ־וועגן.

פאַראַן אָבער אַ פּסיכאָלאָגישע טעזע, אַז „דער מענטש ווערט דאָס, וואָס ער איז״. דאָס הייסט: ער ווערט דאָס צו וואָס עס שטויסט אים זיין אינערלעך וועזן. ס׳איז נישט קיין ברייט אָנגענומענע מיינונג, דאָך איז זי געוויס ריכטיק אין טייל פאַלן, און ווי מיר דוכט, דערקלערט זי די פראַגע: וועלכע אידעע, אָדער אידעען־קאָמפּלעקס האָט דורכגעדרינגען דאָס קעמפערישע לעבן פון אונדזער טייערן און באַליבטן חבר י. אַרטוסקי (א. אייכנבוים), אָדער ווי מיר האָבן אים גערופן אין ענגערן קרייז — „אָסקאַר״?

ווי אַזוי אָבער קען מען שטעלן אַזאַ פראַגע, וויסנדיק, אַז אַרטוסקיס פּאָליטישער קאַמפּס־וועג איז נישט געווען גלייכמעסיק, אַז ער האָט אַדורכגעמאַכט גרויסע אידעיש־פּאָליטישע וואַנדלונגען? געווען אין זיינע ייִנגערע יאָרן אַן אַקטיווער קאָמוניסט; שפּעטער, אַ געוויסע צייט, — טיילווייז אַטראַקירט דורך דער אולטראַ־רעוואָלוציאָנערער ראָמאַנטיק פון טראָצקיזם, וואָס מוז האָבן אין זיך אַ געוויסן מאַגנעטיזם, אויב ער האָט נאָך היינט זיינע אָנהענגער אין פאַרשידנאַרטיקע לענדער און סביבות. קורץ נאָך דעם — געוויס נאָך אַ געהעריקן יישוב־הדעת — איז אַרטוסקי אַריבער אין „בונד״.

געווען איז דאָס אין דער ערשטער העלפט פון די 30־ער יאָרן, אין וואַרשע. אין אַ צייט, הייסט עס, ווען די ייִדישע

קאָמוניסטן האָבן געפירט דעם העסלעכן קאַמף קעגן דעם „סאָציאַל־פאַשיסטישן" (!) „בונד". און אין דער שטאָט, וואָס איז אין פוילן געווען דער הויפּט־צענטער פון יעדן, בפרט יידישן אַרבעטער־קאַמף. צי איז דאָס נישט געווען מצד אַרטוסקין אַן איבערבראַך אין זיין אייגענעם ביזדעמאָלטיקן לעבנס־גאַנג? יאָ, אַ פולשטענדיקער, אָר־גאַניזאַציאָנעלער און פּאַרטיי־פּאָליטישער איבערבראַך. אָבער חוץ דעם איז אין דעם געווען נאָך עפּעס און פון אַ גאָר עיקרדיקן באַדייט.

* * *

לויט מיין פּערזענלעכער אָפּשאַצונג איז אַרטוסקי פּאַקטיש קיינמאָל נישט געווען קיין „עכטער קאָמוניסט", ווען ער האָט אַפילו בשעתו זיכער געמיינט, אַז ער איז עס. געוויס, ער איז געווען ערלעך און אויפריכטיק קעגן סאָציאַליסטישן רעפאָרמיזם, אָפּאָר־טוניזם, מינימאַליזם און ער האָט באמת געוואָלט אַן אויסגעהאַלטע־נעם, קאָנסעקווענטן, מאַקסימאַליסטישן און רעוואָלוציאָנערן סאָציאַ־ליזם. איז עס דאָך געווען אַ צייט, ווען אַפילו אין דעם מיושבדיקן ענגלאַנד איז געוואָרן פּראָקלאַמירט און פּאָפּולער די לאָזונג „סאָציאַליזם פאַר דער היינטיקער צייט" (פון דעם דעמאָלט באַרימטן סאָציאַליסטישן פּובליציסט ה. נ. בראַילספאָרד). און אוודאי האָט אויף אַרטוסקין דעמאָלט — אין די 20־ער יאָרן — גע־ווירקט די לעגענדע פון סאָוויעט־רוסלאַנד, די לעגענדע, וואָס איז געווען פיל באַקאַנטער און ווירקזאַמער איידער די פּאַקטישע סאָוויעטישע ווירקלעכקייט. חוץ דעם, ביי זיין גאַנצער אינטער־נאַציאָנאַלקייט, האָט אַרטוסקי, אויך אַלס קאָמוניסט, נישט אויפ־געהערט צו זיין אַ יידישער קאָמוניסט.

און די 20־ער יאָרן זענען געווען די צייטן, ווען די סאָוויעטישע לעגענדע האָט אין ברייטע יידישע קרייזן, אַפילו בירגערלעכע, געהאַט אַ גאָר גרויסע צוצי־קראַפט. איז דאָך סאָוויעט־רוסלאַנד דעמאָלט געווען דאָס איינציקע לאַנד אין דער וועלט מיט (מלוכהשע!) יידיש־יידישע שולן, הויך־שולן, אַקאַ־דעמיעס, געריכטן, מיט אַן אָפיציעלן פאַרבאָט פון אַנטיסעמיטיזם

און אַזוי ווייטער. אמת, אַלץ פון אויבן דיקטירט און שטרענג קאָנטראָלירט; אַלץ מיט אַ פאַלשער טעאָריע, אָן פרייהייט און דעריבער, ווי ס'האָט זיך שפּעטער אַרויסגעוויזן, זייער אומזיכער. אָבער בשעת מעשה האָט די פּאָזיטיווע פּראַקטיק געקאָנט פאַרדעקן די נעגאַטיווע טעאָריע. איז דען — האָט זיך נישט איינער געטרייסט — די סאָוויעטישע פּראָ־יידישע פּראַקטיק נישט וויכטיקער איידער די פאַלשע קאָמוניסטישע טעאָריע? און קען דען נישט זיין, אַז אונטערן דרוק פון אָט דער פּראַקטיק זאָל זיך אויך בייטן (און פאַרבעסערן) די טעאָריע? „דער זיין באַשטימט דאָס באַוווסטזיין" — דער דאָזיקער געדאַנק איז דאָך אַ וויכטיקער עלעמענט פון מאַרקסיזם, און אַרטוסקי איז שוין דעמאָלט געווען אַ מאַרקסיסט.

לאָמיר צוגעבן: ער האָט פיל געלייענט וועגן מאַרקסיזם אויך שפּעטער. דורך דעם, און דורך זיין אייגענעם טראַכטן, איז אים דער מאַרקסיזם געוואָרן נאָענט, ראַציאָנעל און אויך עמאָציאָנעל, און אין זיין גאַנצן ווייטערדיקן פּאָליטישן לעבן איז דער מאַרקסיזם געבליבן זיין שטענדיקע ריכט־שנור.

אמת, ס'איז שוין לאַנג מער נישטאָ איין מאַרקסיזם. דאָס מאַכט אים אָבער נישט בטל, פּונקט ווי פיל אַנדערע „איזמען" ווערן נישט בטל דורך זייער צעטיילטקייט אין פאַרשידענע ריכטונגען און אויסטייטשונגען. למשל: דער דאַרוויניזם (איך נוץ דעם פאַרגלייך בכיוון, ווייל פרידריך ענגעלס האָט אים געמאַכט אין זיין קלאַסישער רעדע נאָכן טויט פון קאַרל מאַרקס און דער דאַרוויניזם ווערט היינט אויך אויסגעטייטשט פאַרשידן).

אַרטוסקי האָט נאַטירלעך, געוווסט וועגן דער צעטיילטקייט אין דעם מאַרקסיזם, ווי ער האָט געוווסט, אַז אויך אין די ראַמען פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן און פרייהייטלעכן סאָציאַליזם זענען מעגלעך, און זענען ווירקלעך פאַראַן, פאַרשידענע אויסטייטשונגען, ריכטונגען און שטרעבונגען. ער האָט געוווסט גאַנץ באַזונדער, אַז צווישן די פאַרשידענע סאָציאַליסטישע ריכטונגען און שטרעבונגען זענען פאַראַן אויך אַזעלכע, ביי וועלכע די ריכטיקע און נויטיקע נאַציאָנאַלקייט און דעמאָקראַטישקייט עסט נישט אויף די

נישט ווייניקער גויטיקע און ריכטיקע אינטערנאַציאָנאַלקייט און קעמפערישקייט. דעריבער, ווען ער האָט פאַרלאָזט די קאָמוניסטישע רייען, און איז אַריין אין „בונד“, האָט ער עס, פאַרשטייט זיך, געטון צוליב זיין אַנטוישונג אין קאָמוניזם, אָבער נישט כדי אוועק־צוואַרפן דעם גלויבן אין יעדן מאַרקסיזם און אין יעדן סאָציאַ־ליסטישן אינטערנאַציאָנאַליזם און מיליטאַנטיזם.

אַרטוסקי האָט אין „בונד“ — און ערשט אין „בונד“ — גע־פינען אַזאַ יידיש־סאָציאַליסטישע און אינטערנאַציאָנאַל־סאָציאַליס־טישע סינטעז, צוזאַמען מיט אַזאַ הומאַניסטיש־סאָציאַליסטישער און קעמפעריש־סאָציאַליסטישער סינטעז, וואָס ער האָט אומזיסט גע־זוכט אין קאָמוניזם. די אַנטוישונג אין קאָמוניזם האָט, הייסט עס, נישט באַזייטיקט זיין טיף־אינערלעכע — פריער פאַלש־אויס־געדריקטע — שטרעבונג צו אַ ריכטיקן, קעמפערדיקן אינטער־נאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. מ׳קען זאָגן: ער האָט אין „בונד“ געפונען זיך אַליין. אין דעם זין איז לגבי אים מקוים געוואָרן, אַז אַ מענטש ווערט דאָס, וואָס ער איז.

* * *

דאָס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט אין זיין פּערזענלעכער אינערלעך־בונדישער לאַגע. הגם ער איז געקומען אין „בונד“ פון אַ שאַרף־קעגנערישער סביבה — און מען דאַרף געדענקען יענע יאָרן, כדי צו קענען די גאַנצע אַנטי־בונדישע שאַרפקייט פון זיין פריער־דיקער סביבה — איז ער גלייך געוואָרן אַן אייגענער, אַ היימישער. נישט בלויז, ווייל דער „בונד“ האָט אים אויפגענומען מיט אָפענע אָרעמס, נישט דיסקרימינירנדיק קיינמאָל די פּאָליטיש נייגעקומענע, נאָר אויך און אפשר נאָך מער טאַקע דערפאַר, ווייל ער אַליין האָט זיך געפילט, ווי ער וואָלט ענדלעך געקומען צו זיך, צו דער באַ־וועגונג, וועלכע איז געווען די באַדערפעניש פון זיין פריער בלאָנ־דזשענדיקער און ענדלעך זיך אַליין געפונענער נשמה.

זיין אידענטיפיקאַציע מיטן „בונד“ איז פאַרגעקומען מאָמענטאַל אָרגאַניזאַציאָנעל און פּאָליטיש, און אויףביידע פלאַכן אָן שטע־רונגען און מיט דערפאָלג. באַזונדערס ליב איז אים דערביי געווען די פּאָליטישע אויפקלערונג־טעטיקייט.

אין יענע יאָרן — די צייט פון היטלערס בלוטיקן מאַכט־אויפשטייג אין דייטשלאַנד און די צייט פון שטורעמדיקע וואַקסנדיקע כוואַליעס פון אַנטיסעמיטיזם און פאַשיזם אין פוילן — איז אינם יידישן לעבן פון פוילן פאָרגעקומען אַן ערנסטער גייסטיקער און פאַרטייאישער איבערבראָך. די נעבעכדיקע ראָל, וועלכע ס׳האָבן דעמאָלט געשפּילט אויף דער יידישער גאַס די ציוניסטישע און אָרטאָדאָקסישע פּאַרטייען, האָט דערפירט צו דעם, אַז די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן דערזען אין „בונד" די איינציקע יידישע באַוועגונג, וואָס האָט ווירקלעך — אָפן דעצידירט און טאָג־טעגלעך — געקעמפט קעגן אַלע פאַשיסטישע און אַנטי־סעמיטישע געפאַרן, אַטאַקעס און נגישות. ס׳איז געווען אַ צייט פון אָפטע (אויך ריין־יידישע) דעמאָנסטראַציעס, פּראָטעסט־שטרייקן און אַנדערע בונדישע קאַמף־אַקטן. אַ צייט פון ברייטע — הגם נאָר לאָקאַלע — וואַל־קאַמפּאַניעס, פון וועלכע דער „בונד" איז אַרויס אין די גרעסטע יידישע קהילות און שטאָטראַטן ווי די שטאַרקסטע פּאַרטיי אין יידישן לעבן. (די פּאַרלאַמענט־וואַלן זענען דעמאָלט אין פוילן געוואָרן באָיקאָטירט, צוליב זייער האַלב־פאַשיסטישן כאַראַקטער, דורך דער מערהייט פון פוילנס באַפעל־קערונג און אויך דורך דעם „בונד"). בכלל איז דאָס געווען אַ צייט פון אַ זייער אָנגעשטרענגטער אַלגעמיין־פּאָליטישער און אויך בונדישער טעטיקייט.

אַרטוסקי איז שוין דעמאָלט געווען טיף אַריינגעטון, מיט אַלע זיינע אָרגאַניזאַציאָנעלע און שרייבערישע פעאיקייטן, אין דער ברויזנדיקער און גלייכצייטיק אַזוי שווערער בונדישער קאַמפס־טעטיקייט. און אַלץ — אַזוי בונדיש, אין יידישע און אין אַלגעמיינע פראַגן, ווי ער וואָלט געווען אין „בונד" די גאַנצע צייט.

די דאָזיקע אַנטוויקלונג איז געוואָרן קאַטאַסטראָפיש איבער־געריסן דורך היטלערס קריג, דורך די נאַצי־הריגות, געטאָס, יידישן ווידערשטאַנד און חורבן...

אַרטוסקי איז געווען איינער פון די ניצול־געוואָרענע, אויף וועלכע ס׳האָט געלאַסטעט די שווער־טראַגישע משא איבער אַלע נאָרמעס פון מענטשלעכער דערטרעגלעכקייט. אָבער ווו נאָר דאָס

איז געוואָרן מעגלעך, האָט ער מיט אַנדערע לעבנגעבליבענע חברים און חברטעס זיך אַריינגעצויגן אין ווייטערדיקער בונדישער טעטיקייט. צו ערשט, בלויז אין באַגרענעצטע פאָרמען, נאָך בעת דער מלחמה. און אין דער פולער מאָס איז ער געוואָרן צוריק בונדיש טעטיק גלייך נאָך דער מלחמה.

* * *

די געענדערטע יידישע און וועלט־סיטואַציע האָט אַרויס־גערוקט פאַרשידענע פראַגן. און מען דאַרף דערביי באַטאָנען, אַז אַרטוסקיס טראַכטן און פילן איז קיינמאָל נישט געווען באַ־גרענעצט לאָקאַל אָדער נאַציאָנאַל. ווו ער זאָל נישט האָבן געלעבט — אין פוילן, אין פראַנקרייך, אין ישראל צי ערגעץ אַנדערש — זיינע פאַראינטערעסירונגען זענען אַלע מאָל געווען נישט בלויז יידישע און לאָקאַל־מלוכהשע, נאָר אויך אינטערנאַציאָנאַלע. אַרטוסקי האָט געוווסט, אַז די יידן־פראַגע גופא — בפרט די גאַנץ נייע ישראל־פּראָבלעמאַטיק — האָט אומפאַרמיידלעך אויך אינטער־נאַציאָנאַלע אַספּעקטן. אין די ווייטערדיקע שורות וועלן מיר זיך אָבער אָפּשטעלן נאָר אויף איין פראַגן־קאָמפּלעקס: „בונד" און ציוניזם.

אין שייכות מיט דער ניי־אַנטשטאַנענער ישראל־מדינה זענען צו דער דאָזיקער היסטאָרישער שטרייט־פראַגע צוגעקומען נייע פּראָבלעמען: ווי שאַצט מען אָפּ די פענאָמענאַלע געשעעניש? וואָס דאַרף זיין איצט די שטעלונג פון „בונד" צום ציוניזם?

די פראַגע האָט זיך געשטעלט באַזונדערס שאַרף פאַרן חבר אַרטוסקי, ווען ער האָט — אין הסכם מיט דער ווענדונג פון בונדישן וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט — פאַרלאָזט פּאַריז און זיין דאָרטיקע בונדישע טעטיקייט און זיך באַזעצט אויף שטענדיק אין ישראל, ווו ער איז געוואָרן דער פירער און וואָרטזאָגער פון דעם ישראלדיקן „בונד", וואָס איז מיט זיין אַקטיוויסטן אַנטייל געגרינדעט געוואָרן.

פריער אָבער, וועגן אַן עפּיזאָד בעת אַ בונדישער פּאַרטיי־דיסקוסיע, אין פּאַריז, אין 1948, אַרום אַ רעפעראַט (פון שרייבער

פון די שורות) וועגן דער שטעלונג פון „בונד" צו מדינת־ישראל, וואָס איז נאָר וואָס פּראָקלאַמירט געוואָרן. אַרטוסקי האָט געהאַלטן אַז ווי ריכטיק עס זאָל נישט האָבן געווען און עס איז וייטער די נעגאַטיווע שטעלונג פון „בונד" צום ציוניזם, דאַרף מען אָפּטיילן די מלוכה פון ציוניזם. און דאָס פּשוט דערפאַר, ווייל די מלוכה עקזיסטירט און טראָגט אירע אייגענע ענגסטע פאַרבינדונגען מיט דעם ציוניזם איז זי, אָדער קען ווערן, אַ גאַנצקייט פאַר זיך אַליין.

פון מיין גאַנצן דעמאָלטיקן ענטפער דערויף וועל איך דאָ דערמאָנען נאָר איינעם: געוויס, ציוניזם און מדינה זענען נישט דאָס זעלבע, הגם זיי זענען צווישן זיך ענג פאַרבונדן; אָבער די אַלע, וואָס פּראָפּאַגאַנדירן (צוליב פאַרשידענע טעמים) דאָס „אָפּטיילן" די מדינה פון ציוניזם, פאַרגעסן, אַז כדי דאָס „אָפּטיילן" זאָל נישט זיין פיקטיוו, דאַרף מען עס קודם כל פאַרלאַנגען אין ישראל און פון ישראל גופא. דאָס הייסט, אַז די מדינה גופא זאָל ווערן געפירט נישט אין גייסט פון ציוניזם; און אַרויסרוקן דאַרף מען דעם פאַרלאַנג, אומאָפּהענגיק פון זיין איצטיקער נישט־רעאַלקייט.

ווען אַרטוסקי האָט זיך באַזעצט אין ישראל, האָט ער דערמיט געשטעלט אויף אַ גייסטיקער פּראָבע זיך אַליין, ריכטיקער — די אמתדיקייט פון זיין נאָר וואָס דערמאָנטער איינשטעלונג. און מיט צופרידנקייט דאַרף מען זאָגן, אַז ער פערזענלעך האָט די אידעישע פּראָבע אויסגעהאַלטן. ווי דער ערשטער און לאַנגיאָריקער רע־דאַקטאָר פון אָרגאַן פון בונד אין ישראל „לעבנס־פראַגן", ווי אַ שטענדיקער מיטאַרבעטער פון „אונזער צייט", ווי דער הויפּט רעדנער אויף בונדישע פאַרזאַמלונגען אין ישראל און ווי איינער פון די רעפערענטן אויף בונדישע וועלט־קאָנפערענצן, האָט ער קלאָר און מוטיק אַרגומענטירט, אַז טאַקע ישראל גופא דאַרף זיך אָפּטיילן פון ציוניזם.

יאָ, מיר האָבן געקאָנט האָבן מיט אים אויך געוויסע מיינונגס־פאַרשידנקייטן, וואָס איז אין „בונד" נאַטירלעך. ס'איז אָבער אויך געווען נאַטירלעך, ווען אויף דער דריטער וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד" (1955) איז מיט זיין אַקטיוון אָנטייל — טראָץ די מיינונג־

פאַרשידנקייטן אין די רעפעראַטן און דיסקוסיעס — אָנגענומען געוואָרן אַן איינשטימיקע רעזאָלוציע וועגן די גרונט־פראַגן פון יידישן לעבן. די רעזאָלוציע הייבט זיך אָן אין איר צווייטן טייל מיט די ווערטער:

מדינת־ישראל

„די ישראל־מדינה איז אַ וויכטיקע געשעעניש אין לעבן פון יידישן פאָלק. ווי אַ קאָנצענטרירטער, זיך זעלבסטפאַרוואַלטנדיקער יידישער ישוב, וואָלט די מדינה געקענט שפּילן אַ פּאָזיטיווע ראָל אין יידישן לעבן, אָבער דערצו איז קודם כל נויטיק, אַז:

„1. די ציוניסטישע ישראל־פירער זאָלן אויפהערן צו באַטראַכטן די מדינה ווי די היים פון גאַנצן יידישן פאָלק און די יידן מחוץ דער מדינה ווי אירע פּאָטענציעלע בירגער;

„2. די אינטערעסן פון דעם ישוב אין ישראל זאָלן זיין אונטערגעוואָרפן די אינטערעסן פון יידישן וועלט־פאָלק;

„3. די ישראל־מדינה זאָל אין איר גאַנצער פּאָליטיק לגבי אַלע אירע בירגער — יידן און נישט־יידן — אָנווענדן די זעלבע פּרינציפּן פון דעמאָקראַטיע, וועלכע מיר, יידן, פאַרלאַנגען אין די מלוכות, ווו מיר זענען אַ מינדערהייט;

„4. ישראל זאָל פירן אַזאַ אינערלעכע און אויסערלעכע פּאָליטיק, וועלכע זאָל באַזייטיקן, לכל־הפּחות פון דעם יידישן צד, אַלע שטערונגען, וואָס שטייען איצט אויפן וועג צו אַ גערעכטן ישראל־אַראַבישן שלום — אַ שלום, וואָס איז פאַר אַנדערטהאַלבן מיליאָן יידן אין ישראל (געשריבן אין 1955 — ע. ש.) די עלע־מענטאַרסטע לעבנס־פראַגע;

„5. יידיש זאָל געלערנט ווערן אין אַלע לערן־אַנשטאַלטן פון מדינת־ישראל און די יידישע שפּראַך זאָל געניסן פולע רעכט און פרייהייט אין גאַנצן עפנטלעכן לעבן"...

לאָמיר נאָך איבערגעבן עטלעכע ציטאַטן פון אַרטוסקיס אַרטיקלען, געשריבענע אין „אונזער צייט" אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן (1970—1971). דאָס וועט זיין בלויז אַן אילוסטראַציע, הגם זייער אַ קנאַפּע, פון אַרטוסקיס בונדישן געדאַנקען־גאַנג:

„אַ טיפער קעגנזאַץ"

„די בונדיסטן, צו גלייך מיט אַלע נאַציאָנאַל־געשטימטע יידן, זענען אָן ספק דערפֿאַר, אַז עס זאָל ווערן פאַרזיכערט אַ רואיקע עקזיסטענץ און פרידלעכע אַנטוויקלונג פון מדינת־ישראל. אָבער גראָד דערפֿאַר זעען די בונדיסטן אַ טיפן קעגנזאַץ צווישן די אמתע אינטערעסן פון דער מדינה און די ציוניסטישע אַספּיראַציעס פון אירע פירער".

(„ציוניזם אין די 70־ער יאָרן", „אונזער צייט", 5—6, 1971).

„ווי טראַגיש"

„...ווי טראַגיש זעט אייגנטלעך אויס דער פּאָליטישער נצחון פון ציוניזם. אַנשטאָט צו פאַרזיכערן אַ רואיקע עקזיסטענץ פאַרן יידישן פאָלק, שטייט גאָר די אויסגעטרוימטע צו דעם ציל מדינה פאַר דער פּערספּעקטיוו פאַרוואַנדלט צו ווערן אין אַ מיליטערישן לאַגער, מיט אומאויפהערלעכע מלחמות און בלוט־פאַרגיסונגען".

(„אַלטע טרוימען און נייעווירקלעכקייט",
„אונזער צייט", נר. 3, 1970).

„דער איינציקער מעגלעכער אויסוועג"

„...דער ישראל־אַראַבישער קאָנפליקט קאָן נישט אַנדערש געלייזט ווערן ווי נאָר דורך אַ פּשרה, וועלכע זאָל זיין געבויט אויף די צוויי יסודותדיקע זיילן:

„פון איין זייט מוזן די אַראַבישע מדינות און די פּאַלעסטינער שלום מאַכן מיט דער עקזיסטענץ פון מדינת־ישראל; די פּאַלעסטינער מוזן דערביי באַקומען דאָס רעכט אַליין צו באַשטימען זייער נאַציאָנאַל־פּאָליטישן גורל, און אויב זיי ווילן לעבן אין אַן אייגענער מדינה דאַרפן זיי האָבן דאָס רעכט זי אויפצושטעלן בשכנות פון מדינת־ישראל. פון דער צווייטער זייט דאַרף מדינת־ישראל צוריקטרעטן פון די פאַרנומענע שטחים, אָנערקענען דאָס רעכט פון די פּאַלעסטינער און געבן זיי די מעגלעכקייט צו האָבן זייער אייגענע מדינה, מיט דער פּערספּעקטיוו, אַז דאָס וועט דערפירן צו אַ פּע־

דערצטיוועו פאראייניקונג פון מדינת־ישראל מיט די שכנותדיקע אראבישע מדינות״.

„וואס שייך דער זיכערקייט פון ישראל, זענען פאראן דערצו פארשידענע אנדערע, נישט אנעקסיע־וועגן און מיטלען... די עקזיסטענץ פון צוויי באזונדערע קליינע מדינות, ירדן און פאלעס־טינע, איז א סך גינסטיקער פאר ישראל איידער איין גרויסע ירדנישע מדינה, ווו די פאלעסטינער וועלן סיי ווי בלייבן א מער־הייט״...

(„אל־פתח און מדינת־ישראל״, „אונזער צייט״, 2—3, 1971).

* * *

אין אלע גרונטיקע אספעקטן פון בונדיזם, די אלגעמיין־סאציאליסטישע און די יידישע, בפרט אין דעם פונדאמענטאלן בונדיש־ציוניסטישן שטרייט, האט ארטוסקי שיין און קאנסעקווענט, מיט טיפקייט און ווייטבליק, פארטיידיקט די פרינציפן און אידעען פון „בונד״. אין דעם פרט איז פאר אים זייער כאראקטעריסטיש, וואס ער האט ביזן סוף פון זיין לעבן געדענקט, אפגעהיט און אויך לגבי ישראל אנגעווענדעט (ווי אין דער לעצטער ציטאטע) א יסודותדיקע בונדישע אריענטאציע — די איצט לפנים ווייטע, אבער ריכטיקע און מיט דער צייט אויך מעגלעכע, פרינציפיעל־בונדישע אריענטאציע אויף פרידלעכן צווישן־פעלקערלעכן פעדעראציאניזם.

און די פאראדאקסן־פולע יידישע געשיכטע קען נאך באשאפן א נייעם פאראדאקס: אז אט דער פרינציפ פון בונדיזם זאל מוזן ווערן די לייזונג אויך פאר די הארבע פראגן אין און פון ישראל, ווו ארטוסקי האט מיט אידעען און קאמף אויסגעפילט לאנגע יארן פון זיין ערלעכן אידעישן און קעמפערישן לעבן.

ארטוסקיס בונדישקייט האט געהאט טיפע ווארצלען.

יצחק לודען

י. אַרטוסקי — דער סימבאָל

ווען דער האַר פון דער געשיכטע האָט פאַרטײלט צווישן מענטשן די פאַרשידענע ראָלן פון זײער לעבן, האָט ער י. אַרטוסקין אָנפאַרטרויט די סאַמע שווערסטע און די סאַמע דערהויבנסטע ראָל: די ראָל פון מ ע נ ט ש. אָט דער אַבסטראַקטער באַגריף, וועלכער נעמט אַרום דעם מענטשלעכן מין אין אַלע זײַנע דערשײַנונגען און אײגנשאַפטן, מיט אַלע זײַנע שוואַכקײטן און פאַרקריפּלונגען, שטעלט אָבער פאָר מיט זיך די אידעע פון אָט דער געטלעכער יצירה, וועלכע איז באַשאַפן געוואָרן ווי דאָס אָפּבילד פון דער געטלעכקײט אַלײן, פון דער שלימות, הגם אָן דער אײביקײט, מיט וועלכער די דאָזיקע שלימות איז פאַרבונדן. דעריבער ווערט אָט די שלימות דערגענצט דורך דעם אַזויגערופענעם השאָרות הנפש, וואָס מיר רופן אָן — די געשיכטע.

און אין דער געשיכטע וועט דער נאָמען י. אַרטוסקי אַרײַנגײן ווי אַ ספּעציפישער פענאָמען, אַ סימבאָל פון אַ מענטשן, וועלכער האָט זיך פאַרעקשנט צו זײַן אַ מענטש, צו טראָגן אין זיך די מאָראַלישע אַטריבוטן, וואָס פאַרפליכטן און באַרעכטיקן דעם דאָזיקן פילבאַדײַטנדיקן סימבאָל.

אפשר קלינגען די דאָזיקע ווערטער נישט גענוג באַשײדן פאַר דער כאַראַקטעריסטיק פון דעם מענטש, וואָס האָט זיך דווקא אויסגעצײכנט מיט זײַן באַשײדנקײט און פּשטות. אָבער פון דער אַנדערער זײַט איז דאָך די דאָזיקע באַשײדנקײט און די פּשטות געווען אַ טײל פון זײַן גרויסקײט, פּונקט אַזוי ווי די שווערע לײדן און יסורים, וועלכע ער האָט אַדורכגעמאַכט אין די 68 יאָר פון זײַן לעבן און מיט וועלכע ער האָט זײַן ברוטאַלדיק לעבן פאַרענדיקט.

אויף דער לוויה פון י. אַרטוסקי פאַרן לאָקאַל פון אַרבעטער רינג
אין תל־אביב, קאַלישער 48

און ווען י. אַרטוסקי האָט גענומען אויף זיך די ראָל און דעם סימ־באָל פון מענטש אין זיין פאַרפליכטנדיקן באַדייט, איז ער אין זיין לעבן אַרומגעגאַנגען מיט אַ ליכט אין האַנט און געזוכט יושר אין דער פינצטערניש, געזוכט דעם אמת אין דער וועלט פון שקר, געזוכט דאָס מענטשלעכע אין דעם דזשונגל פון ברוטאַלער חיהש־קייט. דער נאָמען פון י. אַרטוסקי — אָסקאַר — איז געוואָרן ביי אונדז דער סימבאָל פון פאַנאַטישער ערלעכקייט, וועלכע האָט אים גע־צוווּנגען צו גיין קעגן די פאַרפלייצנדיקע שטראָמען פון מאָראַלישן און אידעישן אָפּאָרטוניזם. ער איז געווען דער סימבאָל פון דער בונדישער עקשנות און אויסגעהאַלטנקייט אין אַן אַטמאָספער פון צינישער פאַרלייקענונג און עטישער אַנטווערטונג.

די יאָרן פון י. אַרטוסקיס לעבן, 1903 — 1971, זענען געווען די דראַמאַטישסטע יאָרן אין דער יידישער געשיכטע; דאָס איז געווען די טראַגישסטע און צוגלייך די דערהויבנסטע עפּאָכע פון יידישן המשך. די עפּאָכע, אין וועלכער ליכט און פינצטערניש האָבן דאָס יידישע לעבן דערהויבן צום רענעסאַנס פון נאַציאָנאַלן אויפבוי — און אַריינגעוואָרפן עס אין טיפן גהינום־אָפּגרונט פון נאַציאָנאַלן חורבן. צוזאַמען מיט אים זענען מיר אַלע געווען די עדות פון דעם דאָזיקן פיבער־פעריאָד און צוזאַמען מיט אים האָבן מיר אַדורכגע־מאַכט די דראַמע פון אונדזער צייט. אָבער י. אַרטוסקי האָט מיט זיין אייגענער פערזאָן און מיט זיין אויפפירונג געדינט ווי אַ מוס־טער און געוויזן אַנדערע ווי אַזוי מען דאַרף זיך פירן, כדי נישט געשטרויכלט צו ווערן אויף די דערנער־וועגן פון דעם אידעיש־גייסטיק־מאָראַלישן דזשונגל.

דער גורל האָט אים געפירט איבער די שווערסטע נסיונות פון לעבן — שוין פון קינדוויז אָן, ווען ער איז צו צוועלף יאָר, איבער־מיטן דער ערשטער וועלט־מלחמה, געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום און איז אַריינגעפאַלן אין... אַ קריסטלעכן מאָנאַסטיר, ווו ער איז אין משך פון דריי יאָר דערצויגן געוואָרן אין פרומען קריסטלעכן גייסט — און דאָס גראָד אין די ערשטע יאָרן פון זיין פיזישן און גייסטיקן רייף ווערן, אין עלטער פון צוועלף ביז פופצן יאָר! דאָך האָט אים דער זעלבער גורל שוין דעמאָלסט געלערנט ביישטיין

די נסיונות און זיך קעגנשטעלן דעם צוואַנג פון דער אַרומיקער סביבה. שוין דעמאָלסט האָט ער זיך נישט געלאָזט באַצווינגען, נישט געלאָזט באַרויבן זיין פערזענלעכע פרייהייט און זיין אויי־טענטישקייט: ער האָט זיך נישט געלאָזט אַפּשמדן, און האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין יידישן שטאַם. ווי אַ קינד פון דער אָרעמקייט האָט ער צוערשט זיך געלאָזט פאַנגען פון דעם קאָמוניסטישן עקס־טרעמיזם, האָפנדיק אין דער אידעע פון קאָמוניזם צו געפינען די פאַרווירקלעכונג פון זיינע טרוימען וועגן גערעכטיקייט און יושר. ער האָט פאַר דער דאָזיקער אידעע זיך מקריב געווען מיט לייב און לעבן, און ער האָט איר מקריב געווען דאָס טייערסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט — זיין פערזענלעכע פרייהייט. ער האָט דאָס אָבער געטאָן אַזוי לאַנג ווי ער האָט אויפריכטיק געגלויבט אין די יושר־דיקע כוונות פון קאָמוניזם און פון דעם קאָמוניסטישן פירער, פון סטאַלינען — וועלכן ער האָט פערזענלעך באַגעגנט בעת איינעם פון זיינע צוויי באַזוכן אין ראַטנפאַרבאַנד אין די צוואַנציקער יאָרן, ווי אַ שליח פון דער פוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און ווי אַ סטודענט פון פּאָליטישער עקאָנאָמיע אויפן מאָסקווער אוניווערסי־טעט. ער איז יאָרן אָפּגעזעסן אין די פוילישע תפיסות פאַר זיין אונטערערדישער קאָמוניסטישער טעטיקייט; ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט פאַרוואַנדלען אין קיין רעליגיעזן פאַנאַטיקער פון קאָמוניזם, ווי אַ סך פון זיינע אידעען־חברים, ער האָט זיך אָפּגע־זאָגט מיטצומאַכן די צביעות פון דעם קאָמוניסטישן „יושר" און האָט נישט געוואָלט אָנערקענען דעם פּרינציפּ, לויט וועלכן דער ציל הייליקט אַלע מיטלען...

שטעלנדיק די מאָראַל העכער פון אַלע אַנדערע ווערטן, און זעענדיק אין דער מאָראַל דעם העכסטן ווערט פון דער סאָציאַליס־טישער גערעכטיקייט — האָט ער, אַן אַנטוישטער אין קאָמוניזם, געזוכט און געפונען דעם וועג צום „בונד". דעם דאָזיקן וועג האָט ער שוין נישט פאַרלאָזט ביז זיין לעצטן אָטעם־צוג און געטריי געדינט אין משך פון פינף און דרייסיק יאָר. קומענדיק אין „בונד" מיט זיין גאַנצן אידעאַליסטישן שוווּנג און יונגן ענטוזיאַזם, האָט ער גערופן און געוואָרנט די יידישע אַרבעטער־יוגנט קעגן דער

דעמאַגאָגיע פון קאָמוניסטישן ראַדיקאַליזם און אָפּאָרטוניזם צו־גלייך. אַזוי, למשל, לייענען מיר אין אַ קאָרעספּאָנדענץ אין דער „פּאָלקסצייטונג” נר. 364 פון 9 דעצ. 1935 אין דער רובריק א. ג. „פון אַרבעטער־לעבן אין טשענסטאָכאָוו”, ווי אַזוי די קאָמוניסטן האָבן דערקלערט אַ קאַמף זייער אַמאָליקן אַקטיוון חבר און טוער, וועלכער האָט זיי פאַרלאָזט: [„די לעצטע פאַרלעזונג פון ח׳ אָסקאַר א.ד.ט. „דער באַנקראָט פון קאָמינטערן — ווערט געזאָגט אין דער נאָטיץ — האָט אַרויסגערופן אַ גרויסע פאַראינטערעסירונג;



י. אַרטוסקיס ערשטע פרוי גניא מיט זייער 8 יאָריק טעכטערל האַלינקאַ

דאָס האָבן טאַקע נישט געקענט פאַרטראָגן אונדזערע „פאָלקס־פראָנטלער”, און דערמאָנענדיק זיך אין די אַלטע גוטע צייטן האָבן זיי אָרגאַניזירט אַ פאַרהער ... זיי אָווקגעשטעלט פאַרן לאָקאַל, וווּ די פאַרלעזונג איז פאָרגע־קומען פּיקעטן, רופנדיק צו באָיקאָטירן די פאַרלעזונג. דאָס האָט זיך זיי אָבער נישט איינגעגעבן”...]

י. אַרטוסקי — אָדער „אָסקאַר”, ווי מ׳האָט אים גערופן (ביידע נעמען האָבן געהערט צו זיינע פּסעוודאָנימס) — האָט פאַרלאָזט די קאָמוניסטישע באַוועגונג דערפאַר, ווייל ער האָט נישט מוותר גע־ווען אויף זיין רעכט זעלבשטענדיק צו טראַכטן; און די דאָזיקע

פולע פרייהייט פון געדאַנק האָט ער געפונען אין „בונד”, ווו ער האָט אויסער זיין אָרגאַניזאַציאָנעלער טעטיקייט אויך זיך גייסטיק אַנטוויקלט. מיט זיין טאַלאַנטירטער פעדער און לאַגישער מאָטי־ווירונג האָט ער מיט דער צייט פאַרנומען אַ וויכטיקן אָרט אין דער יידישער פובליציסטיק, ווען ער האָט, נאָכן אַריינטרעטן אין יאָר 1935 אין „בונד”, אָנגעהויבן פאַרעפנטלעכן זיינע אידעאָלאָגישע עסייען אין דער „פאָלקסצייטונג” און אין אַנדערע בונדישע אויס־גאַבעס.

דער אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה — די נאַצי־שע אינוואַזיע אין פוילן און די צעטיילונג פון פוילן דורך נאַצי־דייטשלאַנד און סאָוויעט־רוסלאַנד אין דער ערשטער פאַזע פון דער מלחמה, ווען עס האָט זיך אָנגעהויבן די בלוטיקע טראַגעדיע פון יידישן פאָלק — האָט אָבער אַוועקגעשטעלט דעם חבר אָסקאַר פאַר אַ באַזונדערס דראַמאַטישער פערזענלעכער דילעמע: פונקט ווי דאָס רוב יידישע און פוילישע מענער האָט ער, אין הסכם מיט דער איינשטעלונג פון צ. ק. פון דער פאַרטיי, און אויך ווערנדיק באַווירקט פון דער אַלגעמיינער שטימונג, פאַרלאָזט וואַרשע אויפן פינפטן טאָג פון דער מלחמה, און זיך געלאָזט מיטן גרויסן פּליטים־שטראָם אויף מזרח. אָבער ווען די סאָוויעטישע חיילות האָבן אָקו־פּירט דעם מזרחדיקן טייל פון פוילן, האָט דאָרט דער געוועזענער אַקטיווער קאָמוניסט נישט געקאָנט פאַרבלייבן.

אין זיינע זכרונות, וואָס זענען געפונען געוואָרן נאָך זיין טויט צווישן די נישט־פאַרענדיקטע מאַנוסקריפּטן, שרייבט י. אַרטוסקי צוו. אנד. וועגן די ערשטע טעג פון דער סאָוויעטישע אָקופּאַציע פון מזרח־פוילן:

„דאָס געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע לעבן איז אָפּגע־שטאָרבן, אַלע נישט־באָלשעוויסטישע אָרגאַניזאַציעס האָבן אויטאָמאַטיש אויפגעהערט צו עקזיסטירן. וועגן אומלעגאַ־לער אַרבעט אויף דעם שטח האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד. פאַר מיר איז קלאָר געוואָרן, אַז דאָ איז פאַר מיר קיין אָרט נישט פאַראַן; אַז פריער אָדער שפּעטער וועט מען מיך אַרעסטירן. דעריבער, אויב שוין פאַלן אַ קרבן — וויל

איך דאָס בעסער אין קאַמף, אין דער אומלעגאַלער טעטי־קייט"...

דאַן באַשליסט ער זיך צוריקצוקערן קיין וואַרשע, צו דער אומלעגאַלער טעטיקייט, צו וועלכער ער איז געווען געווינט פון פריער. אָבער צוריקקומענדיק אין דער דורך די דייטשן אָקופּיר־טער פּוילישער הויפּט־שטאָט, ווערט ער אַוועקגעשטעלט פאַר אַ נייער אַנטשיידונג: זיין פרוי, וועלכע איז פריער געווען ווייט פון דער קאָמוניסטישער אידעאָלאָגיע, באַשליסט אַריבערצוגיין מיט זייער אַכט־יאָריקן טעכטערל אויף דער סאָוויעטישער זייט, קיין ביאַליסטאָק. מיט אַ שווער האַרץ באַגלייט ער זיי אין וועג אַריין און געזעגנט זיי — מיט דער האָפענונג, אַז די צעשיידונג וועט לאַנג נישט דויערן — און ער בלייבט אין וואַרשע. דאָרט, אויף יענער זייט, קענען אים זיינע חברים פאַרמסרן און איבערגעבן אין די הענט פון דער נ.ק.וו.ד. ווי אַ „קאָנטררעוואָלוציאָנער", אַ „פאַרעטער". אַזוי ווי זיי האָבן שפּעטער פאַרמסרט און אויסגעגעבן ערליכן און אַלטערן, די צוויי ליכטיקע געשטאַלטן, די פירער פון „בונד" אין פּוילן.

אָבער דער גורל שטעלט י. אַרטוסקין פאַר איין נסיון נאָך דעם אַנדערן. בלעטערנדיק זיינע זכרונות, וועלכע ער האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1943 אין טעהעראַן אין דער פאָרם פון אַ באַריכט וועגן זיינע איבערלעבונגען זינט דעם אויסברוך פון דער מלחמה, גע־פינען מיר דאָרט זיין באַשרייבונג וועגן אַן אומגעריכטן באַזוך אין זיין וווינונג, קורץ נאָכדעם ווי ער האָט באַגלייט זיין פרוי מיטן טעכטערל אין וועג אַריין:

„עס איז מיר אָבער נישט בעשערט געווען לאַנג צו בליי־בן אין וואַרשע. אַ געוויסן פרימאָרגן, ווען איך בין נאָך געווען אין דער וווינונג, קלאַפּט עמיץ אין דער טיר. עס קומט אַריין אַ הויכער מאַן, אַ פּאָלאַק, און ווענדט זיך צו מיר, ער וויל מיט מיר רעדן ביחידות. פון זיינע אויגן און פון זיין אויפפירונג האָב איך דערקענט ווער ער איז. איך האָב אים אַריינגעפירט אין צימער, און דאַן האָט ער זיך לעגיטימירט פאַר מיר אַלס אַ געהיים־אַגענט פון דער פּאָלי־

ציי, און ער ווענדט זיך צו מיר מער־ווייניקער מיט די ווער־טער: „מיר ווייסן, אַז איר געפינט זיך אין וואַרשע. ביי די באָלשעוויקעס האָט איר נישט געקאָנט פאַרבלייבן, ווייל זיי וואָלטן אייך דערשאָסן. מיר ווייסן, אַז איר זענט איצט אַ טוער פון „בונד". איך בין אַלזאָ געקומען צו אייך מיט אַן אַלטערנאַטיווע: איך קען אייך איצט אַרעסטירן, אָבער איר קענט ווערן אָפּגעראַטעוועט. מיר לייגן אייך פאָר מיטצו־אַרבעטן מיט אונדז. מיר פאַרלאַנגען פון אייך נאָר איין זאַך. מיר ווילן נישט פון אייך קיין מסירות וועגן מענטשן. וואָס מיר ווילן פון אייך איז, אַז איר זאָלט פון צייט צו צייט אונדז צושטעלן רעפּעראַטן וועגן די שטימונגען ביי די יידן און וועגן דער טעטיקייט פון „בונד". אין פאַל פון אַן אָפּזאָג האָב איך אַ באַפעל אייך צו אַרעסטירן".

„איך בין געבליבן אָן לשון, אַלץ האָט זיך אין מיר גע־נומען טרייסלען. נישט צוליב דעם באַפעל מיך צו אַרעס־טירן, נאָר צוליב דער דאָזיקער פּרעכער פּראָפּאָזיציע. איך האָב געהאַט חשק פּשוט אים דערלאַנגען אין פּרצוף אַריין און אים אַרויסוואַרפן דורך דער טיר. איך האָב זיך קוים באַהערשט נישט צו באַגיין קיין נאַרישקייט. דער מוח האָט אין מיר געאַרבעט ווי ער וואָלט געווען עלעקטריזירט. וואָס זאָל איך אים ענטפערן? זאָל איך אים גלייך אָפּזאָגן, — אָדער געפינען אַן אַנדערן אויסוועג. ענדלעך, נאָך עטלעכע מינוטן פון שווייגן האָב איך אָנגענומען אַ פריינטלעכן אויס־דרוק אויפן פּנים און איך האָב געענטפערט: „איך ווייס, אַז איך געפין זיך צווישן צוויי פייערן. פון איין זייט די באָל־שעוויקעס, איצט דראָען מיך די דייטשן מיט אַרעסטירן. אָבער אייער פאָרשלאָג איז פאַר מיר אַזוי אומדערוואַרטעט, אַז איך קאָן פּשוט איצט נישט געבן אויף אים קיין ענטפער. איר פאַרשטייט דאָך, איך האָב נישט מיטגעאַרבעט מיט דער פּוילישער דעפענסיווע, און איצט דאַרף איך צוזאַמענאַרבעטן מיט דער געסטאַפּאָ. איך האָב נישט וווהין צו אַנטלויפן, אַזוי אַז אַרעסטירן מיך האָט איר שטענדיק צייט. גיט מיר דער־

ווייל עטלעכע טעג אויף איבערצוטראַכטן די זאַך. איך וויל נישט צוגיין צו דעם לייכטזיניק — דעריבער קאָן איך נישט געבן גלייך קיין ענטפער...׳ ער האָט זיך, קענטיק, אויף אַזאַ ענטפער נישט געריכט, ווייל אין משך פון עטלעכע מינוטן האָט ער זיך פאַרטראַכט וואָס ער זאָל מיר זאָגן. צום סוף האָט ער אַ ברום געטאָן: ,איר האָט דאָך נישט קיין אויס־וואַל. אָדער איר וועט מסכים זיין, אָדער איך וועל אייך אַרעסטירן. וועגן וואָס האָט איר דען זיך דאָ צו פאַר־טראַכטן?׳ — ,אָבער — האָב איך זיך אָפּגערופן — איך אַנטלויף דאָך נישט. אַרעסטירן מיך וועט איר דאָך באַוויזן מאָרגן־איבערמאָרגן; צו וואָס דאַרפט איר זיך איילן?׳. ,גוט — האָט ער צום סוף אַרויסגעברומט — איך נעם דאָס אויף מיין אייגענער אחריות. איך גיב אייך צייט ביז מאָרגן׳.

„זעענדיק, אַז ער איז געוואָרן ווייכער, האָב איך אים געזאָגט, אַז דאָס איז אַ צו קורצער טערמין. איך וויל גוט אַדורכטראַכטן דעם ענין. און עס גייט דאָ נישט אין אַדורכ־טראַכטן — האָב איך געזאָגט — עס גייט דאָ וועגן דער פּסיכאָלאָגישער צוגרייטונג צו דער דאָזיקער נישט צוגע־וווינטער פאַר מיר ראָל... ענדלעך איז ער איינגעגאַנגען אָפּ־צולייגן די זאַך ביז מאָנטיק. מאָנטיק וועט ער קומען נאָך אַן ענטפער. צום געזעגענען זיך האָט ער מיר צוגעגעבן מוט: ,נעמט נישט די זאַך אַזוי טראַגיש. נאָר דער ערשטער שריט איז אַ שווערער, איר וועט זיך צוגעוווינען׳. מיט אַ געמאַכטן שמייכל האָב איך אים געזעגנט, איך האָב נאָך אויך געמוזט דריקן זיין אויסגעצויגענע האַנט — און ער איז אַוועק. איך האָב אויסגעשפּיגן. איך האָב געפילט ווי איך וואָלט זיך נאַרוואָס באַפרייט פון אַן עקלהאַפטער באַשעפעניש. איך האָב זיך נישט געקאָנט באַרואיקן, טראַכטנדיק: וואָס עפּעס איז ער געקומען צו מיר מיט אַזאַ אומפאַרשעמטן פאַרשלאַג. איך בין געקומען צום אויספיר, אַז דאָס האָט געקאָנט גע־שען דערפאַר, ווייל זיי ווייסן, אַז איך בין געווען אַ קאָמו־ניסט, אַז איך האָב זיך איינגעבראָכן אידעיש; דעריבער קאָן

איך זיין מאַטעריאַל פאַר אַ ווייטערדיקן איינברעכן זיך. זיי האָבן זיך אָבער טועה געווען. איך האָב אַרויסגעריסן ביי אים די צוויי טעג, כדי זיך צו פאַרשטענדיקן מיט חברים, געבן זיי צו וויסן וועגן דעם, און זיך צו באַראַטן מיט זיי וואָס ווייטער צו טאָן. עס האָבן געקאָנט זיין צוויי אויס־וועגן: טוישן די וווינונג, אויסבאַהאַלטן זיך אַ געוויסע צייט, כדי זיך צוריקצוקערן צו דער ווייטערדיקער אַרבעט — אָדער אַנטלויפן..."

נאָכן באַראַטן זיך מיט די חברים, באַשליסט ח' אָסקאַר צו אַנטלויפן קיין ווילנע. עס הייבט זיך אָן אַ נייער וואַנדער־וועג, אונטער דער נאַצישער אָקופּאַציע, דורך דער גרענעץ, ווידער אויף דער סאָוויעטישער זייט, באַמיענדיק זיך אויסצומיידן באַקאַנטע פּנימער, בליקן פון נאָענטע, פון געוועזענע פריינט, וועלכע זענען עלול אים צו פאַרמסרן פאַר דער סאָוויעטישער מאַכט; אויפן וועג נישט געקאָנט בייגעקומען די בענקשאַפט נאָך דער פרוי און טעכ־טערל און זיך אַריינגעגנבעט צו זיי קיין ביאַליסטאָק, אויף אַ קורצער זעאונג, נאָכאַמאָל זיך מיט זיי צו געזעגענען. און דאַן — קיין לידע, און פון דאָרט צו דער ליטווישער גרענעץ.

אָבער דאָס מזל האָט אים נישט צוגעשפּילט, און י. אַרטוסקי ווערט אַרעסטירט אויף דער גרענעץ און הייבט אָן וואַנדערן איבער די סאָוויעטישע תפיסות — אין לידע, וויטעבסק. צום גליק ווייסן נישט זיינע אויספאָרשער וועגן זיין קאָמוניסטישער פאַרגאַנגענהייט און וועגן זיין ראָל אין „בונד". ער דערשיינט פאַר זיי אונטער אַן אַנדערן נאָמען — ביי זיי איז ער פאַרשריבן אין די אַקטן אַלס יששכר אייכענבוים.

בערך דעם 10־טן אויגוסט 1940, נאָכן אָפּזיצן אין תפיסה קרוב 9 חדשים, ווערט ער צוזאַמען מיט אַ סך אַנדערע אַרעסטאַנטן אַרויסגערופן לויט דער ריי פון זיין קאַמער און עס ווערט אים איבערגעלייענט דער אורטייל — פינף יאָר פאַרשיקונג אין „דערצי־אונגס־לאַגער", פאַר „פאַרגוואַלטיקן די מלוכהשע גרענעץ". קיין משפט, קיין געריכטס־פאַרהאַנדלונג, נאָר אַן אורטייל, וואָס איז צו־געשיקט געוואָרן מאַסנווייז פאַר הונדערטער טויזנטער אַרעסטאַנטן

אין דער פאָרם פון אַ באַפעל פון דער „אַסאָבאַיע סאָוויעשטשאַניע", דער אַזויגערופענער „ספּעציעלער באַראַטונג" אין מאָסקווע. אַ מין קאָנווייער־פּראָצעס פון פאַראורטיילן און פאַרשיקן מענטשן אויף לאַנגע יאָרן, אָן שום רעכט אויף דער מינדעסטער יורידישער פאַר־טיידיקונג. דאָס איז געווען, פאַרהעלטנישמעסיק, אַ „לייכטער" אור־טייל — ווייל טאָמער וואָלטן זיי געוווסט זיין אמתן נאָמען, וואָלט זיין גורל געווען אַ סך, אַ סך אַן ערגערער.

דריי וואָכן שפּעטער, דעם 31־טן אויגוסט, איז י. אַרטוסקי אָנ־געקומען מיטן „עטאַפּ" קיין מאַנטשעגאָרסק, אין אַ לאַגער אין דער געגנט פון מורמאַנסק. אין זיינע זכרונות דערציילט ער ווי אַזוי אויף איינער פון די סטאַציעס אויפן וועג זענען צום פאַרקראַטע־וועטן פענצטערל פון דעם לאַסט־וואַגאָן צוגעקומען עטלעכע קינ־דער — די „גליקלעכע סאָוויעטישע קינדער" — און האָבן וויינענ־דיק געבעטן ביי די אַרעסטאַנטן אַ שטיקעלע ברויט... אין דאָזיקן וואַגאָן האָט ער זיך באַפריינדעט מיט צוויי ווייסרוסישע אַרעס־טאַנטן, איינער פון זיי אַ פּראָפעסאָר פון אוניווערסיטעט אין מינסק. זיי האָבן אים דערציילט די דאָן נאָך אומגלויבלעכע געשיכטעס וועגן די פּייניקונגען, וואָס זיי זענען אויסגעשטאַנען אין די קעלערן פון דער נ.ק.וו.ד. און וועגן דעם טראַגישן גורל פון פאַרשידענע אַרעסטירטע טוער פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע זענען געוואָרן פאַרפייניקט, דערשאָסן אָדער פאַרמשפּט אויף לאַנגע יאָרן פאַרשיקונג אין קאַטאָרגע. י. אַרטוסקי־„אָסקאַר" — האָט די מערסטע פון זיי גוט געקענט, ער האָט מיט זיי צוזאַמען אַמאָל געאַרבעט אין קאָמוניסטישן אונטערגרונט, אָבער ער האָט נישט געטאָרט אויסגעבן דעם דאָזיקן סוד פאַר זיינע נייע חברים אין דער נויט, פאַר זיינע מיטבאַגלייטער אויפן וועג פון דעם אומ־באַקאַנטן גורל...

דעם לאַגער מאַנטשעגאָרסק, פּונקט ווי די אַלע אַנדערע ליידן־סטאַציעס אויפן וועג פון זיין נע ונד אין דעם לאַנד פון זיינע אַמאָ־ליקע חלומות, באַשרייבט י. אַרטוסקי מיט אַ סאָלזשעניצינישן רע־אַליזם אין דעם טאָגבוך, וועלכן ער האָט אָנגעשריבן, אין דער פאָרם פון אַ באַריכט, בעת ער האָט געוויילט אַ קורצע צייט אין טעהע־

ראַן, פּערסיע, נאָכן אַרויספאָרן פון ראַטנפאַרבאַנד אין יאָר 1943, אויפן וועג קיין תל־אביב. מעגלעך, אַז דאָס האָט געדאַרפט דינען פאַר אים אַלס רוי־מאַטעריאַל פאַר אַ ליטעראַרישער אָדער פּובלי־ציסטישער באַשרייבונג פון זיינע איבערלעבונגען אין די סאָוויע־טישע לאַגערן. ער האָט אָבער אין זיין שפּעטערדיקער געזעל־שאַפטלעכער און פּובליציסטישער טעטיקייט נישט געפונען קיין צייט פאַר דער דאָזיקער אַרבעט; מעגלעך אויך, אַז אין שווונג פון זיין ברייט־פאַרצווייגטער טעטיקייט האָט ער אויך וועגן דעם פאַר־געסן. דער דאָזיקער רויער כתב־יד וועט אָבער אָן ספק זיין אַ וויכ־טיקערביישטייער פאַר דער פאָרשונג פון דער דאָזיקער תקופה און פאַר דער געשיכטע פון דער ליידנס־עפּאָפּעע פון די יידישע מלחמה־פּליטים אין ראַטנפאַרבאַנד.

אָבער לאָמיר זיך צוריקקערן צו מאַנטשעגאָרסק, וווּ עס זענען, ווי ער דערציילט אין זיינע מעמוארן, אויסגעבויט געוואָרן דורך אַרעסטאַנטן אין די יאָרן 1935 — 1936 די גרויסע ניקל־גרובן. די אַרבעט, דערציילט י. אַרטוסקי, איז געווען אַ שווערע, אָבער די בריגאַדע, אין וועלכער ער האָט זיך געפונען, האָט אין פיר־פינף שעה אויסגעאַרבעט 150 ביז 200 פּראָצענט פון דער נאָרמע, וועלכע איז אָבער כסדר פאַרגרעסערט און געהעכערט געוואָרן. דעם צע־שמאַלצענעם, אָנגעגליטן ניקל־אַרץ, האָט מען אויסגעגאָסן פון די אויוונס נעבן די באַן־רעלסן, און ווען ער האָט זיך אָפּגעקילט, האָט מען אים צעבראָכן אויף שטיקלעך און אָנגעלאָדן אויף די וואַגאָנען פאַר דער ווייטערדיקער באַאַרבעטונג. די דאָזיקע אַרבעט האָט דער־פאַר געהאַט אַ באַזונדערס גרויסע מעלה פאַר די אַרעסטאַנטן: דער צעגליטער אַרץ האָט אַרויסגעגעבן פון זיך אַ סך וואַרעמקייט אין דער פּראָסטיקער לופט פון דער דאָזיקער פּאָלאַרער געגנט...

דער ווייטערדיקער גורל האָט דעם יונגן אַרעסטאַנט — דעם געוועזענעם איבערגעגעבענעם קאָמוניסטישן טרוימער און קעמפער — געפירט איבער די וועגן פון דער „סאָציאַליסטישער בוי־אַנטוויק־לונג", בעת ער האָט צוזאַמען מיט אַנדערע פאַרשיקטע „פאַרברע־כערס" געבויט און געפלאַסטערט די וועגן אויף דער נייער באַן־ליניע פון קאָטלאַס קיין קאָזשווע, נאָכדעם ווי ער איז געבראַכט

געוואָרן מיט אַ דאַמפֿ־שיף דורכן ווייסן ים פֿון דער מורמאַנסקער געגנט קיין וואָרקוטע, אין דעם סאַמע צפֿונדיקסטן ישוב אין צפֿון־אוראַל, און נאָך צען טעג פֿאָר, מיט אַ „באַרזשע" אויף דער פּיע־טשאָרע, איז ער אָנגעקומען אין איינעם פֿון די טרויעריק־באַרימטע פּיעטשאָרער לאַגערן. פֿאַרנדיק דורך די לאַנגע שטרעקעס האָט ער געזען פֿאַר זיך אַ גאַנצע „רעפּובליק" פֿון פֿאַרשיקונגס־ישובים און שטראָף־לאַגערן, אין וועלכע עס האָבן זיך געפֿונען מיליאָנען סאָ־וויעטישע בירגער און פּליטים פֿון פּוילן און פֿון אַנדערע לענדער. אַ גאַנצער אינטערנאַציאָנאַל פֿון אַרעסטאַנטן.

אין אָקטאָבער 1941 איז ער ענדלעך באַפֿרייט געוואָרן אויפֿן סמך פֿון דער „שיקאָרסקי־אַמנעסטיע", נאָכן אָפּשליסן דעם אָפּ־מאַך צווישן דער סאָוויעטישער רעגירונג און דער פּוי־לישער גלות־רעגירונג. נאָך לאַנגע וואַנדערונגען קומט ער אָן אין מיטל־אַזיע, קיין טאַשקענט, וווּ ער באַגעגנט זיך מיטן פּוילישן סאָ־ציאַליסטישן טוער פֿון וואַרשע, ח׳ קוואַפּינסקי, וועלכער איז געווען דאָרט אַ פֿאָרשטייער פֿון דער פּוילישער אַמבאַסאַדע אין קויבישעוו. אָסקאַר פּרוזש אײַנשטעלן דורך אים אַ קאָנטאַקט מיט די בונדיסטן אין קויבישעוו, אָבער דער עצהט אים דערווײַל אַריבערצופֿאָרן קיין בוכאַראַ, וווּ ער באַגעגנט אייניקע אַקטיווע בונדישע טוערס פֿון פּוילן. דורך זיי פֿאַרבינדט ער זיך מיט די בונדיסטן אין אויסלאַנד — מיט אַרטור זיגעלבוים, וועלכער האָט זיך געפֿונען דאַן אין לאָנדאָן און וואָס אַדאַנק זײַן אינטערווענץ ביי דער פּוילישער דע־לעגאַטור געלונגט אים צו פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד, וואָס האָט אים אַזוי ביטער באַשטראָפֿט פֿאַר זײַן אַנטוישונג. מיט דער אַנדערס־אַרמיי איז ער אַריבערגעקומען קיין טעהעראַן, און פֿון דאָרט צוזאַמען מיט די חברים: פּרץ גוטערמאַן, הערשל הימלפֿאַרב, משה בעסער, יעזשי גליקסמאַן, אהרן גערצאָוויטש, א. פֿיינזילבער, באַטיסט, ב. קרעמפּל. א. א. איז ער אין יאָר 1943 אָנגעקומען קיין תל־אביב. אַזוי אַרום האָט זיך י. אַרטוסקי אַרויסגעריסן פֿון דעם לאַנד, וווּ עס האָט אים געדראָט דער טויט אויך נאָך זײַן באַפֿרייאונג. שילדערנדיק זײַן אַרויספֿאָר פֿון רוסלאַנד שרײַבט י. אַרטוסקי אין זײַן טאָגבוך:

„אַ נייע לעבנס־כוואַליע איז אַרײַנגעדרונגען אין מײַן

נשמה. איך האָב זיך ווידער אָנגעהויבן פילן ווי אַ מיטגליד פון דער געזעלשאַפטלעכער משפּחה. נייע האָפענונגען האָבן אויפגעלעבט אין מיר, און כאָטש אַ סך איז מיר נאָך אויסגע־קומען צו ליידן און צו הונגערן, האָט דאָך דער געדאַנק, אַז איך בין נישט אַליין, אַז איך האָב אַרום חברים, מיך געשטאַרקט און צוגעגעבן נייע כוחות איבערצוהאַלטן די דאָזיקע שווערע תקופה פון לעבן. און שפּעטער האָב איך זיך אָפטמאָל דערמאָנט ווי טראַגיש עס זענען געווען די דאָזיקע מינוטן — אין לאַגער, אָדער אפילו אויף דער פרייער שוין נאָך דער באַפרייאונג, ווען עס האָט מיר כסדר געדראָט דער טויט — אַן איינזאַמער, אַ פאַריתומטער אין דעם ווייטן לאַנד, ווו קיינער פון די נאָענטע און אייגענע וואָלטן זיך אפילו וועגן דעם נישט דערוווסט. איצט איז אפילו שטאַרבן געוואָרן עטוואָס לייכטער... אָבער גראָד איצט האָט זיך געוואָלט לעבן...״

אָבער אין די דאָזיקע באַדינגונגען האָט ער נישט פאַרגעסן זיין געזעלשאַפטלעכן חוב ווי אַ מענטש וואָס טראַכט, וואָס פילט און וועלכער ציט אַרויס די אַנטשפּרעכנדיקע מסקנות פון דער טראַגי־שער דערפאַרונג:

„מען האָט געדאַרפט די דאָזיקע דערפאַרונג אויפנעמען אין געוויסע ראַמען, געבן איר אַ געוויסע לאָגישע המשכ־דיקייט און אַרויסציִען די מסקנות פאַר אונדזער צוקונפטיקער טעטיקייט. איך האָב דאָס באַטראַכט ווי די סאַמע וויכטיג־לעכסטע נויטווענדיקייט פאַר אַלע געזעלשאַפטלעכע טוערס. איך האָב זיך באַמיט אויף וויפל עס איז געווען מעגלעך דאָס צו טאָן אין דער צייט פון מיין ווייטערדיקן אויפהאַלט אין דער רוסישער פרעמד״.

און אַזוי האָט י. אַרטוסקי געהאַנדלט און זיך אויפגעפירט אין זיין ווייטערדיקן לעבן, אין זיין ברייטער און איבערגעגעבענער געזעלשאַפטלעך־אידעאָלאָגישער טעטיקייט, וואָס ער האָט אַנט־וויקלט נאָכן צוריקקערן זיך צו דער אַרבעט אין „בונד״ נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — אין פאַריז, און שפּעטער, אין משך פון

דריי און צוואַנציק יאָר, אין מדינת ישראל. סיי ביי זיינע אידעען־חברים און סיי ביי זיינע אידעאָלאָגישע קעגנער איז ער געווען געליבט און הויך געשאַצט פאַר זיין טיפער ערלעכקייט און איבער־געגעבנקייט צו זיינע אידעאַלן — און דער עיקר פאַר זיין גרענעצ־לאָזן מוט צו גיין אויך קעגן דעם שטראָם, קעגן דער אַזויגערופע־נער „גאַס", קעגן די אָנגענומענע און הערשנדיקע שטימונגען. אַזוי אין אַלע זיינע אויפטריטן מיט רעדעס, אַזוי אין זיינע פּובליציס־טישע אַרטיקלען בעיקר אין „אונזער צייט". און „אונזער שטימע" און גאָר באַזונדערס אין די „לעבנס־פראַגן" — דעם זשורנאַל, וועלכן ער האָט געגרינדעט און וועלכן ער האָט רעדאַגירט אין משך פון צוואַנציק יאָר — פאַרוואַנדלענדיק אים אין אַ גאָר וויכטיקער פּאָזיציע אין דער יידישער סאָציאַליסטישער פּרעסע.

געוויינלעך האָבן מענטשן נישט ליב קיין עקשנים. אָבער י. אַרטוסקי איז באַליבט געווען דווקא אַ דאַנק זיין עקשנות, פאַר זיין קאָנסעקווענטער אויסגעהאַלטנקייט, פאַר זיין נישט וועלן איינגיין אויף קיין פּשרה — אויב די פּשרה האָט געדאַרפט זיין אויפן חשבון פון געוויסן, אויפן חשבון פון די מאָראַלישע ווערטן, וואָס זענען ביי אים געווען פאַרהייליקט. ביי י. אַרטוסקי זענען מאָראַל און אידעע געווען איינס און דאָס זעלבע, ער האָט די ביידע זאַכן ענג פאַרבונדן. ער האָט זיינע אידעאַלן געמאָסטן נאָר און אויסשליסלעך מיט דער מאָס פון דער מאָראַלישער זויבערקייט — און דערפאַר האָט ער זיך קעגנגעשטעלט יעטווועדן נישט־מאָראַלישן אַפּאַרטור־ניזם. און ווי אַ מענטש, וואָס איז געשטאַנען פעסט אויפן באָדן, איז ער געווען אַ רעאַליסט; אָבער אין דער זעלבער צייט, ווי אַ פלאַ־מיקער אידעאַליסט און סובטעלער טרוימער, האָט ער געגלויבט אין דער פאַרווירקלעכונג פון זיינע חלומות, פון אונדזערע אַלעמענס סאָציאַליסטישע אידעאַלן אין דער צוקונפט. ער איז געווען אַ טיף גלויביקער סאָציאַליסט און מיט לייב און לעבן אַן איבערגעגעבע־נער בונדיסט.

מיט דער רייכער דערפאַרונג פון אַ פּאַרטייאיש־געזעלשאַפט־לעכן טוער און פאַרהאַרטעוועט פון די ביטערע דערפאַרונגען פון זיין לעבן, איז י. אַרטוסקי געווען אַ פיינפילנדיקער מענטש און אַן

איבערגעגעבענער חבר צו זיינע חברים. אין זיין טאָג־בוך, וואָס ער האָט געשריבן בעת אַ באַזוך אין בוענאָס איירעס (אין די ראַמען פון זיין רייזע אין דרום־אַמעריקע) אין יאָר 1958, לייענען מיר:

„14־טער יוני, שבת. באַלד אינדערפרי געקומען צו מיר אברהמלע דיין. ער שטאַמט פון גראָדנע. שוין ניט געזען זיך מיט אים 35 יאָר. מיר האָבן געשמועסט, זיך דערמאָנט אין די אַמאָליקע יאָרן, ווען מיר זענען געשלאָפן אין איין בעט. זיין פרוי איז פייגעלע צעגעלניצקיס שוועסטער פון ביאַליסטאָק. וויפל רעמיניסצענצן!... דאָס זענען געווען די שענסטע יאָרן מיינע, וויפל ראָמאַנטיזם מיר האָבן דאַן פאַרמאָגט! פשוט אַ טרער שטעלט זיך אין די אויגן...״

מיט אָט די פשוטע ווערטער, אָן איבערגעטריבענער סענטימענטאַלקייט, האָט י. אַרטוסקי אויסגעדריקט זיין טיפע צוגעבונדנקייט צו די חברים פון די יאָרן פון ראָמאַנטישער גלויביקייט. זיין גלויבן אין מענטש האָט ער אָבער אויך שפּעטער נישט פאַרלוירן, טראָץ אַלע שווערע איבערלעבונגען און אַנטוישונגען, פונקט ווי ער האָט נישט פאַרלוירן זיין אינטימע וואַרעמקייט, זיין אויפריכטיקע באַשיידנקייט און — דעם גלויבן אין אַ יושרדיקער צוקונפט.

די לעבנס־געשיכטע פון י. אַרטוסקי פאַרמאָגט אין זיך די פאַנטאַסטישע מאָזאיק, אין וועלכער עס פלעכט זיך צוזאַמען דער טראַגישער גורל פון זיין דור מיטן ווונדערלעכן כאַראַקטער פון זיין אייגנאַרטיקער פערזענלעכקייט.

י. אַרטוסקיס עלטערן

י. ש. הערץ

אידעישע ערלעכקייט

אין מיטן די 30־קער יאָרן איז אין דער רעדאַקציע פון דער בונדישער נייע פאָלקסצייטונג אין וואַרשע אַריינגעקומען אַ יונגער־מאַן און געזאָגט, אַז ער וויל רעדן מיטן רעדאַקטאָר. אין אַ שמועס מיט די אַנוועזנדיקע צייטונג-מיטאַרבעטער האָט ער אויפגעקלערט ווער ער איז און צוליב וואָס ער איז געקומען: במשך פיל יאָרן איז ער געווען אַ טוער אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי און איז מיט אַ קורצער צייט צוריק פון איר אַוועק. ער האָט אויך אָנגעגעבן די מאָטיוון. נישט קיין פּערזענלעכע, נאָר פּרינציפּיעלע. היות זיי זענען פון אַן אַלגעמיינעם אינטערעס, וויל ער די ענינים באַהאַנדלען אין עטלעכע אַרטיקלען און זיי אָפּדרוקן אין דער בונדישער צייטונג. ער האָט אויך אויסגעדריקט די גרייטקייט וועגן די זעלבע ענינים צו רעדן אויף עפנטלעכע פאַרזאַמלונגען, וואָס דער בונד וועט איינאָרדנען. געווען איז עס יששכר אייכענבוים, וואָס איז געוואָרן באַקאַנט אונטער זיינע פּסעוודאָנימען — י. אַר־טוסקי און חבר אָסקאַר.

פאַרוואָס האָט חבר אָסקאַר, וואָס האָט במשך אַנדערטהאַלבן צענדליק יאָר מיט מסירת־נפש און פּערזענלעכע קרבנות — ער איז עטלעכע מאָל געווען אַרעסטירט און פיר יאָר געזעסן אין פּוילישע תפיסות — געדינט דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, מיט איר פולשטענדיק איבערגעריסן? — ער האָט עס געטאָן מחמת אידעישער ערלעכקייט. דאָס איז געווען אַ וועזנטלעכער שטריך פון זיין כאַראַקטער און מ׳האָט עס געקענט באַמערקן אין פאַר־שידענע סיטואַציעס פון זיין לעבן. אויף דריי פּעריאָדן, וואָס זענען

אין זיין לעבן פאַר אים געווען איבערברוך־מאָמענטן, וועלן מיר דאָ זיך אָפּשטעלן.

* * *

אַ קינד פון קליינבירגערלעכע עלטערן (דער פאָטער איז געווען אַ שניידער־מייסטער), האָט ער אין די ערשטע קינדעריאָרן קיין נויט נישט געליטן און האָט געהאַט אַ מעגלעכקייט זיך צו לערנען אין פאָלקשול — פריער אין אַ העברעאישער און שפּעטער אין אַ רוסישער. נאָר אָט איז געקומען די ערשטע וועלט־מלחמה (1914—1918) און דאָס ראָד פון מזל האָט זיך אינגאַנצן איבער־געדרייט. ער איז געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום און האָט פּשוט נישט געהאַט ווער ס׳זאָל אויף אים השגחה האָבן און אויסהאַלטן.

אַחוץ דער גרויסער צאָל קרבנות, צרות, ליידן און פאַרשידענע פּורעניותן, האָט די ערשטע וועלט־מלחמה אויך גורם געווען ביי יידן אַן עקאָנאָמישן חורבן. אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע, וואָס האָט געדויערט עטלעכע יאָר, האָט די יידישע באַפעלקערונג שטאַרק געליטן פון הונגער. אמת, ס׳זענען נאָך געווען גאַנץ היפּשע שיכטן רייכע און פאַרמעגלעכע יידן, אָבער סיי זיי, סיי די פּאַטענטירטע כלל־טוערס — מיט אָרטאָדאָקסישע, ציוניסטישע און אַסימילאַ־טאָרישע באַפּאַרבונגען — וואָס האָבן אָנגעפירט מיט די קהילות און אַנדערע קהלשע אינסטיטוציעס און חברות, האָבן נישט באַוויזן צו דערהייבן זיך איבער זייערע באַגרענעצטע השגות. קיין גרויסע נאַציאָנאַלע הילף־טעטיקייט איז נישט אָרגאַניזירט געוואָרן. דער הונגער האָט געמאָטערט, גורם געווען קראַנקייטן, עפּידעמיעס און פּריצייטיקן טויט, אָבער דאָס האָט נישט באַוויזן אויפצוטרייסלען די מנהיגים און זיי באַוועגן צו אַ גרויסן פאַרמעסט פון רעטונג.

ס׳איז דעריבער נישט קיין ווונדער, ווי אויסטערליש דאָס זאָל נישט אויסזען, איז די ישועה פאַר דעם הילפלאָזן, פאַרהונגערטן יינגל געקומען נישט פון די „רחמנים־בני־רחמנים", נאָר פון אַ פרעמדער זייט — פון אַ „בארעמהארציקער שוועסטער", פון אַ קריסטלעכער נאָנע. זי האָט אים אַריינגענומען אין אַ קלויסטער, ווו ער האָט פאַרברענגט דריי יאָר צייט. ער האָט דאָרט געהאַט עסן

צו דער זעט, אַ העמד אויפֿן לייב און אַ קישן דעם קאָפּ אַוועק־צולייגן. אָבער ער איז סוף־כּל־סוף פֿון קלויסטער אַנטלאָפֿן, הגם ער האָט נישט געהאַט וווּהין צו לויפֿן. און געטון האָט ער עס, ווייל די „באַרעמהאַרציקע שוועסטער" האָט פֿון אים פֿאַרלאַנגט אַ צו מייערן פּרייז פֿאַרן גוטן לעבן — די נשמה זיינע... און דאָס האָט דאָס 15־יאָריקע יינגל נישט געוואָלט געבן. די אידעישע ער־לעכקייט האָט אים נישט געלאָזט אַוועקגיין פֿון זיין פֿאָלק, וואָס האָט אים, דעם פֿאַריתומטן יינגל, אַזוי שטיפֿמוטעריש באַהאַנדלט.

און ער איז ווידער געוואָרן יתומדיק היימלאָז און ברויטלאָז. געליטן נויט, זיך אַרומגעוואַלגערט, ביז ער האָט באַקומען אַ שטיקל אָנשפּאַר: געוואָרן אַ לערנייִנגל ביי אַ שניידער און געפֿונען אַ גייסטיקע היים אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע צוקונפֿט (1918).

* * *

בלויז אַ קורצע צייט איז ער געבליבן אין דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע. אין יענער צייט (1919) האָט אין דער וואַר־שעווער אָרגאַניזאַציע פֿון דער צוקונפֿט זיך אויסגעבילדעט אַ גרופּע, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון עטלעכע גימנאַזיע־שילער, וועל־כע האָבן געטענהט, אַז אַ יוגנט־אָרגאַניזאַציע דאַרף נישט זיין פּאַרטייאיש, ווייל יוגנטלעכע זענען נאָך נישט אַזוי ווייט פּאָליטיש באַוווסטזיניק, אַז זיי זאָלן זיך קענען אָריענטירן אין די פּראָגראַם־אונטערשיידן צווישן די פּאַרטייען. סוף־כּל־סוף איז די גרופּע אַוועק און זיך דערקלערט ווי אַן אומאָפּהענגיקע יוגנט־אָרגאַניזאַציע. חבר אָסקאַר איז אויך געווען צווישן די אַוועקגעגאַנגענע. ס'האָט לאַנג נישט געדויערט און די „אומאָפּהענגיקע" האָבן ליקווידירט זייער אייגענע אָרגאַניזאַציע און אַריינגעטרעטן אין קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד, וואָס איז געווען אינגאַנצן אָפּהענגיק אי פֿון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, אי פֿון דער מאָסקווער אָנפֿירונג פֿון קאָמוניסטישן יוגנט־אינטערנאַציאָנאַל.

אַדאַנק זיין אידעאַליזם און אינטעליגענץ האָט חבר אָסקאַר גיך זיך אַרויסגערוקט ווי אַ טוער אין קאָמוניסטישן יוגנט־פֿאַרבאַנד

און מיט אַ פּאָר יאָר שפּעטער אויך ווי אַ טוער אין דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי (געווען אַ מיטגליד אין צענטראַל־קאָמיטעט פון קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד אין פּוילן, סעקרעטאַר פון יידישן ביוראָ ביים דאַזיקן צ״ק, אַ מיטגליד פון צענטראַלן יידישן ביוראָ אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי).

פאַרוואָס האָט חבר אָסקאַר איבערגעריסן מיט דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי און איז געקומען צום „בונד״? פאַרוואָס האָט ער פאַרלאָזט אַ באַוועגונג, וואָס האָט געוואָלט אײַנרעדן דעם אַרבעטער־קלאַס, אַז זי איז די אמתע טרעגערין פון די סאָציאַליסטישע אידעען און אַז נאָר זי קען רעאַליזירן דעם סאָציאַליזם? פאַרוואָס איז ער אַריבער צום „בונד״, אַ פּאַרטיי פון יידישע אַרבעטער, וואָס די קאָמוניסטן האָבן באַשמוצט און באַקעמפט מיט די ערגסטע כוליגאַנישע מיטלען? פאַרוואָס איז ער אַוועק פון אַ לאַגער, וואָס איז געווען אַ גרויסע מאַכט, באַהערשט אַ „זעקסט חלק פון ערד־קיילעך״, געפירט נאָך זיך פּאַרטייען אין צענדליקער לענדער, און זיך באַהאָפטן מיט אַ יידישער אַרבעטער־פּאַרטיי, וואָס איז אין אַ גרויסער מאָס געשטאַנען אַליין סיי אין דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג, סיי אין יידישן לעבן? — דער ענטפער איז דער זעלבער: ווי ביי זיין אַנטלויפן פון קלויסטער, אַזוי אויך ביים אַוועקגיין פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, וועלכער ער האָט אַוועקגעגעבן בערך 15 יאָר פון זיין לעבן, האָט דעצידירט די אידעיִשע ערלעכקייט.

צי זענען צווישן די קאָמוניסטן נישט געווען און נישט גע־בליבן אַנדערע אידעיִש־ערלעכע מענטשן? — געוויס, געווען און געבליבן. די מערהייט איז געבליבן.

די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אין פּוילן געווען אומלעגאַל און אירע מיטגלידער האָבן געדאַרפט זיין גרייט אויף קרבנות, און פיל האָבן טאַקע געצאָלט מיט זייער פרייהייט. טאָפּלט געצאָלט: מיט דער פיזישער פרייהייט (טורמע) אין פּוילן און מיט דער גייסטיקער פרייהייט — אין רוסלאַנד. ווי פיל אַנדערע קאָמוניסטישע פּאַרטייען, איז אויך די פּוילישע געווען מאַטעריעל און פּאָליטיש אָפּהענגיק פון מאָסקווע. ווי דער אַלטער צאַרישער רעזשים האָט פריער מיט

אַ שטאַרקער האַנט געוועלטיקט אין פּוילן, אַזוי האָבן שפּעטער אויך די נייע קאָמוניסטישע הערשער פון רוסלאַנד געוועלטיקט אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. מ׳האָט געמוזט גיין „אויף דער ליניע״. יעדער אָפּנייג איז געווען אַ שרעקלעכער חטא. אָפּנייגער האָט מען באַזייטיקט פון די אָנפירונגען און אַנדערע טעטיקייטן. אַ טייל אויסגעשלאָסן, אַנדערע האָט מען געהאַלטן אין „שפּייכלער״, שפּעטער אין טורמע און אין לאַגערן און לסוף אויך דערשאָסן (אין רוסלאַנד, פאַרשטייט זיך).

ביי אַזאַ מצב האָבן טוער און מיטגלידער אונטערגעדריקט זייערע ספקות. אַנדערע האָבן זיך איינגעשטעלט צו זאָגן אָמן אויף אַלץ, וואָס קומט פון מאָסקווע. אַפילו נאָכן אומברענגען מיליאָנען מענטשן, צווישן זיי פיל קאָמוניסטן, און אַפילו נאָכן שליסן דעם סטאַלין־היטלער פּאַקט, האָט מען פון יידישע קאָמוניסטן געקענט הערן, אַז דער זשענאָסידער סטאַלין איז אַ „זשעני״. פאַר בלייבן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג האָבן זיי געצאָלט מיטן פּרייז פון אָוועקלייגן זייער נשמה אין סטאַלינס קאַסע הינטער די מויערן פון מאָסקווער קרעמל.

ווי פריער פון קריסטלעכן, איז שפּעטער חבר אָסקאַר אויך פון גרויזאַמען קרעמל־קלויסטער אַנטלאָפן.

היטלער איז שוין געווען ביי דער מאַכט אין דייטשלאַנד. דער אָנהייב פון די צוגרייטונגען צו דער צווייטער וועלט־מלחמה איז שוין געווען אין גאַנג. דער אַריינפיר צום גרויסן יידישן חורבן און אומקום האָט שוין אַלאַרמירט. דער נאַצי־פאַשיסטישער סם האָט זיך שוין פאַרשפּרייט אין אַלע זייטן. אָבער סטאַלין און זיינע אַדיוטאַנטן האָבן נאָך אַלץ געשיקט דירעקטיוון און באַפעלן צום „רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד״, צו שפּאַלטן די אַרבעטער־באַוועגונג, צו באַשמוצן און באַקעמפן די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און ווייטער זייען האַס צו זיי. צי זענען די חכמים פון קרעמל געווען אַזוי ווייט־זעעוודיק, אַז זיי וועלן אפשר שפּעטער קענען מאַכן אַ משא־ומתן מיט היטלערן און איינטיילן זיך בשותפות מיט דער וועלט־הערשאַפט ?

אַזוי אָדער אַנדערש, חבר אָסקאַר האָט, ווי אַ צאָל אַנדערע,

ווייטער אין דעם קאָמוניסטישן לאַגער נישט געקענט בלייבן. יאָ, ער האָט שפּעטער נאָך אַ מאָל זיך געטראָפן מיט זיינע נעכטיקע חברים, ווען יענע זענען שוין געווען געזונקען ביזן נידעריקסטן גראַד. דאָס איז געווען אין דער ערשטער צייט פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען ער איז ווי אַ פּליט געוואָרן אַרעסטירט אין דער סאָוועטישער אָקופּאַציע־זאָנע און איז געזעסן דריטהאַלבן יאָר אין סאָוועטישע טורמעס און לאַגערן. בעת זיין אַרעסט האָבן זיינע פריערדיקע חברים, וואָס האָבן זיך דעגראַדירט צו זיין געהאָרכזאַמע קנעכט פון סטאַליניזם, נישט בלויז באַרעכטיקט דעם סטאַלין־היטלער פאַקט, נאָר אויך זיך פאַרוואַנדלט אין אינפאָרמאַטאָרן (אין פּשוטע יידישע מוסרים) פאַר דער נ.ק.וו.ד., אָדער ווי איינער פון זייערע פירער האָט עס געזאָגט בלשון נקיה: די מיטגלידער פון דער פּוילישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי זענען געווען דרייסט אין זייער דענקען און איינפאַלן, ווינציק פאַראינטערעסירט אין די מאַטעריעלע רעזולטאַטן פון זייער אַרבעט. די נ.ק.וו.ד. האָבן זיי באַטראַכט ווי דעם זיכערהייט־אָרגאַן צום קאַמף מיט די שונאים פון דער מאַכט און אָרדנונג (מיכל מירסקי: מאָרגן־פרייהייט, 7 יולי 1971, ניו־יאָרק).

ווי אַ מאַכט, וואָס איז געקומען פון דער פרעמד, האָט די נ.ק.וו.ד. נישט געוווּסט „ווער איז ווער" אין דער יידישער באַפעלקערונג פון די אָקופּירטע לענדער. זי האָט געדאַרפט האָבן אינפאָרמאַציעס און אָנווייזונגען מצד אַרטיקע. די טרויעריקע ראָל האָבן אויסגעפירט די יידישע קאָמוניסטן לשמה, הייסט עס, האָבן זיי, „דרייסט און איינפאַלעריש" אין די שטעט און שטעטלעך פון דער סאָוועטישער אָקופּאַציע, אומגליקלעך געמאַכט צענדליקער טויזנטער יידישע משפּחות. צו אַזאַ מאָראַלישער דעגענעראַציע און פּוילעניש זענען זיי דערגאַנגען. חבר אָסקאַר האָט געזען ווּהין די אַנטוויקלונג פירט און איז פון זיי אַוועק. פון יאָר 1935 אָן איז ער שוין געווען אַקטיוו אין „בונד".

* * *

אין 1950 האָט דער וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון „בונד" דעלעגירט דעם חבר אַרטוסקי (אונטער דעם פּסעוודאָנים איז ער

געווען באַקאַנט אין דער בונדישער באַוועגונג) אָנצופירן מיט דער בונדישער טעטיקייט אין מדינת־ישראל. נאָך עטלעכע יאָר לעבן און ווירקן אין פראַנקרייך, איז ער געוואָרן אַ תושב אין מדינת־ישראל. אויך דאָ האָט אים זיין אידעישע ערלעכקייט פאַרהיט פון נסיון מיטצושווימען מיטן שטראָם.

ווי גוט מענטשן פילן זיך אין „נאַציאָנאַלער אחדות"... בפרט אירע וואָרטזאָגער און געניסער. אַפילו דאָס „פאָלק" פילט זיך הימלעכער. מ'וויל נישט זיין פון דרויסן, מחוץ למחנה אַפילו אין דער מילדעסטער פאָרעם. עס פאָדערט זיך דער מוט פון ערלעכער איבערצייגונג צו זאָגן אַן אייגן, אַן אַנדער וואָרט. חבר אַרטוסקי האָט דעם מוט געהאַט.

שטייענדיק אויפן באָדן פון דער מלוכה, אָנערקענענדיק אירע לעגיטימע רעכט און באַדערפעניש, האָט ער אָבער נישט פאַרמאַכט די אויגן אויף די עוולות מצד די מאָסגעבנדיקע און רעגירנדיקע שיכטן אי לגבי די ברייטע שיכטן פון דער אָרעמער באַפעלקערונג, אי לגבי די נאַציאָנאַלע ווערטן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט במשך פון פיל דורות געשאַפן בכל תפוצות ישראל. ער האָט אויך נישט געקענט שלום מאַכן מיטן געדאַנק, אַז צוליב אָפּאָרטוניסטישע טעמים זאָלן וועלטלעכע יידן איבערגעבן דאָס אינטימע פּריוואַטע לעבן פון יעדן יידישן יחיד אונטער דער השגחה פון רעליגיעזן קלער. ער איז נישט געווען פון די, וואָס זענען ליבעראַל און אַפילו רעוואָלוציאָנער כלפי חוץ, כלפי דער נישט־יידישער וועלט, און רעאַקציאָנערע לעמעשקעס ביי יידן גופא. ער האָט אויך געהאַט דעם מוט צו קריטיקירן פאַלשע איינשטעלונגען פון די ישראל־מנהיגים אין קאָנפליקט מיט די אַראַבישע שכנים.

* * *

36 יאָר פון זיינע 68 יאָרן לעבן איז חבר אַרטוסקיס גייסטיק־אידעישע און פּאָליטישע היים געווען דער „בונד". ווי אַ בונדיסט, האָט סאָציאַליזם פאַר אים געמיינט נישט בלויז נאַציאָנאַליזירטע פּראָדוקציע־מיטלען און פּאָליטישע ממשלה, נאָר אויך גייסטיקע פרייהייט, פולע ציווילע רעכט, אָפּשאַפונג פון אונטערדריקונג. ער

האָט געוווּסט, אַז פאַרבייטן די קאַפּיטאַליסטישע הערשאַפט־סיסטע־מען מיט די קאָמוניסטישע רעזשימען פון אַ דיקטאַטאָרישער ביוראָקראַטיע מיינט נישט די באַפרייונג פון אַרבעטנדיקן פאָלק. און ווי אַ וועלטלעכער ייִד, האָט ער געוווּסט זיין חוב אי צום ייִדישן פאָלק, אי צו די אַנדערע פעלקער. ער האָט אָפּגעוואָרפן דעם אויפגעבלאָזענעם, שרייענדיקן נאַציאָנאַליזם לטובת אַ פרידלעכן צוזאַמענלעבן פון פעלקער.

במשך 5 יאָר פלעג איך זיך טרעפן מיט אים יעדן פרייטיק אויף די זיצונגען פון שטאָטישן קאָמיטעט פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין וואַרשע. אין זיינע רייד האָט איר געפילט אַן אחריות. אַזוי אויך אין דער פּראַקטישער אָרגאַניזאַציאָנעלער אַרבעט, אין זיינע רעפעראַטן און געדרוקטע אַרטיקלען. אַ טראַכנדיקער און אַקטיווער מענטש, אַן אידעישער און ערלעכער מענטש.

פראָפ. א. לערמער

צו דער סאָציאָלאָגיע פון מאָדערנע אידעאָלאָגיעס *

טראַכטנדיק וועגן אַ פּאַסיקער טעמע האָבן מיינע רעיונות אָן לאַנגן ברייען, מיך גאָר שנעל דערפירט צו דעם פּראָבלעם פון דער ראָל פון אידעאָלאָגיעס אין מאָדערנעם לעבן בכלל און אין יידישן בפרט. דער זין פון דער דאָזיקער פסיכישער אַסאָציאַציע מיינער איז אַ קלאָרער. אַסקאָר איז געווען אַן אידעאָלאָג פאַר עקסעלאַנס, אַ מענטש וואָס האָט געלעבט מיט זיינע אידעען און זיי אָפּגעהיטן ווי זיין ריכטשנור, זיין קאָמפּאַס און אנקער, צו וועלכן ער האָט דרייסט געקענט צופּעסטיקן זעגלען אַפילו אין די צעשטורעמטע צייטן פון צווישן צוויי וועלט־מלחמות, בעת דעם גרויסן חורבן און אין דער נאָך מלחמה־תקופה.

נישט איין מענטש איז געשטרויכלט געוואָרן אין אָנבליק פון די וועלט־צעטרייסלנדיקע קאטאקליזמען, וועלכע האָבן ממש אונטערגעשווענקט אָן אַ שיעור באַגריפן און אַקסיאָמען, אויף וועלכע מענטשן ווי אַסקאָר, דערצויגענע אויף קלאָר קריסטאַליזירטע, דעטערמינאַנטן פון היסטאָרישע פּראָצעסן, האָבן געבויט זייער וועלט־אַנשויאונג.

די געפאַר פון ניהיליזם, דעקאַדענץ און אַבסאָלוטע אַנטוישונג וואָס דערפירט צו פולער גייסטיקער ירידה איז נאַטירלעך ביז גאָר גרויס אין אַזעלכע פאַלן. פון דער אַנדערער זייט איז אויך די סכנה פון קלאַמערן זיך מיט פּאַסיע און בלינדער טריישאַפט צו פרימערע הנחות גאָר אַ גרויסע.

---

* שטודיע געווידמעט צום אָנדענק פון חבר י. אַרטוסקי

ביידע פאַלן פירן אין שלעכטע וועגן, ווארעם דאָס אַנטלויפן פון דער רעאַליטעט און פון דער גרייטקייט צו זוכן לייזונגען, צו האַרמאָניזירן פונדאַמענטאַלע עיקרים מיט אַ דינאַמישער באַנעמונג פון האַסטיקע ענדערונגען פון דער קאָמפּליצירטער רעאַלער וועלט, מוז סוף כל סוף דערפירן צו קאַטאַסטראָפאַלע קאָנסעקווענצן.

בלויז יחידי סגולה האָבן געקאָנט אַזוי אַנטשלאָסן, ווי אָסקאַר, מנצח זיין די דעסטרוקטיווע כוחות, וואָס האָבן כסדר געלויערט איבער דעם אידעאַליסטישן, דענקענדיקן אינטעלעקטועל שעפערישן מענטשן אין „צייטן נידערטרעכטיקע" ווי זשאָרזש דיהאַמעל האָט בשעתו באַצייכנט די עפּאָכע בעת וועלכער אָסקאַר איז געוואַקסן און געווירקט.

די גייסטיקע קראַפט אָפּצווענדן די בייזע ווינטן פון אַזאַ שוידערלעכער צייט און בלייבן אַזוי גאַנץ מיט זיך ווי אָסקאַר איז ממש צו באַוווּנדערן און איז כדאי צו ווידמען אונדזער אויפמערזאַמקייט ווי אַן אויסגאַנגס־פּונקט צו דער באַהאַנדלונג פון דער טעמע „סאָציאָלאָגיע פון אידעאָלאָגיעס".

* * *

הלמאי גראָד איצט אַנאַליזירן די „סאָציאָלאָגיע פון אידעאָלאָגיעס"? דאָס פּראָבלעם איז דאָך גאָר אַלט און איז נישט איינמאָל געפּאָרשט געוואָרן. דאָך דאַרף מען זיך צו אים אומקערן, פּשוט דערפאַר ווייל פיל באַטראַכטן די ראָל פון אידעאָלאָגיעס פאַר אַן אויסגעשפּילטע. אַ באַקאַנטער אַמעריקאַנער פּאָליטישער סאָציאָלאָג פּראָפ. דאַניעל בעל האָט מיט אַ צייט צוריק פאַרעפנטלעכט אַ בוך „דער אונטערגאַנג פון אידעאָלאָגיעס". דער מחבר פירט אויס, אַז די הויך־אינדוסטריעלע קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט, וואָס פאַרט זיך מיט אַן אַנטוויקלטן דעמאָקראַטישן פּאָליטישן סיסטעם, שוואַכט שטאַרק אָפּ די שאַרפן פון אידעאָלאָגישע הפוכים. פּראַגמאַטיזם פאַרנעמט איצט דאָס אָרט פון אידעאַליזם, במילא מוזן אידעאָלאָגיעס כסדר פאַרלירן זייער ראָל און השפּעה.

פון איין זייט, איז די דאָזיקע ירידה פון אידעאָלאָגיעס לויט בעלן אַ רעזולטאַט פון אויפשטייג פון ראַציאָנאַליזם און פון באַרג

אַראָפּ פון רעליגיעס און זייער אָקצענטירן פון אַבסאָלוטן. פון דער אַנדערער זייט הויבט דער דערפאָלגרייכער, הויך־אַנטוויקלטער קאַפּיטאַליזם אויף דעם וווילטאָג־ניוואָ פון דער באַפעלקערונג. הכנסה־קאָנטראַסטן קענען אַפילו וואַקסן, אָבער דער מינימום־ניוואָ הויבט זיך באַדייטנדיק אויף און די אָרעמקייט מוז סוף כל סוף אויסגעראָטן ווערן. דאָס פּאָליטישע לעבן שטאַרקט נאָך אָט די דאָזיקע טענדענץ, וואָרעם דעמאָקראַטיע קען נאָר געדייען אין אַזאַ סיסטעם, וואָס שליסט אויס טעראָר־אַקטן און וועקט רעספּעקט פאַרן געזעץ. פּאָליטישע פּאַרטייען מוזן זיך אונטערשיידן נאַטירלעך צווישן זיך, אָבער בתנאי, אַז זייערע אונטערשיידן בלייבן רעלאַטיוו באַגרענעצטע. וואָרעם, אַ צו האַסטיקע ראַדיקאַלע ענדערונג פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן סיסטעם מוז אומפאַרמיידלעך, טענהט בעל, פירן צום פולשטענדיקן צוזאַמענברוך פון דעמאָקראַטישן פּראָצעס. מיט איין וואָרט, נישט קוקנדיק אויף זייערע רעאַלע, און אַפילו אָפט דראַסטישע מיינונגס־פאַרשידנהייטן (באַזונדערס בעת וואַל־קאַמפּן), מוזן פּאַרטייען וואָס שטרעבן צו דער מאַכט זיין אויך גרייט די מאַכט אָפּצוגעבן אין פאַל פון אַ צוקונפטיקער וואַל־מפּלה. נאָר דורך איינהאַלטן גאָר אַ וועזנטלעכע פאָרם פון סאָציאַל־פּאָליטישער ענלעכקייט צווישן זייערע מינימום־פּראָגראַמען, קענען זיי הויבן און פונקציאָנירן אין די ראַמען פון דעמאָקראַטישן סיסטעם.

נישט קיין וווּנדער, דעריבער וואָס צענטערפּאַרטייען האָבן געוויינלעך אַ בעסערן שאַנס צו רעגירן לענגער און אָפטער ווי מער עקסטרעמע ריכטונגען. אָט פּאַרוואָס ניואַנסן גיכער ווי קאָנטראַסטן זענען כאַראַקטעריסטיש פאַר אַזאַ סיסטעם. דער צפון אַמעריקאַנער קלאַסישער קאַפּיטאַליזם איז בלי ספק געווען דער סאַמע דערפאָלגרייכסטער, וואָרעם, הגם די רעוואָלוציע פון 1776 איז קודם כל געווען באַזירט אויף דזשאָן לאָקס פּרינציפּן פון אינ־דיווידואַליזם, קאָנקורענץ און גלייכע מעגלעכקייטן פון צוטריט צום מאַרק זענען אָבער אַמעריקאַנער אַרבעטער קיינמאָל נישט באַצאָלט געוואָרן אין פּראָפּאָרץ צו די ריזיקע ריווחים פון גרויס־קאַפּיטאַל, זייערע לוינען פלעגן דאָך בדרך כלל זיין פיל העכערע, ווי אין אַלטע מערב אייראָפּעישע מלוכות. די ברירה צו ווערן פאַרמערס

און אויך דער אַפּטער מאַנגל אין אַרבעטס־הענט אַמאָל, האָבן גע־שטעלט דעם אַמעריקאַנער אַרבעטער אין אַ פּיל גינסטיקערער לאַגע. נישט קיין ווּנדער וואָס די אָרגאַניזירטע אַרבעטערשאַפט האָט בשעתו אַפּילו אָפּגעוואָרפן סאָציאַלע הילפס־געזעצגעבונג, אַ פּשיטא, שוין אַ ראַדיקאַלע ענדערונג פון סאָציאַל־עקאָנאָמישן סיסטעם. ס'איז זיכער נישט קיין צופאַל וואָס אין די פאַראייניקטע שטאַטן ווי באַזונדערס גינסטיקע באַדינגונגען פאַר מאַסן־פּראָדוקציע האָבן באַוויזן אַמאָל צו שאַפן אַזאַ פּאַראַדאָקסאַלע סיטואַציע ווי די נידעריקסטע פּרייזן פון אינדוסטריעלע פּראָדוקטן צוזאַמען מיט די העכסטע לוינען אין דער גאַנצער אינדוסטריעלער וועלט.

אין די פאַראייניקטע שטאַטן איז דעריבער פּראַגמאַטיזם, אַנט־וויקלט דער עיקר דורך די פילאָזאָפן דזשאָן דואי און וויליאַם דזשיימס, געוואָרן די צענטראַלע אידעאָלאָגיע, ד. ה. אַז אייגנטלעך איז קאָנטער־אידעאָלאָגיע געוואָרן די באַזע פון דער אַמעריקאַנער אינטעלעקטועלער מענטאַליטעט. פּאָליטישע פּאַרטייען, דער דער־ציונגס־סיסטעם, די ליטעראַטור (ביז אַ געוויסער צייט) די קונסט, די זשורנאַליסטיק, די דראַמע, אַלץ האָט גראַוויטירט צו דעם גאַנץ עלאַסטישן און פונקציאָנעלן פּראַגמאַטישן באַנעמען פון דער מענטשלעכער געזעלשאַפט און אַפּילו בנוגע דעם שייכות צווישן מענטש און דעם אוניווערס. פּראַקטישקייט איבער אַלעם האָט דאָ געהאַלטן פון קדמונים. אויך די עקסטרעמע און פּראָגרעסיווע פאַר־טיילונג פון מלוכה און רעליגיע האָט בלי ספק געהאָלפן צום פאַר־פעסטיקן די ווירקונג פון פּראַגמאַטיזם.

די ערשטע און צווייטע וועלט מלחמות האָבן זיך פאַרענדיקט מיט אַ מין „פּאַקס־אַמעריקאַנאַ", וואָס האָט נאַטירלעך נאָך שטאַר־קער געמאַכט די השפּעה פון דער אַנטי אידעאָלאָגישער איינשטעלונג פון דער אַמעריקאַנער עפנטלעכקייט. אמת, דער קראַך פון 1929 האָט אַ טרייסל געטאָן דעם מעכטיקן כוח פון פּראַגמאַטיזם, אָבער מיטן ריזיקן מיליטערישן און עקאָנאָמישן אויפשוווּנג פון אַמעריקע בעת און נאָך דער צווייטער וועלט מלחמה האָט דער פּראַגמאַטיזם צוריקגעוווּנען זיין ריזיקע השפּעה.

די 60־קער יאָרן האָבן אָבער צעשטערט דעם דאָזיקן גלייכ־

געוויכט צווישן דאָגמע און ווירקלעכקייט. נישט מער ווי אַ צענדליק יאָר נאָכן דערשיינען פון דניאל בעלס איבנדערמאָנטן כלומרשט דעפיניטיוון ווערק וועגן סוף פון אידעאָלאָגיעס, איז געקומען אַ מעכטיקער סאָציאַלער און גייסטיקער שטורם אין צפון־אַמעריקע, וואָס האָט אַזוי בולט אַנטפּלעקט די טיפע קאַטאַסטראָפאַלע ווידער־שפּרוכן אין דעם רייכסטן פון אַלע קאַפּיטאַליסטישע לענדער.

אָרעמקייט אין דער סאַמע העסלעכסטער פאָרם פון האָפענונגס־לאָזיקייט פון מיליאָנען פאַרגעסענע און עלנטע מענטשן, האָט פּלוצעם אַ שאָקל געטאָן מיט דעם זעלבסט־צופרידענעם פּראַגמאַטיזם.

שטייגנדיקע שאַרפע ראַסן־קאַמפן, די האַסטיקע ירידה פון די גרויסע שטעט, די פאַרפעסטונג פון דעם אַרום, די שטייגנדיקע פאַרברעכערישקייט און דער צוזאַמענברוך פון עלעמענטאַרער מאָראַל און עטיק, די עלנטקייט פון דעם יחיד אין דער אַלץ מער און מער אַנאָנימער מאַסן־געזעלשאַפט, האָבן באַשײַנפּערלעך אַנטבלויזט דעם צער פון אַ געזעלשאַפט וואָס האָט זיך געלאָזט איינוויגן פון דער אוטאָפּיע פון פּראַגמאַטיזם. אין אַ וועלט פון ריזיקע קאָנפליקטן, וועלכע אַפילו דער דערפאָלגרייכסטער קאַפּיטאַליזם האָט נישט באַוויזן צו פאַרמינערן, נאָר פאַרקערט זיי נאָך מער פאַרטיפט. דע־ריבער איז נאַטירלעך די קאָנצעפּציע פון אונטערגאַנג פון אידעאָ־לאָגיעס.

די איצטיקע גאַלאָפּ־אינפלאַציע, די ירידה פון אינטערנאַציאָ־נאַלן מאָנעטאַרן סיסטעם, דאָס אפּשוואַכן פון וועלט־האַנדל און א.וו. די וואַקסנדיקע מיליטערישע קראַפט פון טאָטאַליטאַרן קאָמוניזם, די פאַרצווייפלטע לאַגע וואָס הערשט אין די ריזיקע אורבאַנע צענטערן פון צפון־אַמעריקע, דער קריזיס אין מערב אייראָפּע, דאָס אַלץ דראַמאַטיזירט נאָך מער דעם באַנקראָט פון פּראַגמאַטיזם.

נאָר דרייסטע, קלאָרע און קאָנסעקווענטע אידייען, געשטיצט אויף מעכטיקע סאָציאַלע כוחות קענען מאָביליזירן די געזעלשאַפט צו דער גרויסער אידייאישער פאַרמעסטונג גראַד און ספּעציעל אין גרעסטן צענטער פון הויך־אַנטוויקלטן קאַפּיטאַליזם, די פאַראייניקטע שטאַטן.

דער באַרימטער מאַרקסיסטישער מאָטאָ, צום „קאָמוניסטישן מאַניפעסט", לויט וועלכן ס'איז נישט גענוג פאַר פילאָזאָפן צו פאַר־שטיין די וועלט, נייערט דאָס ענדערן איר, מוז ווערן זייער שלאַג־אויפגאַבע, איז היינט נישט ווייניקער וויכטיק ווי בעת דער „קאָ־מוניסטישער מאַניפעסט" איז געשריבן געוואָרן. מען מוז נישט דווקא מסכים זיין מיט אַלע הנחות און אויספירן פון דעם דאָזיקן מאַניפעסט, כדי צו דערשאַצן דעם מהות פון דעם דערמאָנטן מאָטאָ.

צי מיינט דאָס דעריבער, אַז דאָס געפינען עפעקטיווע לייזונגען צו שאַרפע סאָציאַלע קאָנפליקטן אין די ראַמען פון דעמאָקראַטישן פּראָצעס זענען מער נישט מעגלעך אָנצווווענדן? אַזאַ אויספיר איז אַבסאָלוט פאַלש. קיין בעסערער וועג צו ענדערן דעסטרוקטיווע טענדענצן אין מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם ווי דורך פאַרבעסערן דעם דעמאָקראַטישן סיסטעם זענען לחלוטין נישט בנמצא. כדי אָבער מעגלעך צו מאַכן אַ פּאָזיטיוון און קאָנסטרוקטיוון פּראָצעס פון ראַדיקאַלע ענדערונגען, אַן צעשטערן די דערגרייכונגען פון דע־מאָקראַטיע, איז נויטיק מער און נישט ווייניקער אידעאָלאָגישע דיפערענציאַציע. וויבאַלד די סופּרעמאַציע פון געזעץ וועט נאָר געדייען איז קאָנסעקווענטער אידעאַליזם באַזירט אויף געזונטע אידעאָלאָגישע פּרינציפּן נישט קיין אָפּהאַלט נאָר פונקט פאַרקערט, אַ בפירושע הויבקראַפט אויסצומיידן קאַטאַקליזמען, וואָס זענען עלול צו צעשמעטערן די גאַנצע מאָדערנע ציוויליזאַציע.

* * *

חבר אָסקאַר איז במשך פון זיין גאַנץ לעבן באַוווסטזיניק ממש געשטאַנען אויף דער וואַך און טריי אָפּגעהיטן די דאָזיקע קאַרדינאַלע אמתן. מען האָט נישט געמוזט מסכים זיין מיט אַלע זיינע אינטער־פּרעטאַציעס, וואָס זענען אַרויסגעדרונגען פון אָט דער גרונט־הנחה, כדי אין דער פולער מאָס אָפּצושאַצן אָסקאַרס טיפן צוגאַנג צו היסטאָרישע פּראָצעסן בכלל און ביי יידן בפרט.

דער אַלטער כלל, אַז „אַזוי ווי ס'קריסטלט זיך אַזוי יידלט זיך" איז בלי ספק אויך חל אויף דער אַלגעמיינער באַציונג פון יידן צו אידעאָלאָגיעס און אידעאַליזם. דאָס מיינט נישט אַז אידענטישע

רעאַקציעס באַווייזן זיך אין דער זעלביקער צייט. יידן האָבן בלי ספק זיך תמיד אויסגעצייכנט מיט אַ סך אַ גרעסערער פילבאַרקייט צו אידעישע פּרינציפּן ווי ס׳רוב נישט־יידן. שוין דורך זייער עקשנותדיקן ווידערשטאַנד קעגן רעליגיעזער גלייכשאַלטונג דורכן קריסטנטום, במשך פון קנאַפּע צוויי טויזנט יאָר, האָבן זיי דע־מאָנסטרירט אַ באַזונדערן און אייגנאַרטיקן אויסדויער צו לעבן לויט זייער איבערצייגונג און גלויבן.

זינט דער השכלה און עמאַנציפּאַציע שטייט אָבער אָט דער היסטאָרישער גאַנג פון יידישן פאָלק פאַר גאָר גרויסע נסיונות, וואָרעם סיי שפּראַכלעכע, און רעליגיעזע אַסימילאַציע האָבן בפירוש געריסן מיט דער־אָ גרויסער אידעאָלאָגישער טראַדיציע פון יידן און אָפט געשטעלט אונטער אַ פראַגע־צייכן די עצם קאָנטינואיטעט פון דער טיפער אידענטיפיקאַציע פון איבערצייגונגען און תכלית.

דער מזרח אייראָפּעישער יידישער סאָציאַליזם און באַזונדערס דער „בונדיזם" האָט מיט זיין האַרמאָנישער גאַנצקייט פון אידייע, פאָלק, קולטור און לעבנספאָרמען ממשיך געווען די גרויסע גייס־טיקע ירושה פון יידישן פאָלק צו באַטראַכטן העכערע ווערטן ווי פונדאַמענטאַלע אַקסיאָמען, ווי אַן אויסגאַנגס־פּונקט צו היינטצייטי־קער רעאַליטעט.

י. י. טרונק האָט אָט די אייגנאַרטיקע ראָל פון „בונדיזם" אויס־געצייכנט פאַרשטאַנען און אינטערפּרעטירט דורך אָנקניפּן דעם מאָדערנעם סאָציאַליזם צו די הויך־עטישע ווערטן פון אונדזערע נביאים. אין בונדיזם האָט ער געזען די מעגלעכקייט צו געבן אַנטיקע אידעען היינטצייטיקע פאָרמען.

די טראַגישע ווירקלעכקייט פון דער לעצטער תקופה בימי פאַשיזם, נאַציזם, סטאַליניזם, א. א. וו. האָט צום באַדויערן אַ טרייסל געטאָן מיט אָט דער לויטערער אידעישער טראַדיציע פון יידישן פאָלק.

די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל וואָס וועט נישט נאָר פאַרלאַנגען ריזיקע פיזישע קרבנות פון אונדזער פאָלק, נאָר אָפּטמאָל ליידער אפילו אויך אָפּגעשוואַכטע פילבאַרקייט צו די אייביקע פונדאַמענטאַלע עטישע און אוניווערסאַלע פּרינציפּן, לויט וועלכע

אונדזער מענטאַליטעט און וועלט־אַנשויונג איז פון קדמונים גע־פורעמט געוואָרן. די דאָזיקע נייע רעאַליטעט, הגם אַזוי נאַטירלעך און פאַרשטענדלעך, טאָר אָבער בשום אופן נישט אקצעפּטירט ווערן ווי אַ טוגנט.

ס'איז קלאָר אַז ס'איז נישטאָ קיין וועג צוריק פון אַ טייל־ווייזער פאַרווירקלעכונג פון „ציוניזם". די עקזיסטענץ פון ישראל מוז זיין אן אַבסאָלוטער כלל פאַר יעדער פּאָזיטיוו נאַציאָנאַלער אידעאָלאָגיע, וואָס אקצעפּטירט פאָלקס־געמיינשאַפט ווי אַ טייל פון איר אַלגעמיינער וועלט־אַנשויאונג. דאָס מיינט אָבער נישט אַז דאָס אַנטלויפן פון אונדזער היסטאָרישן גאַנג איז באַרעכטיקט. פאַרקערט דער דראַנג צו מאַקסימאַלן אוניווערסאַליזם וואָס איז כולל נאַ־ציאָנאַלע קולטור־פאָרמען מוז בלייבן אונדזער אידעישע טרייב־קראַפט פון אונדזער היינט פונקט ווי אַמאָל.

גראַד, האָט די נאָך־חורבן־אפּשוואַכונג פון דער יידישער סענ־סיטיווקייט צו אידעישער גאַנצקייט זיך צונויפגעטראָפן מיט דער אַלגעמיינער ירידה פון אידעען ביי די אומות העולם.

די אויסווירקונג פון מאָדערנעם קאַפּיטאַליזם און זיין שקיעה־פּעריאָד אויף יידיש לעבן איז נאַטירלעך נאָך אַ גרעסערער צוליב דעם טראַגישן גורל פון אונדזער פאָלק. אויבערפלעכלעכער תכלית, היפּער פּראַקטישקייט, שנעלע וואָס איינפאַכערע כלומרשטע לייזונגען, די טענדענצן זיך צוצופּאַסן צו זיין מאַיעסטעט, דער רעאַליטעט האָבן ליידער שטאַרק אויסגעהוילט דעם גייסטיקן מהות פון מאָדערנעם יידישן לעבן.

נישט קיין וווּנדער וואָס די יידישע יוגנט האָט געשפּילט אַזאַ גרויסע ראָל אין דער ניהיליסטישער „אַנטי קולטור" וואָס האָט פאַרכאַפּט קודם כל צפון אמעריקע אין די זעכציקער יאָרן. אַפילו די ניי־לינקע זענען דאָך אין תוך געוווּמען אַ טייל פון אָט דעם שטראָם. דאָס וואָס זייער אַנטלויפן פון יידישן פאָלק, בעת דער געפאַר פון זיין עקזיסטענץ אין ישראל און אין די תפוצות איז אזא גרויסע, איז בלי ספק אויך אַ רעזולטאַט פון דעם אַנטי־אידעאָלאָגישן ווענדפּונקט אין דעם נאָך־חורבן־פּעריאָד.

פון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט, איז די היסטאָרישע באַדייטונג

פון לעבן, שאַפן און טעטיקייט פון אַזעלכע זעלטענע געשטאַלטן ווי אָסקאַר פון אַן אויסערגעוויינלעכער וויכטיקייט.

ער האָט געקלאַפּט טרעוואָגע קעגן דער אידעאָלאָגישער פאַר־וואַסערונג פון יידישן פאָלקס־לעבן.

דער בעסטער אופן צו ערן דעם אָנדענק פון חבר אָסקאַר, איז צו אַנאַליזירן זיין ראָל, אין דער פּערספּעקטיוו פון צייט און רוים, וואָס גרייכט ווייט אריבער די ראַמען פון דער דירעקטערווירקלעכ־קייט אין וועלכער ס׳איז אים אויסגעקומען צו מונטערן, אָפּטמאָל להכעיס די שטימונגען פון אַ סך פון זיין אייגענער סביבה, צו בלייבן טריי די קאַרדינאַלע ווערטן פון אונדזער שווער געפּרוווטן פאָלק. אַן זיי פאַרלירט דער קאַמף פאַר קרעאַטיווער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ אַ מלוכהשער אָדער נישט מלוכהשער יעטוועדער זינען.

די גייסטיקע צוואה פון אָסקאַרן וועט צוזאַמען מיט דער גרוי־סער ירושה פון דער וווּנדערלעכער פלעיאַדע פון ענלעכע טרעגער פון אידעאַליזם, מיט וועלכער דער „בונד" איז אַזוי געבענטשט געווען, העלפן אונדזער פאָלק בייצוקומען די ריזיקע שטרויכ־לונגען און שווערע נסיונות אויף וועלכע דאָס ביטערע, רעאַלע לעבן שטעלט אונדז כסדר אויס.

באַרווין פרענקעל

אין מעמאָריאַם*

(צום טויט פון חבר י. אַרטוסקי)

וואָס זענען שוין ווערטער בכוח אויסצודריקן דעם פאַרלוסט פון אַ נאָענטן חבר און לאַנגיאָריקן פריינט. יעדעס וואָרט אַפילו דאָס צערפולסטע, איז ווי אַ ווייטער שטומער אָפּקלאַנג פון דעם וואָס מען פילט, וואָס קוועלט, וואָס אבלט אין אונדז.

אָבער קיין אַנדער אופן עס צו טאָן איז נישט פאַראַן. דער מוזיקער, מאָלער האָט עס אויסגעדריקט אין זיינע אויפשיטערנדיקע מעלאָדיעס צו הוגאָ וואָלפס „טויטע קינדער", דערפאַר אפשר דער כוח פון דער מעלאָדיע פון אַן מלא רחמים, אַזוי איבערנעמענדיק אַזוי ווי שאָפּענס טרויער־מאַרש אָדער בעטהאָווענס. מען פילט אויך דעם אויפציטער ווען מען הערט די בונדישע „שבועה", ווען מען זינגט זי ביים אָפענעם קבר, צי בעת אַ דערמאָנונג לכבוד אַ פאַר־שטאָרבענעם חבר, ווי עס איז געווען דער פאַל דעם זונטיק, לכבוד דעם אָנדענק פון חבר אָסקאַר.

מיר האָבן אַ לענגערע צייט צוזאַמען געאַרבעט, כמעט ביי איין טיש בעת ער איז געווען רעדאַקטאָר צי מיטרעדאַקטאָר פון „אונזער שטימע" אין פאַריז. קיינמאָל איז צווישן אונדז נישט פאַר־געקומען דער מינדסטער שטרייט, ווי עס טרעפט אָפט צווישן קאָלעגן, באַזונדערס אין רעדאַקציעס.

ווען עס איז נישט געווען אין איינקלאַנג מיט זיינס אַ מיינונג צי אויסדרוק, צי האַנדלונג אַפילו, האָט ער עס דעליקאַט

---

* „אונזער שטימע", יאַנואַר 1972.

און חבריש געגעבן אָנצוהערן, הגם ער האָט פאַרמאָגט אַ סך טעמ־פעראַמענט און איז געווען אַפּילו אַ היציקער.

זיין האַנט־דרוק איז געווען אַ וואַרעמער, זיין וואָרט פול מיט אינערלעכן פייער. ער האָט פאַרמאָגט דעם התלהבות פון אַ פוילישן חסיד, זיינע אויגן אונטער זיינע שפּאַקולן זענען געווען פאַר־זשמורעט, ווי זיי וואָלטן וועלן קודם כל אַריינבליקן אין זיך. זיין שמייכל, ז״ן געלעכטער איז געווען זאַפטיק, זאַרגלאָז, ווי פון אַ קינד, וועלכעס ער האָט דורך אגב ביז גאָר, גאָר ליב געהאַט.

אין זיין פּערזאָן — אין דעם פון אַ קעמפער־סאָציאַליסט און דורכאויס נאַציאָנאַלן יידן, איז געווען אַ זעלטענע האַרמאָניע צווישן דער אינטעלעקטועלער שכלדיקייט און עמאָציאָנעלער סענסיביל־קייט.

ווען ער האָט דערזען אַ פריינט נאָך אַ לענגערער צייט, האָבן זיך זיינע אָרעמס געעפנט ברייט. זיינע פריינטלעכע ווערטער זענען געווען ווי אַ פאַרבעטונג ווען מיר האָבן זיך באַגעגנט אין ישראל.

ווען ער האָט גערעדט, איז אין זיין אַקצענט תמיד געווען דער אַקצענט פון דעם אַמאָליקן וועזנטלעכן און אינטעגראַלן קעמפער לטובת דעם מענטש און ייד בתוכם.

ער איז געווען אויפריכטיק און אַ גלויביקער זוכער ווי אַ סך פון זיין דור (אַ חוץ זעלטענע), האָט ער געהאַט טעותים פּאָליטישע און פּאַרטייאישע און שווער פאַר זיי באַצאָלט. אָבער ער האָט קיינ־מאָל נישט געהאַט קיין קאָנפאָרמיסטישע איינשטעלונג און דאָס וואָס ער האָט איינגעזען פאַר ריכטיק, האָט ער געדינט מיט לייב און לעבן, אָפט איבער זיינע כוחות.

זיין טויט האָט פאַראורזאַכט נישט בלויז אַן אבידה אין די רייען פון „בונד״, נישט בלויז צווישן זיינע חברים אין ישראל און אומעטום, נישט בלויז אין אונדזערע זשורנאַליסטישע פען־קרייזן, שוין אָפּגערעדט פון די קרייזן פון זיינע גאָר נאָענטע פריינט נאָר ביז גאָר אין די יידיש־יידישע קרייזן אין ישראל, ווו ער איז געווען איינער פון די פּלאַמיקסטע פאַרטיידיקער פון יידישן וואָרט, פון מאַמע־לשון.

אַ סך ליבע און האַרציקייט האָט ער אויך אַרויסגעוויזן דעם יידישן קינסטלער, מוזיקער, מאָלער צי אַקטיאָר, וואָס באַרייכערן צי זענען ממשיך שאַפונגס־ווערטן, די זייניקע, צי פון זיין שטאַם און אָפשטאַם.

שווער און כמעט אוממעגלעך אויסצורעכענען די אַלע פּאָ־זיטיווע און ווערטפולע שטריכן פון זיין וועזן, אָבער איין שטריך, איין ווערט האָט דאָמינירט ביי אים, דאָס איז געווען זיין טיפער הומאַניזם אין זין פאַר אַלעם וואָס איז מענטשלעך און דערהויבן. אין דעם פּרט האָט ער פאַרקערפּערט די אַלע מידות פון דעם דור פוילישע יידן פון אַמאָל, וואָס האָבן געהערט צו דער עדה פון די שבת־יום־טובדיקע יידן (אין וועלטלעכן זין פון וואָרט).

האָבנדיק דאָס אַלץ געזאָגט, זע איך ווי ווייניק, ווי שוואַך סקיצנהאַפט עס באַקומט זיך דער פּאָרטרעט, צי דער פּראָפיל פון חבר אָסקאַר. ווייל דער מידנסטער שמייכל זיינער צו אַ קינד, וואָס רעציטירט אַ יידיש לידל, דער לייכטסטער גלעט פון זיין האַנט אַ קינדס קעפּל אין גאַס פון די אָרעמסטע קוואַרטאַלן, האָבן עס מיר באַוויזן אים צו דערקענען. אָבער ליידער, ליידער דאָס איז מער נישט מעגלעך.

נאָר איך ווייס, ווי זייער אַ סך ווייסן עס, אַז מיטן פאַרלירן דעם חבר אַרטוסקי, איז אויך עפּעס פון אונדז גופא פאַרלוירן געגאַנגען, מיטגעשטאָרבן.

און אפשר נאָך מער!

מלך ראוויטש

ישׂשכר אַרטוסקי*

געבוירן אין יאָר 1903 אין וואַרשע. פּסעודאָנים פון ישׂשכר אייכענבוים. אין ארץ־ישׂראל זינט דעם יאָר 1950.

איידער די בונדישע טעגלעכע צייטונג אין וואַרשע מיט דעם נאָמען „פאָלקס־צייטונג" האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען, האָט די פּאַרטיי אין וואַרשע יאָרן־לאַנג אַרויסגעגעבן אַ טאָג־צייטונג מיט דעם נאָמען „לעבנס־פראַגן". דער נאָמען „לעבנס־פראַגן" האָט אין פאַרלויף פון יאָרן זיך אַזוי אינטעגרירט מיט דעם באַגריף „בונד", אַז אַפילו יאָרן נאָך דעם ווי די צייטונג פון דער פּאַרטיי האָט שוין געהייסן „פאָלקס־צייטונג" — האָט מען זי גערופן מיט איר פריער־דיקן נאָמען.

און ווער וואָלט זיך געריכט, אַז די וועלט וועט דורכגיין אַזעלכע גילגולים, און דאָס יידישע לעבן אַזעלכע סאַלטאָ־מאָרטאַלעס, אַז די „לעבנס־פראַגן" וועלן אַמאָל מגולגל ווערן אַלס מאָנאַט־שריפט קיין ארץ־ישׂראל, אָדער „פּאַלעסטינע", ווי דאָס לאַנד האָט געהייסן אין דער אויסגעהאַלטענער בונדישער טערמינאָלאָגיע. אָבער אַזוי איז געשען. און עס איז אַן ערנסטע צייטשריפט מיט דעם אונטערקעפּל: סאָציאַליסטישע חודש־שריפט פאַר פּאָליטיק, ווירטשאַפט און קולטור. דאַכט זיך, אַז אין די לעבנס־פראַגן איז אויך אין סוב־טיטל נישט געווען דערמאָנט, אַז דאָס איז אַ בונדישע צייטונג. דעמאָלט — צוליב פּאָליטישע זיכערקייטס־טעמים. היינט זענען אויך מסתמא פאַראַנען סיבות. כאָטש צווישן „יידישע גזלנים" איז נישטאָ וואָס מורא צו האָבן.

---

* פון זאַמלבוך — „מיין לעקסיקאָן".

דער רעדאַקטאָר פון די „לעבנס־פראַגן“ אין... תל־אביב איז ישׂשכר אַרטוסקי. ער איז אַ טיפּישער פּאַרטייער — און אַזוי ווי ער פּרעטענדירט טאַקע אַקוראַט דערויף, ווערט ער דעם עפּיטעט אויפנעמען ווי אַ קאָמפּלימענט. ווי אַסך יונגע מענטשן פון מזרח אייראָפּע — איז אויך אַרטוסקי, וואָס הייסט מיט דעם אמתן נאָמען אייכענבוים, דורכגעגאַנגען עטלעכע מעטאַמאָרפאָזעס ביז ער איז דערגאַנגען צו זיינע איצטיקע איבערצייגונגען, און קיין בייז אין דעם.

אַ מיטלהויכער און אַ פעסט־געבויטער און מיט אַ פעסט און אַנטשלאָסן פּנים — איז ער דווקא אַזוי אין טאָג־טעגלעכן לעבן אַביסל שעמעוודיק און שטיל און פול מיט חברישן דרך ארץ און איז שטאַרק מהדר אויף יושר בין אדם לחברו. כאָטש די שטימע זיינע איז אַלעמאָל אַביסל אויפגעהויבן, ווי די שטימע פון אַ טריבון, פון געוווינהייט, רעדט ער דאָך שטאַרק איינגעהאַלטן פּנים אל פּנים.

אָבער — טאָמער שטייט ער נאָר ביים „ברעטל“ און דערזעט פובליקום פאַר זיך — איז באַלד אויף דער העכסטער אָקטאַווע. גיבן זיך אַ דערמאָן די מיטינגען אין די פּוילישע שטעט און שטעט־לעך צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, ווו מען פלעגט זיך שלאָגן ביז בלוט ממש איבער אַ קוצו של יוד אין אַ רעזאָלוציע — כאָטש ווי פון דעם וואָלט אָפּהענגיק געווען צי משיח זאָל קומען שוין, אָדער ערשט אין הונדערט יאָר ארום... איינמאָל האָב איך געהערט אַרטוסקין רעדן אויף אַן ערשטער מאַי אַקאַדעמיע אין זאַל אונטערן פּרייען הימל (פאַראַנען אַסך אַזעלכע אין מדינת ישראל) פון דער פּראַנץ־קורסקי־ביבליאָטעק אין תל־אביב, אויף רחוב אהרנסון 25, ביים ברעג פון ים התיכון... ער האָט זיך דערפילט אין זיין עלע־מענט, דער זאַל איבער די ברעגעס פול, אָבער פאַרט נישט מער ווי מיט 200 מענטשן, און אַלע הערן, אַלע מיט דעם זעלבן סענטי־מענט און דער געדעכעניש פון די באַרימטע, אַמאָל אַפילו בלוטיק־טראַגישע בונדישע ערשטע מאַיען אין פּוילן, און אַרטוסקיס שטימע האָט באַלד אַ שפּרונג געטון אַרויף, ווי עס זינגט זיך אין דער „שבועה“ — „הימל און ערד וועט אונדז הערן, עדות די ליכטיקע שטערן“... אָבער חוץ די שטערן האָבן דאָ אויך אַלערליי פּרויען

און קינדער זיך אַרויסגעכאַפּט אויף די אָפענע באַלקאָנען פון די שכנישע הייזער אַרום און געגאַפט: וואָס רעדט מען דאָ אַזוי הויך? — — תימנקעס, מאַראָקאַנער, און סתם סאַברעס — האָבן זיי קיין וואָרט נישט פאַרשטאַנען. קינדער האָבן זיך אַרויפגעדראַפּעט אויפן פלויט און געגאַפט... און דער עולם אין דער אוידיטאָריע איז אויך געווען פאַרגאַפט און פול מיט סענטימענט. אַרטוסקי איז אַ גוטער און לאָגישער רעדנער. — — אַז ער איז אַראָפּ פון דער טריבונע האָב איך אים גראַטולירט מיט אַן „אָבער" — אָבער פאַר־וואָס אַזוי הויך? — האָב איך טאַקע גערעדט אַזוי הויך — איך האָב עס גאָרנישט געפילט...

אויסגעצייכנט אָריענטירט אין דער פּאָליטיק פון לאַנד, וואָס אירע רעדעלעך און שרייפעלעך זענען קאָמפּליצירט ווי די איינ־געווײדן פון אַ כראָנאָמעטער, איז אַרטוסקי, אַלס זשורנאַליסט, אויך אַן אויסגעצייכנטער בעל מסביר — כאָטש אַלעמאָל אַביסל צו איינזייטיק איינגעשטעלט. מער ווי מיט וועמען עס איז האָט עס מיך אינטערעסירט מיט אים צו רעדן וועגן דער פּאָליטיק פון לאַנד, זיינע פּאָראויסזאָגונגען זענען לרוב געווען ריכטיקע. פּאַראַדאָקסן פון יידישן וועלט־פּאָלק...

גבריאל ווייסמאַן

י. אַרטוסקי — דער אידעאַליסט און פאָלקס-מענטש

(קיצור פון דער רעדע אויפן שלושים־אָוונט)

... קוים עטלעכע וואָכן אַוועק זינט דער פייערונג „20 יאָר לעבנס-פּראָגן", ווי דאָ אויף דער בינע איז געזעסן מיט אונדז חבר אַרטוסקי.

דוכט זיך, אַז אין לופטן וויברירט נאָך זיין קול, וואָס האָט זיך דעמאָלט אַוועקגעלאָזן אין די ווייטע מקומות פון געדאַנקען, טראַכטונגען און וויזיעס.

זיין קול האָט דעמאָלט געווירקט אויף אונדז נישט בלויז אַקוסטיש — אויפן אויער, נאָר זיין עקזאַלטירט אויסזען האָט אויך געווירקט אויף אונדז וויזועל — אויפן אויג.

איך האָב זיך גוט צוגעקוקט צו יענער אודיטאָריע, וועלכע האָט זיך צוגעהערט צו זיין וואַרעמען קול, צו זיינע ווערטער אין דער שטילסטער שטילקייט, ווי זיי וואָלטן איינגעהאַלטן דעם אָטעם, און פאַר מיר זענען מיטאַמאָל אויפגעשוווּמען די לעצטע צוויי שורות פון פּרצעס לעצט ליד:

שטילער, שטילער —
דאַנקען וויל ער...

מעגלעך אַז פון צופיל עמאָציע האָבן זיינע רייד דעמאָלט נישט געקאָנט נאָכיאָגן זיינע אַלע ספּאָנטאַנע איינפאַלן און טראַכטונגען — דאָך האָט מען מיט אַ פאַרכאַפּטן אָטעם אויפגעכאַפּט די שפע פון זיינע געדאַנקען און די שיינקייט פון אויסדרוק. דערהויפּט, ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן עיקר-ענינים, איז דער עולם מיט־געריסן געוואָרן פון זיינע געדאַנקען. מיטגעריסן, ווייל די צוהערער

האָבן אַרויסגעשפּירט אַן אידעאָלאָגישע שותּפות מיטן רעדנער.

קאָן זיין, אַז אַ סך צוהערער האָבן דעמאָלט נישט געאָנט, אַז דער מלאך־המוות שטייט שוין הינטער זיינע פּלייצעס, אָבער ווער ס'האָט זיך גוט צוגעקוקט צו אים זיצנדיק ביים פּרעזידיום־טיש, האָט באַמערקט ווי זיין פּנים האָט זיך געוואָלקנט, דער קאָפּ אַביסל איינגעגורעט אין זיינע אַקסלען, — אַ סענסיטיוו אויער האָט אויך געהערט, אַז אין זיין קול האָט זיך פאַרגנבעט אַ טרויער־נאַטקע — און זיינע אויגן האָבן אומרואיק געבלאָנדזשעט איבערן זאַל, ווי ער זאָל זיך געזעגענען מיט די אַלע חברים און פריינט.

קאָן זיין, אַז אין די פאַרבאָרגענע טיפענישן האָט ער שוין עפּעס פאַרגעפילט...

דאָס איז געווען אָסקאַרס לעצטער אַרויסטריט — אָסקאַרס לעצטער אויפפלאַקער.

* * *

אַן עקסקורסיע אין זכרון, צו דער צייט פון מיט העכער 20 יאָר צוריק — די צייט, ווען ס'רוב מענטשן דאָ אין לאַנד זענען געווען פאַרכאַפּט און מיטגעריסן פון אַ גלאָריפיצירטן היפּער־פּאַטריאָטיזם — און מ'קען נישט לייקענען, אַז ס'זענען געווען סיבות דערצו — וויזט אונדז, אַז פון צופיל פאַרכלינּיעטקייט, פון צופיל ענטוזיאַזם, זענען די מענטשן אַריינגעפאַלן אין אַזאַ גאווה־דיקן אתה־בחרתניזם, וואָס האָט ממש פאַרסמט די גאַס.

אָט אין אַזאַ אומגינציקער צייט פאַרן „בונד" איז געקומען אַרטוסקי און אָנגעהויבן — סיי אין זיינע אַרויסטריטן און דער עיקר אין די „לעבנס־פראַגן" — אַ פּערמאַנענטע מלחמה קעגן דער־אַ דערשיינונג.

אוודאי: צופּאַסן זיך צום ריטעם פון דער מערהייט, גיין מיטן שטראָם, ד. ה., זעען בלויז ליכט־זייטן — דאָס קען יעדער, דאָס איז דער לייכטסטער וועג... אָבער שווימען קעגן שטראָם ד. ה., אָנווייזן אויך אויף די שאָטן־זייטן — דאָס איז שוין נישט אַזוי לייכט, דאָס מיינט: איינרייסן מיט אַ וועלט — מיט פרעמדע, און נישט איינמאָל אויך מיט אייגענע.

אָסקאַר האָט אויסגעקליבן דאָס צווייטע. צו דעם האָט מען געדאַרפט פאַרמאָגן אַ סך מוט און גייסטיקע גבורה. אָסקאַר האָט פאַרמאָגט דעם דאָזיקן כוח.

אַרטוסקי האָט געוועקט און מאָביליזירט דעם באַוווסטזיין און געפילן ביי די חברים און ביי דער עפנטלעכער מיינונג גובר צו זיין אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען, און שטיין אויף דער וואַך, אַז אונדזער ייִנגע מדינה, אויף וועלכער עס לויערן נאָך אַ סך געפאַרן — קיינער לייקנט נישט אין דעם — זאָל טאַקע דערפאַר געבויט ווערן אויף געזונטע יסודות: אויף יושר און גערעכטיקייט. אַ גערעכטיקייט, וואָס זאָל זיין אונטערגעשפּאַרט און אָנגעפילט מיט גייסטיקע, מאָראַלישע און סאָציאַל־עטישע ווערטן. דאָס איז דער זיכערסטער יסוד, און דער איינציקער אויסדרוק, פון וועלכן דער פאָלקס־אָרגאַניזם קאָן שעפּן כוח און לעבנס־זאַפטן פאַר זיין ווייטערדיקן קיום.

אָסקאַרס אומרואיקער, שעפערישער גייסט האָט שטענדיק געשטרעבט צו קאָמפּלעטירונג, צו דערפירן די אָרויסגערוקטע דורך אים פּראָבלעמען צו אַבסאָלוטער גאַנצקייט. דערפאַר האָט ער נישט פאַרטראָגן קיין לאַטעס, קיין פלאַסטערס אויף די מכות פון דער היינטיקער קראַנקער געזעלשאַפט, נאָר האָט עקשנותדיק געפאָדערט צו באַזייטיקן די מכה — די פאַנאַצעע, די תרופה האָט ער געזען אין אַ גערעכטער וועלט.

* * *

ווי מיר ווייסן שוין האָט אָסקאַרס מוזע זיך געוואָרעמט אין אָרעמקייט און אין נויט. און נישטאָ קיין גרעסערע באַליידיקונג פון דעם. איז אָט דער־אָ באַליידיקונג האָט ער געוואָרפן אין פנים פון דער היינטיקער געזעלשאַפט ווי אַ הענטשקע, ווי אַן אַרויסרוף.

אָן צווייפל, אַז אָט דער בזיון, פלוס די כסדרדיקע פאַרפאַלגונגען און שווערע תפיסה־יאָרן צוליב זיינע אומלעגאַלע טעטיקייטן, האָבן אים דיאַלעקטיש צוגעפירט צו רעוואָלטירן; האָבן מולטיפּליצירט ביי אים דעם דראַנג צו סאָציאַלער גערעכטיקייט, צו אמתער פרייהייט. אָט דער סאָציאַלער יושר איז געווען אַ וויכ־

טיקער קאַנאַל, דורך וועלכן זיינע אַלע אַרבעטן זענען געגאַנגען און דערגאַנגען צום לייענער.

אַ רעטראָספּעקטיווער אַריינבליק אין די „לעבנס־פראַגן", ווייזט אונדז, אַז אַרטוסקי האָט רעאַגירט און גענומען שטעלונג צו כמעט אַלע דערשיינונגען אין פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן. און וואָס וויכטיק: ער האָט געהאַט אַ חוש פאַר אויסגעפינען דעם זין און דעם מקור פון דער דערשיינונג. דער היינטיקער דור און זיינע אַלע געראַנגלען שפּיגלט זיך אָפּ אין זיינע אַרטיקלען.

אָסקאַרס סטיל פון שרייבן — אויך פון רעדן — איז געווען אַ שטילער, אַן איינגעהאַלטענער. תמיד האָט ער אָנגעהויבן רואיק, מיט ישוב־הדעת, אָבער אין לויף פון שרייבן — אַזוי אין רעדן — האָט ער זיך צעברויזט און צעפלאַקערט ביז אַן אויפרייסערישן שטורעם. און דאָס איז נישט געווען ביי אים קיין בלינדער קאַפּריז פון דער אינטואיציע זיינער, נאָר איז אַרויסגעוואַקסן פון זיין אימ־פּולסיווער שעפערישער פּאַטענץ. דערביי האָט ער, ביי זיין גאַנצן שטורעם, זיך באַהערשט נישט צו פאַרפלאַכן אַ געדאַנק. דאָס איז נישט אַזוי איינפאַך, דאָ ליגט גוואַלדיקער אָנשטרענג און אחריות. און מיט דעם האָט ער זיך דערוואָרבן אַ גוטע רעפּוטאַציע ביי זיינע צוהערער און ביי די לייענער פון די „לעבנס־פראַגן".

דעריבער וואָלט איך אָסקאַרן באַצייכנט ווי דער מענטש פון אימפּעט, געראַנגל און נאָך מער — פון שטורעם. און דאָס וואָלט געווען דער ריכטיקער אויסדרוק, מחמת ער האָט געשטורעמט קעגן אַלץ און אַלעמען — קעגן דער היינטיקער וועלט־אָרדענונג, און דאָס נישט מיט קאָפּוליער אָנצוהערענישן, נישט פאַרשטעלט, נאָר קליפּ און קלאָר — אָפן. אָפן, ווייל ער האָט נישט געקוקט צי עס געפעלט דעם, אָדער יענעם, נאָר עקשנותדיק געקעמפט פאַרן אמת. און נישט אין קאָנווענציאָנעלן זין — דאָס איז אייגנטלעך, דער רודימענט פון יעדן סאָציאַליסט — ביי אָסקאַרן איז דער אמת נישט געווען קיין ביי־זאַך, נאָר אַן עיקר, אַ הויפּט־ענין.

אין זיינע הייסע לידנשאַפטלעכע וויכוחים איז ער געשטאַנען פעלדזנפעסט פאַר זיינע מיינונגען און איינשטעלונגען, אָבער נישט להכעיס, נישט דווקא, נאָר ווייל ער האָט געגלייבט אין דעם וואָס

ער האָט געזאָגט און געוואָלט, אַז אויך אַנדערע זאָלן אין דעם גלייבן.

מיט זיין ניכטערן בליק און שנעלער אָריענטאַציע, האָט ער געקענט לייכט אָפּשלאָגן די אַלע אַטאַקעס פון אויסערלעכע און אינערלעכע קעגנער. ער איז אָבער קיינמאָל נישט געווען צו אַג־רעסיוו, צו אַנגרייפעריש, פאַרקערט: ער איז געווען גענוג טאָלע־ראַנט צוצוהערן זיך צו יענעמס אַ מיינונג; ער איז געווען צו באַ־וווסטזיניק נישט צו וויסן, אַז לאָגיק קאָן אויך האָבן קעגנלאָגיק; אַז יעדער מענטש קאָן מאַכן אַ פעלער. און דערפאַר האָבן אַלע — אַפילו אידעאישע קעגנער — געשעצט זיינע מאָראַלישע קוואַ־ליפיקאַציעס און אויפמערקזאַם זיך צוגעהערט צו זיינע מיינונגען.

פון דעם איז צו דרינגען, אַז לויט זיין נאַטור איז ער געווען אַ פאָלקסטימלעכער, גוטמוטיקער מענטש, וואָס האָט געקאָנט פיל לייכטער זיך פאַרשאַפן גוטע פריינט, ווי ביטערע שונאים. איר האָט געקאָנט זיך שפּאַרן מיט אים, צומאָל קריגן, אָבער נישט ווערן אים קיין שונא, ווייל ער האָט אייך אַנטוואָפנט מיט זיין כאַראַקטער.

אַ גרויסע און שטאַרקע נאַטור האָט געמוזט זיין אָסקאַר, אויב זיין לעבן איז דורכגעגאַנגען אַזוי שטורמיש אָנגעלאָדן. נישט איינ־מאָל האָבן אים ווײ־געטאָן די אַלע נעגאַטיווע דערשיינונגען אין דער היינטיקער קראַנקער און צעטומלטער וועלט. דערהויפּט האָט ער געבלוטיקט צוליבן אומקום פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום — אונדזער נאַציאָנאַלער חורבן.

אַ שווערן וועג האָט אָסקאַר דורכגעמאַכט פון דער געדיכטער יידישער אָרעמקייט אין וואַרשע, ביז — ישראל. אָבער דורך די אַלע בייזע שטורעמס, וואָס זענען אַריבער איבער דער וועלט און איבערן יידישן לעבן, האָט ער געטראָגן אין האַרצן די שענסטע אידעאַלן פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, און ביז זיינע לעצטע טעג האָט ער אַרויסגעוויזן אַ סך איניציאַטיוו און חוש פאַר אַלע פּאַר־טייאישע און קולטור־געזעלשאַפטלעכע טעטיקייטן.

אַרטוסקי וועט פעלן אויפן היגן פּאָליטישן און קולטור־געזעל־שאַפטלעכן באָדן, ווו ער האָט געשלאָגן טיפע וואָרצלען.

ב. שלעווין

חבר אַרטוסקי — ווי איך האָב אים געקענט

מיטן חבר אַרטוסקי איז אונדז אויסגעקומען מיטצולעבן יענע שטורמישע אָנהייב־דרייסיקער יאָרן אין פּוילן, אין און אַרום געדיכטן יידישן אַרבעטער־ראַיאָן פון וואַרשעווער „מורדזשיעל" („מוראַנאָווסקאַ דזשעלניצאַ"), ווי ס'האָט געהייסן אין פּאַרטייאישן זשאַרגאָן. מ'האָט באַדאַרפט קענען, יענעם העראָישן דור, אַרבעטער, אַרבעטער־טוער. ס'האָט געברענט אין זיי אַ הייליק פייער. זיי זענען גרייט געווען צו גיין אויף קידוש השם פאַר זייער אידעאַל. און אַזאַ איז אויך געווען דער חבר אַרטוסקי, אויפגעהאָדעוועט אין דער ביטערער נויט, און ס'גאַנצע לעבן געשטרעבט, אַז אויך אויף אונדזער יידישער גאַס זאָל ליכטיקער ווערן. דאָס זענען געווען מענטשן, שטרענג פאַרקאַנספּירירטע, פון דער טיפער אונטערערד. זיי האָבן בלינד אויסגעפירט באַפעלן פון העכערע אינסטאַנצן, און זענען געווען די בלינדע האַנט פון מעכטיקן, ראַפינירטן פּאַרטיי־אַפּאַראַט. אפשר האָבן זיי שוין דעמאָלט געוווסט עפּעס מער ווי דער דורכשניטלעכער מיליטאַנט, און אפשר — נישט. ווייל מען האָט אין דער באַוועגונג אויף דער „יידישער גאַס", אין יענע דרייסיקער יאָרן שוין געפילט דעם פאַרסמטן ווינט פון אַנטוישונג, פון אָפּגעגנאַרטע האָפענונגען, פאַראַטענע פּרינציפּן; די הילכיקע לאָזונגען האָבן מער קיין שום דעקונג נישט געהאָט. נאָר די גרויסע מאַסע פון ביטערער אָרעמקייט. די פעראַמאַטענטע אַרבעטסלאָזע, וואָס האָבן פאַרפילט די טראָטוארן פון די ענגע געסלעך, די ענגע, האַלב־לעגאַלע. פּראָפ. פאַראיינען, האָבן נאָך אָבער אַלץ געלעבט און געשטורעמט, אין זייער טיפן גלויבן. מיט דער אינערציע פון די ערשטע יאָרן נאָכן „אָקטאָבער" אין רוסלאַנד. ס'האָט זיך זייער

שטאַרק נישט געגלוסט אויפצוגעבן די גרויסע האָפענונגען, וואָס האָבן אויפגעשיינט פאַרן דערשטיקטן יידישן אַרבעטס־מענטש, פאַר אַ בעסערער און ליכטיקערער צוקונפט. ס׳האָט זיך נאָר וואָס געהאָט פאַרענדיקט די סטאַלינישע אוואַנטורע, צו דערשטיקן דעם טראָצקיזם, ווי אַ פּרעטעקסט אומצוברענגען און צו פאַרשיקן אין די ווייטע סיבירער טייגעס גרויסע מאַסן אין רוסלאַנד; און באַלד דערנאָך זענען אונטערגעקומען די טרויעריק־באַרימטע „טשיסט־קעס", די רייניקונגען אין דער פּאַרטיי, און די גוט־רעזשיסירטע פּראָצעסן, ווו אַלטע, אויסגעפּרוווטע אַרבעטער־פירער האָבן אויף זיך אַליין געוואָרפן די געמיינסטע באַשולדיקונגען. אַזוי האָט סטאַלין אומברחמנותדיק אויסגעראָטן דעם אַלטן דור באָלשעוויקעס. „די רעוואָלוציע האָט — הייסט עס — אויפגעגעסן אירע אייגענע קינדער"...

ערלעכע, באַוווסטזיניקע יידישע אַרבעטער האָבן זיך געפרעגט מיט גרויס אומרו: ווּהין פירט עס? ווייל אין תוך פון יידישן אַרבעטער האָט דאָך געלעבט די געזונטע שטרעבונג צו אַ דע־מאָקראַטישן, פרייהייטלעכן, עטישן סאָציאַליזם. דאָס איז געווען דער לעצטער עטאַפּ; דעם חבר אַרטוסקי האָבן מיר נאָך דעמאָלט געקענט אין קרייז פון דער הויכער אָנפירונג, פון דער „יידישער ביוראָ", וואָס די מערסטע פון זיי זענען אין די אָנהייב צוואַנציקער יאָרן אַליין געקומען פון פועלי ציון, פון קאָמבונד. אַ געטרייער מיליטאַנט, איז אַרטוסקי, ווי אַ סאָלדאַט, אַלעמאָל געשטאַנען אויף זיין פּאָסטן, איז געגאַנגען דאָרט, ווו מ׳האָט אים געשיקט. מיט זיין פלאַמיקער טשופּרינע, מיט זיין איינגעשפּאַרט, פּרינציפּיעל וואָרט, האָט חבר אַרטוסקי אויפגעטויכט אין די פּראָפ.־פאַראיינען, אויף די מאַסוווקעס, אין די פאַרשטעקטע בוידעם־שטיבלעך פון שטרענג־געהיימע קרייזלעך, געמאָנט דעם ערלעכן, אומגעפעלשטן סאָציאַליס־טישן יושר. מ׳האָט נאָך הייס דיסקוטירט, אָבער מ׳האָט אים שוין צוביסלעך גענומען פאַרשרייען, ווי אַן אָפּאָזיציאָנער.

עס זענען שוין אין יענע יאָרן אויפגעקומען שטילערהייט אָפּאָזיציע־קרייזלעך צווישן די יידישע אַרבעטער אין וואַרשע. אַזאַ קרייזל זענען געווען די אָבאָ׳יסטן; און ערב פעברואַר 1933, ווען

אין שכנותדיקן דייטשלאַנד האָט זיך מיט היטלערס קומען צו דער מאַכט, אָפּגעשפּילט דער גורל פון אַרבעטער־קלאַס אין גאַנץ אייראָפּע, איז אויפגעשטאַנען אַ קליינע, יונגע באַוועגונג, גרופּירט אַרום יצחק דייטשער, אַרום חבר הערש־מענדל — אַלטע, אויס־געפּרוווטע אַרבעטער־ טוער, טעאָרעטיקער, פּראַקטיקער, וואָס האָבן זייער לעבן אָוועקגעגעבן אין די תפיסות. זיי זענען באַצייכנט גע־וואָרן ווי טראָצקיסטן. די פּאַרטיי האָט זיי פאַרפאָלגט, פּאַראורטיילט, ביז מאָרד, צוגעקלעפּט זיי עטיקעטן פון „פּאַרעטער”, שפּיאָנען, „פּאַרקויפטע צו דער בורזשואזיע”...

דעמאָלט האָט זיך חבר אַרטוסקי, שטיל און ערלעך, אומגעקערט צו דער באַוועגונג, ווו דער יונגער אַרבעטער־טוער האָט זיך אַמאָל אויפגעהאָדעוועט, צום „בונד”. ער איז געקומען ווי אַ פאַר־שולדיקט קינד. אַ סך ערלעכע אַרבעטער און אַרבעטער־טוער זענען נאָך יאָרן לאַנג שפּעטער געגאַנגען אין שפּאַן פון סטאַליניס־טישן אָפּגאָט. איינצלנע האָבן אָפּגעזאָגט מיטצומאַכן די וויסטע שפּיל, אַפילו ווען די פּאַרטיי איז סוף דרייסיקער יאָרן דורכן קאָ־מינטערן אויפגעלייזט געוואָרן אין פּוילן. ס'האָט געהייסן כלומרשט, אַז די פּוילישע פּאַרטיי איז דורכגעפּרעסן פון פּראָוואָקאַטאָרן. קיינער האָט דעמאָלט נישט געקענט פּאַראויסזען, אַז דאָס איז פּאַקטיש געווען דער פּראָלאָג צום טרויעריק־באַרימטן דייטש־סאָוויעטישן פּאַקט, וואָס איז געווען דער אָנהייב פון אַלע אונדזערע אומגליקן. אין אַזאַ פאַל וואָלט די פּוילישע קאָמ. פּאַרטיי, די ק.פּ.פּ. געווען אַן ערנסטע שטערונג פאַר סטאַלינען אין וועג פון זיינע וויסטע פּלענער. די האַק פון מערדער האָט זיך אַראָפּגעלאָזן נישט בלויז אויפן יידישן אַרבעטער־קלאַס אין פּוילן, נאָר — אויפן גאַנצן יידישן פאָלק. נישט אַלץ פון אָט דעם טראַגישן געשיכטלעכן עטאַפּ איז נאָך ביז היינט דערפאָרשט געוואָרן. די אַרבעטער־פּאַרטייען אויף דער „יידישער גאַס”, דער עיקר די קאָמוניסטן און דער בונד, וואָס האָבן זיך יאָרן לאַנג באַקעמפט, דערפירט אין דער פּראָפ.־באַוועגונג ביז ברודער־מאָרד — זענען סיי ווי אַלע פאַרמשפּט געוואָרן דורך די וועלט־מערדער. צו אַזאַ טראַגישער אויפלייזונג איז דערפירט געוואָרן.

ווי צענדליקער טויזנטער יידן, יידישע אַרבעטער און פֿאָלקס־מענטשן, איז אויך חבר אַרטוסקי מלחמה־צייט פֿאַרוואַגלט געוואָרן איבערן ברייטן רוסלאַנד. קוים אָפּגעראַטעוועט דאָס נאַקעטע לעבן, האָבן מיר אים נאָך דער מלחמה צוריקגעפֿונען צווישן דער געדיכט־אָנגעלאָפֿענער עמיגראַציע אין פּאַריז, אויפֿן וועג צו זיינע ווייטערדיקע וואַנדערונגען, צום ווייטערדיקן קאַמף פֿאַרן אומ־געפֿעלשטן סאָציאַליזם. די אַלע, וואָס האָבן זיך דעמאָלט אומ־געקערט פֿון רוסלאַנד, האָבן זיך נאָך אַלץ געהיטן מיט אַן איבעריק וואָרט. אויף זיין מויל איז נאָך געלעגן אַ שלאָס פֿון שווייגן; בפֿרט, ווען עטלעכע הונדערט טויזנט יידן האָבן זיך פֿאַרט, אויף פֿאַר־שידענע אופֿנים, געראַטעוועט אין רוסלאַנד. מ׳האָט אַפֿילו באַדאַרפֿט פֿאַרמאָגן גענוג ערלעכע דרייסטקייט אין יענע יאָרן אויפֿצוהייבן די שטים און פּראָטעסטירן קעגן פּחדנותדיקן, פֿאַרטערישן מאָרד איבער די צוויי נאָבעלע סאָציאַליסטישע פֿירער — אַלטער און ערליך, אומגעבראַכט דורך סטאַלינען. אַרטוסקי האָט געוואָגט. מען האָט אים פֿאַרשריגן, אָבער ער האָט געוואָגט. די זיגן פֿון רוסלאַנד האָבן פֿאַר אים נישט פֿאַרשטעלט די גרויסע פֿאַרברעכנס קעגן ערלעכע סאָציאַליסטן, וואָס האָבן זייער לעבן געשטרעקט אין קאַמף פֿאַרן יידישן אַרבעטער.

אין דער פּאַריזער בונדישער טאָג־צייטונג „אונזער שטימע" האָבן מיר אין יענע יאָרן געהערט זיין דרייסטע, מאָנענדיקע שטים. און אויך דעמאָלט האָבן עס נאָך נישט אַלע פֿאַרשטאַנען.

אויך דאָס פּראָבלעם, וואָס האָט זיך געשטעלט פֿאַר פֿיל פֿון זיינע מיט־חברים, פּונקט ווי פֿאַר פֿיל, וואָס זענען נאָך מיטגעגאַנגען מיטן פֿאַלשן, סאָוויעטישן אָפּגאָט, אין אַנבליק פֿון יידישן קאַמף צו דעראָבערן די יידישע מדינה אין ישׂראל, האָט דעמאָלט שוין אַרטוסקי אויפֿגענומען מיט פֿאַרשאַרפֿטע חושים, אָפּוואַרפֿנדיק יעדן פֿאַרגליווערטן דאָגמאַטיזם. ער האָט געקוקט מיט אָפֿענע אויגן אויף דער פֿאַרוואַנדלונג פֿון יידישע מאַסן־צענטערן, און האָט זיך איינער פֿון די ערשטע דווקא געלאָזן מיטן שטראָם יידן צו די ברעגן פֿון ישׂראל. פֿאַר אים איז עס נישט געווען קיין שום סתירה צו לאָזן

זיך אַהין, וואָס זייער אידעאָלאָגיע האָט דער בונד יאָרן לאַנג באַ־קעמפט.

ס׳געהערט נישט צו מיינע קאָמפּעטענצן אַריינצולאָזן זיך אין טעאָרעטישע וויכוחים. אָבער קלאָר איז פאַר מיר אַרטוסקיס דע־מאָלטיקער צוגאַנג — און איך האָב עס דערנאָך געדרונגען פון אונדזערע לאַנגע שמועסן, נישט איין מאָל שוין אין תל־אביב, אין לאָקאַל אויף רחוב קאַלישער — זיין ווירקן צווישן פאָלק, זיין קאַמף פאַר אַ גערעכטן סאָציאַליזם, פאַר אַ גערעכטער לייזונג פון אונדזער יידיש־ציוויליזאַציע, וואָס מוז ווערן אַ טייל פון ישראל־פאָלק.

אַזוי האָט אַרטוסקי, דער פאָלקס־מענטש, דער אויפגעצויגענער אין דער געדיכטעניש פון די נויטן פון יידישן אַרבעטער אין פוילן, געטריי געדינט זיינע אידעאַלן, ביז צו זיין אַזוי אומגעריכטן און אומגערעכטן אַוועקגאַנג אין דער אייביקייט. ער געהערט צו די ווירדיקע העלדן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס און וועט מיט גאָלדענע אותיות פאַרצייכנט ווערן אין זיין רומפולער, העראָישער געשיכטע.

פרץ גוטערמאַן

אַ מוסטער פון אויפריכטיקייט

מיטן חבר י. אַרטוסקי־אָסקאַר (י. אייכנבוים) בינדט מיך אַ לאַנגיאָריקע פריינדשאַפט. מיר האָבן יאָרן לאַנג געאַרבעט צו־זאַמען אין פוילן, רוסלאַנד, ישראל און פּאַריז.

באַקענט האָב איך זיך מיט אַרטוסקין (אויב דער זכרון נאַרט מיך נישט) אין יאָר 1934. דאָס איז געווען אויף אַ רעפערענטן־פאַרזאַמלונג פון בונדיסטן. אַרטוסקי איז אויף דער פאַרזאַמלונג אַרויסגעטרעטן מיט אַ רעפעראַט א. ד. ט. „פאַרוואָס בין איך אַרויס־געטרעטן פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי?"

דער רעפעראַט זיינער איז געווען אַ מין אויפריכטיקע ווידוי פון אַ מענטשן מיט אַ שטאַרקן כאַראַקטער און געמאַכט אַ רושם נישט בלויז אויף מיר, נאָר אויף אַלע אַנוועזנדיקע. דאָס איז געווען אַ רעפעראַט, וואָס האָט געשפּרודלט מיט עכטער אויפריכטיקייט און מיט טיפער ליבע צום „בונד", וואָס ווי ער האָט זיך אויס־געדרוקט — האָט שוין אויף דער שוועל פון 19־טן און 20־טן יאָרהונדערט אַריינגעבראַכט אַ נייעם רוח חיים אין די הערצער פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מענטשן.

שפּעטער, נאָך בעת דער שוידערלעכער נאַצי־הערשאַפט, האָט אונדז דער גורל פאַרוואָרפן קיין ראַטנפאַרבאַנד, ווו מיר האָבן זיך (אין 1941) ווידער געטראָפן, אָבער שוין אין דער סאָוועטיש־אוזבעקישער שטאָט בוכאַראַ, ווו ער האָט מיט אַ סך דרייסטקייט, האַרץ און נשמה געפירט אַ קאָנספּיראַטיווע בונדישע טעטיקייט. עס דערמאָנט זיך מיר ווי דער חבר אַרטוסקי איז דאָרט קראַנק גע־וואָרן אויף טיפוס און איך האָב אים אויף אַ דראָביניאַסטן וואָגן

מיט הויכע רעדער אַוועקגעפירט אין אַ שפּיטאָל פּאַר טיפוס־קראַנקע מענטשן.

דעם גאַנצן וועג צום שפּיטאָל האָט זיך אַרטוסקי געהאַלטן רויק און נישט געפרוווט אַפילו קלאָגן אויף זיין לאַגע.

עס האָט זיך מיר איינגעקריצט אין זכרון דער מאָמענט, ווען מיר זענען געווען אויף דעם רוסישן גרענעץ־פּאַס (אַשכאַבאַד). איך בין געווען שטאַרק נידערגעשלאָגן און חברים האָבן דאָס אָפּגעפילט און זיך פאַראינטערעסירט מיט מיין געדריקטער שטימונג. אויך דער חבר אָסקאַר האָט דאָס אָפּגעפילט און אין אַ שמועס מיט מיר געשטעלט די פראַגע: באַדויערט איר אפשר וואָס איר פאַרלאָזט דעם ראַטנפאַרבאַנד? אַזוי גוט איז אייך דאָ געווען?"

מיין ענטפער איז געווען: קיין גוטס האָב איך דאָ טאַקע נישט געהאַט. נאָר איך קען נישט אויסבאַהאַלטן דעם צער, פון וועלכן איך בין דאָ באַהערשט געוואָרן, ווייל דאָ — אין רוסלאַנד איז ביי מיר ערשט אויף אַן אמת צערונען געוואָרן די אילוזיעס, וואָס כ'האָב אין משך פון יאָרנלאַנג געפלעגט, אַז די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געבראַכט אַן ענדערונג צום ווויל פון מענטש. אָסקאַר האָט מיך גוט פאַרשטאַנען און צוגעגעבן: „לײדער איז דאָס געווען אַן אילוזיע פון אַ סך מענטשן"...

* * *

מיר האָבן נאָך דעם אַ לענגערע צייט געלעבט אין פּאַריז. אָסקאַר האָט דאָ פאַרנומען אַן אָנגעזעען אָרט אין בונדישן פּאַרטייאישן לעבן און אויך אין אַלגעמיינעם ייִדישן געזעלשאַפט־לעכן לעבן. ער איז געווען איינער פון די מיטרעדאַקטאָרן פון „אונזער שטימע". זיינע אַרטיקלען, בפרט די פּאָלעמישע, אויף בונדישע און געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישע טעמעס, זענען געלייענט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס נישט בלויז דורך בונדיסטן.

נאָכן אַנטשטיין פון דער ישראל־מדינה איז אָסקאַר געווען איינער פון אירע חסידים און דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון „בונד" האָט באַשלאָסן אים צו דעלעגירן אַלס פּאַרטיי־טוער קיין ישראל. אַן אָנגעזעענער קאָמיטעט־מיטגליד האָט זיך דאַן אויס־

געדרוקט, אַז איצט, ווען דער חבר אַרטוסקי־אָסקאַר, וועט פאַר־נעמען אַ פאַראַנטוואָרטלעכן אַמט אין „בונד" פון ישראל, וועט דאָרט די אָרגאַניזאַציע אונדזערע באַקומען גאָר אַן אַנדער פּנים.

דאָס לעבן האָט באַוויזן, אַז דער חבר איז גערעכט געווען. דער חבר אָסקאַר איז נישט געווען פון די, וואָס ווערן מיטגעריסן מיט מאָמענטאַלע שטימונגען. דער חבר אָסקאַר איז געווען אַ רעאַלער פּאָליטיקער און אַ מענטש מיט אַ טיפער און קלאָרער פּאָליטישער אָריענטאַציע. אַמבעסטן האָט ער דאָס באַוויזן מיט זיין טאָג־טעגלעכער אַרבעט דאָרט און אויך מיט זיינע אַרטיקלען אין די „לעבנס־פראַגן", וואָס האָט, אַדאַנק אים טאַקע און דעם חבר בן־ציון צאַלעוויטש, אָנגעהויבן צו דערשיינען אין תל־אביב, אין מאַי 1951.

נאָכן טויט פון חבר צאַלעוויטש איז חבר אָסקאַר פאָרמעל אויך געוואָרן דער פאַראַנטוואָרטלעכער רעדאַקטאָר פון דעם זשורנאַל, וועלכער האָט פאַרשאַפט אַ סך כבוד, נישט נאָר דעם „בונד" אין ישׂראל, נאָר אויך דער בונדישער באַוועגונג אין גאָר דער וועלט.

עס איז כדאי צו דערמאָנען כאָטש אין עטלעכער ווערטער די טעטיקייט פון חבר אַרטוסקי אין דער צייט ווען פּאַלעסטינע איז נאָך געווען אונטער דער הערשאַפט פון ענגלישן מאַנדאַט, וועגן זיין איבערגעגעבענער אַרבעט ביים פונאַנדערשיקן די שפּייז־און מלבושים־פּעקלעך, וועלכע די דאָרטיקע חברים האָבן איבערגעשיקט קיין רוסלאַנד צו די נויטבאַדערפטיקע (און ווער איז דאָרט נישט געווען נויטבאַדערפטיק?) אַ דאַנק דער שטיצע פון אַמעריקאַנער יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט, וואָס איז אויסגעפירט געוואָרן אונטער דער אָנפירונג פון אומפאַרגעסלעכן חבר ד"ר יעזשי גליקסמאַן (אַ ברודער פון דערמאָרדעטן דורך די סאָוויעטן, חבר וויקטאָר אַלטער). וועגן חבר אַרטוסקיס־אָסקאַרס אַרבעט אין דער בונדישער באַוועגונג אין ישראל און מיט וואָס פאַר אַן אחריות און איבער־געגעבנקייט, ער האָט די אַרבעט געטאָן, און דאָס ביז די לעצטע מינוטן פון זיין לעבן, געדענקט דאָך זיכער יעדער. באַזונדערס טויכט אויף אין מיין זכרון דער מאָמענט, ווען ער איז כמעט גלייך

י. אַרטוסקי און זיין פרוי העלא

פון שפּיטאָל געקומען אויף אַ בונדישער פאַרזאַמלונג און מיט ממש אַ מיסטעריעזער קראַפט פאַרטיידיקט די בונדישע אידעע.

* * *

די גאַסטפריינטלעכקייט און ליבע, וואָס ער צוזאַמען מיט זיין ליבער פרוי העלא, ווענעמס וווינונג איז שטענדיק אָפן געווען פאַר חברים און פריינד, האָבן אַרויסגעוויזן צו חברים־געסט, איז דאָך גוט באַקאַנט. ס׳איז מיר אָבער אוממעגלעך דאָס נישט צו דער־מאנען, שרייבנדיק אין אַ בוך געווידמעט אַרטוסקי־אָסקאַרס אָנדענק. דעריבער פיל איך אַ דראַנג צו דערמאנען די האַרציקייט און וואַרעמקייט, וואָס ער און זיין פרוי העלא האָבן אַרויסגעוויזן לגבי מיר, ווען איך צוזאַמען מיט קלאַרען זענען אין 1962 געווען אויף אַ באַזוך אין ישראל.

מיכאל ווײַנאַפּעל

י. אַרטוסקי — אין מײַן זכרון

וועגן אַרטוסקין דאַרף דערציילט ווערן, ווי וועגן אַ געשיכט־לעכן אָפּשניט אין דער יידישער און אַלגעמיינער אַרבעטער־באַוועגונג צווישן און נאָך ביידע וועלט־מלחמות. שטריך נאָך שטריך, געשעע־ניש נאָך געשעעניש, וועט דעמאָלט אַרויסקומען די פולע געשטאַלט פון דעם יידישן אַרבעטער און אַרבעטער־פירער, וואָס האָט גע־לייגט זיין חותם אויף זיין תקופה.

באַקענט האָב איך אים כמעט באַלד ביי מיין אַראָפּגיין פון דער שיף, ווען איך בין אָנגעקומען קיין ישראל. און פון אים האָב איך זיך דערוווּסט, אַז דער אָפּגעגאַנגענער אין בלוט־און־פייער „בונד״, האָט אויפגעשטעלט אַן אָרגאַניזאַציע אין ישראל, אין תל־אביב.

איך האָב אים באַקענט — און פאַר מיר איז אויפגעגאַנגען אַ געשטאַלט פון אַ פאַנאַטישן מאַמין אין אייביקן דויער און קיום פון יידיש, יידישע קולטור, יידיש לשון און ליטעראַטור. אַלץ אַרום, סיי דאָס אָפיציעלע פּנים פון יונגן ישראל, סיי די יידיש־פּאַופּערייזירטע עליה פון צעשויבערטן אייראָפּע, האָט געזאָגט דאָס פאַרקערטע. און איצט גיי זיי אַ בעלן און ווער אויס רעאַליסט. און חבר אָסקאַר איז געווען דער געבוירענער טרוימער פון אידעאַלן, וואָס נאָר מיט עקשנות קאָנען זיי ווערן פאַרווירקלעכט אין לעבן. און אים האָסטו געמוזט גלויבן. פון אים האָסטו זיך געמוזט איבערצייגן. ווייל דאָ האָסטו זיך אָנגעטראָפן נישט בלויז אין אַן אָראַטאָר, נאָר אין אַ מאַמין, און גלויבן מוז שטענדיק אָנטרעפן אויף אַ באָדן וואָס מוז ווערן דורך אים באַפרוכפּערט.

אָסקאַר האָט געקאָנט מיט זיין גלויבן שטורעמען און וועקן צו יידיש־מעשים. מיטן זעלבן ברען האָט ער אויך געשאָפן אַ דראַ־

מאַטישן קרייז און אים פאַרוואַנדלט אין אַ שטענדיקע יידיש־אינסטי־טוציע פון סצענישן שאַפן אויף יידיש; און וויכטיק איז געווען פאַר אים דער אויטאָר פון דער פּיעסע און דער מיטגליד פון דראַמקרייז אין דער זעלבער מאָס, ווייל ווער נאָך ווי אָסקאַר האָט געוווּסט, אַז גרויסע בנינים ווערן געבויט פון איינצלנע ציגל.

חברים וויסן, אַז אָסקאַר איז געווען אין פּרינציפּיעלע ענינים אַן עקשן. אָבער אַן אויסטערלישער עקשן, וועלכער האָט זיך קיינ־מאָל נישט איינגעשפּאַרט קעגן אַ לאָגישן געדאַנק און קאָנסטרוקטיוון אַרגומענט. ער איז געווען דער איינגעשפּאַרטער יידישער אַרבעטער־אויטאָדידאַקט, וואָס האָט אויף זיין לעבן געלערנט די חכמה פון לעבן, גענומען צום לעבן שטעלונג דורך זיינע פּערזענלעכע דער־פאַרונגען און דורכגעווייטיקט זיינע באַשלוסן אין פייער־פלאַם פון אייגענעם האַרץ.

און דאָ איז ער געווען בלויז פאָלקס-מענטש, אַן אַ שמץ פון פּירער, וואָס קאָן אַ זאָג טאָן „לאָז געמאַך" אויף אַ דערשיינונג וואָס זעט אים אויס לעצטראַנגיק און נישט וויכטיק. ווייל ווען עס האָט זיך געהאַנדלט אין יידישע קולטור־ענינים זענען ביי אָסקאַרן פאַר־שווונדן אַלע גראַדאַציעס פון מער און ווייניקער וויכטיק. אַלץ איז ביי אים געווען גלייך־חשוב.

אַזאַ איז געווען זיין באַציאונג צום זשורנאַל „לעבנס-פראַגן", וואָס איז שוין ליידער נישט קיין טריבונע פון מיליאָנען, אַזאַ איז געווען זיין באַציאונג צו דער קולטור־אַרבעט אינערהאַלב די ווענט פון „אַרבעטער־רינג", און צו יעדער יידישער קולטור־אימפּערזע באַזונדער. אין אָט די אַלע זאַכן איז אָסקאַר געווען דער געבליבע־נער פּלאַנעט פון דער פאַרשווונדענער וועלט פון טרוימען און אידעאַלן, וואָס איז אונטערגעגאַנגען אין געווירבל פון אונדזער „נייער", מ'שטיינס געזאָגט, „פרייער צייט".

אין זיין מחיצה בין איך געזעסן און מיט אים געשמועסט, מיט אים האָב איך געאַרבעט ביי קולטור-פאַראַנשטאַלטונגען אין „אַרבעטער־רינג" און ביי דער דראַמאַטישער סטודיע, און שטענדיק איז ער געווען דער זעלבער: אַ טיף־חברישער און ערנסט-דענקענ־דיקער, וואָס האָט תמיד אינזינען געהאַט דעם „פאַר וועמען מי איך

זיך״ — פאַר די, וואָס פּילן־אויס די אוידיטאָריעס, כדי צו געניסן פון געלייטערטן קינסטלערישן יידישן וואָרט.

און געקאָנט האָסטו זיצן מיט אָסקאַרן סיי ביי זיין רעדאַקציע־טיש, ווו ער איז געווען דער שטרענג־אָפּגעהיטענער רעדאַקטאָר, און סיי ביים קאַווע־טישל, ביי אַ בונדיש שטיקל הערינג מיט־ברויט — שטענדיק איז ער געווען גלייך מיט דיר און קיינמאָל האָסטו נישט געפילט, אַז זיין העכערקייט באַשווערט דיר און פאַר־וואַרפט דיך צו אַ ווייטער דיסטאַנץ.

דאָס לעצטע מאָל האָב איך אים געזען אַ באַשאָטנטן אין טונקל פון אַנקומענדיקן סוף. מיט אַ גרופּע שרייבער זענען מיר געזעסן אין „אַרבעטער־רינג״ ביי אַ טישל, און עס איז אַריינגעקומען דער קראַנקער, קוים אויף די פיס־גייענדיקער, אויסגייענדיקער חבר אָסקאַר. מיט אַ דערמוטיקונג־אויסדרוק האָט אַ חבר אים צוגערופן צום טישל. אָבער ער האָט אונדז באַגריסט און איז פון אונדז אַוועק־געגאַנגען מיט אַ טיפן טרויער.

אַזוי איז ער פון אונדז אַוועק, דורך דער טיר פון „אַרבעטער־רינג״ אין קאַלטן ווינטערדיקן דרויסן — אַוועק אויף קיינמאָל זיך נישט צוריקצוקערן צו אונדז. עס האָט פאַרקלעמט ביים האַרץ זיין אַוועקגיין. אַ שווערע ווייל האָבן מיר געשוויגן. אפשר האָבן מיר, די, וואָס האָבן געוווסט זיין מצב, זיך דעמאָלט אומבאַוווסט־זיניק מתיחד געווען מיט זיין געשטאַלט, וואָס מיר האָבן אין דעם מאָמענט דערזען אין זיין גאַנצן באַטייט, איינגעקריצט אים אין זיך אַזוי, ווי ער דאַרף ביי אונדז, אין אונדזער געדעכעניש פאַרבלייבן.

יוסף ליפשיץ

אָסקאַר — אַ געטרייער חבר און איבערגעגעבענער פריינד

מיר דוכט, אַז איך שטיי נאָך איצט אַרומגענומען מיטן חבר אָסקאַר אין לייוויק־הויז, אין תל־אביב, מיר צעקושן זיך ביים געזעגענען צו מיין אָפּפאָרן צוריק קיין דרום־אַפריקע. די פריינדלעכע אויגן פון חבר אָסקאַר זענען פול מיט טרערן ביים געזעגענען זיך, און אַט שרייב איך די שורות פאַר אַ בוך צו זיין אָנדענק. אומגלויבלעך, אָבער אַ פאַקט. אַ טרויעריקער, אָבער עס איז געשען...

דעם חבר אָסקאַר האָב איך געקענט פון זיינע וווּנדערבאַרע פּאָלעמישע אַרטיקלען נאָך אין פּוילן. איך האָב אים פאַרהערלעכט צוליב זיינע קלאָרע אַרגומענטן און געזונטער פּאָליטישער לאָגיק. פּערזענלעך האָב איך אים באַקענט, ביי זיין שרייב־טיש אין פּאַריז אין 1949, אַלס רעדאַקטאָר פון „אונדזער שטימע", און פון דאַן אָן זענען מיר פאַרבליבן נאָענטע חברים און פריינד.

אין 1956, האָב איך אים געטראָפן אין ישראל, ווי דעם רעדאַקטאָר פון די „לעבנס־פראַגן". בעת מיינע באַזוכן אין ישראל האָבן מיר זיך געטראָפן כמעט יעדן טאָג. די טעמע איז אַלעמאָל געווען דער „בונד" און די שוועריקייטן פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ישראל. דערביי האָב איך אויך געפילט זיין זאָרג וועגן מיר, ווי איך פאַרברענג אין ישראל און דער עיקר וועגן מיין געזונט. אין אים האָב איך באמת געפילט סיי דעם בונדיסט, און סיי מיינעם אַ פערזענלעכן פריינד. דאָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אין זיינע פּריוואַטע בריוו צו מיר. וואָס איז געווען פול פאַראינטערעסירונג מיט מיין פּערזענלעך לעבן.

קיינמאָל האָט ער זיך נישט באַקלאָגט אויף זיין אייגענער לאַגע

און נישט דערמאָנט וועגן זיין געזונט־צושטאַנד, אָבער נישט אויפ־געהערט נאָכצופרעגן זיך וועגן מיין געזונט.

בעת מיין לעצטן באַזוך אין ישראל, סוף 1970, האָט ער ווי אַלעמאָל אַרויסגעוויזן זיין פּערזענלעכע זאָרג פאַר מיר און האָט אַלץ געטאָן, כדי מיר צו פאַרגרינגערן מיין פאַרברענגען דאָרט.

אָסקאַר האָט אויך דאָס מאָל גערעדט וועגן דעם אָרגאַניזאַציע־לעבן אין ישראל, וועגן די „לעבנס־פראַגן" וועגן די שוועריקייטן פון דער נאָכמיטאָג־שול, אָבער אַלעמאָל בצימצום און איך האָב געפילט, אַז ער טוט דאָס מיט אַ כיוון, כדי נישט צו צעשטערן אונדזער הייטערקייט און אָנצוהאַלטן אונדזער גוטע שטימונג.

ביי מיין אָפּפאָרן איז זיין געזעגענען זיך מיט מיר געווען אינטים און האַרציק, נאָענט און זאָרגעוודיק. מיר האָבן זיך געקושט און געזעגנט... איך האָבן קיין זאַך נישט אַרויסגעפילט און אוודאי נישט געהאָט די זאָרג פאַר זיין געזונט. ער האָט מיר מיט קיין זאַך נישט דערמאָנט וועגן זיין געזונט און געוויס, כדי נישט צו שטערן די הייטערקייט און די גוטע שטימונג פון זיין גאַסט.

ווען די שרעקלעכע בשורה איז צו מיר דערגאַנגען האָב איך ערשט דערפילט און זיך דערמאָנט זיינע פולע אויגן מיט טרערן, ווי ער וואָלט געפילט, אַז מיר זעען זיך צום לעצטן מאָל...

אין אָסקאַרן האָב איך פאַרלוירן דעם פאַרטיי־חבר און פּער־זענלעכן גוטן פריינד. ווי אַזאַ וועל איך אים שטענדיק געדענקען. ער פעלט מיר... ווי ער פעלט דער בונדישער פאַרטיי.

נחמן בלומענטאַל

אַרטוסקי

ווען איך קלער היינט וועגן אַרטוסקין, ווען ס׳קומט מיר אויפן זינען זיין נאָמען, דאכט זיך מיר, ווי כ׳וואָלט אים געקענט זייט יאָרן, נאָך פון פאַרן „מבול", פון „תמיד" אָן בעת פאַקטיש האָב איך זיך מיט אים באַקענט ערשט דאָ, אין ישראל, אייניקע יאָרן נאָך דעם, ווי איך בין אַהער „עולה געווען".

געשען איז דאָס גאַנץ צופעליק, כ׳האָב אומפאַרהאָפט גייענדיק אויף דער אַלענבי־גאַס געטראָפן מאָטל קושניר. כ׳האָב נישט גע־ווּוסט, אַז אויך ער געפינט זיך שוין אין ישראל. מיר האָבן זיך אָפגעשטעלט, וואַרעם באַגריסט און אָנגעהויבן שמועסן. געווען איז דאָס אַ שמועס, ווי ס׳פירן אים יידן, וואָס זענען געקומען אין אַ ניי (אַ געשווירענער ציוניסט וואָלט דאָ געזאָגט „אַלט־ניי") לאַנד.

מיט קושנירן גופא האָב איך זיך באַקענט נאָך דער מלחמה — בעת מיין אַרבעט אין דער צענטראַלער יידישער היסטאָרישער קאָמיסיע, וואָס איר זיצאָרט איז דעמאָלט געווען אין לאָדזש (זינט 8־טן מערץ 1945).

קושניר איז געווען אונדזער קאָרעספּאָנדענט פאַר טשענסטאָ־כאָוו, זיין היימשטאָט. אַ יונגער, שיינער, לעבנסלוסטיקער און... עלעגאַנטער בחור פלעגט ער פון צייט צו צייט קומען צו אונדז קיין לאָדזש, און ברענגען מיט זיך וויכטיקע דאָקומענטן, פאָ־טאָגראַפיעס, עדויות פון יענער צייט, וואָס ער האָט איבערגעלעבט אין זיין היימשטאָט. פון אים האָבן מיר אויך באַקומען די ערשטע אויטענטישע פרטים פון ידישן אונטערערד, וואָס איז געווען טעטיק אין זיין קאָנט, צו וועלכער אויך ער האָט געהערט. באַ־קענענדיק זיך מיט אים נעענטער — בין איך געוויער געוואָרן,

אַז ער איז אַ בונדיסט (פון פאַר דער מלחמה) און אַז אויך נאָך דער באַפרייאונג האָט ער זיינע אַנשויונגען נישט געענדערט. עס האָט זיך צווישן אונדז געשאַפן (אַזוי מיין איך) אַ צוטרוי און נאָענטקייט.

נאָך אַזאַ נאָענטקייט פון מענטש צו מענטש, וואָס איז אין יענע באַדינגונגען און אין יענעם פּעריאָד געווען אַ נאַטירלעכע דער־שיינונג, בענקט זיך טיילמאָל דאָ, ווען מיר זענען צווישן אונדז — אין אַ דעמאָקראַטיש־פרייער מדינה.

איז מען איצט אַזוי געשטאַנען אין מיטן גאַס און גערעדט — צום סוף זאָגט מיר קושניר: איר ווייסט, מאָרגן אינדערפרי, שבת, קומט פאַר דאָ און דאָ אַ פייערונג פון „בונד", איך פאַרבעט אייך קומען און דערלאַנגט מיר אַן איינלאַדונג און איך בין געקומען. ערגעץ אויפן ברעג ים, אין אַן אַלטן, האַלב חרובן פּאַרטער־הייזל אַ פולער זאַל מיט מענטשן. אויף דער בינע אַ פּרעזידיאַל־טיש מיט אַ גרינעם טוך באַדעקט, הינטערן טיש אַ ריי מענטשן.

אַלע רעדן דאָ יידיש. כ'האָב זיך דערפילט, ווי כ'וואָלט געווען אין וואַרשע אויף אַ יידישער מאַסן־פאַרזאַמלונג — גאַנץ היימיש. אויך די יידיש־רעדנדיקע רעדנער האָבן באַרירט פּראַגן, וואָס זענען מיר נישט פרעמד געווען אין יענע צייטן: יידישע צייטונגען, יידישע שולן, יידיש טעאַטער (טאַקע אַלץ אין יידיש!).

איינער פון די אויבן זיצנדיקע האָט געהאַלטן אַ גאַר פלאַמיקע רעדע — עמעץ פון די נעבן מיר זיצנדיקע האָט מיר אַ שעפּטשע געטאָן: דאָס איז אַרטוסקי. אַזוי האָב איך זיך מיט אים באַקענט...

צום סוף קומט צו מיר צו קושניר, פרעגט מיך, ווי אַזוי ס'איז מיר „געפעלן". ער שטעלט מיר פאָר אַ ריי פּערזאָנען: צאַלעוויטשן, אַרטוסקין א. א. ביים געזעגענען זיך זאָגט צו מיר אַרטוסקי: אפשר וואָלט איר עפּעס אָנגעשריבן פאַר אונדזער צייטשריפט „לעבנס־פּראַגן?"

צו מאָרגנס האָב איך געבראַכט אַן אַרטיקל טאַקע וועגן דעם פּרימאָרגן. פון דעמאָלט אָן האָב איך פון צייט צו צייט געדרוקט זיך — ווי מען זאָגט אין ליטעראַרישן זשאַרגאָן — אין די „לעבנס־

פּראַגן״. אַזוי האָב איך זיך מיט אַרטוסקין אָנגעהויבן אָפטער צו טרעפן.

בקרוב האָט זיך דער לאָקאַל פון „בונד״ איבערגעטראָגן אין זיין אייגענעם לאָקאַל, אויף קאַלישער 48, נאָענט צום אָרט, ווו איך האָב געוווינט. דאָס האָט אויך דערמעגלעכט אָפטער אַריינצוקומען אין לאָקאַל: זען אַ יידישע צייטשריפט, לייענען אַ יידיש ביכל און דער עיקר כאַפּן אַ שמועס מיט מיין אַלטן באַקאַנטן קושנירן און מיטן נייעם באַקאַנטן אַרטוסקין.

בעת די באַגעגענישן מיט אַרטוסקין — אין פּאַרטיי־לאָקאַל, צי דערנאָך ביי מיר אין דער היים — האָט מען קודם כל אָנגעהויבן מיט דעריננערונגען וועגן דער אַלטער היים. און ס׳איז געווען וועגן וואָס צו רעדן! ווייזט אויס, אַז די טעמע איז פאַר אונדז ביידן געווען אַ נויטווענדיקייט, אַ פּסיכישע באַדערפעניש. מ׳האָט גערעדט וועגן וואַרשע, „יידישע מאַסן״, קאַמינסקי טעאַטער אויף דזיעלנאַ, יידיש־וועלטלעכע פאָלקס־שולן, יידישע שול־אָרגאַניזאַציע (ציש״אָ), וועגן אירע אָנפירערס, וואָס זענען מיר געווען נאָענט און גוט באַקאַנט. וועגן די אָנפירער פון דער צענטראַלער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע האָט אַרטוסקי געוואָלט וויסן וואָס מער און מער. קודם כל האָב איך דערציילט ווי חיים שלמה קאַזשדאַן, וואָס האָט ביי זיין אַריבערקומען פון סאָוויעט־רוסלאַנד קיין פּוילן זיך אַ שטיקל צייט אויפגעהאַלטן אין מיין היימשטאָט באַרשטיוו, שפּע־טער איז אויך אָנגעקומען זיין פרוי מיטן אייניאַריקן ראַפּיקן און געוווינט אין אונדזער שטוב. מיט זיי צוזאַמען איז אויך געקומען דער באַקאַנטער פּעדאַגאָג־פילאָזאָף, נאַטור־פאָרשער (און וואָס נישט?) אברהם גאָלאָמב. פון דאַנען זענען זיין דערנאָך אָפּגעפאָרן קיין וואַרשע... נאָך אַזעלכע באַקאַנטשאַפטן איז נישט קיין חידוש, וואָס איך בין דערנאָך אַריינגעצויגן געוואָרן אין די אַקציעס פון דער יידישער שול־אָרגאַניזאַציע: אַרויסגעטרעטן אויף אַקאַדעמיעס, געשריבן אַרטיקלען פאַרן זשורנאַל „שול און לעבן״ און אין ליטע־ראַרישן זשורנאַל „פאַרויס״, אין וועלכן אויך אַרטוסקי איז געווען אַן אָנגעזעענער מיטאַרבעטער.

מיר האָבן אין די שמועסן אויפגעלעבט זכרונות, וואָס זענען

אונדזביידן (ביי מיר ביז היינטיקן טאָג) געווען אַזוי טייער, נישט געקוקט אויף די אַלע רדיפות, וואָס מיר האָבן דאָרט געהאַט אויס־צושטיין!

אַז די קאָנטאַקטן מיט אַרטוסקין אין בית קאַלישער 48 האָבן מיר געמאַכט לייכטער די חבלי־קליטה אין ישראל, וואָס איז גאָר־נישט קיין לייכטער פּראָצעס! מ׳האָט זיך אָראָפּגערעדט פון האַרצן — איז געוואָרן לייכטער. מ׳האָט זיך געגרויסט מיט די אַמאָליקע דערגרייכונגען! העכער 200 לערנאנשטאַלטן (מיט יידיש ווי די לערנשפּראַך) אין אַמאָליקן פּוילן, פּעדאַגאָגישע זשורנאַלן, שול־אויסשטעלונגען, ביכער־אויסגאַבעס וכו׳, וכו׳. און ווו איז דאָס אַלץ היינט?! אַזוי פלעגן מיר אָפט שמועסן און אין דער נייער ווירקלעכקייט געזוכט אַ שטיקל נחמה...

ווען עמעץ האָט מיך דאָ אָנומלט אין אַ געזעלשאַפט אַ פרעג געטאָן: וואָס טוט דאָ אין ישראל דער „בונד״? האָב איך אים גלייך געענטפערט: „בונד״ אין ישראל איז אַ קליינער סוכנות, וואָס העלפט אויפצונעמען דאָ יידן מיט קולטורעלע אונטערנעמונגען (דראַמאַטישער קרייז, כאָר, פאָרלעזונגען, ביבליאָטעק, יידיש לערנען פאַר קינדער און דערוואַקסענע), וואָס זענען צום האַרצן פון נייעם עולה, ווייל עס רופט ביי אים אַרויס אַ געפיל פון היימישקייט. לויט מיין מיינונג העלפט דער „בונד״ אויך ביים פאַרשטאַרקן די טוריס־טיק קיין ישראל. איך קען טוריסטן־יידן, וואָס ווען זיי קומען אַהער פון דער גרויסער וועלט (אַמעריקע, אויסטראַליע) צום ערשטן מאָל, איז זייער ערשטע פראַגע, ווו עס איז די קאַלישער גאַס. דאָס זענען געוועזענע בונדיסטן, צי אפשר זענען זיי עס נאָך ביז היינט צו טאָג און עס ציט זיי צו זייערע אַמאָליקע שורשים? אין ישראלדיקן „בונד״ באַקומען זיי במקום פון זייער אַמאָליקער היים.

די נשמה פון דער גאַנצער — גענוג קאָמפּליצירטער — אַרבעט אויף קאַלישער 48 איז געווען י. אַרטוסקי אין משך פון אַ ריי יאָרן. ווער ס׳האָט אים געזען ביי דער אַרבעט, ווער ס׳האָט אים געהערט רעדן אויף אַן עפנטלעכער פאַרזאַמלונג, האָט געמוזט זיך איבערצייגן, אַז ער לייגט אַריין אין דער אַרבעט זיין גאַנצע נשמה; ער רעדט מיט פייער, פון האַרץ אַרויס. ער האָט געגאַרט

צו ראַטעווען דאָס ביסל, וואָס איז נאָך געבליבן פון גרויסן „בונד״ פון אַמאָליקן פּוילן. ער האָט געפּרעדיקט יידישקייט אין אַ גאַנץ אַנדערן זינען, ווי דאָס ווערט פאַרשטאַנען ביי אונדז ביים שטעלן די פראַגע: „מיהו יהודי״? און געטאָן האָט ער דאָס מיט ברען, מיט התלהבות. געטאָן האָט ער דאָס מיטן זעלבן ברען אויך אין די יאָרן, ווען זיין געזונט-צושטאַנד האָט אים שוין דאָס מער נישט דערלויבט. זיין יוגנטלעכער ענטוזיאַזם האָט אים נישט געלאָזט אָננעמען די וואָרנדיקע עצות פון די דאָקטוירים. און דאָס האָט פאַרשנעלערט זיין פּריצייטיקן טויט. חבל...

רחל מינץ

אָסקאַר אין צער און אין ליכט

נישטאָ אויף דער וועלט, דוכט זיך, נאָך אַ דערשיינונג, וואָס זאָל זיין אַזוי שווער צוטריטלעך, ווי דאָס איז דער מענטש אַליין. ווער איז עס דען מסוגל צו פאַרשטיין די טיפענישן פון זיין נשמה, ווער קאָן דען אַריינדרינגען אין דעם פאַרבאָרגענעם שטח פון דעם מענטשנס איינזאַמקייט און פון זיינע אינערלעכע ראַנגלענישן?

אָט לעבט־אויף אָסקאַר אין אונדזער זכרון: אַן אומבויגזאַמער, שטאַרקער כאַראַקטער, אַן אויסגעהאַלטענער דענקענדיקער מענטש מיט אַ געזונטער, גראַדליניקער לאָגיק — און אין דער זעלבער צייט אַזאַ פילבאַרער און האַרציקער, מיט אַזויפיל מיטבאַטייליקונג אין יענעמס ליידן, אין יענעמס ווייטיקן און איבערלעבונגען. פון זיין יוגנט אָן געווען אַן אויפריכטיקער קעמפער פאַר סאָציאַלן יושר, פאַר מענטשלעכער ווירדע. זיין יעטוועדע טעטיקייט איז געווען אַלעמאָל געווידמעט די דאָזיקע צוויי הייליקייטן פון זיין לעבן. פאַר זיי איז ער אַלעמאָל גרייט געווען מקריב צו זיין זיך און אַלדאָס טייערסטע, וואָס ער האָט פאַרמאָגט; זיי האָט ער אַלע־מאָל געווידמעט זיינע ערלעכע הענט, זיין געטריי האַרץ און זיין דיסציפּלינירטן מוח. און ווען ער האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט פאַרבלאָנדזשעט אויפן וועג, אַז דער וועג, וועלכן ער האָט אויס־געקליבן האָט אים פאַרפירט אין אַ פאַלשער ריכטונג — האָט ער געהאַט מוט זיך מודה צו זיין אין זיין טעות און האָט געמאַכט דעם חשבון הנפש און אַרויסגעצויגן די אַנטשפּרעכנדיקע מסקנות — בלייבנדיק ווייטער געטריי זיין אינערלעכער לויטערקייט.

צווישן די אומצאָליקע פּאַפּירן, באַשריבענע מיט אַרטיקלען,

עסייען און מחשבות, וואָס אָסקאַר האָט איבערגעלאָזט, האָט זיין טרייע פריינדין און לעבנס־באַגלייטערין, העלאַ, אָפּגעפּונען צוויי שירים. נישט קיין לידער וועגן אַרבעט און קאַמף, נישט קיין אידעאָלאָגיש־פּראָגראַמאַטישע, ווי עס זענען געווען זיינע אַרטיקלען, נאָר לירישע שירים, אין וועלכע עס שפּיגלט זיך אָפּ יענע פיל־באַרע סענסיטיווע נשמה זיינע, די וואָס ער האָט געהאַט פאַרבאָרגן אין זיך, אינטים פאַר זיך אַליין.

מעגלעך, אַז עס וועלן זיך געפינען צווישן זיינע חברים אַזעלכע, וואָס וועלן פרעגן מיט שטוינונג: ווי קומט עס, אַז דער דאָזיקער אָפּטימיסטיש גלוביקער סאָציאַליסטישער קעמפער זאָל זיך האָבן געלאָזט פאַרטראָגן אויף די כוואַליעס פון יאוש און צער?

ביי אָסקאַרן אין דאָס אָבער געווען אַ טייל פון זיין פילזייטיקער פּערזענלעכקייט, אַ טייל פון זיינע אמתן, מיט וועלכע ער איז געבליבן טריי זיך אַליין. אָסקאַר דער זשורנאַליסט, דער ראַציאָנעלער אַנאַליטיקער אין זיינע אַרטיקלען, האָט אָבער זיינע אינטימע געפילן, די וויי־געשפּרוכן פון זיין נשמה אויסגעקליבן אַרויסצוברענגען דווקא אין דער פאָרם פון ליד.

אין אַן אַרטיקל שמועסט מען געוויינלעך זיך אויס מיט אַנדערע; אין אַ שיר שמועסט מען זיך אויס מיט זיך אַליין — אין דער שטילקייט פון אַ סודותפולער שעה פון איינזאַמקייט.

„...אַן אינערלעכער אומרו פרעסט מיך
און נאָגט דאָס בלוט פון מיין נשמה"...

אַזוי שרייבט ער צוו. אַנד. אין איינעם פון די צוויי שירים, וואָס זענען געפונען געוואָרן צווישן זיינע איבערגעלאָזטע שריפטן. ווי העלאַ גלויבט, האָט ער זיי אָנגעשריבן אין טעהעראַן, וווּהין ער איז אָנגעקומען פון ראַטנפאַרבאַנד אין יאָר 1943, אינמיטן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. אָסקאַר, דער תמיד גלויביקער, דער אָפּטימיסט, שטייט דאָ צווישן שוואַרצע חורבות, צוויי פאַרלוירענע וועלטן — אַרום אים און אין אים גופא, אין זיין פיינפילנדיקער נשמה. פון איין זייט שטייט הינטער אים די איינגעבראָכענע וועלט פון זיינע יוגנט־אידעען, פון זיינע טראַגישע דערפאַרונגען אין דעם סטאַליניסטישן רוסלאַנד, אין דעם לאַנד פון געפעלשטן „סאָציאַ־

ליזם״, וואָס פאַר זיין רעאַליזירונג האָט ער געקעמפט מיט איבער־געגעבנקייט, און האָט פאַר דעם אַזוי טייער באַצאָלט; און פון דער אַנדערער זייט — דער אונטערגאַנג, דער אַזוי טראַגישער אונטערגאַנג פון דעם יידישן לעבן אין די פלאַמען פון אוישוויץ, און דער טויט פון זיינע נאָענטסטע — פון זיין פרוי און קינד...

צווישן אָט די צוויי פאַרלוירענע וועלטן האָט אָסקאַר געפּרוווט אויפהאַלטן דאָס פלעמל פון גלויבן אין אַ בעסערער וועלט. צווישן די צוויי באַרבאַרישע וועלטן פון אומקום און פאַרוויסטונג, איז אָסקאַר געשטאַנען ווי אַ פאַרווונדערטער ביים אָנהויב, אין יענער פינצטערער תקופה, ווען ער האָט אָנגעשריבן די צוויי לידער אין טעהעראַן,

„פאַרלאָזט פון אַלע און פאַראיינזאַמט
אין מיין טיפן מענטשן־שמערץ
פאַלט פאַנאַנדער זיך מיין לעבן״...

אָדער ווי ער שרייבט אין אַ צווייטן אָרט:

„...כ׳בין אוממעכטיק אין מיין וויטיק,
הילפלאָז אין מיין פיין —״

פאַר יעדן איינעם, פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק האָט זיך דאַן, אין די יאָרן פון חורבן, איינגעבראָכן די וועלט. אָבער עס איז קיין אַנדערע ברירה נישט געווען, ווי אָנהייבן פונדאָסניי, צוזאַמענגעמען די מידע ביינער און לאָזן זיך גיין. אָבער — וווהין גיין? מיט וועמען, צו וועמען?..

און אָסקאַר, דער מוטיקער און דרייסטער קעמפער פאַר יושר און פאַר מענטשלעכקייט, איז אויפגעשטאַנען פון דעם אַש און פון צער — און האָט אָנגעהויבן ווידער גיין דעם וועג. מיטן צער פון זיין דערפאַרונג, און מיט נייעם גלויבן. דעם גלויבן אין מענטש האָט ער טראָץ אַלעם נישט פאַרלוירן.

אין די צוויי שירים, אין אָט די אויפריכטיקע דיאַלאָגן פון אַ מענטשן מיט זיין אייגענער איינזאַמקייט, מוזן מיר נישט זוכן קיין קינסטלערישע ווערטן — ער האָט צו דעם נישט פּרעטענ־דירט, כאָטש ער האָט געהאַט אַ באַזונדערע פאַרערונג פאַר קונסט און פאַר אַלדאָס שיינע. דאָס איז געווען אַן אויסגעשריי פון זיין

נשמה — אין מינוטן פון אויפריכטיקן יאוש. אָבער ער אַליין האָט זיך נישט מיאש געווען פון זיין יאוש און האָט געגלויבט אין דער צוקונפט, האָט מיט זיין גלויבן אויך אָנגעשטעקט אַנדערע, דער־צויגן זיי צו גלויבן.

איך זע פאַר זיך דעם הערלעכן שמייכל פון מיין פריינט אָס־קאַר. ער איז גראָד דאַן געקומען פון אַ בונדישער קינדער־היים, וואָס האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו דערוועקן אין די אָרעמע יידישע קינדער אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום לעבן. אין זיי, אין די קינדערלעך, האָט ער געזען די לויטערע, גליקלעכע צוקונפט. ווי גוט עס איז צו זען — האָט ער מיר געזאָגט — ווי די קינדער לערנען זיך און אַנטוויקלען זיך גוט...

און אָט קוק איך אַריין אין זיין שיר, און איך לייען די שטי־מונגס־ווערטער פון זיין מאָמענטאַלן יאוש:

„...ס'איז פאַרשאָלטן מיין געביין,
ס'וועט מיך קיינער נישט בענטשן
אַפילו אין מיין לעצטער רו אַריין"...

אין יענע זעלטענע מינוטן פון פאַרצווייפלונג, שטייענדיק אַן איינזאַמער צווישן צוויי איינגעפאַלענע וועלטן, האָט זיך אָסקאַר אָבער נישט פאַרגעשטעלט וויפל איבערגעגעבענע פריינט ער פאַר־מאָגט, וויפל דרך־ארץ און פאַרערונג ער האָט דערוועקט צו זיך און צו זיין גייסטיקער דערהויבנקייט, וויפל אויפריכטיקן טרויער ער האָט איבערגעלאָזט אין די הערצער פון די הונדערטער חברים, וואָס האָבן אים צוזאַמען מיט העלען באַגלייט צו זיין לעצטער און אייביקער רו...

משה בעסער

באַגעגענישן מיט אָסקאַרן

זומער 1939 האָבן מיר געוווינט אין נאָענטער שכנות, אויף לעשנא 42, אין וואַרשע, אויפן 6־טן שטאָק. יעדן טאָג, ווען איך פלעג אהיימקומען פון דער אַרבעט, בין איך שוין געבליבן אין שטוב, כדי נישט דאַרפן „זיך אַרויפשלעפן" אויף די 6 שטאָק־שטיגן נאָכאַמאָל. געוויינלעך פלעג איך פאַרברענגען די צייט ביים לייענען, נאָר אויב אָסקאַר איז געווען אין שטוב פלעגן מיר פאַר־ברענגען די צייט אין שפּילן שאָך און ביי דער געלעגנהייט פלעגט אָסקאַר מיר דערציילן סודות מאחורי הפּאַרטיי־פּרגוד. דאָס פלעגט דויערן ביז אַכט אַזייגער ווען אָסקאַר האָט אָנגעשטעלט דעם ראַדיאָ אויף האָסקווע־„ראַדיאָ־סטאַנציאַ אימעני קאָמאינטערנאַ".

דאָנערשטיק, דעם 31־טן אויגוסט האָבן מיר ווי געוויינלעך געשפּילט שאָך און אָסקאַר האָט מיר דערציילט וועגן זיינע נאָענטע פּאַרטיי־שליחותן: דעם ערשטן טאָג ראש השנה דאַרף ער זיין אין נאָווידוואָר, דעם צווייטן טאָג אין קאַלושין, יום כפּור איז דאָך געוויינלעך די שטאָטישע קאָנפערענץ, דאַן קומען די ערשטע טעג סוכות און די צווייטע טעג. מיט איין וואָרט פולע הענט מיט פּאַרטיי־אַרבעט. ס׳האָט אויסגעשלאָגן אַכט אַזייגער און אָסקאַר האָט ווי יעדן אָוונט אָנגעשטעלט זיין ראַדיאָ אויף מאָסקווע. אויף די ראַדיאָ־כוואַליעס האָט זיך געטראָגן מאָלאָטאָווס פּאַריסענע, זעלבסט־זיכערע שטים, ער לייגט פאָר דעם „וויערכאָווני סאָוויעט" צו ראַ־טיפיצירן דעם נישט אָנגריף — אָפּמאַך מיט דייטשלאַנד. (דער באַ־קאַנטער סטאַלין־היטלער אָפּמאַך), וואָס איז געווען אַ טויט־אורטייל אויף זעקס מיליאָן יידן און מיליאָנען מענער, פרויען און קינדער פון אַנדערע פעלקער. — כ׳האָב מורא, אָסקאַר, אַז איר וועט דאַרפן

ענדערן דעם רייזע־פּלאַן, האָב איך געזאָגט, און אָסקאַרס פּרוי האָט זיך אַרויסגעכאַפּט „די לעצטע שטרוי האָט זיך איבערגעריסן".

די שאַך־פּאַרטיע האָבן מיר שוין נישט געהאַט קיין געדולד צו ענדיקן, נאָר דיסקוטירט וועגן דער נייער לאַגע. מיט שלעכטע פּאָרגעפילן זענען מיר זיך צעגאַנגען.

צומאָרגנס, פרייטאָג, דעם ערשטן סעפּטעמבער האָבן שוין היטלעריש̈ע עראָפּלאַנען געזייט טויט און פּאַרוויסטונג אומעטום ווי זיי האָבן דערגרייכט, און דערגרייכט האָבן זיי איבער אַלע ארבע פינות פוילן.

דעם ערשטן טאָג פון דער מלחמה האָבן די דייטשע עראָפּלאַנען נישט באַמבאַרדירט וואַרשע, האָט מען דעריבער געקאָנט נאָך אַלץ גיין צו דער אַרבעט. איך האָב געאַרבעט און אַ גרויסן האָלץ־סקלאַד נעבן מזרח וואָקזאַל. דאָרט איז אויך געווען אַ שאָפּע פּאָר גאַז־מאַסקעס; פלעגן קומען פאַרשידענע אָפיצירן און דערציילן ניסים ונפלאות וועגן „אונדזערע זיגן", אַז אונדזער אוויאַציע האָט באַמ־באַרדירט בערלין, אַז דער ענגלישער פלאָט איז שוין אויפן וועג קיין דאַנציק. פאַרשטייט זיך אַז מיר, אין אונדזער האָפנונגסלאָזער לאַגע, האָבן געגלייבט אין די אַלע בלאָפערייען. אין אָוונט האָב איך זיך געטיילט מיט אָסקאַרן מיט די אַלע קלאַנגען און ער האָט מיר דערציילט וואָס מען שמועסט אין דער רעדאַקציע. שפּעטער ערשט האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז סיי די קלאַנגען, וואָס איך האָב געבראַכט און סיי די קלאַנגען וואָס אָסקאַר האָט געבראַכט, זענען געווען מיליטערישער בלאָף מיט דער אויסרעכענונג צו הייבן די מאָראַל.

די געשעענישן האָבן זיך גענומען אַנטוויקלען מיט אַ גע־וואַלטיקער שנעלקייט. פון טאָג צו טאָג איז די לאַגע געוואָרן שווע־רער און עס האָט זיך אָנגעהויבן דאָס גרויסע געלויף און מיר אַלע זענען געוואָרפן געוואָרן ווי שפּענדלעך פון אַ צעבראָכענער שיף אויף די שטורמישע כוואַליעס פון די געשעענישן.

זומער 1941 בין איך, מיט נאָך אַנדערע „ביעזשענצעס" אָנ־געקומען קיין בוכאַראַ. וועגן בוכאַראַ האָב איך אַזויפיל געוווסט, אַז עס זענען פאַראַן בוכאַרער יידן, אָבער וווהין גיין, האָב איך נישט געהאַט קיין אנונג. וואַנדער איך אַזוי איבער די ענגע, שמאלע

און גע̇דרייטע בוכאַרער געסלעך. פּלוצעם דערהער איך ווי עס רופט ווער: משה! איך קוק זיך אום און שריי אויס, פּרץ! (פּרץ גוטערמאַן, היינט אין פּאַריז). איך דערוויס זיך אַז אין בוכאַראַ איז דאָ אַ גרופּע חברים: גערצאַוויטש, דוד באַטיסט פון טאַרנאָוו, (געשטאָרבן אין בוכאַרע), און אַנדערע. ווי שנעל עס ענדערט זיך דער פּסיכי־שער צושטאַנד פון אַ מענטש; אַט בין איך געווען איינזאַם און כמעט פאַרצווייפלט, ס'איז אָבער גענוג געווען צו טרעפן אַ נאָענטן חבר און באַלד ווערט אַזוי וואַרעם און איך ווער פול מיט האָפע־נונג.

בוכאַראַ איז געווען אָפּגערוקט טויזנטער קילאָמעטער פון פראָנט, אָבער דער כאַאָס, און באַלאַגאַן איז געווען אַזוי גרויס, אַז מען האָט געקאָנט מיינען אַז דער פראָנט געפינט זיך אונטער דער שטאָט. קיין ברויט־קאַרטן זענען נישט געווען, האָט מען זיך „באשעפטיקט" מיט שטופּן זיך נעבן „בודעס" וווּ מען האָט „גע־געבן" ברויט. אין דער הינזיכט איז פּרץ געווען קאָנקורענצלאָז. נאָך איידער מיר האָבן זיך באַוויזן אַריינצושטופּן צווישן דער מאסע האָט שוין פּרץ אַרויסטריומפירט פון דער געדיכטער מאסע פאַר־שוויצט מיט איינס אָדער צוויי ברויטלעך. און נאָכדעם כטוב לב בברויט זענען מיר אַוועק אין שטאָטישן סקווער און „ארומגערעדט די לאגע", דערמאָנט אַלטע צייטן, געשעענישן, מענטשן.

איינמאָל, זיצנדיק אין סקווער, זע איך פונדערווייטנס ווי עס גייט אַ „ביעזשענעץ". ער גייט מיט אַזעלכע וואַקלדיקע טריט ווי אויף אַ גליטש, קוקט אויף די בענק ווי ער וואָלט עמעצן גע־זוכט. וואָס מער ער האָט זיך דערנענטערט. אַלץ מער האָט ער אויסגעזען צו זיין מער באַקאַנט. פּרץ קוקט זיך אום און מיט אַמאָל האָבן מירביידע צוזאַמען אויסגערופן: אָסקאַר!

פון דעמאָלט אָן פלעגן מיר זיך טרעפן, די גאַנצע גרופּע יעדן טאָג, אָבער אָסקאַר האָט זיך באַמיט וואָס ווייניקער צו ווייזן אין דער עפנטלעכקייט. גאַנצע טעג איז ער געזעסן אין דער שטאָטישער ביבליאָטעק און געליינענט. איך האָב אים איין מאָל געפרעגט, „אָסקאַר, ווו האָט איר אַזויפיל געדולד היינט צו לייענען ביכער זשורנאַלן, ווען אַנדערע האָבן אַפילו נישט קיין געדולד צו

לייענען אַ צייטונג ?". „אין דער תפיסה", האָט ער מיר אויפ־געקלערט, האָב איך זיך אויסגעלערנט צו „פאַרלייענען" דעם הונגער". אַחוץ דעם האָט ער נישט געהאַט דעם מינדעסטן צוטרוי צו די אַלע „אודאָסטאָווערעניעס", וואָס איטלעכער פון אונדז האָבן געמיינט, אַז מיר קענען אויף זיי שטעלן ווי אויף אַן אייזערנער בריק. „אַז עס וועט זיך זיי לוינען וועלן זיי דאָס באַטראַכטן פאַר שטיקלעך אשר־יצר־פּאַפּיר, האָט אָסקאַר צוגעגעבן, דאָ הערשט דאָס געזעץ פון געזעצלאָזיקייט". ווען לעאָן אַלער האָט אונדז שפּעטער געבראַכט די ביטערע נייעס קיין טאַשקענט, אַז ערליך און אַלטער זענען ווידער אַרעסטירט, האָב איך זיך דערמאָנט אין אָסקאַרס ווערטער.

אין בוכאַראַ איז אונדזער איינציקע שפּייז געווען ברויט און קישמיש. אָבער אויף דעם דאָרף מען אויך האָבן געלט און דאָס געלט, וואָס מיר האָבן געהאַט, האָט זיך אויסלאָזט. אַלע אונדזערע פּרוּוון זיך צו פאַרבינדן מיט די חברים ערליך און אַלטער אין קויבישעוו האָבן נישט געגעבן קיין שום רעזולטאַט. מיר האָבן באַשלאָסן צו שיקן אַ דעלעגאַציע קיין קויבישעוו. די דעלעגאַציע איז באַשטאַנען פון מיך מיט גערצאָוויטשן. מיר זענען דערפאָרן ביז טאַשקענט און דאָרט האָט אונדז דער פאָרשטייער פון דער פּוילישער אמבאַסאדע, קוואַפּינסקי פאַרהאַלטן, וואָרענענדיק אונדז, אַז אויב מיר ווילן פאַרפאַלן ווערן אויפן וועג, אַזוי אַז קיינער זאָל נישט וויסן ווו אונדזער געביין איז אהינגעקומען, קענען מיר פאָרן ווייטער. פאַרשטייט זיך אַז פון אַזאַ פּערספּעקטיוו האָבן מיר נישט געוואָלט געניסן און זענען געבליבן שטעקן אין טאַשקענט.

אין יאָר 1947 האָב איך זיך געטראָפן מיט אָסקאַרן אין פּאַריז. די מלחמה־שרעקן זענען טאַקע שוין נישט געווען, אָבער די מלחמה־יסורים האָבן נאָך געדויערט און עס זענען אויפגעקומען נייע געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע פּראָבלעמען. אונדזערע פּאַריזער חברים האָבן דעמאָלט גראָד דיסקוטירט וועגן דער „פּוילן־פראַגע", מיר פּערזענלעך האָט זיך אויסגעדאַכט, אַז דאָס איז אַ דיסקוסיע צווישן בית שמאי און בית הלל וועגן ביצה שנולדה ביום־טוב. אַ ויכוח וועגן דער „פּוילן־פראַגן" ? איך האָב דערפילט

אַ סאַטיספאַקציע, ווען אָסקאַר האָט מיר געזאָגט מיט אַ שמייכל, אַז ער איז אין דער זעלבער מיינונג וואָס איך. און יענע צייטן האָט אָסקאַר בכלל שטאַרק געטראַכט און רעווידירט ביי זיך זיין שטעלונג צו יידישע פּראָבלעמען. דאָס יידישע פּאַריז האָט אים נישט גע־וואַרעמט און ווען איך האָב זיך שפּעטער דערוווּסט אַז אָסקאַר איז געפאָרן זיך באַזעצן אין ישראל איז דאָס געווען פאַר מיר אַ נייעס און אויך אַן איבערראַשונג.

אין ישראל פלעג איך זיך טרעפן מיט אָסקאַרן און פאַר־ברענגט מיט אים יעדעס מאָל ווען איך בין דאָרט געווען. אָסקאַר האָט זיך גוט געפילט אין ישראל און נאַטירלעך זיך אַקלימאַטיזירט אין דער דאָרטיקער סביבה. אין דעם פאַל איז ער נישט געווען קיין אויסנאַם. אויך אַנדערע בונדישע טוער, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין ישראל, האָבן זיך צוגעפּאַסט צו די דאָרטיקע גוטע אָדער שלעכטע באַדינגונגען.

ווען עס האָט זיך געהאַנדלט וועגן פּרינציפּיעלע פראַגן איז אָסקאַר נישט איינגעגאַנגען אויף קיינע פּשרות, אָבער אין פּער־זענלעכן לעבן איז ער געווען זער וואַרעם און צוגעלאָזן. שמועסנדיק מיט אָסקאַרן האָט מען קיינמאָל נישט געהאַט דאָס געפיל אַז מען שמועסט מיט אַ פּאַרטיי־פירער. ער איז געווען פשוט און צוגעלאָזן און פיינט געהאַט פּראָטאָקאָל. מיט זיין אָוועקגיין האָט די פּאַרטיי פאַרלוירן אַ טוער פון ערשטער מדרגה און מיר אַ גוטן, האַרציקן חבר.

יצחק קאַהאַן, מעלבורן

י. אַרטוסקי אין מעלבורן

(פון מיין נאָטיץ־בוך)

נישט פאַרצייכנטע איינדרוקן ווערן ס׳רוב אין לויף פון יאָרן פארגעסן אָדער פארבלאסט. דעריבער, ווען מען זאָל מיך היינט פרעגן, וואָס פארא איינדרוקן זענען מיר פאַרבליבן פון אַרטוסקיס באַזוך אין מעלבורן מיט אַ צענדליק יאָר צוריק, וואָלט איך קיין סך נישט געדענקט. זענען דאָך במשך פון דעם צענדליק יאָר פאַר־געקומען אַזוי פיל געשעענישן און איבערלעבענישן אין אונדזער לעבן, וועלכע זענען גורם עס זאָלן פארשאָטנט ווערן פריערדיקע פאסירונגען און איינדרוקן פון געוויסע געשעענישן, וואָס האָבן אונדז בשעתּם אַזוי אָדער אַנדערש באַווירקט. דעריבער זענען פאַר־צייכנטע איינדרוקן און מחשבות אין אַ נאָטיץ־בוך אַ נויטיקער הילפס־מיטל צו באַלעבן און אָפפרישן פארגאנגענע געשעענישן און פאַסירונגען.

האָב איך אַרויסגענומען מיין נאָטיץ־בוך און איבערגעלייענט מיינע פארצייכענונגען וועגן אַרטוסקיס באַזוך אין מעלבורן מיט וועלכע איך באַנוץ זיך אין מיינע ווייטערדיקע שורות.

אין כעמיע און אין ביאָלאָגיע איז באַקאַנט דער טערמין קאַטאַליסטן, די קליינע גרופע פערמענטן, וואָס באַווירקן די אויס־פורעמונג פון אָרגאַניזמען, ווערנדיק זייער טרייב־קראַפט.

אויך אין געזעלשאַפטלעכן לעבן שפּילן אַ גרויסע ראָל אָט די קאַטאַליסטן, זיי זענען דער מאָטאָר פון אַקטיוויטעטן. זיי באַווירקן, באַאיינפלוסן, זיי זענען די טרייב־קראַפט פון געזעלשאַפטלעכער דינאַמיק און שאפן אַ רוח חיים אינעם געזעלשאַפטלעכן אָרגאַניזם.

אַרטוסקי האָט געהערט צו דער גרופּע פון געזעלשאַפטלעכע פּערמענטן. ער איז געווען אַ דינאַמישער כוח צו באַוועגן מענטשן, אַרויסרייסן זיי פון זייער פּאַסיוויטעט און גלייכגילט צו פּאָליטישע און יידישע קולטור־פּראָבלעמען. ער האָט פאַרמאָגט אַן אומרואיק האַרץ און אַ דינאַמישן מוח און מיט די ביידע פאַקטאָרן האָט ער אָפּערירט אין זיין רעדן און שרייבן.

אַרטוסקין איז געווען ווילד פרעמד די אייגנשאַפט, וואָס קענטיקט זיך אין אונדזער צייט ביי אַזוי פיל „געוועזענע" פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טוער — נישט צו אנגאזשירן זיך מער אין אידייאישע שטרייטן פון פּאָליטישן צו קולטור־געזעלשאַפטלעכן כאראקטער. זיי זענען געוואָרן גלייכגילטיק — אין פיל הינזיכטן אויך ציניש — צו אידייען אין וועלכע זיי האָבן אַמאָל געגלויבט, געקעמפט פאַר זיי, אַוועקגעגעבן זייערע בעסטע כוחות און יאָרן, אַמאָל, אַמאָל...

ווייסן מיר זייער גוט פון וואַנען עס איז אויסגעוואַקסן ביי אַזעלכע מענטשן די פּירות פון אַנטוישונג ביז ציניזם. די סיבות זענען צו גוט באַקאַנט, מיר זאָלן זיך דאַרפן דאָ אויף זיי אָפּשטעלן און באַהאַנדלען.

אַרטוסקי האָט, מסתמא, אין פּאַריז און אין תל־אביב זיך אָנ־געטראָפן אויף פיל „געוועזענע". וועלכע ער האָט געפּרוווט אַרויס־שלעפּן פון פּאַסיוויטעט, און אפּאטיע (ביי אַנדערע אויך פון אויבן־דערמאָנטן ציניזם), באַווירקן זיי זיך צוריק אנגאזשירן אין דעם היינטיקן פּאָליטישן און געזעלשאַפטלעכן לעבן, צו שטעלן זיך ביי דער אַרבעט און נישט אַנטלויפן פון געזעלשאַפטלעכער אחריות, פון מיטבאטייליקונג אין די גרעראנגלען פון אונדזער היינטיקער צייט, אויף אַזאַ אָדער אַנדער אָפּשניט פון אונדזער יידישן געזעל־שאַפטלעכן לעבן.

ביי אַזעלכע דיסקוסיעס פלעגט אַרטוסקי ביי אונדז אין מעלבורן אָפט ציטירן אַ באַרימטע ציטאַטע פון ענגלישן פּאָעט דזשאָן דאאן:

„קיין מענטש איז נישט קיין אינדזל. יעדער מענטש איז אַ שטיק פון קאָנטינענט, אַ טייל פון אַלגעמיינעם. אויב אַ זאמדשטויב ווערט אַוועקגעשווענקט דורך אַ ים־כוואַליע ווערט אייראָפּע קלענער. דער

טויט פון אַ מענטש פאַרקלענערט מיך, ווייל איך בין אַ טייל פון דער מענטשהייט. דערפאר פרעג נישט קיין מאָל פאַר וועמען דער גלאָק קלינגט. ער קלינגט פאַר דיר". אַ צווייטן מאָל האָב איך אים געהערט ציטירן מאַרטין בובערס אַ באַוווסטן זאָג, אַז ווען אַ מענטש האָט אַן אמת דאַרף ער אים אויסרופן אַפילו אין אַ מדבר. נאַטיר־לעך דאַרף מען דאָס וואָרט „מדבר" נישט נעמען בוכשטעבלעך, ווייל אין דער סאַמע מיט פון שטאַרקן געזעלשאַפטלעכן טומל, קען אַ מענטשלעכע שטים אויך זיין אַ קול קורא במדבר, אָבער דאָס דאַרף נישט אָפּשרעקן.

אין מעלבורן, ווו די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט געשלאָגן טיפע ווארצלען און האָט שטארקע איינפלוסן אינעם קולטור־געזעלשאַפטלעכן לעבן פונעם ישוב, האָט אַרטוסקי געהאַט פאַר זיך אַ ברייטערע אודיטאָריע פאר זיין וואָרט און געדאַנק. ער איז געווען דער גאַסט פון דער מעלבורנער בונדישער אָרגאַניזאַציע, צו וועלכער ער איז געקומען אין שליחות פון קאָאָרדינירן־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק. אָבער אַ חוץ די געשלאָסענע פאַרזאַמלונגען מיט בונדיסטן האָט אַרטוסקי אויך געהאַט צוזאַמענטרעפן מיט אַ סך מענטשן, וואָס געהערן אַזוי צו זאָגן צו דער פּעריפעריע. ער האָט מיט זיי גערעדט, דיסקוטירט, און געזוכט זיי צו איבערצייגן, אַז זיי דאַרפן נישט שטיין מן הצד, נאָר ווערן אַקטיוו, זיך מיטבאַטייליקן אין דער אַרבעט.

מיר איז אויסגעקומען טיילמאָל בייצוזיין בעת זיינע שמועסן מיט פאַרשידענע מענטשן, „אַמאָליקע", וואָס האָבן פאַרלוירן דעם גלויבן אין אידעען בכלל און אויך אין דער סאָציאַליסטישער אידעע בפרט נאָכן פאַרזוכן דעם „זיסן" טעם פון סאָוועטישן „סאָציאַליזם", ווען זיי האָבן דורכגעלעבט שטאַרקע אַנטוישונגען, אינערלעכע ראַנגלענישן, ספקות...

אַרטוסקי האָט געזען, אַז אָט די מענטשן האָבן פאַרלוירן נישט נאָר זייער גלויבן אין אידעען, נאָר אויך דעם גלויבן אין מענטש. ער האָט גערעדט צו זיי, זיך געטיילט מיט זיינע אייגענע לעבנס־דערפאַרונגען, מסביר געווען מיט לאָגישע באַווייזן, און אויפקלע־רונגען מיט קרעפטיקע באַגרינדונגען פון ריכטיקע און געפעלשטע

אמתן. איך האָב אָבסערווירט די מענטשן, צי זיי הערן זיך איין און לייגן אַכט אויף זיינע אַרגומענטן, און כ'האָב באַמערקט, אַז די וואָס האָבן ווייטער דיסקוטירט מיט אים, זענען שוין געווען מילדער אין זייערע ניהיליסטישע רייד און טענות.

איך בין געזעסן איין מאָל מיט אים אין אַ קאַפע און גע־שמועסט. האָט זיך צוגעזעצט צו אונדזער טישל אַ „געוועזענער" פון קאָמוניסטיש־טראָצקיסטישן לאַגער און אָנגעהויבן אויף אַ צינישן אופן רעדן וועגן די וואָס זינגען אין די „זאַטע לענדער" דעם בונדישן הימן מיט אַזעלכע ווערטער ווי („פון אַרבעט און נויט"), וואָס פּאַסן זיך לגמרי נישט אַריין אין זייער היינטצייטיקן לעבנס־ניוואָ. דער טאָן פון רעדן איז געווען אַ באַליידיקנדיקער און גע־קענט שטאַרק אויפרעגן. אָבער אַרטוסקי האָט רואיק אויסגעהערט און געלאָזן אים געענטפערט אויף זיינע אַרגומענטן וועגן זינגען הימנס, ווו די ווערטער שיינען צו זיין „אָפּגענוצטע" — נישט צו־געפּאַסט צו די נייע באַדינגונגען אין דער נאָך־מלחמהדיקער וועלט.

צוערשט האָט אַרטוסקי אָנגעוויזן אויף דעם אונטערשייד צווישן „לאָגיש" און „פּסיכאָלאָגיש", וואָס זענען ביי דעם ייד אויסגעמישט געוואָרן אין איין טעפּל... „מיר לעבן דאָך נישט כולו לאָגיש, האָט אַרטוסקי אים אויפגעקלערט, נאָר אויך פּסיכאָ־לאָגיש און דאָס לעצטע איז געקניפּט און געבונדן מיט עמאָציעס, מיט פאַרשטעלונגס־קראַפט, מיט בילדער, וואָס מען טראָגט אין זיך פון דער פאַרגאַנגענהייט. איז ווען מען זינגט אַ הימן אויף אַ מאַסן־פאַרזאַמלונג מיט אַ באַשטימטן כאַראַקטער, וואָס איז פאַר־בונדן מיט דער טעטיקייט פון אַ פּאַרטיי, אַן אידעאָלאָגישע באַוועגונג, וואָס האָט הינטער זיך אַ געשיכטע פון העראָיזם און מאַרטירערשאַפט און אַ וויזיאָנערישן גלויבן אין אַ הויכער באַפרייערישער אידעע באַגלייט מיט די מסירות־נפשדיקע קאַמפן פאַר איר. דאָס זינגען דעם הימן פון אַט דער באַוועגונג, רופט אַרויס אַ הייליקן ציטער פאַר די פאַרגאַנגענע מאַרטירערס און העלדן. עס גייען דורך בילדער פאַר די אויגן פון פאַרשידענע געשיכט־לעכע מאָמענטן וואָס די באַוועגונג האָט דורכגעמאַכט. אַט די ביל־

דער ווערן באַהאַפטן ביים זינגען מיט די ווערטער און מעלאָדיע פונעם הימן. מעגן די ווערטער זיין נישט „אַקטועל", אָבער זיי פאַרקערפערן דאָך זכרונות און בילדער, וואָס רופן אַרויס די עמאָציעס פון אַ געוויסער רעליגיעזיטעט, וואָס זענען דערהויבנקייט באַגלייט מיט דעם נשמה־צאַפּל, פון דעם מיטזינגער.

איך האָב די ווערטער פון אַרטוסקין מער־וויניקער פאַרצייכנט און איך גלויב, אַז זיי גיבן אַן ענטפער די אַלע „קלוגיטשקע", וואָס מאַכן חוזק און שפּירן נישט די גראַבקייט זייערע, ווען זיי הייבן אָן ווערטן פון די דערהויבנסטע מאָמענטן וווּלגאַריזירן מיט אַזאַ ציניזשער באַציונג צו פאַרהייליקטע זאַכן, וואָס יעדער איידעלער קולטורעלער מענטש ווייסט, אַז מען דאַרף זיך צו דעם באַציען מיט יראת הכבוד.

דאָס איז נאָר איינס פון די „בלימעלעך" פון אונדזער מאָראַלישן כאָאָס, דער „צייט־גייסט" וואָס הערשט אַרום אונדז אינעם נאָך־מלחמהדיקן לעבן.

אַרטוסקי איז געווען אַ שאַרפער פּאָלעמיקער. ער האָט אין מעלבורן אין וואָרט און אין שריפט ליידנשאַפטלעך אַרויסגעוויזן זיין פּאָלעמישן כוח ביים אָנגרייפן דעם סאַמע וואָרצל פון דעם קעגנערס אַרגומענטן און טענות. ער איז צוגעטראָטן אין זיין פּאָלעמיק אַ באַוואָפנטער מיט לאָגישע אַרגומענטן. ווי אַ גרויסער בעל־זכרון, האָט ער געדענקט אַרטיקלען, ציטאַטן פון ביכער און זשורנאַלן, דערמאָנט פּרטים פון געשעענישן און האַנדלונגען. זיין זכרון איז געווען אַ באַוועגלעכער און אַ פאַרלאָזלעכער אויף רייד, דאַטעס, מענטשן.

איך האָב בייגעווווינט אין מעלבורן דעם אופן, ווי אַרטוסקי האָט דיסקוטירט און פּאָלעמיזירט און עס איז מיר זייער געפעלן געוואָרן, וואָס ביי זיין גאַנצן פּאָליטישן טעמפּעראַמענט, היט ער זיך מיט אַ וואָרט, וואָס קען אויסגעטייטשט ווערן, ווי פּערזענלעך עמעצן אַטאַקירן. אוודאי האָט ער שאַרף רעאַגירט און פּראָטעסטירט ווען עמעץ האָט גראָב אָנגעטראָטן אויף אונדזערע אידעען און

ווערטן, ליידנשאַפטלעך פּאַרטיידיקט זיינע איבערצייגונגען, אָבער דערביי אויסגעמיטן פּערזענלעך אָנצורירן יענעמס מענטשלעכע ווירדע.

אַרטוסקי איז נישט געווען קיין פּאַרעווער פּובליציסט. ער האָט נישט געשריבן אַנאָנים אָפילו דאַן ווען זיין אַרטיקל האָט געהאט אַ פּסעוודאָנים. אַ גלענצנדיקער זשורנאַליסט מיט אַ פיינער פּעדער האָט ער נישט געלאָזט לויזע צויטן הענגען פון זיינס אַ מאמר. ער האָט געקענט קלאָר מסביר זיין און ווי געהעריק פאָרמולירן זיינע געדאַנקען, נישט געלאָזט פון זיין פּאָלעמיק אָפּ־דינגען עפּעס פון זיינע שניידיקע שאַרפע רייד. ער האָט גערעדט און געשריבן מיט אַ קאָמפּאַס פאַרן אויג, וועלכן ער האָט נישט אַרויסגעלאָזט ביי יעדער אַרויסטרעטונג זיינער.

רעדנדיק מיט קאָמוניסטן, האָט ער אויפגעוויזן די בולטע גייס־טיקע קרובהשאַפט צווישן קאָמוניזם און קאַטאָליציזם. אַ גוטער קאַטאָליק האָט נישט געטאָרט צווייפלען אין דער געטלעכקייט פון פּויפּסט, וועלכער קען נישט מאַכן קיין שום טעות. אַזוי אויך אַ פרום־גלויביקער קאָמוניסט, האָט הייליק געגלויבט אין דעם אָפּגאָט סטאַלין, אַז ער איז גערעכט און זיין משפּט איז גערעכט. אָבער אַ גוטער בונדיסט קען נישט האָבן קיין אָפּגעטער, ער דאַרף צו יעדער צייט זיך אַליין פרעגן צי זיין פּאַרטיי גייט אויפן ריכטיקן וועג.

ווען אַרטוסקי איז געווען אין מעלבורן, איז ער שוין ווייט נישט געווען קיין יונגערמאַן. אָבער אין זיינע אַרויסטרעטונגען איז ער געווען מיט אַ יוגנטלעכן ברען, מיט אַ מאַנענדיקער שטים און אַ קעמפערישן סטיל אין רעדן און אין שרייבן. אָבער אין זיינע פּערזענלעכע באַציונגען מיט מענטשן איז געווען ביי אים אַ חברישע וואַרעמקייט, אַ נאָענטקייט און ווייכקייט. ער איז געווען אַ ליבער מענטש — אמת, ווי יעדער מענטש האָט ער געהאט זיינע שוואַכקייטן, מחמת ער איז נישט געווען קיין מלאך — און זייער האַרציק, חבריש־אָפן מיט פריינט, וועלכע ער האָט נאָענט צוגעלאָזט צו זיך, ווי נאָר ער איז געוואָרן מיט זיי אינטימער און נענטער באַ־

קאַנט. זיין אידעישע לאָיאַלקייט, איז געווען אַ מוסטער להיפּוך צו פיל אַנדערע — זייער צאָל איז אַ לעגיאָן! — וואָס זענען געקומען צו אונדז פון אַ פרעמדן לאַגער און זיך נישט געקענט אַקלימאַ־טיזירן אין זייער נייער אכסניה.

אַרטוסקי האָט גלייך ביים ערשטן טאָג אין מעלבורן זיך גע־פילט היימיש, ווי ביי זיך אין דער היים. גלייך געוואָרן אן איינ־ווייניקסטער מיט אַלע אונדזערע לאָקאַלע פּראָבלעמען, ווי ער וואָלט דאָ שוין געווען אַ תושב מכמה יאָרן אין אויסטראַליע. אין דעם זין איז ער געווען מוסטערדיק און מיר דאָ אויפן אָרט האָבן עס ווי געהעריק אָפּגעשאַצט.

אַ כאַראַקטעריסטישער פאַל: דעם שרייבער פון די שורות איז אויסגעקומען אַרויסצוטרעטן צוזאַמען מיט אַרטוסקין אויף אַן ערליך־אַלטער אָוונט. מיר האָבן נאַטירלעך זיך פאַרשטענדיקט פאַרן אָוונט וועגן דעם אופן פון רעדן און די צייט־פאַרטיילונג פאַר יעדן פון אונדז. ביים רעדן האָב איך געמאַכט אַ טעות אין אַ דאַטע. אַרטוסקי האָט מיך אויסגעבעסערט גלייך אויפן אָרט און איך בין געווען צופרידן פון דעם. אָבער אים האָט עס געמאַטערט, אפשר האָט ער עס געדאַרפט עפּנטלעך דורכלאָזן און נישט אויסבעסערן מיר די דאַטע? עס האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז ער האָט גע־האַנדלט נישט חבריש און ער האָט מיט מיר גערעדט וועגן דעם. איך האָב אים עטלעכע מאָל פאַרזיכערט, אַז פאַרקערט, כ'בין צופרידן געווען, וואָס ער האָט גלייך אויסגעבעסערט דעם טעות אין דער דאַטע (פון ערליך און אלטערס עקזעקוציע), אָבער אים האָט עס נישט געלאָזט צו רו. נאָך דעם אָוונט איז ער געוואָרן מיט מיר נאָך מער אינטים און צוגעלאָזן. אין אונדזערע ווייטערדיקע צוזאַמענטרעפן און שמועסן איז געווען געמיט און חברישע וואַרעמ־קייט.

אין אַלע זיינע אַרויסטרעטונגען אין מעלבורן איז געקומען צום אויסדרוק זיין איינשטעלן זיך פאַרן אמת און כבוד פון בונדיזם, פאַר דעם כבוד פון יידיש און יידישער קולטור פאַר וועלכע ער האָט גערופן צו קרבנות־גרייטקייט און מסירת־נפש.

אַרטוסקי האָט געהערט צו אַ דור, וואָס האָט זיך דערהויבן מיט זיין אידעאַליזם און געטריישאַפט צו הויכע אידעאַלן. ער האָט אין יעדן לאַנד, אין יעדן אָרט ווו ער האָט געלעבט גלייך זיך איינגעוואָרצלט אין דעם באָדן פונעם לאַנד, זיך איינגעלעבט מיט דעם קיבוץ און געזוכט מיט זיינע כוחות צו באאיינפלוסן אין הסכם מיט זיינע איבערצייגונגען, זיין גאַנץ לעבן איז געווען אויסגעפילט מיט אידעישן אינהאַלט און עטיש־גייסטיקע ווערטן.

יצחק ליפּסקי (בוענאָס־אײרעס)

אָט אַזוי געדענק איך אים —
דעם חבר אַרטוסקי...

לאָדזש 1946, נאָכן חורבן. דער שטראָם פון די צוריקגעקומענע מיט דער רעפּאַטריאַציע פון ראַטנפאַרבאַנד האַלט אָן. לאָדזש איז אַ צענטער פאַר די געקומענע, ממש אַ וואָקזאַל, יעדן טאָג קומען אָן גרופּן און עס פאָרן אַוועק גרופּן.

אַליין בין איך אויך צווישן די נאָר וואָס צוריקגעקומענע, אין סאָוויעטישן „הולך" און מיט אומגלויבן צום דרויסן, צום אַרום...

דערוויייל איז דאָ אין פּוילן, פּרייער, אַנדערש ווי דאָרט ביי די „באָפּרייער". ביסט צוריק צווישן אייגענע, צווישן בונדיסטן, אָבער אַ גרויסער טייל פון אַנדערע שטעט און זיי ווייסן נאָך נישט אַז דו ביסט אַ לאָדזשער און האָסט נאָך פאַרן קריג עפּעס געטאָן אין „בונד", אין דער „צוקונפט". דאָ איז דיר גרינגער איבערצוטראָגן דעם פּערזענלעכן בראָך פון אָנטרעפן דיין היים אין חורבות און קיינעם נישט פון דער משפּחה, נישט נאָענטע און נישט וויטע.

קומען אָן אין פּאַרטיי־סעקרעטאַריאַט אויף יאַראַטשאַ אַ סך „פּאַסט־פּאַקעטן, בריוו, ביכער פון אומעטום און דער עיקר אַ שלל פון אַמעריקע פון „בונד", פון יידישן אַרבעטער־קאָמיטעט". פון פּאַריז קומט אָן די טעגלעכע בונדישע צייטונג „אונזער שטימע". אויסער דער „פּאָלקסצייטונג" דאָ אין פּוילן זעסטו נאָך אַ פּאַרטיי־אָרגאַן דאָרט ווייט אין פראַנקרייך. מען שלינגט יעדעס וואָרט, מען האָט דאָך דאָרט פון אַלצדינג און בצמצום, טאַקע פאַר דער אויפנאַם פעיקייט פון די לייענער, חברים, מיט צעשרויפטע נערוון, קורץ און שאַרף. פּאָליטיק און קונסט, פּאָלעמיק און וויסנשאַפט און אָט גאָר אַ דיסקוסיע־אַרטיקל ערב דער בריסעלער קאָנפערענץ. די אַרטיק־

לען זענען פאַרזען מיט אונטערשריפטן פון באַקאַנטע חברים, די מיטאַרבעטער און רעדאַקטאָרן, סיי אַלעקסאַנדער, סיי שראַגער, סיי ראפאל, סיי אַרטוסקי, סיי באַרווין־פּרענקעל, סיי יחיאל ניימאַן, סיי ד. אנין, סיי מאַניע ריינהאַרץ, סיי אסתר שטאַרקשטיין סיי פּרץ גוטערמאַן און נאָך, נאָך פון דער שרייבער־וועלט, וואָס באַשיינען „אונזער שטימע".

פּאָליטישע פּראָבלעמען, הינטערקוליסן־שטיק פון קאָמוניזם באַלויכט אַזוי גרינטלעך דער, וואָס האָט גוט געקענט די זיגזאַגן פון קאָמוניזם — דער חבר אַרטוסקי.

ווער איך טאַקע קאָרעספּאָנדענט פון לאָדזש פאַר „אונזער שטימע". ביז צו מיין אַוועקפאָרן קיין פראַנקרייך אין סעפּטעמבער 1947, שיק איך אָפטע קאָרעספּאָנדענצן וועגן אַלע אַרבעטן פון דער דינאַמישער דאַן פּאַרטיי־אָנפירונג אין לאָדזש.

ווען איך בין געקומען קיין פּאַריז אין סעפּטעמבער 1947, ראש־השנה־צייט, איז איינער פון די ערשטע באַזוכן געווען טאַקע דאָרט, אין צימערל אויף 20־טן אַראָנדעסמאַן. און שוין שטעלט מיך מיין לאַנדסמאַן, חבר אַלעקסאַנדער, פאָר, פאַר די מיטאַרבעטער וועלכע זיצן צוזאַמענגעפּרעסט אין איין רעדאַקציע־צימערל ביי קליינע טישלעך.

איך געפין זיך ביים טישל פון חבר אַרטוסקי. ער לייגט אַוועק זיין פּען, ווישט אָפּ דאָס שמאָלע באַגילדעטע ברילן־רעמל און הערט זיך איין אין מבול רייד פון אַ ניי־אָנגעקומענעם, וואָס ער אַליין קען און געדענקט אַזוי גוט פון זיין אייגענער וואַנדערונג איבער רוסלאַנד, איראַן, ישראל. זיין ערנסט פּנים ווערט גוטמוטיק, שמייכלענדיק. ער זאָגט שוין היימישלעך: חבר יצחק, זאָרגט זיך נישט, איר וועט אַלץ דאָ איינבייסן.

און ווירקלעך, איך הייב אָן אָפּפילן בפועל ממש, אַז איך בין צווישן אייגענע, היימישע!

האָב איך געמאַכט מיינע הומאָריסטישע נאָטיצן פון פּאַריז און זיי זענען געוואָרן אָנגענומען פון חבר רעדאַקטאָר. ער האָט אָבער געוואָלט אַז איך זאָל זיי גלייך ביים ברענגען, אַליין פאָרלייענען הויך אויף אַ קול און גלייכצייטיק האָט חבר אַלעקסאַנדער

הנאה געהאַט פון הערן זיין לאָדזשער דיאַלעקט און דער דערנעבנ־זיצנדיקער חבר אַרטוסקי האָט אויסגעטאָן זיינע קליינע דיקע ברילן און אַזוי האַלב־שעמעוודיק אויך אונטערגעשמייכלט.

* * *

ס׳גייט אָן אַ פּערמאַנענטע קולטור־אַרבעט געפירט דורכן „אַרבעטער־רינג״. אַ וויכטיקער אויפטו זענען די פרייטיקדיקע אָפענע פאָרומס אין טעאַטער „לאַנקרי״, צו וועלכע עס קומט אַ גאָר גרויסער עולם. די פּראָגראַמען, צו וועלכע איך לייג צו אַ האַנט זענען אַדורכגעפלאַכטן מיט אַלעם גוטן. גוטע לעקטאָרן, אַרטיסטן, זינגער זענען גערן אין זיי זיך צו באַטייליקן. נו, אַ פּאָליטישן קווערשניט אין די ראַמען פון די באַשטימטע 15 מינוט קאָן קאַקע געניי מאַכן חבר אָסקאַר. ווייל ער ווייסט, אַז נאָך זיין שמועס דאַרף זיין אַ ליטעראַרישער איבערזיכט, אַ ביסל פּאַלעמיק, קיבּיצעריי, אַן אַרטיסטישער אַרויסטריט און אַפילו איינזינגען מיטן עולם אַ ניי ליד, און פּאַסט זיך אַריין אין דער באַשטימטער צייט.

איך געפין זיך זינט 1948 אין אַרגענטינע, אין בוענאָס־איירעס. אויך דאָ בין איך די גאַנצע צייט פאַרבונדן מיט אונדזער פּאַרטיי־אָרגאַן, און אין ראַמען פון באַדינגונגען האָט מען געוווּסט וועגן אַלץ וואָס מיר טוען דאָ. מיר האָבן געוווּסט אַז דעם חבר אַרטוסקי איז אין ישראל אָנפאַרטרויט געוואָרן די רעדאַקציע פון די „לעבנס־פראַגן״, וועלכע איז געוואָרן אַ טריבונע פון וויכטיקן אָנזען אין דער יידישער וועלט.

מיר דאָ זענען דאָך געווען יאָרן אַ הילפס־גרופּע אָבער מיטן צוקומען פון אַ סך אַקטיווע חברים האָט די פּאַרטיי־אַרבעט אָנגענומען אַנדערע גרויס־פאַרנעמיקע פאָרמען. מיט יאָרן־לאַנג־פאַרטרעטערשאַפט אין דער קהילה, אין ועד החינוך, אין דער „דאיא״ אין קולטור־קאָנגרעס, אין „ייוואָ״ א. א די י. ל. פּרץ־שול דאָ מיט אירע הונדערטער תלמידים האָט דאָך איר גאַנג און איינ־שטעלונג אין היגן חינוך, דער פאַרלאַג „יידבוך״ ביי דער שול, דער פּאַרטיי־קאָמיטעט, די יאָרן־לאַנג דערשינענע אויסגאַבע „אונדזער געדאַנק״, די געזעלשאַפט פאַר קולטור און הילף א. נ.

פון אַרטור זיגלבוים. אַ פאַנד פאַר יוגנט־און קינדער־ליטעראַטור א. ב. פון אַלטער ראָזענטאַל, פרו־יען־גרופע, עלטערן־קאָמיטעטן און דער ישוב האָט געוווּסט אַז אין דער שפּיץ שטייט אַ בונדישע אַנפירונג. און ווו איז די „יידישלאַנד־קאָלאָניע" פאַר קינדער און די „ערליך־אַלטער אָפּרו־היים", און דער פינאַנסיעלער אנשפּאר מיט אַן אייגענער פינאַנס־אינסטיטוציע?

קלאָר, אַז צו אַזאַ אָרגאַניזאַציע איז געווען וויכטיק אַז יעדעס יאָר זאָל באַזוכן די דריי לאַטיין־אַמעריקאַנער לענדער: אַרגענטינע, אורוגוויי און בראַזיל אַ פאָרשטייער פון דעם וועלט־קאָאָרדינירקאָמיטעט פון „בונד". דער ערשטער גאַסט אין אונדזערע לענדער איז געווען עמנואל נאָוואָגרודזקי.

ס'איז דאָס יאָר 1958. אונדזער באַוועגונג גייט באַרג אַרויף אין אַלע אַרבעטס־אַפּשניטן ווו מיר זענען אַקטיוו און שעפעריש. עס איז אונדזער ווילן, און ניו־יאָרק איז מסכים, אַז אין אָט דעם יאָר אין חודש יולי זאָל אַהערקומען אין די יאָר־שליחות אויף אַן אַקציע דער חבר אַרטוסקי. ערשטנס, זענען ביי אונדז אויך פאָראַנען גאַנץ ערנסטע יידישע שטרייטן, דער עיקר בנוגע מדינת ישראל. והשנית, האָבן מיר דאָ אויסצושטיין אַ נישט גרינגן קאַמף מיט דעם ציוניסטישן אַרום, וואָס וויל דעם גאַנצן ישוב אַרונטערנעמען אונטער ציוניסטישע פליגל. מען דאַרף געדענקען, אַז עס איז דאָס צענטע יאָר פון דער ישראלדיקער מלוכהשאַפט. שליחים, וואָס קומען דאָ אַהער מחנותווייז, פון אַלע ריכטונגען אין ציוניזם, האָבן ממש אַ „נאַציאָנאַלע" אויפגאַבע: דאָס פאַרמיאוסן און אַרויסטרייבן יידיש פון די שולן און אינסטיטוציעס און פשוט אויף אַ דראַסטישן אופן העברעיזירן דעם גלות...

עס זענען פאָראַנען אין די דאָן עקזיסטירנדיקע בײדע יידישע טאָג־צייטונגען און אין אַ סך צייטשריפטן און פאַרטיי־אויסגאַבן מוטיקע זשורנאַליסטן וואָס רייסן פאַסן און זאָגן האַרבע רייד צו די אָפענע און פאַרשטעלטע יידיש־שונאים. דער דאָן געקומענער חינוך־שליח, נחום לעווין, האָט עס געזאָגט אָפן אַן פליטערלעך און די מוטיקע יידישע זשורנאַליסטן האָבן אים געזאָגט אַ „פאַשאַל". ער איז דאָן אָוועק מיט חרפה צום שכנותדיקן בראַזיל, ווו די קייט

איז געווען אַ שוואַכערע און דאָרט האָט ער זיין פּראָגראַם אַדורכ־געפירט גרינגער...

מיר דאָ זענען ביז גאָר צופרידן געווען מיטן אויסוואַל פון חבר אַרטוסקי אַלס גאַסט־שליח, ערשטנס, ווייל מען האָט דאָ גע־ווּסט גוט, אַז חבר אַרטוסקי איז אַ ישראל־בירגער און רעדאַקטאָר פון בונדישן אָרגאַן „לעבנס־פראַגן" און חוץ מזה איינער פון די אַקטיוו־באַטייליקטע אין אָרטיקן יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן, און גאָר באַזונדער אין יידישן שרייבער־פאַריין, וואָס האָט אין יענע יאָרן געהאַט אַ גאָר נישט גרינגע דאָליע צווישן אייגענע...

איך בלעטער אין אונדזערע היגע אַרכיוון צייטונגען פון יענעם יאָר 1958, ווי אויך צייטשריפטן, זע אַרטיקלען, נאָטיצן, קאָמענטאַרן, אַנאָנסן וועגן זיין אָנקום, קבלת־פּנים, ציל פון באַזוך א. א. וו.

איך לייען אין „אונדזער געדאַנק" נר. 111 פון יענע טעג אַ פאַרביקן רעפּאָרטאַזש מיט אַלע פּרטים פון דער פּירוואַכיקער אַקטיוויטעט פון חבר אָסקאַר, וואָס איז שוין געקומען מיט אַ נישט גאָר גוטן געזונט און ער האָט נישט געוואָלט דערלאָזן דעם געדאַנק אַז ער איז אויסגעמאַטערט, ניין, פּנים אל פּנים מיטן דאַן אַזוי רעקלאַמירטן אומעטום פאָלקסטימלעכן יידישן יישוב איז ער ייִנגער געוואָרן און זיין מידקייט איז אַוועק בעת די צאָלרייכע זיצונגען, קאָנפערענצן, שמועסן, רעפעראַטן, באַזוכן. און חברים וואָס האָבן אים אַרומגערינגלט מיט אַזויפיל חברשאַפט האָבן דאָך געוואָלט אַז חבר אַרטוסקי זאָל עפּעס זען אויסער דעם יידישן וועלטל און עס איז דאָ אין בוענאָס־איירעס וואָס צו זען סיי אויסערלעך און סיי אין דער קינסטלערישער וועלט.

צו חבר אַרטוסקיס ענפטלעכן קבלת־פּנים זענען געקומען פאַר־טרעטער פון „קהילה", „דאיא" און אַנדערע צענטראַלע אינסטי־טוציעס!!!

און מיר האָבן זיך דווקא דאַן פאַרמאָסטן זיינע פאַרלעזונגען זאָלן פאָרקומען נישט אין אייגענעם לאָקאַל צי אין קהילה־סאַלאָן, נאָר אין אַ גרויסן טעאַטער־זאַל אין שטאָט. און פאַר געצאָלטע איינטריטס־קאַרטן. און דווקא מיט אַ טעמע וואָס איז געווען דאַן אַ גאָר הייסע: „פאָלק ישראל און מדינת ישראל". עס איז געווען

פול אין טעאַטער. ער האָט דאָ אגב געטראָפן היפּשלעך פּריינט פון יענע יאָרן, ווען ער אַליין איז געווען אויף די „בלאַנדזשענדיקע וועגן פון לינקס", ער, דער ערנסטער חבר אַרטוסקי האָט אָנגעהויבן גאָר מיט אַ לייכטן זאָג: „רעדן שלעכט אויף ישראל — ווערט מען פאַרשריגן אַלס שונא ציון, רעדן גוטס — הייסט אַז מען איז אַ ציוניסט!"

און ער האָט אין אַ קרוב 2־שעהדיקן רעפעראַט פונאַנדער־געוויקלט די גאַנצע פּראָבלעמאַטיק פון דער קעמפנדיקער און זיך בויענדיקער מדינת ישראל. זיינע שילדערונגען, אין אַ זאַפטיקן יידיש, קאָמענטאַרן, ציטאַטן דווקא פון ציוניסטישע פירער, זענען געווען פון אַן אויפריכטיקן סאָציאַליסט און קענער פון געשיכטלע־כע פאַקטאָרן, דער עיקר, מען האָט דערפילט אַז עס רעדט אַ פיל־באַרער ייד, וועלכער פאָלגט נאָך די ראַנגלענישן פון זיין פאָלק אין דער צעשפּרייטקייט.

ער האָט אָבער גלייכצייטיק מיט דער פּרעציזקייט פון אַ מע־דיצינישן לאַנצעט באַרירט אָנגעווייטיקטע פּראָבלעמען אין דער דאָן האַרבער ישראל־ווירקלעכקייט — וועגן יוגנט, רעליגיע, אַרבעטער־פּראָבלעמען, קיבוץ־פראַגן — און זיי באַווירצט מיט פּאָלעמיק צווישן דאָן וויכטיקע רעגירונגס־לייט מיט תפוצה־מנהיגים (למשל בן־גוריון מיט ד"ר גאָלדמאַן). די באַזוכער זענען אַוועק צופרידן פון רעפעראַט, עס האָט אָנגענומען די דרייסטקייט פון אַנאַליז, די מוטיקע בונדישע שטעלונג פון אַ ישראל־בירגער און טייל האָבן קאָמענטירט: „דאָס רעדט אַ מענטש אַן ישראלי, וועל־כער לעבט אין פייער פון אַרבעט, שאַפן און קאַמף פאַר אויפהאַלטן יידיש לעבן, אַזוי ווי מיר האָבן עס געוואָלט און ווילן עד היום אין נישט איבערגעריסענעם אידעישן שטרייט מיטן ציוניזם".

ער איז געווען דער איינציקער דאַכט מיר, וועלכן מיר האָבן אויך איינגעאָרדנט אַ רעפעראַט אין אַ פאַרשטעטל פון בוענאָס־איירעס, אַ פעסטונג פון ווערעריי... און פון קאָמוניזם. זיין לעקציע האָט אויך דאָרט געהאַט גרויס דערפאָלג.

זיינע באַזוכן אין אַ גאַנצע רייע יידישע שולן און דער עיקר אין אונדזער י. ל. פּרץ־שול, האָבן אים, דעם „האַרטן", גערירט

ביז טרערן. ער האָט זיך צעפלאַמט רעדנדיק מיט יונגע יידישע לערער, וועלכע זענען געווען באַהאַונט אין דער ישראל־פּראָבּלעמאַטיק, וואָס ער האָט פאַר זיי באַרירט. זיינע באַזוכן אין דער קהילה, אין „קולטור קאָנגרעס", לעקציע אין יי.וו.אָ., באַזוכן אין רעדאַקציעס, אין שרייבער־פאַראיין, די נישט צו אָפטע פּריוואַטע באַזוכן (צוליבן צייט־מאַנגל) — זענען פאַר אים אַליין, ווי ער האָט געזאָגט, געווען מער ווי אַ דערפרישונג!!! ער האָט זיך דערפילט ווי ביי זיך אין דער היים!!! ער קען דאָך די אַלע זאַכן נישט ווי אַ דרויסנדיקער, נאָר טאַקע ווי אַ מענטש אַן אַקטיווער פון אינעווייניק! זיין סענסיבּיליטעט האָט מען געקאָנט זען ביי אים ווען מיר האָבן אים אַרויסגעפירט ווייזן אונדזער אָפּרו־היים אין אַ שטעטל 50 ק"מ פון דאַנען, אין פּילאַר, אויפן נאָמען פון „ה. ערליך און ו. אַלטער" אין דעם 10 העקטאַר־שטח מיטביימער, וווּ מיר האָבן דאַן אָנגעהויבן בויען די קינדער־קאָלאָניע „יידישלאַנד".

הגם ער איז דאָך געקומען אין שליחות פון קאָאָרדינירקאָמיטעט פון „בונד", אַדורכפירן דעם יאָר־געלט־קאַמפּיין, האָט דאָס גראַד ביי אים פאַרנומען ווייניק צייט און כמעט נישט קיין עגמת־נפש! ער האָט נישט געדאַרפט קיין סך רעדן מיט די אייגענעביישטייערער וועגן דער וויכטיקייט פון די אַרבעטן פון וועלט־„בונד" און אין יענעם יאָר האָט גראַד אַ באַדייטנדע צאָל „זייטיקע", צוגעטראָגן זייער בייטראָג פאַר אָט דער אַקציע פון חבר אַרטוסקי פאַרן „בונד".

מען האָט בפירוש דערפילט אין יענע טעג, אין חבר אַרטוסקיס אַרויסטריטן, אַ שטיק פון זייערע טראַכטענישן און דער עיקר זיין גוואַלדיקן כוח פון איבערצייגונג, פון איינשטעלן זיך פאַר אמתן, אין וועלכע ער אַליין איז געווען הונדערטפּראָצענטיק איבערצייגט! וואָס ער אַליין האָט געהאַלטן פאַר וויכטיק און ריכטיק!

* * *

און אָט בין איך מיט מיין פרוי אָנהייב 1968 אויף באַזוך אין ישראל. ס'איז ווינטער, רעגנדיק און גראַד קאַלט. חבר אַרטוסקי פילט זיך נישט ביים בעסטן געזונט. באַזוכן מיר אים אין זיין היים

אויף הירקון. מיין פרוי דערקענט גאַר אַרטוסקיס פרוי פון די לאַגער־יאָרן, רעדט מען שוין ווייט נישט פון קיין אָפיציעלע זאַכן... און איך מיט אַרטוסקין שמועסן זיך אַדורך וועגן אַלגעמיינע פראַגן, פון וועלכן עס באַקומט זיך, אַז ער איז באַלאָדן מיט אַ ים אַרבעט, ווייל אין ישראל, ווו עס געשטאַלטיקט זיך, ביי אָט די נישט גינסטיקע באַדינונגען, יידישע קולטור און שול־אַרבעט, איז ער פון די ערשטע.

ער דערמאָנט מיט ליבשאַפט די פּאַריזער צייטן, מיט נאָס־טאַלגיע רעדט ער וועגן זיין באַזוך אין יידישן בוענאָס־איירעס וואָס איז דאָן, אין יאָר 1958, געווען אַ וויכטיקער פונקט אויף דער יידישער מאַפּע, און טאַקע אַ ליכטיקער, פיל צוזאָגנדיקער פונקט! אָט אַזוי געדענק איך אים און אַזוי וועט ער שוין שטענדיק פאַר־בלייבן און מיין אָנדענק.

שייע שיכאָטאָוו

י. אַרטוסקי —
דער ייד, דער מענטש, דער בונדיסט

פון דער רייכער דערפאַרונג ווייסן מיר, אַז ווען מ׳ווערט אנטוישט און מ׳פאַרלאָזט די רייען פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, קומט מען געוויינטלעך צו אַ צווייטן עקסטרעמיזם, אויף דער יידישער גאַס, צום ציוניזם, ספּעציעל די יידישע קאָמוניסטן, מיר זעען דאָס אויך די לעצטע יאָרן ביי די יידישע קאָמוניסטן, פאַרטריבענע פון פוילן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין ישראל.

חבר אַרטוסקי איז געווען פון די וואָס איז צוזאַמען מיט אַ גרופּע אַוועק פון דער קאָמוניסטישער — טראָצקיסטישער — באַוועגונג, געקומען צום „בונד״, און דערביי אָן שום סמנים פון דעם, אַז „יענע יאָרן״ זאָלן לייגן אויף אים אַ שטעמפּל.

פאַרבונדן זיך מיטן „בונד״ האָט חבר אַרטוסקי פאַרנומען אין אונדזער באַוועגונג וויכטיקע פּאָזיציעס, וועלכע ער האָט ווירדיק פּרעזענטירט, פריער אין פּאַריז, די לעצטע יאָרן אין ישראל.

מיין פּערזענלעכע באַקאַנטשאַפט מיטן חבר אַרטוסקי איז געקומען ערשט אין די יאָרן נאָך דער צווייטער וועלט-מלחמה, אונדזערע קאָנטאַקטן זענען געקומען בעת אונדזערע באַגעגענישן אויף די וועלט-קאָנפערענצן פון „בונד״, די באַגעגענישן בעת מיינע באַזוכן אין ישראל, און בעת דעם גאַנץ אָפטן בריוולעכן קאָנטאַקט אַלע יאָרן צווישן אונדז.

אין אַ צייט ווען אונדזערע שמועסן בעת די בונדישע קאָנפערענצן זענען נאַטירלעך געווען קורצע, זענען אָבער אונדזערע באַגעגענישן אין ישראל געווען זייער אָפטע, כאָטש איך בין אַ סך אַרומגעפאָרן באַזוכן דאָס לאַנד. מיר האָבן אַ סך געשמועסט וועגן אַלץ און

אַלעמען, נאָך מער זענען פיל פּראָבלעמען באַרירט געוואָרן בעת אונדזערע בריוולעכע קאָנטאַקטן.

אין דער פּערזאָן פון חבר אַרטוסקי האָט זיך פאַר מיר אַנטפּלעקט אַ מענטש מיט פעסטע פּרינציפּן, וואָס ווייסט וואָס ער וויל, און וויל וואָס ער ווייסט. יידישע פּראָבלעמען אין מדינת ישראל און אין די תפוצות זענען אים געווען זייער נאָענט, און זענען ביי אים זייער אָפט געקומען צום אויסדרוק אין וואָרט און אין שריפט. חבר אַרטוסקי איז געווען ענג פאַרבונדן מיטן גורל פון דער מדינה און מיט די יידן אין ישראל, ער האָט שטאַרק גע־ווייסיקט צוליב דער באַציונג מצד די פירנדע אינסטאַנצן אין ישראל צו דער יידישער שפּראַך און יידישער קולטור.

חבר אַרטוסקי האָט זיך אַרויסגעוויזן ווי אַן ערשטראַנגיקער זשורנאַליסט, און דאָס איז געקומען צום אויסדרוק נישט נאָר אויף די שפּאַלטן פון די „לעבנס־פראַגן" אין ישראל, נאָר אויך אויף די שפּאַלטן פון „אונזער צייט" און אין אַנדערע בונדישע אויסגאַבן איבער דער וועלט. אין זיינע אַרטיקלען האָט ער טאַקע געבראַכט צום אויסדרוק זיינע פעסטע בונדישע שטעלונגען צו די דערמאָנטע אויבן פּראָבלעמען, זיין באַציונג צו דער מדינה, צום ציוניזם, צו די יידישע פּראָבלעמען אין די תפוצות. זיין בונדישע שטעלונג האָט חבר אַרטוסקי אַרויסגעבראַכט אַלעמאָל זייער קלאָר, און זיין שטעלונג שטענדיק פּאַרטיידיקט.

ביי די גאַנץ ספּעציפישע באַדינגונגען אין לאַנד, ווו עס הערשט אַפילו דעמאָקראַטיע און פרייהייט פון פּרעסע, ווו דער בונד און די בונדישע פּרעסע געפינען זיך לגמרי נישט ביי קיין לייכטע באַדינגונגען, איז רעדאַגירן די „לעבנס־פראַגן" גאָרנישט קיין לייכטע אויפגאַבע, און דאָך זענען די „לעבנס־פראַגן" אַלעמאָל גע־שטאַנען אויף אַ ניוואָ, צו דער צופרידנקייט פון די בונדיסטן אומעטום, הגם נישט אַלע האָבן אַלעמאָל מסכים געווען מיט דער שטעלונג פון חבר אַרטוסקי. ביי דער געלעגנהייט איז נויטיק אונטערשטרייכן, אַז די „לעבנס־פראַגן" ווערן אַלעמאָל אָנגעהאַלטן אויף אַ ניוואָ. פון אונדזער אָפטער קאָנפראָנטאַציע האָבן מיר ביידע געהאַט אַ גרויסע סאַטיספאַקציע. אונדזערע פריינטלעכע,

חברשע באַציונגען האָבן מיך דערמוטיקט גאַנץ אָפט קומען צום אויסדרוק אויף די שפּאַלטן פון זשורנאַל מיט פאַרשידענע פּראָבּלעמען.

חבר אַרטוסקי האָט געהאַלטן פאַר זיין אומבאַדינגטן חוב חבריש אויפצונעמען געסט־בונדיסטן פון אומעטום; אָט די באַציונגען און זיינע אָפטע חברישע שמועסן מיט די געסט זענען געווען ווי אַ קוואַל פון וואַנעט חבר אַרטוסקי האָט געשעפּט ידיעות וועגן די שטימונגען, באַציונגען צו וויכטיקע אַלגעמיין יידישע, און אויך בונדישע פּראָבּלעמען אומעטום. די שמועסן און בריוולעכע קאָנטאַקטן מיט בונדיסטן אומעטום האָבן פאַרברייטערט זיינע האָריזאָנטן, און עס האָט זיך אָפּגערופן פּאָזיטיוו אויף זיינע טעטיקייטן אין ישראל, דאָס האָב איך אַרויסגעפילט בעת מיינע שמועסן מיטן חבר אַרטוסקי. אין אונדזערע אָפטע בריוו זענען נאַטירלעך באַרירט געוואָרן אין דער ערשטער רייע ישראל־פּראָבּלעמען, די אָנגעווייטיקטע פראגע „יידיש" אין ישראל און נאָך, און נאָך...
אין אונדזערע בריוו זענען אָפט באַרירט געוואָרן פּראָבּלעמען „בונד" אין אַמעריקע, די פאַרהעלטענישן אַרום דער אָרטיקער בונדישער באַוועגונג, און אויך די ספּעציפישע פאַרהעלטענישן אין יידישן געזעלשאַפטלעכן לעבן אין אַמעריקע בכלל און אַרום דעם א. ג. יידישן אַרבעטער סעקטאָר — אַרבעטער־רינג, אַרבעטער קאָמיטעט — בפרט.

עס דאַרף דערמאָנט ווערן די אַקטיווע ראָל וואָס חבר אַרטוסקי האָט געשפּילט אין דער פאַרוואַלטונג פון יידישן שרייבער־פאַראיין אין ישראל, דאָס האָט געבראַכט אָנערקענונג אים און דעם „בונד" אין ישראל.

חבר אַרטוסקי איז געווען אַ זייל פון בונד אין פּולן זין פון וואָרט. דער טויט האָט אויף אַ גרויזאַמען אויפן אַרויסגעריסן פון אונדזערע רייען אָט דעם זייל.

משה סטאַשעווסקי

שטריכן צו אָסקאַרס פּערזענלעכקייט

שווער איז מספּיד צו זיין בכלל. גאָר שווער איז אָבער צו שרייבן הספּד־ווערטער וועגן דעם, וועלכער איז דיר אַזוי נאָענט געווען, וועגן דעם מיט וועלכן דו ביסט יאָרן לאַנג געווען אַזוי פריינטשאַפטלעך געבונדן.

ס׳ווילט זיך אַלץ נישט גלויבן, אַז אָסקאַר, דער האַרציקער מענטש און חבר איז מער מיט אונדז נישטאָ.

מיר האָבן זיך באַקענט אויף אַ שטורמישער זיצונג פון פאַר־באַנד פון די פוילישע יידן אין פאַריז אין יאָר 1948, ווען טויזנ־טער און טויזנטער יידישע פּליטים האָבן פון די בונקערס, טויט־לאַגערן און סיבירער טייגעס, געשטראָמט אין די פרייע לענדער און דאָרט געזוכט אַן אָנשפּאַר — איז די פאַרוואַלטונג פונעם פאַר־באַנד פאַרבליבן ווי פאַרשטיינערט און נישט פאַרשטאַנען די אויפ־גאַבן וואָס די צייט האָט אַרויפגעלייגט אויף איר.

אויף אָט דער זיצונג האָט אַ גרופּע פוילישע פּליטים — גע־זעלשאַפטלעכע טוער — געשאַפן אַ נייע פאַרוואַלטונג און אין אַ גאָר קורצער צייט האָבן זיך באַוויזן פּאָזיטיווע רעזולטאַטן פון דער נייער קערפּערשאַפט.

איינער פון די אַקטיווסטע מיטגלידער איז געווען אָסקאַר. ער האָט זיך אָפּגעגעבן מיט יעדן פּליט באַזונדער, ווי ער, דער יחיד, וואָלט געווען דער איינציקער צו וועמען עס דאַרף זיין געווענדט די גאַנצע אויפמערקזאַמקייט. אָסקאַר האָט געזאָרגט וועגן שפּייז־קאַרטעס, אויפהאַלטס־דערלויבענישן, אַ דאַך איבערן קאָפּ, און אַנ־

דערע פאַרלייכטערונגען. אָט די בשותפותדיקע אַרבעט האָט אונדז צוגעבונדן איינער צום אַנדערן.

* * *

אָסקאַר איז אין יענער צייט געווען דער רעדאַקטאָר פון דער בונדישער צייטונג „אונזער שטימע" אין פּאַריז. זיינע לייט־אַר־טיקלען וועגן ארץ־ישראל פּראָבלעמען האָבן נישט איינמאָל אַרויס־גערופן צווישן אונדז הייסע וויכוחים. אָסקאַר האָט קיינמאָל נישט מוותר געווען. ער האָט פאַנאַטיש געגלויבט אין דעם וואָס ער האָט געשריבן. די דיסקוסיעס זענען, ווי געזאָגט, געווען היציקע, דער־ביי האָט ער אָבער אַרויסגעוויזן פיל טאַקט צום קעגנער.

קומענדיק קיין ישראל איז דער קאָנטאַקט צווישן אונדז באַנייט געוואָרן און די פריינטשאַפט האָט זיך נאָך מער פאַרטיפט. מיר זענען געוואָרן יוצאים ונכנסים איינער צום אַנדערן. די טיר זיינע איז שטענדיק געווען אָן אָפענע. האָסט תמיד דאָרט געטראָפן זיינע פּאַרטיי־חברים, פריינט, געסט פון אויסלאַנד. הירקון 150 איז גע־ווען אַן אַדרעס וווהין מען קען אַריינקומען, פירן געמיטלעכע און פאַרטיפטע שמועסן. איבער וואָס ? — איבער וואָס נישט ? ווילסטו פּאָליטיק, ליטעראַטור, קונסט — אדרבא. אין אַלעם איז ער געווען באַקאַנט, דערביי ציטירט פון אויסנווייניק געשעעענישן, דאַטעס, נעמען, נישט זיך צו באַנוצן מיט קיין ספר אָדער ענציקלאָפּעדיע.

אין שטוב האָט שטענדיק געהערשט אַ וואַרעמע חברישע אַטמאָספער — אַ פאָלקס־היימישקייט.

אויך די איבערגעגעבענע צו אים העלאַ (איר אויף לאַנגע יאָרן) האָט געהאָלפן שאַפן די אינטים־האַרציקע אַטמאָספער. און ווער קען דען פאַרגעסן אָסקאַרס האַרציקן געלעכטער וואָס האָט אַזוי פאַרהילכט די שטוב ?

אָסקאַר פילט אַ וויטיק. לאָזט זיך איינמאָל און נאָכאַמאָל אונ־טערזוכן. העלאַ דערוויסט זיך וועגן דעם גרויזאַמען פסק־דין. זי שפּרייט־אויס איבער אים אַ נעץ פון ליבשאַפט און מסירת־נפש. אינערלעך — געשטיקט דעם פחד פאַר דעם, וואָס קאָן יעדע מינוט

פּאַסירן, אויסערלעך — געשמייכלט און אָפּגעווענדט פון אים יעדעס געשפּרעך וואָס האָט אַ שייכות צו זיינע שמערצן.

יעדער רוף, יעדער טעלעפאָן־קלונג האָט אונדז, זיינע נאָענטע פריינט, אָנגעפּילט מיט פּחד.

אַ קראַמף נאָך אַ קראַמף. אַריין אין שפּיטאָל און אַרויס, אַריין... און ווי אַ שטילע טויב אויסגעהויכט זיין נשמה...

פאַרטויבט זיין געלעכטער, פאַרשטומט זיין קול. געבליבן איז אַ ליידיקער בלויז.

מ. גרין

ישׂשכר אייכענבוים
(ביאָגראַפישע שטריכן)

נאָך לאַנגע שווערע ליידן, איז אין ביילינסאָן־שפּיטאָל דאָ־נערשטיק דעם 16־טן דעצעמבער 1971, אין עלטער פון 68 יאָר, געשטאָרבן דער חבר ישׂשכר אייכענבוים, באַקאַנט אונטערן פּסעוו־דאָנים י. אַרטוסקי — גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ישׂראל און רעדאַקטאָר פון די „לעבנס־פראַגן".

חבר אָסקאַר, ווי מיר האָבן אים גערופן אין דער אָרגאַניזאַציע אין ישׂראל, איז געבוירן געוואָרן אין וואַרשע, דעם 5־טן מאַי, 1903. אַ שווער לעבן האָט ער דורכגעמאַכט אין די יוגנט־יאָרן. צו 12 יאָר, איז ער פאַריתומט געוואָרן מיטן טויט פון זיין פאָטער. אין זעלבן יאָר איז אויך געשטאָרבן זיין מוטער. דער קיילעכדיקער יתום איז געבליבן איינער אַליין, אָן אַפּוטרופּסים, וואָס זאָלן זיך מיט אים פאַרנעמען און דאָס איז געווען אין 1915, בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה — די דעמאָלטיקע באַדינגונגען פון ברייט־פאַרשפּרייטער נויט.

אַ קלויסטער־נאָנע האָט זיך אויף אים „מרחם" געווען און אַריינגענומען אין אַ קלויסטער לעבן וואַרשע. דריי יאָר איז ער דאָרט געווען. זיינע מאַטעריעלע נויטן באַפרידיקט. געהאַט אויך אַ מעגלעכקייט צו לייענען ביכער. ווען ער האָט אָבער געזען, אַז דער ציל פון דער נאָנע איז פאַנגען אַ יידישע נשמה, איז ער פון דאָרט אַנטלאָפן, נישט וויסנדיק ווו ער וועט זיך אַהינטון.

דאָס אָרעמע איינזאַמע יינגל, האָט אַליין זיך געמוזט דורכ־שלאָגן אַ וועג אין לעבן. געמוזט אַרבעטן שווער און ביטער כדי צו

פאַרדינען אויף חיונה. גלייכצייטיק זיך אַליין געלערנט און טייל־מאָל — שוין דעמאָלט — אויך געלערנט אַנדערע.

אַ גאָר קורצע צייט האָט ער געהערט צו דער בונדישער יוגנט־אָרגאַניזאַציע צוקונפט, פונוואַנען ער איז אין 1919 אַריבער אין אַ יוגנט־גרופּע, וואָס האָט געוואָלט זיין פּאָליטיש אומאָפּהענגיק. ס'האָט נישט לאַנג געדויערט און די „אומאָפּהענגיקע" זענען אַריינגעטרעטן אין קאָמוניסטישן יוגנט־פאַרבאַנד. ער איז געוואָרן אַקטיוו אין דער קאָמ. באַוועגונג. צוערשט געאַרבעט צווישן דער יוגנט און זיך אַלץ מער אַרויסגערוקט. אין 1925 ווערט ער אַ מיט־גליד פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, וועלכע האָט אים געשיקט קיין מאָסקווע, ווו ער האָט שטודירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע אויפן אוניווערסיטעט. נאָכן צוריקקומען קיין פּוילן האָט ער זיך ווידער אַריינגעוואָרפן אין דער אומלעגאַלער טעטיקייט. באַצאָלט פאַר דעם מיט יאָרן תפיסה.

אין אַ צייט אַרום, דער עיקר אין רעזולטאַט פון די אָפּאָזיציאָ־נעלע קאַמפן אין דער פּוילישער קאָמוניסטישער באַוועגונג און פון די אינערלעכע אַנטוויקלונגען אין סאָוועט־רוסלאַנד (טראָצקי־סטאַלין און אַנדערע געשעענישן), ווערט ביי אים אַלץ קלאָרער דער טעות, וואָס ער האָט געמאַכט.

אין 1935 איז „אַרטוסקי"—„אָסקאַר" אַריינגעטראָטן אין דער וואַרשעווער אָרגאַניזאַציע פון „בונד". גלייך געוואָרן אַן אַקטיוויסט, אָפּגעבנדיק זיין גאַנצע צייט דער בונדישער טעטיקייט. ער איז געוואָרן אַ מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט, האָט געהאַלטן רע־דעס און רעפעראַטן און אויך געשריבן אַרטיקלען אין דער בונדישער פאָלקסצייטונג.

אין סעפּטעמבער 1939, נאָכן אויסבראָך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, האָט ער זיך געלאָזט מיטן אַלגעמיינעם פּליטים־שטראָם קיין מזרח; האָט זיך אָבער שפּעטער אומגעקערט קיין וואַרשע, כדי אַרויסצוראַטעווען און מיטנעמען מיט זיך זיין פרוי און קינד. ער האָט זיי נישט געפונען און איז צוליב דער געפאַר אַרעסטירט צו ווערן פון די נאַציס, צוריק אַוועק אויף מזרח. געווען פאַרשיקט אין די לאַגערן פון צפון־אוראַל און דורכגעמאַכט אַלע

שבעה מדורי גיהנום. געוואָרן באַפרייט אין זכות פון דער „שיקאָר־סקי־אַמנעסטיע". נאָכן אַנטשטיין פון דער „אַנדערס אַרמיי" אין רוס־לאַנד, איז ער אַריינגעטראָטן אין דער אַרמיי און אין 1943 איז ער אויף דער אינטערווענץ פון בונד אין דער פוילישער רעגירונג אין לאָנדאָן געקומען מיט דער אַרמיי קיין טעהעראַן און נאָך דעם קיין ישראל, וווּ ער איז געוואָרן באַפרייט פון דער אַרמיי צוזאַמען מיט אַ גרופּע בונדישע טוער וואָס זענען אויפן זעלבן וועג באַפרייט געוואָרן פון מיליטער. ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער בונ־דישער גרופּע, וואָס איז דעמאָלט באַשטאַנען פון די אַלט־איינ־געזעסענע אין לאַנד בונדיסטן און די נאָר וואָס געקומענע פון טעהעראַן.

קורץ נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה, איז חבר אַרטוסקי אַוועקגעפאָרן פון תל־אביב קיין פּאַריז, וווּ ער איז געווען טעטיק אין דער דאָרטיקער בונדישער אָרגאַניזאַציע, אויך אַלס מיט־רעדאַקטאָר פון „אונזער שטימע".

נאָכן אַנטשטיין פון מדינת־ישראל, איז אָנגעקומען אין דעם לאַנד אַ גרעסערע צאָל בונדיסטן פון פּוילן און פון די דייטשע לאַגערן. ס'האָט זיך פאַרגרעסערט די פון פריער עקזיסטירנדיקע בונדישע גרופּע. אין יולי 1950 האָט אַ פאַרזאַמלונג, פאַרגעקומען אין סטאָלאַר־וואַרשטאַט פון חבר רינקעוויטש, נאָך אַ דיסקוסיע, זיך אַרויסגעזאָגט פאַר גרינדן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל. דער באַשלוס איז געוואָרן אַקצעפּטירט דורכן וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון בונד אין ניו־יאָרק און אין זעלבן יאָר האָט דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט דעלעגירט דעם חבר אַרטוסקי, ער זאָל אָנפירן מיט דער בונדישער אַרבעט אין ישראל. מיט זיין אָנטייל איז אין פעברואַר 1951 פּראָקלאַמירט געוואָרן דאָס אַנטשטיין פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ישראל.

אין זעלבן יאָר איז אַרויס אונטער זיין רעדאַקציע דער ערשטער נומער „לעבנס־פראַגן". ביזן סוף פון זיין לעבן, במשך פון 20 יאָר, איז חבר אַרטוסקי געווען דער אומדערמידלעכער רעדאַקטאָר פון די „לעבנס־פראַגן" (פאַראַנטוואָרטלעך פאַר דער מאָבט, איז אַ

געוויסע צייט געווען חבר ב. צאַלעוויטש) און גלייכצייטיק איז ער אויך געווען דער גענעראַל־סעקרעטאַר פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין מדינת־ישראל.

ער האָט זיך דאָ אַריינגעוואָרפן מיט לייב און לעבן אין אַלע צווייגן פון דער בונדישער טעטיקייט. אַדאַנק זיין אינטעליגענץ און גרויסע פעאיקייטן האָט ער באַוויזן אַוועקצושטעלן די „לעבנס־פראַגן" אויף אַן ערנסטן הויכן ניוואָ. אָפט האָט ער אַליין אונטער פאַרשידענע נעמען געשריבן אַ העלפט פון די אַרטיקלען. בונדיסטן אין אַנדערע לענדער האָבן מיט גרויס אינטערעס געלייענט דעם זשורנאַל.

חבר אַרטוסקי איז אויך געווען דעלעגאַט צו אַלע בונדישע וועלט־קאָנפערענצן, אויף וועלכע ער האָט פאַרנומען אַן אָנגעזען אָרט אַלס רעפערענט. אַלע האָבן זיך צוגעהערט צו זיין וואָגיק וואָרט, אויך די וואָס זענען נישט געווען איינשטימיק מיט זיין שטעלונג.

חבר אַרטוסקי איז די לעצטע יאָרן געווען אָנגעגריפן פון אַן אומהיילבאַרער קראַנקייט. וועגן דעם האָט מען זיך דערוווּסט די לעצטע צייט. אָבער כל־זמן דער אָרגאַניזם האָט דאָס אים דערלויבט, האָט ער אומדערמידלעך, מיט באַשיידנקייט, ווייטער פאָרגעזעצט זיין אַרבעט.

דעם 19־טן אַפּריל און 1־טן מאַי, פ. י., איז ער מיט גרויס אָנשטרענגונג אַרויסגעטראָטן אויף ביידע אַקאַדעמיעס. זיין געזונט־צושטאַנד האָט זיך כסדר פאַרערגערט. ער איז עטלעכע מאָל געלעגן אין שפּיטאָל, באַקומען מעדיצינישע באַהאַנדלונג, און צוריקגעקומען אַהיים און — ווייטער געאַרבעט, געשריבן. די לעצטע 2 חדשים האָט זיך זיין געזונטצושטאַנד נאָך מער פאַרערגערט. ער האָט אָפט געהאַט ווייטאָגן און פיבער, מיט רפואות האָט מען זיי צייטווייליק באַרואיקט — און ער האָט ווידער געאַרבעט, געשריבן און אַרויסגעגעבן די ווייטערדיקע נומערן „לעבנס־פראַגן".

דעם 4־טן דעצעמבער האָבן מיר איינגעאָרדנט אַ פייערונג געווידמעט 20 יאָר „לעבנס־פראַגן", אויף וועלכער ער איז אַרויסגעטראָטן. דער אָוונט איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ „לעבעדיקער

ציַיטונג" און איז געווען אַ טיפּע, האַרציקע מאַניפעסטאַציע פון אונדזער אַלעמענס אָנערקענונג פאַרן רעדאַקטאָר און פאַר זיַינע גרויסע פאַרדינסטן פאַר דעם זשורנאַל.

ס'איז צו באַוואונדערן די האַלטונג פון חבר אָסקאַר, וואָס מען קען נישט אַנדערש באַצייכענען ווי אַ העלדישקייט: ער האָט, טראָץ זיַין שווערן געזונט־צושטאַנד, באַוויזן צו שריַיבן אַרטיקלען און צו־גרייטן צום דרוק די „לעבנס־פראַגן" צו 20 יאָר פון זייער דערשיַינען.

י. אַרטוסקי מיט אַ גרופּע בונדיסטן, זעלנער אין דער פּוילישער אַרמיי, תל־אביב 1943

געאַרבעט ממש ביז די לעצטע טעג פון זיַין לעבן. פאַראַן אַ ווערטל: „אין אַ געזונטן קערפּער — אַ געזונטער גייסט". חבר אַרטוסקי האָט באַוויזן, אַז דער מענטשלעכער גייסט קען זיַין שטאַרקער פון קער־פּער. מ'קען וועגן אים זאָגן: געלעבט מיט די „לעבנס־פראַגן" און געשטאָרבן מיט די „לעבנס־פראַגן".

אַ גרויסן חלק אין דעם, וואָס האָט אים אַזוי אויפגעהאַלטן, צו־געגעבן מוט, כוח און אויסדויער, האָט זיַין טרייע לעבנס־באַגלייַ־טערין, זיַין פרוי העלאַ, וועלכע האָט געזאָרגט אים לייַכטער צו מאַכן

זיינע לײדן, אים געהאָלפן אויסטראָגן די שווערע לאַסט וואָס דער גרויזאַמער גורל האָט אים צוגעטײלט. אַלײן אַ שוואַכע קראַנקע פרוי, האָט זי אַרויסגעוויזן אַזוי פיל אָפּפערוויליקייט, וואַרעמקייט און קרבנות־גרייטקייט, נישט אָפּטרעטנדיק פון קראַנקן בייטאָג און ביינאַכט.

דעם 14־טן דעצעמבער האָט מען דעם חבר אָסקאַר אָפּגעפירט אין שפּיטאָל. דער אויסגעשעפּטער שוואַכער אָרגאַניזם האָט מער נישט אויסגעהאַלטן. דאָנערשטיק דעם 16־טן דעצעמבער איז חבר אַרטוסקי אַוועק אין דער אייביקייט.

פון י. ארטוסקיס
ליטעראַרישער ירושה





פון כתב־יד „די וועגן פון דער יידישער ליטעראַטור אין ישראל", זייטל 1
פון כתב־יד „בונדישע אָרגאַניזאַציע" אין ישראל, זייטל 3

דער וועג
צום „בונד“

צום וו. ק. פון „בונד"*

1. אַרויסגייענדיק פון דער הנחה, אַז:

א) אינעם איצטיקן מאָמענט פון פאַרשאַרפטער פאַשיסטישער אָפענסיווע, פאָדערט זיך די מאַקסימאַלסטע פאַראייניקונג פון אַלע לעבעדיקע, אַקטיווע כוחות פון פראָלעטאַריאַט, און ס'איז אַ פאַרברעך מצד יעדן רעוואָלוציאָנער צו שטיין אין אַ זייט פון געזעלשאַפטלעכן געראַנגל;

ב) צוליבן איינהייט־פראָנט, וואָס מיר לעבן אונטער זיין צייכן, איז נישט פאַראַן קיין אָרט פאַר אַ זעלבשטענדיקער עקזיסטענץ פון קליינע גרופּעס און אָפּאָזיציעס;

ג) דער צוריקטריט אין דער קאַמ. באַוועגונג איז אויסגעשלאָסן, סיי צוליבן עקסטרעמען אָפּאָרטוניזם, ווי אויך צוליבן ביוראָקראַטישן אָרגאַניזאַציע־בוי, וואָס דערלויבט אַריינצוטרעטן נאָר דורך דערנידערנדיקע קאַפּיטולאַציע־דערקלערונגען — בין איך געקומען צום אויספיר, אַז אָוועקגעבן די כוחות פאַר דער באַנייאונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג קענען די אָפּאָזיציאָנעלע קאָמוניסטן נאָר דורך אָנשליסן זיך אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

2. האַלטנדיק, אַז פון צווישן די עקזיסטירנדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין פּוילן, איז דער „בונד" אויפן איצטיקן עטאַפּ די איינציקע פּאַרטיי, וואָס זיכערט מעגלעכע אינערלעך־פּאַרטייאישע דעמאָקראַטיע, און זיין פּאָליטיק איז אַמנאָענטסטן צום רעוואָלוציאָנערן מאַרקסיזם — האָב איך זיך אַנטשלאָסן אַריינצוטרעטן אין „בונד" און ווענד זיך דעריבער צום וו. ק. וועגן אָננעמען מיך אַלס מיטגליד. פאַרשטענדלעך, פאַרפליכט איך זיך צו זיין אַ לאָיאַלער פּאַרטיי־מיטגליד און אונטערוואַרפן זיך אַלע פּאַרטיי־באַשלוסן.

מיט חבר־גרוס

„אָסקאַר"

* גייע פאָלקסצייטונג, אויגוסט 1935.

אַ פּאָר ווערטער אויפקלערונג וועגן מיין אריינטריט אין „בונד"

ווי קומט עס, אַז איך, וואָס האָב אין משך פון העכער 15 יאָר באַקעמפט די בונדישע באַוועגונג, זאָל איצט אַריינטרעטן אין דער בונדישער אָרגאַניזאַציע? די קאָמ. פּאַרטיי־ביוראָקראַטן וועלן ענט־פערן דערויף מיט אַ פּאַק רכילות און מיך פאַרשרייען אַלס „רענע־גאַט", „פאַרעטער". אָבער פונקט ווי פיל געוועזענע קאָמוניסטן האָב איך זיך שוין אָפּגעווינט צו מעסטן מיינע האַנדלונגען לויט דעם, וואָס עס זאָגן וועגן זיי די קאָמ. פּאַרטיי־ביוראָקראַטן.

מיין איצטיקע אויפקלערונג איז געווענדעט צו די אַלע חברים, וואָס פאַרמאָגן נאָך די פעאיקייט אָביעקטיוו צו פאַרטראַכטן זיך איבער דער איצטיקער לאַגע אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, באַזונ־דערס איבער דער לאַגע, אין וועלכער ס'האָבן זיך געפונען די אָפּאָזיציאָנעלע קאָמוניסטן.

די פאַלשע פּאָליטיק, ווי אויך דער ביוראָקראַטישער אָרגאַני־זאַציע־בוי פון דער קאָמ. באַוועגונג האָבן אַרויסגעשטויסן פון אירע רייען אַ גרויסע צאָל אַקטיווע, איבערגעגעבענע פּאַרטיי־טוער. די קאָמ. באַוועגונג קאָן נישט טאָלערירן די מינדסטע מיינונגס־פריי־הייט, די מינדסטע קריטיק איבער דער פּאָליטיק, וואָס האָט גע־בראַכט אזעלכע, קלאָרע איצט, פאַטאַלע פאָלגן פאַרן פּראָלעטאַ־ריאַט. איבער די אָפּאָזיציאָנעלע עלעמענטן אין דער קאָמ. פּאַרטיי איז כסדר געהאַנגען ווי אַ דאַמאָקלעס־שווערד, די געפאַר פון „זעלבסטקריטיק", וואָס אָפּזאָגן זיך פון איר האָט באַדייט — פליען פון דער פּאַרטיי. דער ביוראָקראַטישער צענטראַליזם, די כסדרדיקע געפאַר פון רעפּרעסיעס, האָבן געשאַפן אַ צביעותדיקע אַטמאָספער: פּאַרטיי־טוער האָבן פאַרבאַהאַלטן זייערע מיינונגען, אָפּאָזיציאָנערן האָבן אונטערגעשריבן דעקלאַראַציעס מיט „זעלבסטקריטיק".

די דאָזיקע עקלהאַפטע אַטמאָספער, ווי אויך דער פאַקט, וואָס טראָץ דער שרעקלעכער מפּלה אין דייטשלאַנד איז די קאָמ. באַוועגונג נישט צוגעטרעטן אפילו צו אַנאַליזירן די סיבות פון דער מפּלה און רעווידירן איר גאַנצע פּאָליטישע איינשטעלונג, האָט מיך

ענדלעך אָפּגעשטויסן פון דער פּאַרטיי, מיט וועלכער איך האָב איבערגעריסן סוף 1933.

פאַרבלייבנדיק אויף מיינע ביזאיצטיקע אידעישע פּאָזיציעס, האָב איך זיך אָנגעשלאָסן, טראָץ געוויסע פּאָליטישע און אָרגאַני־זאַציאָנעלע חילוקי־דעות, צו דער טראָצקיסטישער גרופּע.

אין משך פון דער צייט זענען אָבער געשען זאַכן, וואָס האָבן ראַדיקאַל געביטן די פּאַרהעלטענישן. די קאָמ. באַוועגונג האָט גע־ענדערט איר איינהייטפראָנט־טאַקטיק און ס׳האָט זיך געשאַפן אַ לאַגע, אַז ווען די גרויסע אַרבעטער־פּאַרטייען, ווי גרויס ס׳זאָלן נישט האָבן געווען זייערע פריערדיקע פעלערן און אפילו פאַרברע־כנס, ווערן אַריינגעצויגן אין אַ מעכטיקער איינהייט־פראָנט־באַ־וועגונג, שטייען די אָפּאָזיציאָנעלע קאָמוניסטן אין אַ זייט, איזאָ־לירט פון די מאַסן, מאַכטלאָז, צעריסן פון אינערלעכע מיינונג־פאַרשידנהייטן. ס׳איז געוואָרן קלאָר: די איינהייט־פראָנט־באַוועגונג שווענקט אונטער די עקזיסטענץ־מעגלעכקייט פון די פאַרשי־דענע קליינע גרופּעס און אָפּאָזיציעס. ס׳איז געוואָרן קלאָר, אַז אויב מען וויל נישט אינגאַנצן אַרויסגעשטויסן ווערן פון געזעל־שאַפטלעך־פּאָליטישן קאַמף מוז מען זיך אָנשליסן אין דער מאַסן־באַוועגונג פון פּראָלעטאַריאַט.

דער פאַקט, וואָס די קאָמ. פּאַרטיי האָט געענדערט איר איינ־הייטפראָנט־טאַקטיק, האָט דערוועקט ביי מיר האָפנונגען וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ געזונט ווערן פאַר דער קאָמ. באַוועגונג. איך האָב זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון צוריק אָנשליסן זיך אין דער קאָמ. פּאַרטיי. אָבער די קאָמ. באַוועגונג, וועלכע האָט אַזוי שאַרף געביטן איר באַציאונג צו די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, האָט אויף קיין האָר נישט געענדערט איר שטעלונג לגבי די אָפּאָ־זיציאָנערן. אַריינטרעטן אין דער קאָמ. באַוועגונג האָט מען געקאָנט ווייטער נאָר דורך אַ פולשטענדיקן אָפּזאָגן זיך פון די אייגענע מיי־נונגען, נאָר דורך אַ דערנידערנדיקער „זעלבסטקריטיק״. דער ביוראָקראַטישער אַפּאַראַט פון דער קאָמ. פּאַרטיי איז געבליבן אומבאַרירט. צי ביי אַזאַ לאַגע קאָן אפילו „זעלבסטקריטיק״ פאַרהיטן פון ווייטערדיקע רעפּרעסיעס? האָבן דען געהאָלפן זינאָ

וויעוון און פיל אַנדערע זייערע עקלהאַפט־דערנידערנדיקע קאַפּי־טולאַציע־דערקלערונגען ?

דערווייל איז אָנגעקומען דער לעצטער פּאָליטישער קער. די קאָמ. באַוועגונג, אומפּעאיק צו מאַרקסיסטישער אָפּשאַצונג פון דער דורכגעמאַכטער געשיכטלעכער דערפאַרונג, האָט זיך אין אַ פּאַניק־שטימונג אַריבערגעוואָרפן אויף די פּאָזיציעס פון עקסטרעמסטן אָפּאָרטוניזם. דער רעפאָרמיזם, וואָס האָט שוין אין אַ ריזיקער מאָס געהאַט באַנקראָטירט, צוליב די געשעענישן אין דייטשלאַנד, עסט־רייך, שפּאַניע, האָט צוגעקראָגן אומגעריכט אַ נייעם אָנשפּאַר אין דער קאָמ. באַוועגונג.

סטאַלינס דערקלערונג וועגן פראַנקרייכס נאַציאָנאַלער פאַר־טיידיקונג האָט געבאַנט דעם וועג פאַר אַ פולשטענדיקן איבערייס מיט דער מאַרקסיסטישער שטעלונג וועגן בורזשואַזער נאַציאָנאַלער פאַרטיידיקונג און האָט אַריינגעצויגן די קאָמ. פּאַרטייען פון דער וועלט אין אַ געפערלעכער נאַציאָנאַליסטישער, סאָציאַל־פּאַטריאָ־טישער שפּיל.

דאָס „אויסברייטערן" דעם איינהייט־פראָנט אין אַ „פּאָלקס־פראָנט" האָט באַדייט אַן איבעררייס מיט דער פּראָלעטאַרישער קלאַ־סן־פּאָליטיק און אַן איבערגאַנג אויף די אָפּאָרטוניסטישע פּאָזיציעס פון מיטאַרבעט מיט דער בורזשואַזיע ביז קאָאַליציע־פּאָליטיק איינשליסלעך. אויב דער „פּאָלקס־פראָנט" אויף דער יידישער גאַס האָט אין זיין גאַנצער קאַריקאַטורעלער פאָרם באַוויזן די צוזאַמענ־אַרבעט פון די קאָמוניסטן מיט דער בורזשואַזיע, האָט דאָס אָפּגערע־ניצן זיך פון די געשעענישן אין ברעסט און טולאָן באַוויזן, אַז די קאָמ. פּאַרטיי שטעלט זיך נישט אָפּ פאַר פאַראַטן די אינטערעסן פון פּראָלעטאַריאַט צוליב דער גאַנצקייט פון פּאָלקס־פראָנט. דער לעצטער פּאָליטישער קער באַדייט אַ פולשטענדיקן איבעררייס מיט די יסודות פון מאַרקסיזם און פירט אַריין די געפערלעכסטע דע־מאָראַליזאַציע אין די רייען פון פּראָלעטאַריאַט.

די דאָזיקעביידע מאָמענטן, דער אָפּאָרטוניסטישער קער און דער אָרגאַניזאַציאָנעלער ביוראָקראַטיזם, שליסן אויס די מעגלעכ־קייט פון צוריק אַריינטרעטן אין דער קאָמ. באַוועגונג.

כדי איבערצורייסן מיטן צושטאַנד פון איזאָלאַציע און אָנשליסן זיך אין דער ברייטער אַרבעטער־באַוועגונג, וואָס ווערט וואָס אַמאָל מער געשטויסן אויפן וועג פון איינהייט־פראָנט, האָב איך געמוזט ווענדן מיינע בליקן צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג: צו פּ. פּ. ס. און „בונד". פּ. פּ. ס. האָט געמוזט אָוועקפאַלן פון רעכנונג צוליב אַ ריי טעמים: רעפאָרמיסטישע פּאָליטיק, וואָס ווערט איצט געשטאַרקט דורך דעם קאָמוניסטישן אָפּאָרטוניזם, מאַנגל אויך דאָרט פון אינערלעך־פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע. אָבער דער עיקר — דער פאַקט, וואָס איך בין אַ יידישער אַרבעטער־טוער.

קאָנקרעט האָט זיך געשטעלט די פראַגע וועגן אַריינטריט אין „בונד".

דעצידירן זיך אויף אַריינצוגיין אין „בונד" איז נישט געווען אַזוי לייכט. יאָרן פון קאַמף קעגן „בונד", דאָס וואָס דער „בונד" איז בלויז אַ יידישע פּאַרטיי און נישט אַ לאַנד־פּאַרטיי — דאָס אַלץ האָט געווירקט נישט ווייניק אָפּהאַלטנדיק. און איך מוז זיך מודה זיין, אַז נישט לייכט איז מיר אָנגעקומען גובר צו זיין די דאָזיקע פאַרבאַהאַלטן. אָבער די אַלע מאָמענטן האָבן נישט געקאָנט אויסמעקן דעם פאַקט, אַז פון די עקזיסטירנדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אין פוילן איז דער „בונד" די פּאַרטיי, וואָס איז אויפן איצטיקן עטאַפּ אַמנאָענסטן מיינע פּאָליטישע איבערצייגונגען, און וווּ ס'זענען אַממערסטן פאַרטראָטן די רעוואָלוציאָנער־סאָציאַליסטישע עלעמענטן. „בונד" איז אויך די איינציקע פּאַרטיי, וואָס זיכערט די מעגלעכע אינערלעך־פּאַרטייאישע דעמאָקראַטיע. אוודאי זענען צווישן מיר און „בונד" פאַראַן חילוקי־דעות, אָבער ביי דער עקזיסטענץ פון אינערלעך־פּאַרטייאישער דעמאָקראַטיע, האָבן זיי שוין נישט געקאָנט בילדן קיין שטערונג פאַר מיין אַריינטריט אין „בונד".

אַריינטרעטנדיק אין „בונד" פאַרבינד איך זיך מיט דער גרויסער מאַסע יידישע פּראָלעטאַריער, וואָס געפינען זיך דאָרט, באַקום איך די מעגלעכקייט אָנטיילצונעמען אינעם קאַמף פאַר רעאַליזירן דעם איינהייטלעכן פראָנט פון פּראָלעטאַריאַט, וואָס איך באַטראַכט אַלס דעם איינציקן וועג צו דער באַנייאונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג.

* * *

דער אַרבעטער־קלאַס לעבט איבער אַ טיפן אידעאָלאָגישן קריזיס. פונעם באַנקראָט פון רעפאָרמיזם און סטאַליניזם, וואָס איז איצט געוואָרן אַ נייע אויפלאַגע פון רעפאָרמיזם, מוז זיך אויסשיילן אַ באַנייטע אַרבעטער־באַוועגונג. די באַנייאונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג איז אַ שווערער און קאָמפּליצירטער פּראָצעס, אין וועלכן עס מוזן אַריינגעצויגן ווערן די ברייטסטע אַרבעטער־מאַסן. דערפאַר איז פאַלש און סעקטאַנטיש דער טראָצקיסטישער פּרווו פון באַנייען די אַרבעטער־באַוועגונג דורך שאַפן אַ נייעם אינטערנאַציאָנאַל, אויף נאָך אַ שמעלערער באַזע ווי דער קאָמינטערן, אויף דער באַזע פון אַ. ג. 32 פּונקטן (11+21). דער דאָזיקער פּרווו האָט געמוזט פלאַצן ביי זיינע ערשטע טריט.

די באַנייאונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג קאָן פאָרקומען נאָר אויף אַ ברייטערן דעמאָקראַטישן יסוד, וואָס דערלויבט — אויפן יסוד פון אידעאָלאָגישער אייניקייט אין די גרונט־פראַגן — די פאַרשידנקייט פון מיינונגען און שטרעמונגען. די אַרבעטער־באַוועגונג האָט גענוג געליטן פון סעקטאַנטישקייט, פון ביוראָקראַטיזם. די באַנייאונג פון דער אַרבעטער־באַוועגונג מוז פאָרקומען אויף אַ העכערער שטופע פון געשיכטלעכער דערפאַרונג.

מיין אַריינטריט אין „בונד" איז אַ שריט אַ דרייסטער. אָבער רעוואָלוציאָנערן שרעקן זיך נישט פאַר קיין דרייסטע דעציזיעס. שטיין ווייטער אין אַ זייט פון מעכטיקן געראַנגל צווישן אַרבעט און קאַפּיטאַל איז פאַר מיר געוואָרן אוממעגלעך. און כ'בין זיכער, אַז די אַקטיווע עלעמענטן פון די קאָמוניסטישע אָפּאָזיציאָנערן, וואָס גיבן זיך אָפּ אַ רעכנונג פון דער עקזיסטירנדיקער זאַכלאַגע און ווילן אָפּגעבן זייערע כוחות דעם קאַמף קעגן פאַשיזם און פאַר פּראָלעטאַרישער באַפרייאונג, וועלן קומען צום זעלבן אויספיר, צו וועלכן איך בין געקומען.

„אָסקאַר"

אַריין אין „בונד״! *

אַ פּאָר ווערטער וועגן דער ווערביר־אַקציע

מיר לעבן איבער אַן איבערברוך־מאָמענט אין דער געשיכטע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג. דער אַרבעטער־קלאַס באַפרייט זיך ביסלעכווייז פונם קאָשמאַר, וואָס האָט אים באַהערשט אין רעזול־טאַט פון די שווידערלעכע מפּלות. ער באַפרייט זיך פון אַפּאַטיע און נידערגעשלאָגנקייט. ער גלייכט אויס זיינע פּלייצעס און שטייט ווידער אויף צום אַקטיוון געזעלשאַפטלעכן געראַנגל. די אַרבע־טער־מאַסן ניכטערן זיך אויס פון די פאַלשע אילוזיעס און האָפ־נונגען. ס׳באַפרייען זיך די יידישע מאַסן פון ציוניסטישער פאַרטומ־לעניש. אַן אויסניכטערונג קומט פאָר אויך צווישן די קאָמוניסטיש־געשטימטע אַרבעטער. דער נעאָ־רעפאָרמיזם פון דער קאָמוניסטי־שער באַוועגונג און דער ווייטערדיקער קאָמינטערנישער ביוראָק־ראַטיזם צעברעכן וואָס אַמאָל מער די האָפנונג פון דער קאָמוניס־טישער מיטגלידערשאַפט אויף אַ געזונט ווערן פון דער קאָמוניס־טישער באַוועגונג. עס קומט פאָר אַ זוכעניש פון נייע וועגן.

אין אַזאַ מאָמענט באַקומט די ווערביר־אַקציע פון „בונד״ אַ באַזונדערע באַדייטונג. זי דאַרף באַלויכטן דעם וועג פאַר די אַלע, וואָס קאָנען זיך נאָך נישט דעצידירן, וואָס ווילן אָבער אַנטיילנעמען אַקטיוו אינעם באַפרייאונגס־קאַמף פונם אַרבעטער־קלאַס.

די ווערביר־אַקציע פון „בונד״ פאַר טויזנטער נייע מיטגלידער גייט צווישן אַנדערן אויך אין דער ריכטונג פון געווינען אָנהענגער פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג. און דאָס איז ריכטיק. נישט דערפאַר, וואָס די קאָמוניסטישע באַוועגונג זאָל זיין אונדזערס אַ שונא, ניין: דער געמיינזאַמער שונא פון אַלע פּראָלעטאַרישע

---

* נייע באַלקסצייטונג, דעצעמבער 1935.

ריכטונגען איז די קאַפּיטאַליסטיש־פאַשיסטישע דיקטאַטור. אָבער די פאַלשע פּאָליטיק פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג, סיי די נעכטיקע, די אוואַנטוריסטישע, סיי די היינטיקע רעפאָרמיסטישע, האָט שוין געבראַכט און ברענגט ווייטער צו פיל שאָדן דער אַרבעטער־באַוועגונג און טראָגט אַריין אַן אומגעהויערע דעזאָרגאַניזאַציע אין די אַרבעטער־רייען בכלל און אין אירע אייגענע קאָמוניסטישע רייען בפרט. די קאָמוניסטישע פאַרטיי־מיטגלידער און סימפּאַטיקער גייען אַרום אַן אַ קאָפּ, זיי קענען נישט תופס זיין די נייע פּאָליטיק. זיי ווייסן נישט, ווי אַזוי מען פאַרבינדט אָט די פּאָליטיק מיט דער ביז־איצטיקער קאָמ. שטעלונג.

אין משך פון די לעצטע יאָרן זענען הונדערטער איבערגעגעבענע טוער אַרויסגעוואָרפן געוואָרן פון דער קאָמ. באַוועגונג און פאַרשריגן געוואָרן אַלס „רענעגאַטן" און „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערן", און הונדערטער זענען אַליין אַוועק פון דער קאָמ. באַוועגונג, נישט קענענדיק פאַרטראָגן נישט איר פאַלשע פּאָליטיק, נישט די ביוראָקראַטישע אַטמאָספער פון דער „גענעראַל־ליניע". און איצט, ווען די אַלטע ליניע איז אויף אַ באַפעל פון אויבן, אָן דיסקוסיע אָפּגעוואָרפן געוואָרן, האָט אויך זיי אַרומגעכאַפּט אַ פולשטענדיקע דעזאָריענטאַציע, און ווידער האָבן זיך פיל באַזייטיקט פון דער באַוועגונג, און אַ סך פון די, וואָס זענען פאַרבליבן, זיצן דאָרט מיט אַ ביטערניש אין האַרצן.

אַ געוויסער טייל אָפּאָזיציאָנעלע קאָמוניסטן האָט זיך דעצידירט צו גיין צום „בונד". דער גרעסטער טייל אָבער קאָן זיך ביז איצט נישט אַנטשיידן, און וואָגלען אַרום אין עולם התוהו. אַ סך פון זיי זענען דעריבער בכלל אַוועק פון פּאָליטישן לעבן, אַנדערע ווידער זענען נאָך, כדי נישט צו דאַרפן שטעלן זיך אין אַ זייט, פאַרבליבן אין די רייען פון דער קאָמ. באַוועגונג.

אָבער ווי לאַנג קאָנען מענטשן, מיט אַ געזעלשאַפטלעכן חוש, מיט איבערגעגעבנקייט צום באַפרייאונגס־קאַמף פון אַרבעטער־קלאַס, בלייבן שטיין אין אַ זייט פון סאָציאַלן געראַנגל? און ווי לאַנג קאָנען קאָמוניסטישע אָפּאָזיציאָנערן זיצן מיט אַ שטום מויל אין דער קאָמ. באַוועגונג? זיי מוזן געפינען דעם וועג. און די

ווערביר־אַקציע פון „בונד" דאַרף זיי צוהעלפן דעם וועג צו געפינען.

אַלס געוועזענער קאָמוניסטישער טוער פאַרשטיי איך גוט, ווי שווער ס'איז פאַר אַ קאָמוניסט צו ווערן אַ מיטגליד פון „בונד". דאָס איז אַ טראַגישע איבערלעבעניש. דאָס פאַרלאַנגט אַ טיפן אינערלעכן איבערברוך, דאָס באַדייט, איבעררייסן פולשטענדיק מיט פיל געוווינהייטן און איינשטעלונגען, דאָס פאָדערט דרייסטקייט. יאָרן קאָמוניסטישע דערציאונג האָבן אַ טיפן שטעמפּל אַרויפגע־לייגט אויף דער פּסיכיק פון די קאָמוניסטן. די טעאָרעטישע איינ־שטעלונג פון דער קאָמ. באַוועגונג האָט אויפגעשטעלט אַן אייזערנעם מויער צווישן קאָמוניסטן און אַלע איבעריקע אַרבעטער־ריכטונגען. די קאָמוניסטן פלעגן באַטראַכטן די איבעריקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען נישט אַלס אידעישע קעגנער, וואָס שטרעבן אויך צום סאָציאַליזם, כאָטש מיט אַנדערע מיטלען, נאָר אַלס באַוווּסטזיניקע פאַררעטער פון אַרבעטער־קלאַס, ביי וועלכע דער סאָציאַליזם איז נאָר אַ מיטל איינצושפּאַנען די מאַסן אין רייטוואָגן פון קאַפּיטאַ־ליזם. די טעאָריע וועגן סאָציאַל־פאַשיזם האָט נאָך פיל מער פאַר־טיפט די דאָזיקע איבערצייגונג, און פאַרגרעסערט דעם האַס צו דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. און די רעפאָרמיסטישע פּאָליטיק פון די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען איז געווען וואַסער אויף דער מיל פון אַזעלכע איינשטעלונגען, וואָס האָבן געווירקט אין דער ריכטונג פון פאַרשטאַרקן דעם האַס צו דער גאַנצער סאָציאַליסטישער באַ־וועגונג.

אַז די איינשטעלונג איז געווען אַ פאַלשע, וועגן דעם איז שוין היינט איבעריק צו רעדן. דאָס וואָגן שוין היינט נישט צו לייקענען אפילו קאָמוניסטישע פירער. אָבער יאָרן פון אַזאַ דערציאונג באַ־שווערן דעם פּראָצעס פון פולשטענדיק באַפרייען זיך פון דער ביז־איצטיקער פּסיכישער איינשטעלונג.

ס'איז מיר לעצטנס אויסגעקומען צו רעדן מיט אַן אָפּאָזי־ציאָנעלן קאָמוניסט, אַן אַמאָליקן טוער, וואָס שטייט שוין עטלעכע יאָר אויסער די רייען פון דער קאָמ. באַוועגונג. אויך ער האָט זיך נאָך ווייטער פאַרעקשנט געהאַלטן ביי דער מיינונג, אַז די גאַנצע

סאָציאַליסטישע באַוועגונג, און אויך דער „בונד״ זענען „קאָנטער־רעוואָלוציאָנערע״ אָרגאַניזאַציעס. אויב אַזוי טראַכטן נאָך אָפּאָזי־ציאָנעלע קאָמוניסטן, טאָ איז אַ וואונדער, וואָס פאַר מיטגלידער פון דער קאָמ. באַוועגונג איז שווער זיך צו באַפרייען פון דעם דאָזיקן פסיכאָז?

אָבער, ווי יעדער פסיכאָז, מוז אויך דער מיט דער צייט פאַר־שווינדן. דער איבערברוך קומט שוין פאָר. דער אַריינטריט פון די אָפּאָזיציאָנעלע קאָמוניסטן אין „בונד״ איז אָן צווייפל אַ רעזולטאַט פון אָט דעם איבערברוך. אויך די לעצטע איינשטעלונג פון דער קאָמ. באַוועגונג, ליקווידאַציע פון דער שפּאַלטונג אין דער פּראָפ. באַוועגונג, די איינהייט־פראָנט־טאַקטיק, דאָס אָנערקענען אין אַ רייע לענדער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג אַלס אָן אַנטי פאַשיס־טישע און אַלס פּראָלעטאַרישע קלאַסן־באַוועגונג, ווירקט זיכער אין דער ריכטונג פון באַפרייען די ברייטע קאָמוניסטישע אָנהענגער פון זייער ביזאַיצטיקן פסיכאָז.

אַזוי איז זי, די לאָגיק פון פאַקטן. די קאָמ. באַוועגונג מוז היינט אַליין ברעכן דעם מויער, וועלכן זי האָט אין משך פון יאָרן, כסדר געבויט צווישן קאָמוניסטן און סאָציאַליסטן, און העלפט אַזוי אַרום אַליין צו דער ווערביר־אַקציע פון „בונד״.

* * *

ס׳בלייבט אָבער נאָך איין ערנסטע שטערונג פאַר די קאָמוניסטן צו גיין צום „בונד״. דאָס איז דער א. ג. יידישער מאָמענט. די קאָמ. פּאַרטיי איז אַן אינטערנאַציאָנאַלע פּאַרטיי און אַרבעט צווישן גאַנצן פּראָלעטאַריאַט פון לאַנד, אָן אונטערשייד פון נאַציאָנאַליטעט. דער „בונד״ פירט זיין טעטיקייט בלויז צווישן יידישע אַרבעטער. ס׳איז מיר אויסגעקומען צו רעדן מיט פיל קאָמוניסטן, אפילו מיט אַזעלכע, וואָס זענען ביז היינט צו טאָג מיטגלידער פון דער קאָמ. פּאַרטיי, וואָס האָבן מיר געזאָגט:

„מיר זענען נישט מסכים מיט דער פּאָליטיק פון דער קאָמ. באַוועגונג. מיר וואָלטן מיט איר איבערגעריסן. אָבער — וווהין זאָלן מיר גיין? גיין אין „בונד״ דאָס הייסט דאָך אַוועקגיין פון לאַנד־פּראָלעטאַריאַט און אַריינשליסן זיך אין יידישן וועלטל״.

יאָ, דער דאָזיקער מאָמענט איז — קאָן מען דרייסט זאָגן — דער וויכטיקסטער, וואָס האַלט אַפּ אַ סך קאָמוניסטן פון איבערגיין צום „בונד". ס'איז שווער פאַר קאָמוניסטן, וואָס האָבן זיך צוגע־וווינט צו זיצן אין איין פאַרטיי מיט פּראָלעטאַריער פון אַנדערע נאַציעס אָנצושליסן זיך אין אַ פאַרטיי פון בלויז יידישע אַרבעטער.

צי דאַרף דאָס אָבער זיין אַן אָפּהאַלט? דער „בונד" איז אויס־געוואַקסן פון די טיפענישן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, און דאָס האָט אָנגעצייכנט זיין לעבנס־וועג. איך וועל דאָ נישט באַרירן קיין פראַגן פון פאַרגאַנגענהייט, אָבער וואָס איך האָב געקאָנט פעסט־שטעלן, זייענדיק אין „בונד", איז דאָס, אַז אַלע בונדיסטן לעבן זייער ווייטאָגדיק איבער אָט דעם צושטאַנד פון איזאָלירטקייט און ביי אַלע בונדיסטן איז פאַראַן דער הייסטער ווונטש צו פאַראייניקן זיך מיט די אָרגאַניזאַציעס פון פּוילישן פּראָלעטאַריאַט, צו פאַראייניקן זיך אין איין אַלגעמיינער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־פּאַרטיי.

אַזוי איז שוין אָוועק דער געשיכטלעכער גאַנג פון „בונד", אַז ער האָט זיך ביז איצט נישט געקאָנט פאַראייניקן, נישט מיט די קאָמוניסטן, נישט מיט פּ. פּ. ס. אָבער דער קאַמף פאַר פאַראייניקונג דויערט, און צו העלפן אין דאָזיקן קאַמף פאַר איין אינטערנאַציאָ־נאַלע רעוואָלוציאָנער־פּראָלעטאַרישע קלאַסן־פּאַרטיי — דאָס איז אַן אויפגאַבע, וואָס דאַרף צוציען די קאָמוניסטישע אָפּאָזיציאָנערן. און דעריבער טאָרן זיי נישט שטיין אין אַ זייט, נאָר אָנשליסן זיך אין דער אָרגאַניזאַציע פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, אַריינטרעטן אין „בונד", כדי צוזאַמען מיטן יידישן אַרבעטער־קלאַס צו קעמפן פאַר דער פאַראייניקונג.

דאָ מוז מען באַזייטיקן נאָך איין מיספאַרשטענדעניש, וואָס איז זייער פאַרשפּרייט צווישן די קאָמוניסטן. דער יידישער מאָמענט פלעגט מען טענה'ן — איז דאָך דער עיקר פון בונדיזם. די נאַציאָ־נאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע איז דאָך זיין הויפּט־פּרינציפּ, אָבער אויך דאָס איז נישט אינגאַנצן ריכטיק. דער עיקר־פּרינציפּ פון „בונד" איז אַריינציען די יידישע אַרבעטער־מאַסן אין דעם אַלגע־מיינעם באַפרייאונגס־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט. דער זעקסטער צוזאַמענפאָר פון „בונד" האָט קלאָר געזאָגט, אַז „די נאַציאָנאַלע

נויטן פון די יידישע מאַסן קאָנען פאַרענטפערט ווערן נאָר אויפן וועג פון קאַמף קעגן קאַפּיטאַליזם, אַלס אַזעלכן". די יידן־פראַגע איזביים „בונד" אַ טייל פונם אַלגעמיינעם באַפרייאונגס־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט. דערין באַשטייט דער אונטערשייד צווישן „בונד" און אַלע איבעריקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס. די באַציאונג צו די יידישע פּראָבלעמען איז אַ ביז גאָר וויכטיקע פראַגע, זי טאָר אָבער נישט זיין קיין סיבה פון שפּאַלטונג אין דער אַרבעטער־באַוועגונג, זי טאָר נישט זיין קיין מניעה פאַר אַריינטרעטן אין „בונד". דאָס זענען פּראָבלעמען וועגן וועלכע מ'קאָן און מ'דאַרף דיסקוטירן, אַרום וועלכע ס'קאָן און דאַרף פאָרקומען אַ פרייער מיינונג־אויסטויש אינערהאַלב דער פּאַרטיי. אַזאַ אַדער אַנדערע באַציאונג צו די יידישע פראַגן מצד די אָפּאָזי־ציאָנעלע קאָמוניסטן דאַרף אָבער נישט און קאָן נישט זיין קיין שטערונג פאַר אָנשליסן זיך אין „בונד".

אין באַצוג צו יידישע פראַגן, פונקט ווי צו די אַלגעמיינע פּראָבלעמען פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, זענען פאַראַן אין „בונד" פאַרשידענע מיינונגען. אין „בונד" קומט פאָר אַ כסדרדיקער פּראָ־צעס פון לערנען זיך פון דער דערפאַרונג און קודם כל — פון דער ראַטנפאַרבאַנדישער. ביי אַ שטאַרקער דיסציפּלין כלפּי חוץ קומט פאָר אין דער פּאַרטיי אַ פרייער שטרייט פון מיינונגען, און מ'דאַרף אונטערשטרייכן אַלס אַ וויכטיקן פּלוס פון דער בונדישער באַווע־גונג, וועלכן איך האָב געקאָנט באַמערקן שוין אין משך פון דער קורצער צייט פון מיין זיין אין „בונד" — די חברישע אַטמאָספער, אין וועלכער די אידעישע שטרייטן ווערן געפירט. אָט די אַטמאָס־פער, איז, לויט מיין מיינונג, איינע פון די וויכטיקסטע סיבות, וואָס האָבן, טראָץ אַלע קריזיסן און שוועריקייטן, געהאָלפן האַלטן די גאַנצקייט פון דער בונדישער באַוועגונג אין משך פון אַזוי פיל יאָרן. דאָס האָבן נישט פאַרשטאַנען און נישט געקאָנט פאַרשטיין די קאָמוניסטן. די קאָמוניסטן זענען נישט פעאיק געווען צו שאַפן ביי זיך די אינערלעכע אַטמאָספער, וואָס זאָל דערלאָזן אין די ראַמען פון דער פּאַרטיי־דיסציפּלין — אַ פרייען מיינונגס־אויסטויש, אַ חברישע דיסקוסיע, ווי צווישן מיטגלידער פון איין אידעישער

משפחה. דאָס איז אויך איינע פון די סיבות פון דעם טיפן קריזיס, וועלכן ס'מאַכט אַדורך די קאָמוניסטישע באַוועגונג.

די בונדישע באַוועגונג לעבט איצט איבער אַ צייט פון „צוריק־פליסנדן שטראָם". זייט יאָרן איז עס דאָס ערשטע מאָל ווי ס'קומט פאָר אַ מאַסנהאַפטער איבערגאַנג פון קאָמוניסטן צום „בונד". אין משך פון אַ געוויסער צייט זענען מיר געווען עדות פון אַ פאַר־קערטער דערשיינונג: פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג איז מען געגאַנגען צום קאָמוניזם. היינט וואַקסט די אומגעקערטע טענ־דענץ. נאָך זענען פאַראַן אָפּאָזיציאָנעלע קאָמוניסטן, וואָס האָפן אויף דער קאָמ. באַוועגונג. אָבער זייער צאָל ווערט וואָס אַמאָל קלענער. שוין דער פאַקט אַליין, וואָס נאָך היינט פאָדערט מען פון זיי קאַפּיטולאַציע־דערקלערונגען, איז מסוגל צו לעשן יעדע האָפנונג.

און ס'וואַקסט דער דראַנג צום „בונד" אויך דערפאַר, ווייל, ווי מ'זאָל נישט קוקן אויף דער פאַרגאַנגענהייט פון „בונד" איז עס אַן אומבאַשטרייטבאַרער פאַקט, אַז בעת דער רעפאָרמיסטישער מגפה, וואָס האָט פאַרכאַפּט באַדייטנדיקע טיילן פון דער אַרבעטער באַ־וועגונג, סיי דער סאָציאַליסטישער, סיי קאָמוניסטישער, איז אין פוילן דער „בונד" די איינציקע פאַרטיי, וואָס האָט זיך ביז איצט נישט געלאָזט אַראָפּשטויסן צום רעפאָרמיזם, די איינציקע, וואָס פאַרטיידיקט די פּרינציפּן פון רעוואָלוציאָנערן קלאַסן־קאַמף.

און דערפאַר האָט די איצטיקע ווערביר־קאַמפּאַניע פון „בונד" אַן ערשטראַנגיקע באַדייטונג און דערפאַר דאַרף הילכן איצט דער רוף צו די אַלע, וואָס שטייען אויפן שטאַנדפּונקט פון רעוואָלוציאָ־נערן מאַרקסיזם:

שטייט נישט אין אַ זייט, רייסט איבער מיט אַלע נאָך פאַר־בליבענע פאַראורטיילן. טרעט אַריין אין „בונד"!

וווּ איז דער וועג פון די אויפריכטיקע קאָמוניסטן

צו די מיטגלידער און סימפּאַטיקער פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי!

איר האָט געדינט אַ באַרבאַרישן אָפּגאָט

די סענסאַציאָנעלע אַנטפּלעקונגען וועגן סטאַלינען, וואָס זענען געמאַכט געוואָרן אויפן און נאָכן 20־סטן קאָנגרעס פון דער סאָוויעטישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי, האָבן געמוזט אַרויסרופן אַ טיפע דערשיטערונג אין די קאָמוניסטישע רייען, האָבן געמוזט אויפטרייסלען די געמיטער פון די אַלע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אויפריכטיק געגלויבט אין סטאַלינען און האָבן געזעען אין אים דעם געניאַלן פירער פון ראַטנפאַרבאַנד און פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט.

גלויבנדיק אין סטאַלינען האָבן די קאָמוניסטן באַרעכטיקט אַלץ וואָס ער האָט אָפּגעטאָן אין און אויסערהאַלב דעם ראַטנפאַרבאַנד; זיי האָבן באַרעכטיקט דעם טעראָר אין ראַטנפאַרבאַנד, די „מאַס־קווער פּראָצעסן" קעגן די געוועזענע באָלשעוויסטישע פירער פון דער רעוואָלוציע; די מאָרדן איבער די סאָציאַליסטן; זיי האָבן געגלויבט אין די — ווי עס האָט זיך איצט אַרויסגעוויזן — אויפגעצוווּנגענע, ליגנערישע זעלבסטבאַשולדיקונגען פון די אַרעסטירטע קאָמוניסטישע פירער און טוער; זיי האָבן געגלויבט אין די העצערישע זידלערייען קעגן טיטאָ און קעגן די אַנדערע קאָמוניסטישע אַפּיקורסים; זיי האָבן געגלויבט אין די בילבולים קעגן די אַרעסטירטע און אומגעבראַכטע יידישע שרייבער און קולטור־טוער, קעגן ערליך און אַלטער. זיי האָבן נישט געוואָלט זעען קיין שום פּגם אויפן סאָוויעטישן סטאַלין־רעזשים. זיי האָבן בלינדערהייט געשטיצט די פּאָליטיק פון דער סטאַלין־רעגירונג; צי דאָס איז געווען די געוואַלטזאַמע קאָלעקטיוויזאַציע, צי דער מאָלאָטאָוו־ריבענטראָפּ־פּאַקט. זיי האָבן געזידלט און באַשמוצט די אַלע, וועלכע

---

* לעבנס־פראַגן נר. 60, יולי 1956.

האָבן געוואָגט אָנצורירן דעם כבוד פון סטאַלינען און צו קריטיקירן זיין פּאָליטיק.

די פאַרגעטערונג פון סטאַלינען און די פאַלשע, באַרבאַרישע סטאַלין־פּאָליטיק האָט אין משך פון די לעצטע צענדליקער יאָרן אָפּגעשטויסן פון דער קאָמוניסטישער באַוועגונג אַן אומגעהויערע צאָל איבערגעגעבענע, געטרייע אָבער זעלבשטענדיק דענקנדיקע קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אָדער זיך אָרגאַניזירט אין זעלבשטענדיקע קאָמוניסטישע אָפּאָזיציאָנעלע גרופּן און פּאַרטייען אָדער זיך אָנגעשלאָסן אין די עקזיסטירנדיקע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, ווו זיי האָבן פאַרמאָגט די פרייהייט פון מיינונגען און קריטיק. די קאָמוניסטישע באַוועגונג איז פון דאַן אָן פאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ באַוועגונג פון בלינדע נאָכפאָלגער און נאָכבאָמקער פון סטאַלינס רייד, באַפעלן און מעשים. דער בלינדער גלויבן אין סטאַלינען האָט פאַרטונקלט און פאַראַליזירט דעם שכל הישר, האָט צוגערויבט ביי דער קאָמוניסטישער מאַסע, די פעאיקייט פון דענקען. אַ מיטגליד אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט געקאָנט זיין נאָר דער, וואָס איז גרייט געווען אָן פאַרטראַכטן זיך צו רימען און צו לויבן סטאַלינען און גלויבן אין אַלע זיינע באַפעלן.

ביז ס'איז געקומען דער 20־סטער קאָמוניסטישער קאָנגרעס. און די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון סטאַלינען, די היינטיקע פירער פון ראַטנפאַרבאַנד, האָבן אַליין גענומען אראָפּרייסן דעם אָרעאָל פון סטאַלינען. פון זייערע מיילער ווערן מיר כסדר אַלץ מער געוויר אויפטרייסלנדיקע פּרטים וועגן סטאַלינען, וועגן זיינע כאַראַקטער־אייגנשאַפטן, וועגן זיינע פּסיכאָפּאַטישע נייגונגען, וועגן זיינע פאַרברעכערישע האַנדלונגען און פאַלשע און שעדלעכע איינשטעלונגען און טעאָריעס. די אויפגעדעקטע פאַקטן שטייגן איבער אין זייער גרויזאַמקייט אַלע אָנונגען און קריטיקעס פון די שאַרפסטע קעגנער און שונאים פון סאָוויעטישן רעזשים.

פאַר די קאָמוניסטן ווערט איצט טראַגיש־קלאָר, אַז דרייסיק יאָר האָבן זיי געדינט אַ פאַלשן אָפּגאָט, האָבן זיי געדעקט און געשטיצט פאַרברעכערישע טאַטן פון אַ טיראַן און אַכזר, וועלכער האָט אָנגעטאָן אויף זיך די קרוין פון קאָמוניזם.

צי קאָן מען האָבן צוטרוי צו כרושטשאָוון?

ווען די קאָמוניסטן איצט פּעאיק זיין דורכצופירן אַן ערנסטן אינערלעכן חשבון הנפש? וועלן זיי האָבן דעם מוט צו ציען די גע־העריקע מסקנות?

ס'איז אַן אַנגעווייטיקטע פראַגע! ווייל שוין זעען מיר ווי אין די קאָמוניסטישע רייען הייבט אָן צו הערשן די טענדענץ פון פאַר־בייטן דעם בלינדן גלויבן אין סטאַלינען אין אַ בלינדן גלויבן צו דער „קאָלעקטיווער אָנפירונג" אין ראַטנפאַרבאַנד מיט כרושטשאָוון און בולגאַנינען בראש! מען רייסט אַראָפּ די פעל פון סטאַלינען און פון בעריאַ, מען וואַרפט אויף זיי אַרויף די גאַנצע שולד פאַר אַלעם שלעכטן, וואָס איז געווען און מען וויל אויפסניי איינרעדן די קאָמו־ניסטישע מאַסן, אַז איצט אונטער דער „נייער" אָנפירונג וועט שוין אַלץ אַוועק, ווי ס'דאַרף צו זיין.

מען „פאַרזעט" דערביי די „קלייניקייט", אַז די היינטיקע „קאָ־לעקטיווע פירער" האָבן צענדליקער יאָרן מיטגעאַרבעט מיט סטאַלינען און מיט בעריאַ, האָבן מיטגעהאָלפן זיי ביים דורכפירן אַלע פאַרברעכערישע מעשים און זענען פאַקטיש מיטפאַראַנטוואָרט־לעך פאַר אַלץ, וואָס איז געשען אין דער סטאַלין־תקופה.

און אויב זיי דערקלערן היינט, אַז זיי האָבן דאָס אַלץ געטאָן צוליב מורא פאַר סטאַלינען, צוליב פחדנות פאַר זייערע אייגענע קעפּ — טאָ וואָסער מאָראַלישע רעכט האָבן עס אַזעלכע מענטשן צו שטיין בראש פונעם ראַטנפאַרבאַנד און פון דער פּראָגרעסיווער מענטשהייט?! וואָסער צוטרוי קאָן מען האָבן צו מענטשן וועלכע האָבן צוליב פחדנות געהאָלפן אָפּנאַרן אין משך פון צענדליקער יאָרן אַ גאַנצע וועלט — און אויך די קאָמוניסטישע וועלט?! — זינגענדיק געצנדינערישע לויב־געזאַנגען פאַר אַ זעלבסטגעקרוינטן אָפּגאָט און טיראַן, האָבן זיי אים געהאָלפן מאָרדן אַזויפיל אומשול־דיקע מענטשן. צי דאַרפן אַזעלכע מענטשן נישט געשטעלט ווערן פאַר אַ משפט און פאַראורטיילט ווערן פונקט ווי ס'זענען פאַראור־טיילט געוואָרן די נאָענטסטע מיטאַרבעטער פון היטלערן?!

צי קאָן מען האָבן צוטרוי צו זייערע רייד, אַז אין אַלעם איז

טאַקע שולדיק געווען בלויז סטאַלין? פריער איז ער געווען אַן אַלמעכטיקער אָפּגאָט און איצט ווערט ער פאַרגעשטעלט ווי אַ כמעט אַלמעכטיקער מעפיסטאָפעל! און צי קאָנען די קאָמוניסטן טאַקע גלויבן, אַז בעריאַ, דער אַלטער, לאַנגיאַריקער באַלשעוויס־טישער טוער און נאָענטסטער מיטאַרבעטער פון סטאַלינען, איז די גאַנצע צייט געווען אַ פאַרבאַהאַלטענער שפּיאָן און אַגענט פון אימפּעריאַליזם, וועלכער איז „אַנטפּלעקט" געוואָרן גראָד ערשט נאָך סטאַלינס טויט?!...

צי באַווייזט דאָס נישט, אַז די היינטיקע פירער ווענדן אָן סיי קעגן סטאַלינען, סיי קעגן בעריאַ די זעלביקע סטאַליניסטישע מע־טאָדן פון אויסגעפינען אַ שעיר לעזאזל אויף וועמען אַרויפצוואַרפן די שולד פאַר די אַלע פאַרברעכנס, וועלכע זיי אַליין האָבן מיטגע־האָלפן אויסצופירן? דאָס זענען דאָך די זעלביקע באַשולדיקונגען, וועלכע סטאַלין האָט אָנגעווענדעט קעגן די פריערדיקע פירער פון ב. ק. וו. ד. — יאַגאָדאַ און יעזשאָוו, די זעלביקע באַשולדיקונגען וועלכע סטאַלין האָט אָנגעווענדעט קעגן אַזוי פיל קאָמוניסטישע פירער און טוער און וועלכע ווערן איצט אויפגעדעקט ווי גרויזאַם־ליגנערישע!

צי זענען די קאָמוניסטן באמת אַזוי פאַרטעמפּט, אַז אפילו נאָך דער טראַגישער אַנטוישונג לגבי סטאַלינען, זאָלן זיי ווייטער גלויבן בלינד אין די באָבע־מעשיות, וואָס ווערן זיי דערציילט דורך די „נייע" פירער?! צי פאָלט זיי גאָרנישט איין, אַז דאָס אַרונטעררייסן דעם סטאַלין־קולט און דעם נאָמען פון בעריאַ איז ביי די היינטיקע פּי־רער בלויז אַ ראַפינירט מיטל צו פאַרפעסטיקן זייער אייגענע מאַכט? און אַז דאָס אָנווענדן סטאַלינס מעטאָדן ביים ליקווידירן סטאַלינען איז נאָר אַ באַווייז ווי ווייניק וועזנטלעך ס'שיידעט זיך אונטער די היינטיקע „קאָלעקטיווע אָנפירונג" פון פריערדיקן סטאַלין־רעזשים?!

ס'איז דאָך גענוג בלויז מיט אָפענע אויגן צוצוקוקן זיך צו די געשעענישן אין ראַטנפאַרבאַנד, כדי צו זען, ווי ווייניק ס'האָט זיך וועזנטלעך געענדערט דער רעזשים אונטער כרושטשאָווס אָנפירונג. ווייטער הערשט דער סיסטעם פון „מאָנאָליטישער" איינשטימיקייט; ווייטער גייט אָן די קריטיק און „זעלבסטקריטיק" אין די ראַמען פון

די אָנווײַזונגען פון „אויבן”. ס׳זענען ווייטער נישט פאַראַן די מינ־דעסטע סימנים, וואָס זאָלן באַווייזן, אַז די סאָוויעטישע פירער גרייטן זיך אײַנצופירן אַ וועלכע ס׳איז פרייהייט פון פרעסע און אָרגאַניזאַציע; אַז מען גרייט זיך אײַנצופירן כאָטש די דעמאָקראַ־טישע פרייהייטן, וועלכע די פאָלקסמאַסן און אויך די קאָמוניסטישע פּאַרטייען פאַרמאָגן אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער; מען זאָגט צו צו „רעאָרגאַניזירן” אָבער נישט אָפּשאַפן די קאָנצענטראַציע־לאַגערן אין וועלכע עס שמאַכטן נאָך הײַנט מיליאָנען מענטשן; די „רעפאָרם” פּראָיעקטן פון אויספאָרשונגס און געריכטס־פּראָצע־דור זענען נאָך הײַנט הימל־ווײַט פון צו טראָגן אַ וואָסער ס׳איז דעמאָקראַטישן כאַראַקטער. מען וואַקלט זיך נאָך אַלץ צי מען זאָל רעהאַביליטירן די אומשולדיק־דערמאָרדעטע און פאַרשוועכטע קאָמוניסטישע און סאָציאַליסטישע פירער.

די קליינע פאַרלײַכטערונגען וואָס זענען יאָ געמאַכט געוואָרן, ווי די טיילווייזע אַמנעסטיעס, דאָס אָפּשאַפן די צוואַנגס־צוגעבונדנ־קייט פון די אַרבעטער צו די פאַבריקן, די פאַרקלענערונג פון די פאַרדינסט־אונטערשיידן, די מכלומרשטע העכערונג פון די לוינען פאַר די אַרבעטער א. א. וו. האָבן דאָך אַ קנאַפּן סטאַבילן ווערט כּל זמן די פאָלקס־מאַסן האָבן נישט קיין פאַרזיכערטע רעכט פריי צו קריטיקירן און פריי אויסצוואוילן זייערע פאַרשטייער אין די מאַכט־אָרגאַנען, כּל זמן די פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען בלײַבן מלוכהשע מאַכט־אַפּאַראַטן אָן אַ טראָפּן זעלבשטענדיקייט, מיט איין וואָרט: כּל זמן די „קאָלעקטיווע אָנפירונג” האַלט ווייטער איין אַלע כאַ־ראַקטער־סימנים פון אַ טאָטאַליטאַרער דיקטאַטור.

די כרושטשאָוו־דיקטאַטור האַלט זיך ווייטער ביים סטאַלינישן ליגן, אַז אין ראַטנפאַרבאַנד איז שוין אויפגעבויט געוואָרן די סאָ־ציאַליסטישע געזעלשאַפט, בעת אין דער אמתן איז דער ראַטנפאַר־באַנד נאָך אַלץ פאַרבליבן אַ תּפיסה פאַר די פאָלקסמאַסן אָן רעכט צו באַשטימען זייער אייגענעם גורל. פּונקט ווי אין סטאַלינס תּקופה ליגט דאָרט ווייטער די פולע מאַכט אין די הענט פון דער פּאַרטיי־אישער, מלוכהשער און מיליטערישער ביוראָקראַטיע, וואָס הערשט איבער די פאָלקס־מאַסן. דאָס באַקעמפן דעם סטאַלין־קולט איז

נאָר אַ מיטל צו פאַרפעסטיקן און סטאַביליזירן די מאַכטפּאָזיציעס פאַר דער דאָזיקער ביוראָקראַטיע.

אויך אונטער דער כרושטשאָוו־דיקטאַטור איז דער ראַטנפאַר־באַנד פאַרבליבן אַ תפיסה פאַר די פעלקער. דאָס קומט בולט צום אויסדרוק אין דעם, וואָס די אָקופּירטע דורך דער רויטער אַרמיי לענדער און געביטן, ווי די באַלטישע לענדער א. אנד. בלייבן ווײַ־טער אָקופּירט קעגן ווילן פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג און ס'ווערט זיי אפילו נישט געגעבן די פאַרמעלע רעלאַטיווע פרייהייט, וואָס עס האָבן די סאַטעליטן־לענדער. ס'איז איבעריק צו זאָגן, אַז אויך די „פאָלקס־דעמאָקראַטישע" סאַטעליטן־לענדער ווערן ווײַ־טער באַהערשט און אַנגעפירט דורך די מענטשן פון דער כרוש־טשאָוו־דיקטאַטור.

באַזונדערס פילן די נאַציאָנאַלע אונטערדריקונג אין ראַטנ־פאַרבאַנד די יידן, וועמען עס ווערט נאָך אַלץ נישט געגעבן דאָס רעכט ווידער אויפצולעבן זייער אייגענע נאַציאָנאַלע קולטור, פונקט ווי סטאַלין, האַלט אויך די כרושטשאָוו־אַנפירונג אַז יידן זענען נישט קיין „נאַציע", אַז זיי מוזן זיך אַסימילירן, אַז אין בעסטן פאַל זענען זיי נאָר אַ רעליגיעזע געמיינדע, וועמען מען דאַרף געבן אַ ביסל רעכט צו דאַוונען און עטלעכע סינאַגאָגעס.

דאָס גלויבן אין כרושטשאָוון איז פונקט אַזאַ פאַרבלענדעניש, ווי דאָס גלויבן אין סטאַלינען. ס'איז דער זעלביקער סטאַליניזם נאָר אָן דעם סטאַלין־קולט. און כרושטשאָוו איז פונקט אַזוי ווייט פון סאָציאַליזם ווי ס'איז געווען סטאַלין.

סאָציאַליזם איז נישט מעגלעך אָן פרייהייט און אָן וווּיל־שטאַנד. סאָציאַליזם איז אַ העכערע געזעלשאַפט־אָרדנונג, ווי ס'איז דער קאַפּיטאַליזם. אַ סאָציאַליסטישע מדינה מוז דעריבער געבן דעם פאָלק מערער פרייהייט און מערער וווילשטאַנד ווי דאָס גיט אפילו די דעמאָקראַטישע קאַפּיטאַליסטישע וועלט. סאָציאַליזם מוז פאַרמאָגן מער מאָראַלישע ווערטן אין די צווישנמענטשלעכע באַ־ציאונגען ווי דאָס האָט דער קאַפּיטאַליזם. אַנדערש זענען אַלע רייד וועגן סאָציאַליזם בלויז ליגן און דעמאַגאָגיע. אין די אַלע הינזיכטן שטייט די כרושטשאָוו־דיקטאַטור הימל ווייט פון סאָציאַליזם. זי

שטייט נאָך אַפילו שטאַרק הינטערשטעליק לגבי דער דעמאָקראַ־
טישער קאַפּיטאַליסטישער וועלט.

צי קאָן מען האָבן צוטרוי צו מיקוניסן און ווילנערן?

די יידישע קאָמוניסטן פון ישראל האָבן נאָך אַ באַזונדערע סיבה נישט צו האָבן קיין צוטרוי צו דער כרושטשאָוו־דיקטאַטור. דאָס איז די פּראָאַראַבישע פּאָליטיק פון דער כרושטשאָוו־רעגירונג.

אויך מיר, בונדיסטן, זענען קעגן דער אַראַבישער פּאָליטיק פון דער ישראל־מדינה; אויך מיר זענען קעגן דעם מיליטאַריסטישן גייסט, וואָס ווערט פאַרשפּרייט אין לאַנד, אויך מיר זענען פאַר אַ שלום־פּאָליטיק, וואָס זאָל זיין געבויט אויפן יסוד פון קאָמפּראָמיסן און פרידלעכן דורכקומען מיט דער אַראַבישער וועלט; מיר שטרעבן דעריבער צו אַ פולער אַנטוואָפענונג פון מיטעלן מזרח. מען דאַרף אָבער זיין ביז גאָר פאַרבלענדעט, כדי צו גלויבן, אַז מיטן שיקן געווער־טראַנספּאָרטן צו די אַראַבישע לענדער ווערט געשטאַרקט דער שלום צווישן יידן און אַראַבער, אַז ס׳ווערט געשטאַרקט דער שלום אויפן מיטעלן מזרח. די סאָוויעטישע געווער־ליפערונגען פאַרגרעסערן נאָר די געפאַר, וועלכע לויערט אויף ישראל, פאַר־גרעסערט די געפאַר פון אַ מלחמה אויפן מיטעלן מזרח. דאָס שיקן געווער־טראַנספּאָרטן צו די אַראַבישע לענדער, און די טענות פון די היגע קאָמוניסטישע פירער, אַז אויך ישראל קאָן באַקומען גע־ווער פון ראַטנפאַרבאַנד, איז נאָר אַ באַווייז, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג פירט אויפן מיטעלן מזרח נישט קיין שלום־פּאָליטיק, נאָר די זעלביקע אימפּעריאַליסטישע באַוואָפענונגס־פּאָליטיק, וועלכע ס׳פירן די קאַפּיטאַליסטישע גרויסמאַכטן, אַז דער ציל פון דער דאָ־זיקער פּאָליטיק איז נישט שלום צווישן די פעלקער נאָר דאָס פאַ־נאַנדערטיילן זיך מיט דער הערשאַפט איבער די אַפריקאַניש־אַזיאַ־טישע לענדער.

אונטערן דרוק פון דער עפנטלעכער מיינונג האָבן אַ רייע קאָ־מוניסטישע פּאַרטייען אין דער וועלט ענדלעך אָנגעהויבן צו קריטיקירן אויך כרושטשאָוון. צי קאָן מען אָבער האָבן צוטרוי צו דער אויפריכטיקייט פון זייער קריטיק, כל זמן זיי פאָדערן נישט די

דעמיסיע פון די דאָזיקע פאַרברעכערישע סאָוויעטישע פירער, כל זמן זיי פאָדערן נישט ראַדיקאַל צו ענדערן דעם רעזשים אין ראַטנ־פאַרבאַנד?! די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ישראל דאַקעגן, היט נאָך אַלץ אָפּ די טרייקייט צום כרושטשאָוו־רעזשים.

די קאָמוניסטישע פּאַרטייען זענען נישט געווען און זענען אויך היינט נישט קיין זעלבשטענדיקע פּאַרטייען, מיט אַ זעלבשטענדי־קער פּאָליטיק. זיי זענען נישט געווען און זענען אויך היינט נישט קיין דעמאָקראַטיש־געבויטע פּאַרטייען, הגם זיי ווילן מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי ווערן איצט מער דעמאָקראַטיש ווי זיי זענען גע־ווען אין סטאַלינס צייטן. די מיקוניסעס און ווילנערס האָבן זייער הויט נישט געביטן, זיי האָבן נאָר מיט אַן אַנדער פאַרב זיך באַ־שמירט, אַן אַנדער מאַסקע, אַ כרושטשאָוו־מאַסקע אָנגעטאָן.

צי קאָנען די קאָמוניסטישע מיטגלידער און טוער האָבן צוטרוי צו די מיקוניסעס און ווילנערס, וועלכע האָבן זיי אַזוי פיל יאָרן געניאַרט מיט דעם סטאַלין־קולט און איצט ווילן זיי ווייטער איינ־שפּאַנען זיי אין דינסט פון דער כרושטשאָוו־דיקטאַטור?

ווו איז דער וועג?

די קאָמוניסטישע אָנהענגער אין ישראל זענען מערסטנטייל אַרבעטס־מענטשן, וועלכע האָבן זיך באַפרייט פון די ציוניסטישע אילוזיעס און וועלכע פילן אויף זיך דעם דרוק פון דער שעדלעכער פּאָליטיק פון די ציוניסטישע מדינה־פירער. די קאָמוניסטישע מאַסן שטרעבן צו אַ ראַדיקאַלער ענדערונג פון סאָציאַל־פּאָליטישן רעזשים אין לאַנד; אין תוך ווילן זיי דאָס זעלביקע וואָס מיר, אַ סאָציאַליס־טיש־דעמאָקראַטישע מדינה, וועלכע זאָל זיין באַפרייט פון ציוניס־טישן נאַציאָנאַליזם און וועלכע זאָל זיין געבויט אויף די יסודות פון סאָציאַלער גערעכטיקייט, שלום און פעלקער־פאַרברידערונג. זייער פאַטאַלער טעות באַשטייט נאָר אין דעם, וואָס זיי מיינען דאָס צו דערגרייכן דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי. אַנטוישט אין ציו־ניזם און אין די פעלערן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָבן זיי זיך אָנגעכאַפּט אין קאָמוניסטישן גלויבן, פריער פון סטאַלינען און איצט פון כרושטשאָוון.

ס׳איז צייט, אַז זיי זאָלן זיך באַפרייען פון דעם פאַטאַלן טעות. די קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז אין משך פון צענדליקער יאָרן פאַר־קריפּלט און דעגענערירט געוואָרן. זי קאָן מער נישט פון אינעווייי־ניק געזונט ווערן. פאַר די אויפריכטיקע, זעלבשטענדיק־דענקנדיקע קאָמוניסטן איז קיין אָרט דאָרט נישט פאַראַן. זיי מוזן און קאָנען געפינען זייער אָרט אין דער באַוועגונג, וועלכע שטעלט אַנטקעגן דעם ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם דעם אידעאַל פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם.

די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישׂראל איז די איינציקע סאָציאַ־ליסטישע אָרגאַניזאַציע אין לאַנד, וועלכע באַקעמפט דעם ציוניס־טישן נאַציאָנאַליזם אין נאָמען פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם, וועלכער פאַרבינדט דעם גורל פון יידישן פאָלק און פון דער ישׂראל־מדינה מיט דעם זיג פון די סאָציאַליסטישע אידעאַלן פון פרייהייט, גלייכ־הייט, שלום און פעלקער־פאַרברידערונג. דאָרט און נישט אין דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי איז דאָס אָרט פאַר אַלע די וואָס פילן זיך אָפּגענאַרט און אַנטוישט פון די קאָמוניסטישע פירער.

פראבלעמען
פון
סאציאליזם

„די פילאָזאָפיע פון דלות"
און די פילאָזאָפיע פון קאַמף *

„דער דלות פון דער פילאָזאָפיע" פאַרנעמט אַן אייגנאַרטיק אָרט אין דער געשיכטע פון מאַרקסיסטישן געדאַנק. ס'איז דאָס ערשטע בוך, אין וועלכן מאַרקס ווענדעט אָן דעם מעטאָד פון היסטאָרישן מאַטעריאַליזם צו די סאָציאַלע עקאָנאָמישע פּראָבלעמען. דאָס איינציקע בוך, וואָס איז דערשינען פאַרן „דלות" — אין וועלכן מאַרקס באַגרינדעט שוין דעם היסטאָרישן מאַטעריאַליזם — איז די „דייטשע אידעאָלאָגיע". אָבער דאָס דאָזיקע בוך האָט יאָרנלאַנג נישט אָנגעזען די ליכטיקע שיין — און ווי ענגעלס דערקלערט — איז עס אָנגעשריבן געוואָרן מיט דער כוונה קודם־כל זיך אַליין קלאָר צו מאַכן די נייע פילאָזאָפישע אָנשויאונג.

„דער דלות פון דער פילאָזאָפיע" איז אַן ענטפער אויף פּרודאָנס בוך: „דער סיסטעם פון עקאָנאָמישע סתירות" מיט דעם אונטערקאָפּ (וועלכן מאַרקס האָט פּאַראַפראַזירט): „די פילאָזאָפיע פון דלות".

פּרודאָן האָט לאַנגע יאָרן געשמט אַלס אַנאַרכיסט און היפּער־רעוואָלוציאָנער. זיין באַרימטע פראַזע: „אייגנטום איז גנבה" פלעגט אַנוואַרפן אַ שרעק אויף די בורזשואַז־קאַפּיטאַליסטישע קרייזן. לאַנגע יאָרן האָט פּרודאָן פאַרמאָגט אַ גרויסן איינפלוס אויף דער פראַנצויזישער אַרבעטערשאַפט. אין דער אמתן איז פּרודאָן געווען אַ קלאַסישער פאַרשטייער פון קליינבירגערלעך־רעאַקציאָנערן אוטאָפּיזם. און ס'איז לחלוטין נישט קיין צופאַל, וואָס

---

* „פאָרויס", 1938.

אין פּרודאָנס אָנשויאונגען האָבן זיך נאָכער אָנגעכאַפּט די פּאַר־שידנסטע רעאַקציאָנערע אַנטיפּראָלעטאַרישע גרופּירונגען.

אין דעם „סיסטעם פון עקאָנאָמישע סתירות" האָט זיך פּרודאָן אונטערגענומען דורכצופירן אַן אַנאַליז פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט בכדי אויף דעם יסוד אויסצוגעפינען דעם מקור פון דער נישט־גלייכהייט צווישן מענטשן ווי אויך צו געבן אַ לעזונג פון דער סאָציאַלער פּראַגע.

אַט די דאָזיקע פּרודאָנישע „פילאָזאָפיע פון דלות" האָט מאַרקס באַצייכנט אַלס דעם „דלות פון דער (פּרודאָנישער) פילאָזאָפיע".

* * *

פונקט ווי אַלע אוטאָפּיסטן איז אויך פּרודאָן געווען אַן אָנ־הענגער פון דער אידעאַליסטישער וועלט־אָנשויאונג. נישט די עקאָנאָמישע באַציונגען באַווירקן דעם מענטשלעכן גייסט און זיינע האַנדלונגען, נאָר פאַרקערט, די אידעע פירט אָן מיט דער מענטשלעכער געזעלשאַפט. פּרודאָנס אידעע — איז געווען די גלייכהייט. גלייכהייט — דאָס איז דער מיסטישער ציל פון דער וועלט־השגחה, וועלכע רעגולירט די אַנטוויקלונג פון דער מענטש־הייט.

אמת, אין דער גאַנצער ביז־איצטיקער געשיכטע האָט כסדר געזיגט די נישט־גלייכהייט, אָבער דאָס איז דערפאַר, וואָס אויך אין דער מענטשלעכער געזעלשאַפט הערשט דאָס געזעץ פון אַנטי־נאָמיע, פון סתירות, פון כסדרדיקן קאַמף צווישן גוטס און שלעכטס, צווישן גלייכהייט און אומגלייכהייט. ס'פּעלט נאָר די שכלדיקע אָרגאַניזאַציע פון דער געזעלשאַפט, כדי צו באַזייטיקן פון איר אַלע שלעכטע זייטן און ס'זאָל פאַרווירקלעכט ווערן די אידעע פון גלייכ־הייט. פּרודאָן נעמט זיך אונטער צו לעזן די דאָזיקע „גרויסע סאָ־ציאַלע פּראַגע" אויפן באַדן פון... אייגהיטן דאָס פּריוואַט־אייגנטום פון פּראָדוציר־מיטלען.

דער מקור פון אומגלייכהייט און אָרעמקייט זעט פּרודאָן אינם נישט ערלעכן אויסטויש. די סחורות ווערן אויסגעטוישט נישט לויט זייער פולן ווערט. פון דאַנען שטאַמט, וואָס איין טייל פון דער

באַפעלקערונג לעבט אויפן חשבון פון דעם צווייטן. די עקספּלו־אַטאַציע פון די אַרבעטער שטאַמט דערפון, וואָס דער אַרבעטער באַקומט פאַר זיין אַרבעט ווינציקער, איידער ער אַליין דאַרף דער־נאָך אויסגעבן, כדי אויפצוהאַלטן זיין עקזיסטענץ.

די פּראָדוקטיווע לעזונג פון דער סאָציאַלער פראַגע באַשטייט דעריבער דערין, וואָס מען דאַרף ענדערן די פאָרמען פון אויס־טויש. יעדער מענטש דאַרף באַקומען דעם פולן ווערט פון זיין אַרבעט. „די פּראָדוקטן דאַרפן ווערן אויסגעטוישט לויט דער געגויער פאַרהעלטעניש פון דער אַרבעט־צייט, וואָס זיי האָבן גע־קאָסט" — און קיינער וועט מער נישט קענען לעבן אויף יענעמס חשבון, דאָס פּריוואַט־אייגנטום וועט מער נישט זיין קיין באָדן פאַר עקספּלואַטאַציע און די זון פון גלייכהייט וועט אויפשיינען צווישן די מענטשן.

דעם מיטל צו פאַרווירקלעכן דעם דאָזיקן ציל זעט פּרודאָן אין שאַפן אַן אָנפּראַצעגטיקע פאָלקס־באַנק, וועלכע דאַרף געבן אומ־זיסטן קרעדיט און אויסטוישן די פּראָדוקטן „לויטן פאַרהעלטעניש פון זייער אַרבעט־צייט". פּרודאָן טרעט צו אפילו צו גרינדן אַזאַ באַנק, וועלכע האָט אָבער נישט געהאַט קיין אריכת־ימים.

* * *

אינם „דלות פון דער פילאָזאָפיע" גיט מאַרקס אַ שאַרפע קריטיק די אָנשויאונגען פון פּרודאָנען. ער רייסט אַרונטער די מיסטישע ראָל פון דער גלייכהייט־אידעע. די צווישנמענטשלעכע באַציאונגען זענען קודם־כל אָפּהענגיק פונעם צושטאַנד פון די פּראָ־דוציר־כוחות.

„מיטן דערווערבן נייע פּראָדוציר־כוחות ענדערן די מענטשן זייער פּראָדוציר־אופן און ענדערנדיק... דעם אופן פון דערהאַלטן זייער לעבן, ענדערן זיי אַלע זייערע געזעלשאַפטלעכע פאַרהעל־טענישן".

די אויפגאַבע באַשטייט דעריבער נישט אין אויסמוחן אידע־אַלן, ווי דאָס טוט פּרודאָן, נאָר דערקענען די געשיכטלעכע באַווע־

גונג, וועלכע פּראָדוצירט אַליין „די מאַטעריעלע באַדינגונגען פון דער סאָציאַלער באַפרייאונג".

דאָ האָבן מיר אַ קלאָרע פאָרמולירונג פון דער מאַטעריאַ־ליסטישער געשיכטע־אויפפאַסונג.

מאַרקס רעכנט זיך אויך אָפּ מיט דער פּרודאָנישער לעזונג פון דער סאָציאַלער פראַגע. „אויסטוישן די פּראָדוקטן לויטן גע־נויעם פאַרהעלטעניש פון דער אַרבעט־צייט, וואָס זיי האָבן גע־קאָסט" — מאַרקס ווייזט אויף, אַז דער פּרודאָנישער אידעאַל איז שוין פאַרווירקלעכט, ער בילדעט דעם יסוד פון קאַפּיטאַליסטישער עקספּלואַטאַציע. דער אַרבעטער ווערט עקספּלואַטירט אפילו, ווען ער באַקומט דעם פולן ווערט פון זיין אַריינגעלייגטער אַרבעט. ווייל די מענטשלעכע אַרבעט־קראַפט האָט די אייגנשאַפט, וואָס זי איז ביכולת צו שאַפן פיל גרעסערע ווערטן, איידער עס באַטרעפן אירע רעפּראָדוקציע־קאָסטן. אָט דעם אונטערשייד — דעם מער־ווערט — נעמט צו דער קאַפּיטאַליסטן־קלאַס. דעריבער ליגט דער מקור פון אָרעמקייט נישט אינם אויסטויש, נאָר אין דער פּראָדוק־ציע. ענדערן די געזעלשאַפטלעכע פאַרהעלטענישן באַדייט דערי־בער קודם־כל ענדערן די פּראָדוציר־פאַרהעלטענישן, וועלכע אַנט־וויקלען זיך אין דער ריכטונג צום סאָציאַליזם.

מאַרקס אַנטפּלעקט אונדז די טעאָריע וועגן מערווערט און באַווייזט ווי אַזוי די קאַפּיטאַליסטישע פּראָדוקציע גופא גרייט צו דעם באָדן פאַרן זיג פון סאָציאַליזם.

אין קעגנזאַץ צו פּרודאָנען, וועלכער איז אַן אַנטשידענער קעגנער פון פּראָלעטאַרישן קאַמף, נישט נאָר פּאָליטישן, נאָר אויך עקאָנאָמישן, (לויין־הוספות ברענגען יקרות) א. א. וו. האָט מאַרקס צום ערשטן מאָל דאָ אונטערגעשטראָכן די היסטאָרישע ראָל פון פּראָלעטאַריאַט, און די באַדייטונג פון זיין קאַמף. אין דעם ליגט אויך די היסטאָרישע באַדייטונג פון דעם דאָזיקן בוך, ווו עס ווערט אָנגעצייכנט, אַז דער אַרבעטער־קלאַס איז אַ זעלבסשטענדיקער קלאַס מיט אַ קלאָרן היסטאָרישן ציל.

„פון אַלע פּראָדוציר־מיטלען איז דער גרעסטער פּראָדוציר־כוח — דער רעוואָלוציאָנערער קלאַס גופא". אין די קאַמפן

פאַר טאָגטעגלעכע אויסבעסערונגען שמידט זיך אויס דער קלאַסן־באַוווּסטזיין פון פּראָלעטאַריאַט, און וועלכן ס׳איז נישט מעגלעך זיין סאָציאַלע באַפרייאונג.

אין דער זעלביקער צייט, ווען מאַרקס שרייבט דעם „דלות פון דער פילאָזאָפיע״ (אין 1846) פאַרנעמט ער זיך מיט אַ צווייטער אויפגאַבע: גרינדן אַ זעלבסטשטענדיקע פּאַרטיי פון אַרבעטער־קלאַס. אין אַ יאָר אַרום דערשיינט טאַקע דער „קאָמוניסטישער מאַניפעסט״. דער אַרבעטער־קלאַס באַקומט זיין זעלבסטשטענדיקן קאַמפּס־פּראָגראַם.

דער קאַמף קעגן פּרודאָנען האָט געשפּילט אַ באַדייטנדיקע ראָל ביי דער אויסקריסטאַליזירונג פון דער זעלבסטשטענדיקער פּראָלעטאַרישער באַוועגונג. אַנשטאָט דער פּרודאָנישער קליינבירגערלעך־רעאַקציאָנערער „פילאָזאָפיע״ פון דלות, וועלכע האָט זיך געשטעלט פאַר אַ ציל צו שלעפּן צוריק די געשיכטע צום פאַרקאַפּיטאַליסטישן סדר, האָט מאַרקס געגעבן דעם אַרבעטער־קלאַס אַ וויסנשאַפטלעך־באַגרינדעטע פילאָזאָפיע פון קאַמף פאַר אַ העכערן שטאַפּל פון דער געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, וווּ די מעכטיקע אַנטוויקלונג פון גרויס־אינדוסטריעלער פּראָדוקציע וועט גיין געפּאַרט מיטן הויבן דעם וווילשטאַנד פון אַלע מענטשן אויפן יסוד פון גלייכהייט.

יוזעף דיטצגען *

ס׳איז געווען אין יאָר 1867 ד. ה. 20 יאָר נאָכן דערשיינען פון „קאָמוניסטישן מאַניפעסט“, 8 יאָר נאָכן דערשיינען פון 1־טן באַנד „קאַפּיטאַל“, ווען דער מאַרקסיזם האָט זיך שוין געהאַט גענוג טיף אריינגעשניטן אינם דעמאָלטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן ווי קאַרל מאַרקס האָט באַקומען אַ בריוו פון רוסלאַנד, אונטערגעשריבן דורך אַ „גאַרבער־אַרבעטער יוזעף דיטצגען“. אינם דאָזיקן בריוו דריקט דער מחבר אויס זיין אַנטציקונג מיטן נאָר־וואָס דורכגע־שטודירטן ערשטן באַנד פון „קאַפּיטאַל“ און גיט דערביי צו וויסן, אַז שוין אַ רייע יאָרן, ווי ער אַליין פאַרנעמט זיך מיט פילאָזאָפישע פּראָבלעמען און אַז ער וויל באַקענען מאַרקסן מיט די רעזולטאַטן פון זיינע זעלבסטשטענדיקע דורכטראַכטונגען.

און ס׳האָט זיך אַרויסגעוויזן אַ מאָדנע זאַך: די פילאָזאָפישע אַנשויאונגען פונם גאַרבער־אַרבעטער זענען זיך צונויפגעפאַלן מיט די אַנשויאונגען פון מאַרקסן.

אַז יוזעף דיטצגען איז געקומען צו זיינע אַנשויאונגען פול־שטענדיק זעלבסטשטענדיק, וועגן דעם צווייפלען נישט מאַרקס און נישט ענגעלס.

אין אַ בריוו צו ענגעלסן שרייבט מאַרקס:

„דיטצגענס באַטראַכטונגען, חוץ די ערטער, וווּ מ׳פילט דעם איינפלוס פון פייערבאַכן... האַלט איך פאַר אַ פולשטענדיק זעלבסט־שטענדיקער אַרבעט“...

פרידריך ענגעלס האָט אויך געהאַלטן פאַר נויטיק אונטערצו־שטרייכן דעם דאָזיקן מאָמענט אין זיין ווערק: „לודוויק פייער־באַך“. ער שרייבט דאָרט:

---

* „פּאַרויס“, 1938.

ס׳איז באַמערקנסווערט, וואָס נישט מיר אַליין האָבן אַנטדעקט די מאַטעריאַליסטישע דיאַלעקטיק... דער דייטשער אַרבעטער יוזעף דיטצגען האָט זי אַנטדעקט אומאָפּהענגיק פון אונדז און אפילו אומאָפּהענגיק פון העגעלן״.

אַזוי אַרום האָט זיך דיטצגען אַרויסגעוויזן, אַלס באַגרינדער — אומאָפּהענגיק פון מאַרקס און ענגעלסן — פון דיאַלעקטישן מאַטע־ריאַליזם.

יוזעף דיטצגען איז געקומען צום דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם דורך דער דערקענטניש־טעאָריע. אים האָבן אינטערעסירט קודם־כל די פּראָבלעמען פון פילאָזאָפישן כאַראַקטער.

אין יענער צייט איז די פילאָזאָפיע געווען אַ מאָנאָפּאָל פון די בורזשואַזע געלערנטע און ס׳האָט זיך געפאָדערט אַן אומגעהויערע דרייסטקייט מצד אַן אַרבעטער, „מיט עלעמענטאַרער בילדונג״, ווי דיטצגען שרייבט וועגן זיך, אַרויסצוקומען צו דער עפנטלעכקייט מיט אַ פילאָזאָפישער אַרבעט, וואָס זאָל אומוואַרפן די גאַנצע גע־ביידע פון בירגערלעכן דענקען. שרייבט דעריבער דיטצגען אין דער פאָררעדע צום „מהות פון מענטשלעכער קאָפּ־אַרבעט״.

„די אַלע, וואָס וועלן מיר מאַכן די אַלטע התראה: „שוסטער, היט בעסער דיינע קאָפּיטעס!״ ענטפער איך מיט די ווערטער פון קאַרל מאַרקס:

אייער נאָן פּלוס־אולטרא האַנטווערקמעסיקע חכמה איז פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין אַ שוידערלעך טפשות פון דעם מאָמענט אָן, ווען דער זייגערמאַכער וואַט האָט דערפונדן די דאַמף־מאַשין, דער פריזירער אורקרייט — די וועב־שטול און דער יובילער־אַרבעטער פעלטאָן — די דאַמף־שיף״.

און דער גאַרבער־אַרבעטער יוזעף דיטצגען אַנטדעקט די פּראָ־לעטאַרישע דערקענטניש־טעאָריע, דעם דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם.

דיטצגען איז געקומען צום דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם דורך פייערבאַכן. דעם לעצטנס השפּעה פילט זיך שטאַרק אין אַלע דיטצגענס אַרבעטן. ער גייט אָבער פאַרויס פון פייערבאַכן, דורכ־דעם, וואָס ער באַנעמט די דיאַלעקטיק פון מאַטעריאַליזם, און וואָס ער פאַרבינדט די דאָזיקע פילאָזאָפישע אָנשויאונגען מיט דער

געזעלשאַפטלעכער באַוועגונג, מיטן באַפרייאונגס־קאַמף פון פּראָלעטאַריאַט.

דער אויסגאַנגס־פונקט פון דיטצגענס טעאָרעטישע אויספאָר־שונגען איז, אַז די נאַטור איז מאַטעריע; דער „גייסט" איז אירער אַ באַשטאַנדטייל, וואָס איז אָפּהענגיק פון דער מאַטעריע און אַז דער געזעלשאַפטלעכער באַוווסטזיין ווערט באַשטימט דורכן גע־זעלשאַפטלעכן זיין.

דיטצגען חוזקט אָפּ פון די אַלע, וואָס ווילן זעען אינם „גייסט" דעם שורש פון אַלע דערשיינונגען. ער שרייבט: „דענקען איז אַ טעטיקייט פון אונדזערע געהירן, פונקט ווי גיין איז אַ טעטיקייט פון אונדזערע פיס". איידער מ'גייס דענקען, מוז מען פריער עקזיס־טירן מאַטעריעל, ד. ה. מיט הויט, פלייש און ביינער.

דאָס מענטשלעכע דענקען איז אַן אָפּשפּיגלונג פון דער אָביעקטיווערווירקלעכקייט. „די אויפגאַבע פון דענקען איז צו פאַראַלגעמיינערן די קאָנקרעטע, זינלעכע זאַכן", „אונטערפירן אונטער איין דאַך" די גאַנצע פאַרשידנאַרטיקייט פון דער וועלט.

דיטצגען איז פונקט ווי מאַרקס, אַ מאָניסט. דורך דער סתירותקייט פון די קאָנקרעטע דערשיינונגען זעט ער די איינ־הייט פון דער וועלט. ער באַקעמפט דעם קאַנטישן דואַליזם. ס'איז נישט פאַראַן קיין סתירה צווישן דער „זאַך אין זיך" און דער „דערשיינונגס־פאָרם פון דער זאַך".

ער שרייבט:

„די וועלט „אין זיך" און די וועלט ווי זי דערשיינט פאַר אונדז, די דערשיינונגען פון דער וועלט זענען נישט עפּעס אַנדערש ווי די באַציאונג פון אַ גאַנצעס צו זיין טייל. די וועלט „אין זיך" דאָס איז די סומירונג פון אַלע אירע דערשיינונגען" פונקט ווי דער באַגריף „וואַרעמקייט" איז דאָס אַלגעמיינע פון אַלע וואַרעמע דערשיינונ־גען. (ז. 31. „מהות פון מענטשלעכער קאָפּ־אַרבעט").

דיטצגענס מאָניזם איז אַ מאַטעריאַליסטישער מאָניזם. „דאָס אַבסאָלוטע איז נישט מער ווי דער פאַראַלגעמיינערטער אמת, וואָס געפינט זיך נישט אינם גייסט... נאָר אינם אָביעקט פון גייסט,

װעלכן מיר רופן אָן מיט דעם נאָמען „אוניװערסום". („עקסקורסיע פון אַ סאָציאַליסט אין דער דערקענטניש־טעאָריע". זייט 18.).

דיטצגען גלויבט אין דער מענטשלעכער דערקענטניש. ער איז אַ שאַרפער קעגנער פון אגנאָסטיציזם. ער זעט אָבער די דיאַלעקטישע סתירותדיקייט פון דער דערקענטניש.

„אין באַצוג צום דענקען קאָן נישט די נאַטור האָבן קיין באַזונדערע באַהעלטענישן". און „דאָך איז די נאַטור אַ באַהאַל־טנדיקע, אַ שעמעװדיקע — זי דעקט זיך קיינמאָל נישט אויף מיטאַמאָל און אינגאַנצן" (מהות). די מענטשלעכע דערקענטניש איז אַ היסטאָרישער פּראָצעס און איז אָפּהענגיק קודם־כל פון דער מענטשלעכער טעטיקייט פון דער פּראַקטיק. די מענטשלעכע חושים, די דענק־אָרגאַנען, זענען באַגרענעצט. דער מענטש דרינגט אָבער פונדעסטװעגן אַריין אינם מהות פון דער זאַך מיט דער הילף פון מכשירים, אַ דאַנק װעלכע ער פאַרגרעסערט אומגעהויער די קראַפט פון זיינע נאַטירלעכע אָרגאַנען (מיקראָסקאָפּ, טעלעסקאָפּ אַ. אַ. װ.).

דיטצגען װייזט אָבער אויף, אַז אין אונדזער קאַפּיטאַליסטי־שער געזעלשאַפט איז נישט מעגלעך די פולע דערקענטניש. װייל די דערקענטניש איז אָפּהענגיק אויך פון געזעלשאַפטלעכן זיין.

„כל זמן די מענטשלעכע פאַרהעלטענישן זענען נישט אַלגע־מיין־מענטשלעך, נאָר קלאַסן־פאַרהעלטענישן מוז אויך די דער־קענטניש פון די זאַכן זיין אָפּהענגיק פון דעם דאָזיקן באַ־שרענקטן שטאַנדפּונקט".

די פולע אַנטװיקלונג פון דער מענטשלעכער דערקענטניש װעט קענען פאָרקומען נאָר דאַן, װען די מענטשהייט װעט זיך אַנטװיקלען „נישט דורך קלאַסן־קעגנזאַצן, נאָר אוממיטלבאַר". דאַן װעט די מענטשהייט קענען באַפרייען זיך פון אַלע פאָר־אורטיילן כדי צו באַנעמען אין דער פולער מאָס איר דערקענט־ניש־פאַרמעגן.

* * *

דיטצגען האָט געלעבט אין אַ צייט, װען ס'איז געװען זייער פאַרשפּרייט דער מעכאַנישער, װולגאַרער מאַטעריאַליזם, און

דיטצגען האָט זיינע פילאָזאָפישע אַנשויאונגען, אויסגעשמידט אינם קאַמף קעגן דעם דאָזיקן „מאַטעריאַליזם”. אויף דיטצגענען האָט אָבער געדריקט זיין „עלעמענטאַרע בילדונג”, דער מאַנגל אין סיסטעמאַטישן וויסן, זיין טערמינאָלאָגיע איז דעריבער געווען אָפטמאָל אַ פאַרנעפּלטע, אַ נישט קלאָרע, וואָס האָט געגעבן אַ געלעגנהייט פאַרשידענע רעוויזיאָניסטישע ריכטונגען אין סאָציאַליזם — נאָך זיין טויט — אויסצוניצן אים קעגן מאַרקסן: פאַרצושטעלן אים, אַלס דעם גרינדער פון דיאַלעקטישן מאַטעריאַליזם אין קעגנזאַץ כלומרשט צום איצטיקן באַגרענעצטן היסטאָרישן מאַטעריאַליזם פון מאַרקסן. באַזונדערס האָט זיך אויסגעצייכנט אין דעם זיין זון, עוגען, וועלכער פּרוווט פאַרשטעלן דעם פאָטער אַלס גרינדער פון דער „אוניווערסאַלער, נאַטור־מאָניסטישער דיאַלעקטיק”. דער דאָזיקער פאַקט האָט אויך באַווירקט פּלעכאַנאָוון, וועלכער איז דעריבער זייער שאַרף אַרויסגעטרעטן קעגן יוזעף דיטצגענען.

אין דער אמתן האָט יוזעף דיטצגען קיינמאָל נישט באַטראַכט זיך אַלס קעגנער פון מאַרקסן. דאָס קומט בולט צום אויסדרוק אין זיין בוך „עקסקורסיע פון אַ סאָציאַליסט אין דער דערקענטניש־טעאָריע”, וואָס ער האָט אָנגעשריבן אין יאָר 1886, ד. ה. 2 יאָר פאַרן טויט. אינם בוך שטרייכט ער אונטער זיין אָנערקענונג פאַר מאַרקסן און ענגעלסן און ווייזט אָן אויף דער השפעה וואָס זיי האָבן געהאַט אויף דער אויסקריסטאַליזירונג פון זיינע אַנשויאונגען.

ס'איז כדאי אויך צו דערמאָנען, אַז דיטצגען אַליין האָט אין זיין פאָרוואָרט צום „מהות” געבעטן נישט אַזוי פיל אַכט צו לייגן, ווי אַזוי ער זאָגט, נאָר אויף דעם, וואָס ער וויל זאָגן.

יוזעף דיטצגען איז ביז זיין לעצטער לעבנס־מינוט געווען אַקטיוו אין דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ער האָט זיינע פילאָזאָפישע אַרבעטן פאַרבונדן מיט פּראַקטישער געזעלשאַפטלעך־פּאָליטישער טעטיקייט. ער האָט נישט געשפּילט און נישט געקאָנט שפּילן אַזאַ ראָל אין דער מאַרקסיסטישער באַוועגונג, ווי

מאַרקס און ענגעלס. דאָס פאַרמינערט אָבער לחלוטין נישט די גרויסע היסטאָרישע באַדייטונג פון זיין לעבן און שאַפן. און נאָכמער דרך־ארץ באַקומען מיר צו אים, גראָד דערפאַר, ווייל ער איז צו זיין גרויסער היסטאָרישער ראָל אויסגעוואַקסן פון אַן אַרבעטער „מיט עלעמענטאַרער בילדונג".

די פאַרזעלבסטשטענדיקונג
פון מלוכה־אַפּאַראַט *

דער מלוכה־אַפּאַראַט איז אין נאָרמאַלע געזעלשאַפטלעכע באַדינגונגען דער אויספיר־אָרגאַן פון די פאַרשידענע קלאַסן: ער שפּילט נישט קיין זעלבסטשטענדיקע ראָל. ער איז אין די צייטן פון שקלאַפעריי געווען די עקספּאָזיטור פון די שקלאַפן־באַלעבאַטים; אין דער צייט פון פעאָדאַליזם — פון די גרויסע פּריצים און גייסטלעכע; אין דער צייט פון קאַפּיטאַליזם — פון דער בורזשואַזיע. דאָך איז די טעזע ריכטיק בלויז אין אַלגעמיינע שטריכן.

מיר האָבן אין דער געשיכטע זייער פיל פאַלן ווען דער מלוכה־אַפּאַראַט פאַרזעלבסטשטענדיקט זיך פון די הערשנדיקע קלאַסן, שטעלט זיך איבער דער גאַנצער געזעלשאַפט און הייבט אָן צו שפּילן אַן אייגענע זעלבסטשטענדיקע ראָל.

דאָס קומט פאָר בדרך כלל אין איבערברוך־מאָמענטן, ווען פון איין זייט זענען די הערשנדיקע קלאַסן שוין נישט פעאיק איינצוהאַלטן זייער אָנפירנדיקע ראָל און פון דער צווייטער זייט זענען די אונטערדריקטע קלאַסן נאָך נישט פעאיק איבערצונעמען די מאַכט, כדי אָוועקצופירן דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן אויף נייע וועגן. צו אַזעלכע רעזשימען קען מען פאַררעכענען דעם „געבילדעטן אַבסאָלוטיזם" פון לודוויק דעם 14־טן, וועלכער האָט באַזייטיקט פון דער מאַכט די גאַנצע אַלטע אַריסטאָקראַטישע קאָמאַרילע. אַזאַ איז געווען די מלוכה פון איוואַן גראָזנע אין רוסלאַנד. אַמבולטסטן אָבער איז די דאָזיקע פאַרזעלבסטשטענדיקונג פון מלוכה־אַפּאַראַט געקומען צום אויסדרוק אין דער צייט פון נאַפּאָלעאָן אין פראַנקרייך. דער געשאַפענער דורך אים מלוכהשער טיפּ

---

* פון כתב־יד, געשריבן וואַרשיינלעך אָנהויב פון די 50־קער יאָרן.

איז אַריין אין דער געשיכטע מיט אַ באַזונדער טערמין „באָנאַ־פּאַרטיזם״. דאָס איז געווען אין אַ צייט ווען די בורזשואַזיע האָט זיך אַרויסגעוויזן פּאַר נישט פעאיק איינצוהאַלטן די מאַכט, וועלכע זי האָט דעראָבערט אין דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און דער אַרבעטער־קלאַס, וועלכער האָט געמאַכט זיינע ערשטע זעלבסטשטענדיקע שריט אויף דער פּאָליטישער אַרענע איז נאָך־נישט געווען גענוג שטאַרק כדי איבערצונעמען די מאַכט. נאַפּאָ־לעאָן האָט דאַן צוגענומען די פּאָליטישע מאַכט פון דער בורזשו־אַזיע, כדי צו פאַרטיידיקן אירע סאָציאַל־ווירטשאַפטלעכע אינ־טערעסן. אַזאַ ראָל האָט אויך געשפּילט די היטלער־דיקטאַטור אין דייטשלאַנד. די דייטשע בורזשואַזיע האָט זיך אַרויסגעוויזן אומ־מעכטיק קעגן דעם אויפוואַכנדיקן שטראָם פון פּראָלעטאַריאַט. כדי צו דערשטיקן דעם פּראָלעטאַרישן קאַמף פאַר מאַכט, האָט היטלער איבערגענומען ביי דער בורזשואַזיע די מאַכט. די היטלערישע דיקטאַטור, וועלכע איז געווען מיט איר גאַנצער שאַרף געווענ־דעט קעגן פּראָלעטאַריאַט, האָט פּאָליטיש אונטערדריקט אויך די בורזשואַזיע און גלייכצייטיק פאַרטיידיקט אירע סאָציאַלע קלאַסן־אינטערעסן.

אַן ענלעכע אַנטוויקלונג האָט אויך — מוטאַטי מוטאַנדעס — דורכגעמאַכט דער סאָוויעטישער מלוכה־אַפּאַראַט.

אין דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט דער רוסישער אַרבע־טער־קלאַס אַראָפּגעוואָרפן די בורזשואַזיע און די פּריצים. ער האָט מיט דער הילף פון מלוכה־אַפּאַראַט צעשמעטערט אויך די עקאָנאָ־מישע מאַכט פון ביידע קלאַסן און אָפּגערייניקט דעם באָדן פאַרן אויפבוי פון אַ געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. דער פּראָלעטאַרישער מלוכה־אַפּאַראַט האָט פאַרהעלטענישמעסיק זייער לייכט רעאַליזירט דעם נעגאַטיוון טייל פון זיין פּראָגראַם; פיל שוואַכער איז אָבער געווען צו רעאַליזירן דעם פּאָזיטיוון טייל פון סאָציאַליסטישן פּראָגראַם.

דער רוסלענדישער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך אַרויסגעוויזן פּאַר נישט פעאיק אויפצובויען דעם סאָציאַליזם און אויך פאַר נישט פעאיק איינצוהאַלטן די קאָנטראָל איבער דער מלוכהשער מאַכט.

דער רוסישער אַרבעטער־קלאַס האָט געהאַט שטאַרקע קעמפּע־רישע רעוואָלוציאָנערע טראַדיציעס, דעריבער האָט ער געקענט לייכט צעשטערן דאָס אַלטע און פּאַרהאַסטע שלעכטס; ער האָט אָבער נישט פאַרמאָגט קיין שום פּאָליטישע און קולטור־צוגרייי־טונג אויף צו ווערן באַלעבאָס איבערן אייגענעם גורל זיינעם אויפן שטח פון אַזאַ ריזיק לאַנד. חוץ לזה איז דער דאָזיקער אַרבעטער־קלאַס געווען אַ קליינע מינדערהייט אין דער רוסלענדישער מלוכה; די גרעסטע מאַסע איז געווען דאָס פּויערטום. די רוסישע רעוואָ־לוציע האָט אויך אַרויסגעברענגט אויף דער אויבערפלאַך די אָפּגע־שטאַנענע דאָרט פעלקער, וועלכע האָבן נאָך נישט געהאַט קיין אָנונג וועגן די גרויסע סאָציאַליסטישע אידעאַלן; זיי האָבן אַפילו נישט געהאַט די גייסטיקע השגות צו אַ זעלבסטשטענדיק אָרגאַ־ניזירט לעבן אויף סאָציאַליסטישע יסודות. אויף אַראָפּצוּוואַרפן און צו ליקווידירן די פּריצים און די קאַפּיטאַליסטן איז גענוג געווען דער, אין משך פון דורות, אָנגעזאַמלטער האַס. דאָס אַליין איז אָבער געווען זייער ווייניק אויף אויפצובויען אַ נייע געזעלשאַפט.

ווי אַזוי טרעט מען צו אויפצובויען אַ מלוכהשע אָרדנונג אָן קאַפּיטאַליסטן און אָן פּריצים, אין אַ צייט ווען דער פּראָלעטאַריאַט און דאָס פּויערטום איז לחלוטין נישט צוגעגרייט צו אַזאַ אויפ־גאַבע? צו האָט דאָס אפשר די אָקטאָבער־רעוואָלוציע באַוויזן?

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט טאַקע ראַדיקאַל געענדערט דעם סאָציאַלן רעזשים אין רוסלאַנד. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אונטער סאָציאַליסטישע לאָזונגען, האָט געמוזט אויך פאַרווירקלעכן די אויפגאַבן און רעפאָרמען פון אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישן כאַראַקטער, אַזעלכע וואָס זענען אין פראַנקרייך פאַרווירקלעכט געוואָרן דורך דער גרויסער פראַנצויזי־שער רעוואָלוציע.

וואָס האָט אויפגעטאָן די אָקטאָבער־רעוואָלוציע?

1. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט ליקווידירט דעם פּריצים־קלאַס, וועלכער איז נאָך מיט זיין שורש געלעגן אין דעם פעאָדאַלן רעזשים. קיין שום רעוואָלוציע, חוץ דער גרויסער פראַנצויזישער,

האָט נישט אַזוי ענדגילטיק און ראַדיקאַל געלייזט דאָס פּריצים־פּראָבלעם. אין אַלע איבעריקע קאַפּיטאַליסטישע לענדער איז דער פּריצים־קלאַס, אין אַ קלענערער אָדער אין אַ גרעסערער מאָס פאַרבליבן, אָפּגעראַטעוועט זיין עקזיסטענץ און האָט אַפילו איינ־געהאַלטן זיין השפּעה אויף דעם געזעלשאַפטלעכן און מלוכהשן לעבן, בלייבנדיק דער פירער און דער אָרגאַניזאַטאָר פון אַלע רע־אַקציאָנערע באַוועגונגען. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט ליקווי־דירט דעם פּריצים־קלאַס און מיט דעם האָט זי געלייזט דאָס אַלטע היסטאָרישע פּויערים־פּראָבלעם.

2. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט געבראַנגט די פולע גלייכ־באַרעכטיקונג פון דער פרוי, אַ פּראָבלעם וואָס איז נאָך אין די איבעריקע דעמאָקראַטישע לענדער פולקאָם נישט געלייזט געוואָרן. אין פאַרשידענע לענדער, ווי אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און אַפילו אַמעריקע עקזיסטירן נאָך געוויסע באַגרענעצונגען פאַר די פרויען. אין ענגלאַנד דויערט נאָך דער קאַמף פאַר אויסגלייכן די לוינען פאַר פרויען מיט די לוינען פאַר מענער; אין בעלגיע האָבן די פרויען ערשט אין די לעצטע יאָרן באַקומען וואַל־רעכט צום פאַר־לאַמענט; אין פראַנקרייך עקזיסטירט נאָך עד היום אַ ריי באַגרע־נעצונגען פאַר פרויען אין פּרט פון גט א.א.וו. די אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע אָבער האָט פּראָקלאַמירט די פולע און פאַקטישע גלייכהייט פון דער פרוי. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט פּראָקלאַמירט די פולע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די פעלקער, וועלכע האָבן באַוווינט די רוסישע טעריטאָריע. אויך דאָס פּראָבלעם איז נאָך נישט אין אַלע דעמאָקראַטישע לענדער פולשטענדיק געלייזט.

די דאָזיקע דערמאָנטע פּראָבלעמען, וואָס זענען שפּעטער שוידערלעך פאַרקריפּלט געוואָרן (וועגן דעם אין דער שפּעטערער באַהאַנדלונג), גייען טעאָרעטיש נישט אַרויס מחוץ די ראַמען פון אַ בורזשואַז־דעמאָקראַטישער רעוואָלוציע. די אַלע דערמאָנטע פּאָסטולאַטן קאָנען טעאָרעטיש אויך רעאַליזירט ווערן אין אַ בור־זשואַזער געזעלשאַפט; און אויב זיי ווערן דאָך נישט פולשטענדיק רעאַליזירט, איז עס אין אַ גרויסער מאָס צוליבן קאָנסערוואַטיוון כאַראַקטער פון דער זיגערישער בורזשואַזיע, וועלכע שרעקט זיך

פאַר יעדער פראָגרעסיווער באַוועגונג און דעריבער זוכט זי אַ פאַרשטענדיקונג מיט די רעאַקציאָנערע רעשטלעך פונעם פעאָדאַ־ליזם. אַפילו די קאָלעקטיוויזאַציע פון דאָרף, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אַזאַ טאָטאַלן מאָסשטאַב, איז רעאַליזירבאַר אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט. פאַר אָרעמע און מיטעלע פּויערים וואָלט אַ קאָלעקטיווע באַאַרבעטונג פון דער ערד, וואָס דערמעג־לעכט דעם באַנוץ פון מאָדערנע לאַנדווירטשאַפטלעכע מאַשינען, באַדייטנדיק געקאָנט הייבן זייער לעבנס־ניוואָ און נישט אָנרירן די יסודות פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט.

אין געוויסע קאַפּיטאַליסטישע לענדער עקזיסטירט אַן אַנט־וויקלטע קאָאָפּעראַציע אויפן דאָרף, וועלכע באַגרענעצט זיך אָבער ס'רוב צום בשותּפותדיקן איינקויפן לאַנדווירטשאַפלעכע מאַשינען און קאָלעקטיוון פאַרקויף פון דער פּראָדוקציע. אַ סאָציאַליסטישע רעגירונג וואָלט געקאָנט פיל באַדייטנדיקער אַנטוויקלען דעם דראַנג צו דאָרפישער קאָאָפּעראַציע. די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט, באַפרייענדיק דאָס פּויערטום פון דער פריצישער אונטער־דריקונג, געקאָנט שאַפן גינסטיקע באַדינגונגען פאַר דער אַנטוויק־לונג פון דער דאָרפישער קאָאָפּעראַציע.

אין די אַלע אויבן דערמאָנטע געביטן האָט די אָקטאָבער־רעוואָ־לוציע געלייזט די פּראָבלעמען אויף אַ רעוואָלוציאָנערן יאַקאָבי־נישן אופן. דער איינציקער געביט, אויף וועלכן דער ראַטנפאַר־באַנד האָט פאַקטיש איבערגעשריטן די ראַמען פון דער קאַפּיטאַ־ליסטישער געזעלשאַפט, איז געווען די ליקווידאַציע פון קאַפּיטאַ־ליסטן־קלאַס, דאָס אַנטאייגענען די בורזשואַזיע און דאָס איבער־נעמען דורך דער מלוכה די פּריוואַטע פּראָדוציר־מיטלען.

די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אַזוי אַרום ליקווידירט די צוויי עיקרדיקע קלאַסן, וועלכע האָבן אין משך פון דורות דאָמינירט אין דער מענטשלעכער געשיכטע. צי האָט אָבער די אָקטאָבער־רעוואָלוציע מיטן ליקווידירן די עקספּלואַטאַטאָרישע קלאַסן אויך פאַרווירקלעכט דעם פּאָזיטיוון טייל פון סאָציאַליסטישן פּראָגראַם. צי האָט זי טאַקע פאַרווירקלעכט דעם סאָציאַליזם?

די באָלשעוויסטישע דיקטאַטור איז באַלד פון אָנהייב אָן גע־שטעלט געוואָרן פאַר דער אַלטערנאַטיוו: אָדער צוריקשטעלן די קאַפּיטאַליסטישע ווירטשאַפט, מיט, געוויסע ניואַנסן לטובת די פאָלקס־מאַסן, אָדער גאָר מיט דער הילף פון מלוכה־אַפּאַראַט איבער־דערציען די אַרבעטנדיקע מאַסן סיי מיט פּראָפּאַגאַנדע, סיי מיט געוואַלד צו זיינע סאָציאַליסטישע אויפגאַבן. אין יאָר 1921 האָט לענין פּרובירט זוכן אַ מיטל־וועג צווישן די צוויי דילעמעס; דער „נעפּ" האָט געזאָלט איינהאַלטן די פּאָליטישע מאַכט אין די הענט פון פּראָלעטאַריאַט און גלייכצייטיק דערלויבן אַ פּריוואַט קאַפּיטאַ־ליסטישע ווירטשאַפט. דורך דעם „נעפּ" וואָלט אַ באַדייטנדיקער טייל פון דער אינדוסטריעלער אַנטוויקלונג (אויך פון דער לאַנד־ווירטשאַפט) אַראָפּגעפאַלן פון די פּלייצעס פון דער מלוכה, ביי דער געמישטער ווירטשאַפט פון מלוכהשן און פּריוואַטן סעקטאָר — וואָלט דער פּראָלעטאַריאַט זיך אויסגעלערנט אָנצופירן מיט דער פּראָדוקציע, ער וואָלט במשך דער צייט דעראָבערט דעם נויטיקן וויסן און קולטור און בהדרגהדיק וואָלט דער סאָציאַליסטישער סעקטאָר באַהערשט דעם פּריוואַט־קאַפּיטאַליסטישן. דאָס איז גע־ווען לענינס צוגאַנג צום פּראָבלעם פון „נעפּ". ביי דער אָפּגעשטאַ־נענקייט פון דער רוסלענדישער ווירטשאַפט און ביי דעם נידע־ריקן ניוואָ פון פּאָליטישער קולטור פון די פאָלקס־מאַסן האָט אָבער אַזאַ פרידלעכע ריוואַליזאַציע צווישן די צוויי סיסטעמען געמוזט דויערן אַ לענגערע צייט. די עקאָנאָמישע קאָנצעסיעס פאַרן פּריי־וואַטן סעקטאָר וואָלטן אויך געמוזט פירן צו געוויסע פּאָליטישע קאָנצעסיעס. עקאָנאָמישע פרייהייט, אַפילו אַ באַגרענעצטע, וואָלט געמוזט באַקומען איר אויסדרוק, לכל הפחות, אין אַ באַגרענעצטער פּאָליטישער פרייהייט. צי וואָלט ביי אַזאַ פּאָליטישער פרייהייט די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי געקאָנט איינהאַלטן די מאַכט? — און גראָד דאָס איז דאָך געווען דער עיקר ביי דער רוסלענדישער קאָמוניסטישער פּאַרטיי — די קאָמוניסטישע פּאַרטיי אין רוסלאַנד האָט געזען אין זיך דעם איינציקן פאַרשטייער פונעם פּראָלעטאַריאַט און דעריבער האָט זי אָפּגעוואָרפן יעטוועדן געדאַנק פון טיילן די מאַכט מיט וועמען עס איז. געניסנדיק פון דעם פאַרשיכרנדיקן

מאַכט־געטראַנק, האָט די סאָוויעטישע ביוראָקראַטיע מיט זיין און נעגל זיך געקלאַמערט ביי דער מאַכט, וועלכע זי האָט פון אירע הענט נישט געוואָלט אַרויסצולאָזן. זי איז דעריבער אַרויף אויפן וועג, אַפילו נאָך אין דעם „נעפּ"־פּעריאָד, פון פאַרשטאַרקטן טעראָר קעגן דער באַפעלקערונג און ליקווידירן יעטוועדן שפּור פון פּריוואַ־טער ווירטשאַפט, וואָס האָט געקאָנט ווערן אַ נעסט פון אָפּאָזיציע צום רעזשים.

די סאָוויעטישע ביוראָקראַטיע האָט, ביי אַזאַ אַלטערנאַטיוו, געמוזט אָנווענדן אַלץ מער שאַרפערע רעפּרעסיע־מיטלען, כדי צו צווינגען די אַרבעטער און פּויערים אויסצופירן די פאַראָרדנונגען, וואָס זי האָט פאַר זיי אַרויסגעגעבן.

דער דאָזיקער פּראָצעס פון פאַרזעלבסטשטענדיקן זיך פון מלוכה־אַפּאַראַט, פון שטעלן זיך איבערן פּראָלעטאַריאַט און קעגן אים, האָט זיך שוין אָנגעהויבן אין די ערשטע יאָרן נאָך דער רעוואָ־לוציע און האָט אָנגענומען באַזונדערס שאַרפע פאָרמען נאָכן טויט פון לענינען, ווען סטאַלין איז געוואָרן באַלעבאָס איבערן לאַנד.

סטאַלין האָט קיינמאָל זיך נישט אויסגעצייכנט מיט קיין זעלבסטשטענדיקן פּאָליטישן געדאַנק און נישט מיט קיין היסטאָ־רישער ווייטזעעוודיקייט. ער האָט אין משך פון יאָרן געפירט זיין פּאָליטיק פון טאָג אויף טאָג, וואַקלענדיק זיך צווישן רעכטס און לינקס און דערביי לאַווירט צווישן די פאַרשידנסטע כוחות סיי אין דער פּאַרטיי, סיי אין לאַנד.

אין איין געביט איז אָבער סטאַלין שטענדיק געווען שטאַרק און קאָנסעקווענט. ער האָט פאַרשטאַנען די דאָזיקע ראָל, וואָס עס שפּילט דער מלוכה־אַפּאַראַט. ער האָט פאַרשטאַנען, אַז מיט דער הילף פון מלוכה־אַפּאַראַט קאָן מען אַ סך אויפטאָן. דעריבער האָט ער זיין גאַנצע אויפמערקזאַמקייט געלייגט אויף באַהערשן און פאַרהיטן אין זיין האַנט דעם מלוכה־אַפּאַראַט.

ווען סטאַלין האָט געזען, אַז דער „נעפּ" און די פּריוואַטע פּויערים־ווירטשאַפט רייסן כסדר אַרונטער די אַלמעכטיקייט פון מלוכה־אַפּאַראַט, האָט ער זיך דעצידירט צו ליקווידירן סיי דעם

„נעפּ", סיי די פּריוואַטע פּויערים־ווירטשאַפט. ער פירט איין די געוואַלדזאַמע קאָלעקטיוויזאַציע פון דער דאָרפס־ווירטשאַפט און מאַכט דאָס גאַנצע ווירטשאַפטלעכע לעבן אָפּהענגיק פון דער מלוכה.

מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע פון דאָרף האָט סטאַלין געשלאָגן צוויי האָזן מיטאַמאָל: ער האָט ליקווידירט דעם געזעלשאַפטלעכן קלאַס — דאָס פּויערטום, — וועלכער האָט געקענט באַדראָען זיין עקזיסטענץ און דערמיט פאַרפעסטיקן דעם מלוכה־אַפּאַראַט, פון דער צווייטער זייט ווידער האָט ער געקאָנט רעקלאַמירן זיין טאַט, ווי אַ זיג פון סאָציאַליזם אויפן דאָרף. דער „סאָציאַליזם" אויפן דאָרף האָט אָבער דערמיט באַקומען דעם זעלבן אויסזען, וואָס דער „סאָציאַליזם" אין שטאָט. ער האָט נאָר „אויסגעגלייכט" ביידע קלאַסן — דאָס פּויערטום און דעם פּראָלעטאַריאַט אין דער זעלביקער אונטערגעאָרדנעטער און שקלאַפישער באַציאונג אין באַצוג צו דער מלוכה.

מיט דער קאָלעקטיוויזאַציע פון דאָרף האָט די סאָוויעטישע מלוכה אייגנטלעך פאַרענדיקט איר פּראָצעס פון פאַרזעלבסט־שטענדיקן זיך פון דעם סאָוויעטישן פאָלק... זי האָט נישט בלויז באַזייטיקט דעם פּראָלעטאַריאַט פון דער מלוכה־מאַכט, זי האָט אויך עקאָנאָמיש עקספּראָפּריאירט סיי דעם פּראָלעטאַריאַט, סיי דאָס פּויערטום. דער מלוכה־אַפּאַראַט ווערט אי דער פּאָליטישער אי דער עקאָנאָמישער באַלעבאָס איבערן לאַנד און חוץ מזה האָט ער אויך דעם גייסטיקן מאָנאָפּאָל, וועלכן ער מוז איצט שאַרפער אויסנוצן, כדי די מאַכט צו פאַרפעסטיקן.

דער ראַדיקאַלער סאָציאַלער איבערברוך, וואָס איז דורכגע־פירט געוואָרן דורך דער קאָלעקטיוויזאַציע פון דאָרף, האָט אַרויס־גערופן אַ געוואַלדיקע אומצופרידנקייט ביי די פּויערים, ביי די אַרבעטער און אַפילו אין די אייגענע פּאַרטיי־רייען.

סטאַלין האָט געוווּסט, אַז די דאָזיקע אומצופרידנקייט קאָן ווערן געפערלעך פאַרן רעזשים, נאָר אין דעם פאַל, ווען עס וועלן עקזיסטירן געוויסע אָרגאַניזירטע אָפּאָזיציע־צענטערן, וועלכע

וועלן בכוח זיין זיך צו שטעלן בראש פון די אומצופרידענע. אַזעלכע צענטערן האָבן אָבער געקענט עקזיסטירן, ביי דער מאָנאָ־פּאָליטישער הערשאַפט פון דער באָלשעוויסטישער פּאַרטיי, נאָר אין די ראַמען פון דער דאָזיקער פּאַרטיי.

סטאַלין טרעט דעריבער צו אַנטשידן צו פאַרניכטן יעטוועדן מעגלעכן שפּור פון אַ קאָמוניסטישער אָפּאָזיציע.

ער הייבט אָן ליקווידירן די אַלע, וועלכע וואָלטן עווענטועל געקאָנט אים דערוווייטערן פון רודער און פאַרנעמען זיין פּלאַץ. ער טרעט צו צום אָרגאַניזירן די „באַרימטע" מאָסקווער פּראָצעסן, פאַרניכטן מאָראַליש, און פיזיש זיינע פאַקטישע און פּאָטענציאַ־נעלע קעגנער.

גלייכצייטיק הייבט זיך אָן די מעכטיקע פּראָפּאַגאַנדע פון „פאַרגעטערן" סטאַלינען און קינסטלעך דערהויבן זיין פּרעסטיזש צו דער מדרגה פון אַ לעגענדאַרער פּערזענלעכקייט, וואָס איז בכוח אַלץ צו דערגרייכן מיט זיין מעכטיקער, שטאָלענער האַנט.

די באָלשעוויסטישע פּאַרטיי, וואָס איז ביז דעם מאָמענט געווען די פירערין פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע און פון דער סאָוויע־טישער מלוכה, ווערט פאַקטיש ליקווידירט און דער געבליבענער טייל ווערט אַראָפּגענידערט צו דער ראָל פון אַן אויטאָמאַטיש גע־צייג אין די הענט פון דער סטאַלינישער דיקטאַטור.

די סטאַלינישע דיקטאַטור האָט זיך פאַרזעלבסטשטענדיקט נישט נאָר פון פּראָלעטאַריאַט, נאָר אויך פון דער אייגענער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי.

ס'איז דעריבער נישט קיין צופעליקייט, וואָס שוין העכער צען יאָר איז נישט פאָרגעקומען קיין שום קאָנגרעס פון דער דאָזיקער פּאַרטיי.

אין תקופה פון אומרואיקע דערוואַרטונגען *

מיר לעבן אין אַ צייט פון אומרואיקע דערוואַרטונגען; ווייט־ווייט הינטער אונדז ליגט די תקופה פון אונדזערע טאַטעס און זיידעס, ווען מען האָט געגלויבט, אַז די מענטשהייט גייט כסדר באַרג־אַרויף, צו אַן אַלץ גרעסערן פּראָגרעס, צו אַ העכערן לעבנס־ניוואָ, צו אַלץ מערער פרייהייט און פעלקער־פאַרברידערונג, צו אַלץ מערער גליק.

ס'איז געווען אַ תקופה, ווען מען האָט געלעבט נישט אַזוי גוט און באַקוועם; עס זענען נישט געווען קיין עראָפּלאַנען, און נישט קיין ראַדיאָ און נישט קיין עלעקטרישע ליכט, און נידעריקער איז געווען דער לעבנס־ניוואָ — אָבער ס'איז געווען אַ תקופה פון האָפענונגספולע דערוואַרטונגען. ס'האָבן אונדזערע טאַטעס גע־גלויבט, אַז אונדז וועט שוין זיין גוט, אַז מיר וועלן שוין לעבן אין אַ בעסערער און אין אַ גליקלעכערער צייט.

איז געקומען אַ צייט פון מלחמות, רעוואָלוציעס און קאָנטר־רעוואָלוציעס; איז געקומען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה דער פאַשיזם אין איטאַליע, מיט זיין גיסן ריצינאייל אין די העלדזער פון זיינע קעגנער, איז נאָכער געקומען דער היטלעריזם, וועלכער האָט מיט זיין אכזריות איבערגעשטיגן אַלץ, וואָס אַ מענטש האָט אין זיין פאַנטאַזיע געקאָנט זיך פאָרשטעלן וועגן חיהשער ברוטאַלקייט. און ס'איז געקומען די צווייטע וועלט־מלחמה מיט אירע צענדליקער מיליאָנען געהרגעטע און דערמאָרדעטע, מיט חורבות און פאַרוויסטונג און מיט מיליאָנען היימלאָזע און פּליטים, וואָס האָבן נע ונד געוואָנדערט איבער לענדער און קאָנטינענטן און וואָנדערן נאָך אַלץ.

---

* „אונזער שטימע", דעצעמבער 1952.

און אויב ס'איז געווען אין אונדזער דור, במשך פון די לעצטע עטלעכע און דרייסיק יאָר איין האָפענונגספולע דערוואַרטונג, וועגן וועלכער מען האָט געמיינט, אַז זי ווערט רעאַליזירט, — די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע, — האָבן מיר אויך דאָ איבער־געלעבט אַ טיפע, אייגנטלעך די טיפסטע אַנטוישונג. אונטערן מאַנטל פון סאָציאַליזם האָט מען פאַרווירקלעכט אַ רעזשים פון אַ ברוטאַלער, האַלב־אַזיאַטישער דיקטאַטור, ווו מיליאָנען מענטשן לעבן אין שקלאַפעריי, און ווו אַלע מוזן זיך בוקן און פאַלן כורעים פאַרן האַלב־פאַרגעטערטן „פירער פון די פעלקער".

און ווען די צווייטע וועלט־מלחמה האָט זיך געענדיקט, ווען דער איטאַליענישער און דייטשער פאַשיזם זענען ווי שטשורעס צעקוועטשט געוואָרן אונטערן דרוק פון די אַליאירטע אַרמייען, ווען אַ שטורעם פון פרייד און התלהבות האָט זיך צעגאָסן פון איין עק וועלט ביז דער צווייטער, ווען אומעטום האָט זיך געהערט דער הייליקער רוף: „ס'איז באַפרייט די וועלט פון דער היטלערישער מגפה" — זענען אין אונדזערע מיט ווייטיק און טרויער דורכגע־דרונגענע הערצער, נאָך אונדזערע אומגעקומענע, ווידער אַנט־שטאַנען נייע האָפענונגען, אַז אפשר שוין איצט, נאָך אַזעלכע טראַגישע דערפאַרונגען, וועט די וועלט אַוועקגיין אויף נייע וועגן און עס וועט אָנקומען די תקופה פון פרייהייט און פון שלום.

און ווידער לעבן מיר אין אַ צייט פון אומרואיקע דערוואַר־טונגען; עס זענען נאָך אונדזערע ווונדן נישט פאַרהיילט און שוין קלאַפט אין טיר דאָס שוואַרצע געשפענסט פון אַ נייער וועלט־מלחמה. און מיר ווייסן, אַז אַ נייע וועלט־מלחמה וועט זיין נאָך גרויזאַמער ווי די לעצטע; עס האָבן במשך פון דער צייט זיך אַנטוויקלט די כלערליי מאָרד־מכשירים; ווייט־פליענדיקע און מעכטיקערע באָמבאַרדיר־עראָפּלאַנען, מאָדערניזירטע טאַנקן און קריגס־שיפן, אונטער־וואַסער־שיפן און די שוידערלעכסטע מחבלים, די אַטאָם־באָמבעס.

און אומרואיק זענען אונדזערע דערוואַרטונגען, ווייל עס גייט אָן אויף דער וועלט אַ ווילדער באַוואָפענונגס־געיעג און ווייל אין געוויסע פונקטן פון דער וועלט קומט די מלחמה שוין פאָר: אין

קאָרייע, אין אינדאָכינע און די כינעזישע אינטערווענץ אין קאָ־רייע דראָט, אַז די מלחמה זאָל זיך אויך אויסברייטערן אויף כינע. עס דראָט די געפאַר, אַז די דאָזיקע לאָקאַלע מלחמות זאָלן זיך פאַרקייטלען אַלץ מערער אין אַ נייער גרויסער וועלט־מלחמה.

די סאָוויעטישע און קאָמוניסטישע אַגיטאַטאָרן שרייען אומ־אויפהערלעך, אַז די מלחמה דראָט מצד די מערב־מלוכות; אָבער גראָד די לעצטע יאָרן האָבן באַוויזן, אַז די לאַגע איז פונקט פאַר־קערט.

בעת דער מלחמה איז רוסלאַנד געגאַנגען מיט היטלערן קעגן דער מערב־וועלט; און דאַך ווען היטלער איז באַפאַלן רוסלאַנד האָבן רוזוועלט און טשערטשיל, דעם זעלביקן טאָג באַשלאָסן צו העלפן רוסלאַנד. און כדי צו באַווייזן, אַז זיי ווילן לעבן מיט איר בשלום, האָבן זיי מסכים געווען אָוועקצוגעבן אונטער דער רוסישער אַפּוטרופּסות גאַנץ מזרח־אייראָפּע און אַ שטיק אַזיע; אויב רוס־לאַנד הערשט היינט איבער פּוילן, רומעניע, אונגאַרן, בולגאַריע, ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד, אין מאַנדזשוריע, און ביז איצט אויך אין צפון־קאָרייע האָט זי דאָס צו פאַרדאַנקען די אָפּמאַכן, וואָס זענען געשלאָסן געוואָרן מיט טשערטשילן און רוזוועלטן אין טעהעראַן, יאַלטאַ און פּאָטשדאַם. ס׳האָבן רוזוועלט און טשערטשיל געמיינט, אַז מיט דעם וועט מען איינשטילן די סאָוויעטישע אַפּעַ־טיטן.

אָבער פונקט ווי מען האָט נישט געקאָנט באַרואיקן היטלערן מיט מינכען, אַזוי האָט מען רוסלאַנד נישט געקענט באַרואיקן מיט יאַלטאַ און פּאָטשדאַם.

עס האָבן די קאָרייאישע געשעענישן אויפגעדעקט די געהיימ־נישן פון דער סאָוויעטישער אויסערן־פּאָליטיק; אויף דריי וועגן גייט די דאָזיקע פּאָליטיק:

א) מען פירט אַ מעכטיקע שלום־פּראָפּאַגאַנדע אין אויסלאַנד; אויף אַלע ראַגעס און גאַסן שרייט מען, אַז רוסלאַנד וויל שלום און אַז מלחמה ווילן נאָר די אַמעריקאַנער און אַנדערע אימפּעריאַ־ליסטן;

ב) אין דער זעלביקער צייט, פאַרשטעלט מיטן אייזערנעם פאָר־האַנג, האָט רוסלאַנד אויפגעשטעלט אַ ריזיקע און מעכטיק־באַוואָפנטע אַרמיי און זי האָט באַוואָפנט אויך אירע סאַטעליטן־לענ־דער, און —

ג) מיט דער הילף פון די דאָזיקע סאַטעליטן־לענדער, בלייבנ־דיק אַליין כלומרשט נייטראַל, — גייט זי אויפן וועג פון פאַרכאַפּן אַלץ נייע טעריטאָריעס.

די געשעענישן אין קאָרייע האָבן באַוויזן, אַז די מערב־מלוכות זענען ווייט הינטערשטעליק לגבי רוסלאַנד אין פּרט פון באַוואָ־פענונג — און ווי מיר ווייסן, איז דאָס די עיקרדיקסטע סיבה פונעם לעצטן באַוואָפענונגס־געיעג אין די מערב־לענדער.

מיר מוזן דערביי געדענקען, אַז דאָס ערשטע מאָל איז עס געווען אין קאָרייע, ווי די מערב־מלוכות האָבן דערקלערט, אַז זיי וועלן מער נישט לאָזן רוסלאַנד צו פאַרכאַפּן נייע טעריטאָריעס.

ס'איז אויך אָן שום ספק, אַז וואָלטן די מערב־מלוכות געלאָזט פאַרנעמען דרום־קאָרייע, וואָלט נאָך קאָרייע געקומען די רייע אויך אויף אַנדערע לענדער; עס האָט מזרח־דייטשלאַנד זיך שוין געגרייט צו „באַפרייען" מערב־דייטשלאַנד; בולגאַריע, רומעניע און אונגאַרן האָבן שוין נישט איינמאָל געוואָלט „באַפרייען" יוגאָסלאַ־וויע; און עס האָבן זיך שוין געגרייט די קאָמוניסטן פון פראַנק־רייך און איטאַליע.

מיר האָבן אַלע מאָל געשטרעבט צו אַלגעמיינער אַנטוואָפע־נונג, ווייל דאָס איז דער איינציקער וועג, וואָס פאַרזיכערט די וועלט פון מלחמות; אָבער כל זמן די וועלט איז צעטיילט אויף צוויי בלאָקן; כל זמן פון איין זייט הערשט קאַפּיטאַליזם מיט רע־אַקציאָנערע טענדענצן און פון דער צווייטער זייט הערשט אַ דיק־טאַטאָרישער רעזשים, וועלכער שטרעבט צו וועלט־הערשאַפט און איז פאַרמאַכט אויף זיבן שלעסער און קיינער קאָן נישט אַריינ־קוקן וואָס דאָרט טוט זיך — אַזוי לאַנג וועט דויערן די באַוואָ־פענונג, און אַזוי לאַנג וועלן מיר זיין באַאומרויִקט מיט דער געפאַר פון מלחמה.

אָבער ווי פּאַראַדאָקסאַל דאָס זאָל נישט אויסזעען, האָט דער באַוואָפענונגס־געיעג געעפנט אַ שאַנס, אַז עס זאָל אויסגעמיטן ווערן אַ מלחמה.

די פאָלקס־מאַסן פון דער וועלט ווילן נישט קיין מלחמה, און ווען די פירער פון דער וועלט וועלן וויסן, אַז אין מלחמות וועט מען נישט קאָנען מער פאַרכאַפּן קיין טעריטאָריעס; און אַז אַ מלחמה דראָט מיט די גרעסטע געפאַרן סיי מצד די מאָדערנע קריגס־מכ־שירים, וועלכע קאָנען פאַרניכטן און חרוב מאַכן אַלע לענדער און אַלע רעשימען, סיי מצד די פאָלקס־מאַסן, וועלכע וועלן נישט וועלן מער אַנטיילנעמען אין קיין ריזיקאַלישע קריגס־אַוואַנטורעס — וועט דאָס לסוף זיי מוזן צווינגען אָוועקצוזעצן זיך צום טיש און זוכן אַ פרידלעכע לייזונג פון זייערע אַלע קאָנפליקטן. כאָטש מיר ווייסן, אַז פאַרהיטן פולשטענדיק פון מלחמות וועלן מיר קע־נען נאָר דאַן, ווען די וועלט וועט ווערן באַפרייט סיי פון די דיקטאַטאָרישע, סיי פון די קאַפּיטאַליסטישע רעזשימען, און ווען עס וועט איבערגעבויט ווערן די וועלט אויף יסודות פון פרייהייט, מענטשלעכער חשיבות און סאָציאַלן יושר.

מיר לעבן אין אַ גורלדיקער צייט — ווען פון איין זייט האָט די אַנטוויקלונג פון טעכניק געשאַפן מעגלעכקייטן, אַז אַלע מענטשן זאָלן קענען זיין באַזאָרגט מיט עסן און מיט אַ באַקוועם מענטש־לעך לעבן — און פון דער צווייטער זייט האָט די זעלביקע אַנט־וויקלונג פון טעכניק געשאַפן די מיטלען, וואָס קאָנען חרוב מאַכן די וועלט און פאַרניכטן די גאַנצע מענטשהייט.

פונקט ווי דער לעגענדאַרער רוסישער ריטער איליאַ מוראָמיעץ שטייען מיר לפנים צוויי וועגן: פון איין זייט וווילטאָג און גליק און פון דער צווייטער זייט — חורבות און אומקום.

ס׳איז אָפּהענגיק אויך פון אונדז, פון די פעלקער און פון די פאָלקס־מאַסן, אַז די מענטשהייט זאָל פאַרקלאַפּן דעם וועג, וואָס פירט צום אומקום און זאָל גיין אויפן וועג, וואָס פירט צו גליק, צו פרייהייט, צו סאָציאַלן יושר און פעלקער־פאַרברידערונג.

דער נייער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל*

די ערשטע טעג יולי 1951 איז אויף דער קאָנפערענץ אין פראַנקפורט, אין וועלכער עס האָבן אָנטיילגענומען פאָרשטייער פון 34 סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, פּראָקלאַמירט געוואָרן דער ווידער־אויפבוי פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. דער דאָזיקער פאַקט אַליין פאַר זיך האָט אַ היסטאָרישע באַדייטונג. אין דער איצטיקער תקופה, ווען די וועלט איז צעטיילט אויף צוויי באַקעמפנדיקע זיך בלאָקן, ווו פון איין זייט שטייט דאָס סאָוויעטישע רוסלאַנד און פון דער צווייטער זייט דאָס קאַפּיטאַליסטישע אַמעריקע — האָט אַ סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער זאָל פאַרנעמען אַ זעלבסטשטענדיקע פּאָזיציע אינעם דאָזיקן בלאָק־געראַנגל, צו דערפילן אַ ביז גאָר וויכטיקע, היסטאָרישע שליחות.

דאָס פעלן פון אַזאַ אינטערנאַציאָנאַל האָט געשאַפן דעם פאַלשן איינדרוק, אַז די וועלט שטייט נאָר פאַר דער איינציקער די־לעמע: אָדער קאָמוניזם אָדער קאַפּיטאַליזם. עס האָט געפעלט די דריטע אינטערנאַציאָנאַלע פּערספּעקטיוו — פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם.

די דאָזיקע פּערספּעקטיוו גיט איצט דער נייער אינטערנאַציאָנאַל אין זיין פּרינציפּן־דעקלאַראַציע, פעסטשטעלנדיק, אַז כאָטש קעגנזעצלעכע צו זיך, זענען סיי קאַפּיטאַליזם, סיי קאָמוניזם, סיסטעמען, וועלכע שטיצן זיך — אמת אין אַ פאַרשידענעם פאָרנעם — אויף עקאָנאָמישער און פּאָליטישער אונטערדריקונג פון פאָלקס־מאַסן, און אַז „די מענטשהייט ווערט געשטעלט פאַר דער איינציקער ברירה אויסצוקלייבן צווישן סאָציאַליזם פון איין זייט

* „לעבנס־פראַגן”, נר. 4, אויגוסט 1951.

און קנעכטשאַפט — פון קאַפּיטאַליזם און קאָמוניזם — פון דער צווייטער זייט".

ס'איז נישט דאָ דאָס אָרט דורכצופירן אַ גרונטלעכן אַנאַליז פון דער אָנגענומענער אויף דער קאָנפערענץ פּרינציפּן־דעקלאַראַציע. דער נייער אינטערנאַציאָנאַל פאַרמאָגט די זעלביקע „שוואַכקייטן", וואָס עס פאַרמאָגן אַלע דעמאָקראַטיש געבויטע אינסטיטוציעס: עס זענען דאָרט רעפּרעזענטירט פאַרשידענע שטרעמונגען און מיינונגען, וועלכע קיין שום צד קאָן נישט אָנ־וואַרפן דעם צווייטן. די אָנגענומענע באַשלוסן זענען דעריבער אַ רעזולטאַט פון שאַרפע וויכוחים און קעגנזייטיקע קאָמפּראָמיסן. דאָך וואַרפט זיך אין די אויגן, — פאַר די וואָס קענען די געשיכטע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג — דער ווייטער אידעאָלאָגישער מהלך, וואָס טיילט אָפּ דעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל פונעם אַמאָליקן א. ג. צווייטן סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, וועלכער איז אַנטשטאַנען ביי דער מיטווירקונג פון פרידריך ענגעלס.

יענער אינטערנאַציאָנאַל — פונקט ווי די גאַנצע כמעט סאָציאַ־ליסטישע באַוועגונג אין יענער צייט — האָט, נישט געקוקט אויף די עקזיסטירנדיקע פּאָליטישע חלוקי־דעות, פאַרמאָגט איין אייג־הייטלעכע, אויסגעקריסטאַליזירטע אידעאָלאָגישע וועלט־אַנשוי־אונג, — דעם מאַרקסיזם. די מאַטעריאַליסטישע געשיכטע־אויפפאַ־סונג און קלאַסן־קאַמף ווי דער איינציקער וועג צום סאָציאַלן איבערבוי — האָבן געהערט צו די פונדאַמענטאַלע עיקרים, וועלכע האָבן דאָמינירט און געגעבן אַ ריכט־ליניע דעם סאָציאַליסטישן קאַמף אין משך פון לאַנגע צענדליקער יאָרן.

דער נייער אינטערנאַציאָנאַל דאַקעגן פאַרמאָגט נישט קיין איינהייטלעכע אידעאָלאָגיע; אין דער פּרינציפּן־דעקלאַראַציע זאָגט זיך, אַז צו אים קאָנען געהערן אַלע סאָציאַליסטן, אָן אונטערשיד. צי זיי „באַזירן זייערע מיינונגען אויף אַ מאַרקסיסטישן אָדער אַנדערן אַנאַליז פון דער געזעלשאַפט אָדער אויך אויף רעליגיעזע און הומאַניטאַרע פּרינציפּן". די דאָזיקע ענדערונג דערקלערט זיך הויפּטזעכלעך מיט דער ראַדיקאַלער אומוואַנדלונג, וועלכע איז פאָרגעקומען במשך דער צייט אינעם צוזאַמענשטעל און אין די

אַנפירנדיקע כוחות פונעם אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם. די צוויי הויפּט־פּאַרטייען, וועלכע האָבן געשפּילט אַ דאָמינירנדיקע ראָל אינעם אַלטן אינטערנאַציאָנאַל און וועלכע זענען געווען די פּאָנענטרעגער פון דער מאַרקסיסטישער אידעאָלאָגיע, די דייטשע און די רוסלענדישע, האָבן דורכגעלעבט אַ טראַגישע ירידה. אין פּאָדערגרונט פונעם נייעם אינטערנאַציאָנאַל האָט זיך אַרויסגערוקט די ענגלישע לייבאָר־פּאַרטיי, וועלכע האָט קיינמאָל נישט פאַר־מאָגט קיין מאַרקסיסטישע טראַדיציעס. משפּיע געווען דערויף האָט אויך, אָן ספק, — די סטאַלינישע דעגענעראַציע פון מאַרקסיזם.

דער מאַנגל פון אידעאָלאָגישער „איינהייט ווערט אָבער קאָמ־פּענסירט דורך דער פּאָליטישער איינהייט פון אַלע אָנגעשלאָסענע אינעם נייעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פּאַרטייען. אַלעמען זיי פאַראייניקט — די קעגנערשאַפט צו אַלע רעזשימען פון עקס־פּלואַטאַציע און דיקטאַטור און די שטרעבונג צו אַ פרייהייטלעך־דעמאָקראַטישער וועלט־געמיינשאַפט.

מען דאַרף אויך געדענקען, אַז די פריערדיקע אידעאָלאָגישע איינִיקייט האָט נישט פאַרהיט נישט דעם אינטערנאַציאָנאַל פון זיין פאַנאַנדערפאַל און נישט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פון זייערע דורכפאַלן און מפּלות.

פאַרן זעלביקן היסטאָרישן נסיון שטייט אייגנטלעך אויך דער איצטיקער אינטערנאַציאָנאַל. אויף אים לאַסטעט די טרויעריקע ירושה פון די צוויי פריערדיקע אינטערנאַציאָנאַלן, וועלכע זענען זיך פאַנאַנדערגעפאַלן (אין 1914 און אין 1939) צוליב די קעגנ־זעצלעכע מלוכה־אינטערעסן פון די באַזונדערע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. יעדער און אויך דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט אָבער אַן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג נאָר אויף אַזוי פיל, אויף וויפל ער קאָן רעאַליזירן די סטאַבילע צווישנפעלקערלעכע צוזאַ־מענאַרבעט פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די דאָזיקע אויפגאַבע איז געוואָרן אומגעהויער באַשווערט זינט די סאָציאַליסטישע פּאַרטייען האָבן אָנגעהויבן צו שפּילן אַ וויכטיקע און אַפילו ערשטראַנגיקע ראָל אין געזעלשאַפטלעכן און מלוכהשן לעבן פון זייערע לענדער. אויפן אָרט פון אַמאָליקן אָבסט־

ראַקטן לאָזונג: „פּראָלעטאַריער פון אַלע לענדער, פאַראייניקט אייך!" איז געקומען די נויטווענדיקייט צו קאָמבינירן די אינטער־נאַציאָנאַלע סאָלידאַריטעט מיט די באַזונדערע, אָפטמאָל קעגנזעצ־לעכע, מלוכהשע אינטערעסן. פון דעם אָבער אויף וויפל דער נייער אינטערנאַציאָנאַל וועט זיין בכח די דאָזיקע אויפגאַבע צו דערפילן — וועט זיין אָפּהענגיק די ראָל, וועלכע ער וועט קאָנען שפּילן פאַרן סאָציאַליסטישן באַפרייאונגס־קאַמף.

די מורא פאַר דער סאָוויעטישער אַגרעסיע, איז אָן ספק געווען איינער פון די הויפּט־באַוועגנדיקע פאַקטאָרן, וועלכע האָבן גע־שטויסן צו דער אַנטשטייאונג פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַ־ציאָנאַל. דער סאָוויעטישער מלחמה־פּאָליטיק האָט געמוזט אַנט־קעגנגעשטעלט ווערן דער אָרגאַניזירטער שלום־ווילן פון די סאָ־ציאַליסטישע מאַסן. ליידער, איז די אַקטועלע לאַגע אַזאַ, אַז קעגן דער סאָוויעטישער באַוואָפנטער־אַגרעסיע — איז נישט גענוגנדיק בלויזער ווילן צו שלום.

אין אַנבליק פון דער דאָזיקער געפאַר — האָט דעריבער דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל נישט געקאָנט פאַרנעמען קיין אַבסטראַקט־פּאַציפיסטישע אָדער נייטראַליסטישע פּאָזיציע.

זייענדיק קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפטס־אָרדע־נונג האָט דער אינטערנאַציאָנאַל געמוזט נעמען אין אַכט, אַז אין אַלע כמעט קאַפּיטאַליסטישע לענדער, חוץ שפּאַניע, אַרגענטינע און אייניקע אַנדערע, פאַרמאָגט דער אַרבעטער־קלאַס די כמעט פולע דעמאָקראַטישע פרייהייט פון אָרגאַניזאַציע און באַוועגונג, בעת דער זיג פון דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור טראָגט מיט זיך די טאָטאַלע צעשמעטערונג פון יעדער אָרגאַניזאַציע און באַווע־גונגס־פרייהייט פון די פאָלקס־מאַסן.

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל האָט דעריבער זיך געשטעלט אויפן שטאַנדפּונקט פון אונטערשטיצן די באַוואָפע־נונגס־פּאָליטיק פון די מערבדיקע מלוכות, אייננהאַלטנדיק פאַר זיך דאָס רעכט פאַרצוזעצן דעם קאַמף פאַר איבערבויען די געזעל־שאַפטלעכע אָרדענונג אויף סאָציאַליסטישע יסודות.

דער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז אַרויסגעגאַנגען

פון דער הנהה, אַז נאָר די באַוואָפנטע קראַפט קאָן צווינגען דער סאָוויעטישער דיקטאַטור צו רעזיגנירן פון אירע מלחמה־פּלענער, און אַז נאָר אַ סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט קאָן ווירקזאַם אַנט־קעגנשטעלן זיך דער דעמאַגאָגישער קאָמוניסטישער פּראָפּאַגאַנדע.

די גרינדונגס־קאָנפערענץ פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל האָט אויך געהאַט אַ צווייאיקן יידישן אַספּעקט. די קאָנפערענץ איז פאָרגעקומען אין פראַנקפורט, אויף דער דייטשער ערד. ס'איז שווער צו גלויבן, אַז דאָס זאָל האָבן געווען בלויז אַ צופאַל. וואַר־שיינלעך, האָט דאָ געווירקט דער פאַקט פון וועלן געווינען די דייטשע אַרבעטנדיקע מאַסן דורך אינטערשטרייכן זייער פולע גלייכבאַרעכטיקונג אין דער אינטערנאַציאָנאַלער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. פאַר די יידישע סאָציאַליסטן, ביי וועמען ס'איז נאָך פריש אין זכרון די אכזריות פון דייטשן פאָלק — איז דאָס אָבער געווען אַ פיינלעכע איבערלעבונג. זיכער האָט עס נישט געהאַט קיין זין צוליב דעם צו באָיקאָטירן די קאָנפערענץ. דער קאָאָרדי־ניר־קאָמיטעט פון „בונד" האָט געהאַלטן פאַר ריכטיקער אָנטייל־צונעמען און אין אַ ספּעציעלער דעקלאַראַציע צו ברענגען צום אויסדרוק די פּראָטעסט־געפילן פון יידישן פאָלק.

שומאַכער, דער פירער פון דער דייטשער סאָציאַל־דעמאָקראַטי־שער פּאַרטיי, האָט אַלס ענטפער אויף דער בונדישער דעקלאַראַציע אויף אַן עפנטלעכן מיטינג פון 15 טויזנט דייטשע אַרבעטער, שאַרף פאַראורטיילט דעם אַנטיסעמיטיזם און אויסגעדריקט סימפּאַטיע פאַר די ליידן פונעם יידישן פאָלק. דאָך קאָן דאָס אַלץ נישט פאַרווישן דעם פאַקט, אַז דאָס איינאָרדענען די קאָנפערענץ אין פראַנקפורט איז געווען אַ שווערער פעלער מצד אירע אָרגאַניזאַטאָרן.

דער צווייטער, שוין פּאָזיטיווער אַספּעקט, איז דער, וואָס די קאָנפערענץ האָט אָנגענומען — נאָך אַ שאַרפן וויכוח — דעם בונ־דישן פּראָיעקט וועגן פאַרזיכערן אין אַלע לענדער די נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויטאָנאָמיע פאַר די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. דער דאָזיקער פונקט האָט אַ וויכטיקע באַדייטונג פאַר די צעשפּרייטע איבער דער וועלט יידישע מאַסן.

דער ניי־געשאַפענער סאָציאַליסטישער אינטערנאַציאָנאַל

שטייט לפנים שווערע און היסטאָריש־וויכטיקע נסיונות... פונעם זיג פון סאָציאַליזם איז היינט אָפּהענגיק נישט נאָר דער עקאָנאָמישער גורל פון אַרבעטער־קלאַס, נאָר אויך די עקזיסטענץ גופא פון דער ציוויליזירטער מענטשהייט. ווען די וועלט פאַרבלייבן ביי דער דילעמע אָדער קאַפּיטאַליזם אָדער קאָמוניזם דאַן ווערט אומפאַר־מיידלעך דער מלחמה־קאַטאַקליזם און דער אומקום פון דער גאַנ־צער מאָדערנער ציוויליזאַציע און קולטור. דער זיג פון סאָציאַליזם איז אָבער אָפּהענגיק אין אַ גרויסער מאָס פון דער אַקטיוויטעט פון די סאָציאַליסטישע פאַרטייען און פון דער אַקטיווער זעלבסט־שטענדיקער ראָל פונעם סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל.

דער יאָרטאָג פון אַ פאַראַטענער רעוואָלוציע*

דעם 7־טן נאָוועמבער פייערט די קאָמוניסטישע באַוועגונג דעם 34־טן יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע.

ס'איז געווען אַ צייט ווען די יאָרטאָגן פון דער דאָזיקער רעוואָלוציע זענען געפייערט געוואָרן אויך דורך גרויסע טיילן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג.

די דאָזיקע סאָציאַליסטישע — און אויך אַ סך קאָמוניסטישע — עלעמענטן האָבן געגלויבט, אַז דער וועג פון טעראָר, אויף וועלכן עס איז אַוועק די רוסלענדישע רעוואָלוציע איז נאָר אַ פּראָדוקט פון דער דורות־לאַנגער אָפּגעשטאַנענקייט פון לאַנד און אַז דאָס וועט זיך ענדערן מיט דער צייט. האָבן דאָך אויך די סאָוויעטישע פירער באַטראַכט זייער רעזשים פון „פּראָלעטאַרישער דיקטאַטור", נאָר ווי אַן איבערגאַנגס־רעזשים. נישט געקוקט אויף די שאַרפע חילוקי־דעות אַרום די וועגן צום סאָציאַליזם — האָט אָבער אַלעמען, אַלע אַרבעטער־פּאַרטייען, געהאַט פּאַראייניקט דער ציל, דער אידעאַל פון סאָציאַליזם. וואָס שייך דעם ציל, דעם סאָציאַליזם גופא האָט קיינע נישט באַשטריט, אַז דאָס דאַרף זיין אַזאַ געזעלשאַפטלעכע אָרדענונג, ווו עס הערשט נישט מער, נישט קיין עקאָנאָמישע עקספּלואַטאַציע און נישט קיין שום פּאָליטישע אונטערדריקונג, אַז דאָס דאַרף זיין אַן אָרדענונג פון מאַטעריעלן וווילשטאַנד און פּאָליטישער נאַציאָנאַלער און גייסטיק־קולטורעלער פרייהייט.

מיט דער האָפענונג, אַז דער סאָוויעטישער רעזשים, נישט געקוקט אויף זיינע פאַרקריפּלונגען און פאַרברעכנס, גייט אין דער

---

* פראַגמענטן פון אַ גרעסערער אַרבעט — „לעבנס־פראַגן", נאָוועמבער 1951.

ריכטונג פון אַזאַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט — האָבן גרויסע טיילן פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג אים געשטיצט און באַטראַכט דעם יאָרטאָג פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע אויך פאַר זייערס אַ יום־טוב.

„דער סאָציאַליזם איז שוין פאַרווירקלעכט"

די ווייטערדיקע יאָרן האָבן נישט באַרעכטיקט די דאָזיקע האָפענונגען. זיי האָבן נאָר פאַרטיפט דעם תהום צווישן דער קאָמוניסטישער און דער סאָציאַליסטישער באַוועגונגען. צום שטרייט אַרום די וועגן צום סאָציאַליזם איז צוגעקומען אויך דער שטרייט אַרום דעם תוך פון סאָציאַליזם גופא.

אין נאָוועמבער 1936, אויפן 8־טן צוזאַמענפאָר פון די סאָוועטן האָט סטאַלין אָנגעזאָגט די בשורה, אַז:

„אונדזער סאָוועטישע געזעלשאַפט האָט זיך דערשלאָגן דערצו, אַז זי האָט אין גרונט פאַרווירקלעכט דעם סאָציאַליזם, געשאַפן די סאָציאַליסטישע אָרדענונג".

און בכדי אונטערצושטרייכן דעם דאָזיקן היסטאָרישן ווענדעפונקט אין דער געשיכטע נישט נאָר פון סאָוועטישן פאָלק, נאָר פון דער מענטשהייט בכלל, האָט דער זעלביקער צוזאַמענפאָר פראָקלאָמירט דאַן די נייע סאָוועטישע. די א. ג. סטאַלינישע קאָנסטיטוציע, וועלכע ווערט ביז היינט צוטאָג רעקלאַמירט אַלס „די דעמאָקראַטישסטע קאָנסטיטוציע אין דער וועלט".

דער סאָוועטישער רעזשים איז שוין, אויב אַזוי, נישט מער קיין איבערגאַנגס־רעזשים צום סאָציאַליזם. נאָכמער, די גאַנצע סאָוועטישע פראָפּאַגאַנדע גייט זינט דאַן אין דער ריכטונג, אַז דאָס סאָוועטישע פאָלק שפּרייזט שוין מיט שנעלע שריט פון סאָציאַליזם צום קאָמוניזם, ד. ה. צו דער העכסטער פאַזע פון סאָציאַליזם, ווען, לויט מארקסן, דאַרפן שוין אויך אָפּגעשאַפט ווערן, סיי אין דער עקאָנאָמיק, סיי אין דער פּסיכיק פון די מענטשן, אַלע איבערבלייבענישן פון קאַפּיטאַליזם.

אָבער וועלכער אויפריכטיקער סאָציאַליסט קאָן דאָס גלויבן, אַז דער איצטיקער רעזשים אין רוסלאַנד — און דאָס איז שוין 15 יאָר

נאָך דער דאָזיקער „באַרימטער" דערקלערונג פון סטאַלינען — רעפּרעזענטירט מיט זיך דעם „פאַרווירקלעכטן שוין סאָציאַליזם" ? איז טאַקע נישט פאַראַן מער דאָרט קיין עקאָנאָמישע עקספּלו־אַטאַציע און קיין פּאָליטישע אונטערדריקונג ? לעבן טאַקע די סאָ־וועטישע בירגער אין מאַטעריעלן וווילשטאַנד און אין פרייהייט ?

צוליבן אייזערנעם פאָרהאַנג, וועלכן דער סאָוועטישער רע־זשים האָט אויפגעשטעלט צווישן רוסלאַנד און דער אויסערלעכער וועלט — האָט מען במשך פון לאַנגע יאָרן אין אויסלאַנד ווייניק וואָס געוווּסט וועגן אמתדיקן לעבנס־מצב פון די סאָוועטישע מאַסן. מען האָט „געקענט" דאָס סאָוועטישע לעבן הויפּטזעכלעך פון די סאָוועטישע און קאָמוניסטישע צייטונגען און פּראָפּאַגאַנדע־מאַטעריאַלן. ערשט בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה האָט אויף אַ מאָמענט אויפגעהויבן זיך דער פאָרהאַנג, ווען מיליאָנען אויס־לענדישע בירגער האָבן זיך מיטאַמאָל געפונען אויף דער סאָוועטישער טעריטאָריע אָדער אונטער דער סאָוועטישער הערשאַפט בײַ זיך אין די לענדער און האָבן באַקומען די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיטן „סאָציאַליסטישן גן־עדן". און אַ גרויל איז אַ־דורך איבער די לײַבער. זעלטן ווען אין אַ לאַנד האָבן זיי געזען אַזוי פיל נויט, און אַזאַ פאַרשקלאַפונג, ווי אינעם לאַנד פון „פאַר־ווירקלעכטן סאָציאַליזם".

דער אידעאַל פון סאָציאַליזם איז אַלעמאָל געווען דער סינאָנים פון ברויט און פרייהייט, ווי די אַמאָליקע רעוואָלוציאָנערן פלעגן עס אין פּשוטע ווערטער אויסדריקן. דאָס סאָוועטישע פאָלק האָט נישט — נאָך 34 יאָר רעוואָלוציע — נישט קיין ברויט און נישט קיין פרייהייט.

די דיקטאַטור פון דער ביוראָקראַטיע

אויף צו באַגרינדן דעם „סאָציאַליסטישן" כאַראַקטער פון סאָ־וועטישן רעזשים פאַרמאָגן די קאָמוניסטן צוויי עיקרדיקע אַרגו־מענטן :

1) דער סאָוויעטישער רעזשים — טענהן זיי — האָט ליקווי־דירט די אַלטע באַזיצנדיקע קלאַסן און האָט אָפּגעשאַפט דאָס

פריוואַט־אייגנטום אויף פּראָדוציר־מיטלען. אין רוסלאַנד זענען נישט פאַראַן מער קיין פּריצים און קאַפּיטאַליסטן און דאָס גאַנצע פאַרמעגן פון לאַנד געהערט צו דער „סאָציאַליסטישער“ מלוכה.

2) דער סאָוועטישער רעזשים האָט אָפּגעשאַפט די קאַפּיטאַליסטישע אַנאַרכיע אין דער פּראָדוקציע און האָט איינגעפירט אַ פּלאַנירטע ווירטשאַפט, וועלכע האָט דערמעגלעכט די ריזיקע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון לאַנד.

צי קאָן מען אָפּלייקענען די דאָזיקע צוויי היסטאָריש־וויכטיקע פאַקטן? — ניין! צי זענען זיי אָבער אַ באַוויז וועגן סאָציאַליסטישן כאַראַקטער פון סאָוועטישן רעזשים?

די סאָוועטישע דיקטאַטור האָט ליקווידירט די אַלטע באַזיצנדיקע און הערשנדיקע קלאַסן — דאָס איז אמת. צי האָט זי אָבער אויפגעבויט אויף דעם אָרט אַ קלאַסנלאָזע סאָציאַליסטישע געזעלשאַפט? דאָס גאַנצע רייכטום פונעם לאַנד געהערט היינט צו דער מלוכה — צי האָט אָבער דאָס פאָלק אַ דעה איבער דער מלוכה? צי האָט דאָס פאָלק דאָס רעכט פריי אויסצוויילן די רעגירונג? צו קריטיקירן די רעגירונג; אַרויסצושטעלן פאָדערונגען צו דער רעגירונג, וועלכע פאַרוואַלטעט מיט דעם רייכטום פון לאַנד?

דער סאָוועטישער רעזשים האָט ליקווידירט די אַלטע קלאַסן; ער האָט אָבער איבערגעגעבן די פולע און מאָנאָפּאָליסטישע מאַכט איבערן לאַנד אין די הענט פון הערשנדיקן מלוכהשן אַפּאַראַט. נישט דאָס פאָלק, נאָר די מלוכה איז דער באַלעבאָס איבערן רייכטום פונעם לאַנד. דורך קאָנצענטרירן אין זיינע הענט סיי די פּאָליטישע, סיי די עקאָנאָמישע מאַכט איז דער מלוכה־אַפּאַראַט געוואָרן דער באַלעבאָס אויך איבערן לעבן פון די בירגער. יעדער בירגער אין רוסלאַנד איז אַן אַרבעטער ביי דער מלוכה, לעבט פון דער שכירה, וואָס ער באַקומט פון דער מלוכה — און במילא איז ער פאַרוואַנדלט געוואָרן, ביים הערשנדיקן פּאָליציייאישן טעראָר, אין אַ שקלאַף פון דער מלוכה.

די סאָוועטישע פּלאַנירטע ווירטשאַפט שטיצט זיך אויפן דאָזיקן שקלאַפן־סיסטעם. די מלוכה צווינגט דאָס פאָלק צו רעאַליזירן די אויסגעאַרבעטע דורך איר אַנטוויקלונגס־פּלענער פאַרן לאַנד: דאָס

איינציקע „רעכט" פונעם פאָלק איז די דאָזיקע פּלענער איבער־צושטייגן, אָבער קיינמאָל נישט זיי צו ענדערן אָדער צו פאַר־קלענערן. בכדי צו רעאַליזירן די דאָזיקע פּלענער האָט די סאָוויע־טישע רעגירונג אויך איינגעפירט דעם סיסטעם פון צוואַנגס־לאַגערן, אין וועלכע עס זענען „באַשעפטיקט" צענדליקער מיליאָ־נען מענטשן אין די שוידערלעכסטע באַדינגונגען.

אַוודאי קאָן מען מיט אַזאַ סיסטעם אַנטוויקלען דאָס לאַנד, מען קאָן בויען באַנען, שאָסייען, קאַנאַלן, פאַבריקן, הייזער, שטעט גאַנצע — אָבער וואָסער שייכות האָט אַזאַ פּלאַנירטעווירט־שאַפט צום סאָציאַליזם? איז דאָך אַזאַ ענלעכע „פּלאַנירטע ווירט־שאַפט" געווען אויך אין אוראַלטן בבל און אין עגיפּטן.

דער סאָוויעטישער רעזשים האָט נישט אָפּגעשאַפט די עקס־פּלואַטאַציע, נאָר געענדערט אירע פאָרמען, מאָנאָפּאָליזירנדיק אין זיין האַנט די עקאָנאָמישע מאַכט און ספּעקולירנדיק אויפן אָרעאָל פון רעוואָלוציע און סאָציאַליזם האָט דער מלוכהשער אַפּאַראַט, — נאָר פאַרשטאַרקט און פאַרגרויזאַמט די עקספּלואַטאַציע און אונטער־דריקונג פון סאָוועטישן פאָלק.

פון דיקטאַטור צו אימפּעריאַליזם

די אינערלעכע דעגענעראַציע פון סאָוועטישן רעזשים האָט געמוזט אויך האָבן אַן אויסווירקונג אויף דער אויסערן־פּאָליטיק. די אַמאָליקע שטרעבונג צו וועלט־רעוואָלוציע, דורכגעפירט דורך די פאָלקס־מאַסן פון די באַזונדערע לענדער, איז פאַרביטן געוואָרן דורך דער שטרעבונג צו סאָוועטישער וועלט־הערשאַפט. דער קאָמו־ניסטישער אינטערנאַציאָנאַל איז פאַנאַדערגעלאָזט געוואָרן ווי אַן איבעריקער באַלאַסט; די קאָמוניסטישע פּאַרטייען זענען געוואָרן אונטערגעאָרדנט דירעקט דער סאָוועטישער רעגירונג און פאַר־וואַנדלט געוואָרן אין געהאָרכזאַמע אַגענטורן פון דער סאָוועטישער פּאָליט־ביוראָ.

די אויסערן־פּאָליטיק

די סאָוועטישע אויסערן־פּאָליטיק איז אַוועק אויפן וועג פון טעריטאָריאַלע פאַרכאַפּונגען. מיט דער דאָזיקער כוונה האָט זי

געשלאָסן אין 1939 דעם טרויעריק־באַרימטן אָפּמאַך מיט היטלער־דייטשלאַנד. צוליב די זעלביקע טעמים האָט די סאָוועטישע רעגי־רונג בעת דער לעצטער וועלט־מלחמה אַרויסגעפּרעסט פון דער מערב־וועלט די הערשאַפט איבער די מזרח־אייראָפּעאישע לענ־דער. די יוגאָסלאַווישע קאָמוניסטישע פּאַרטיי איז געשטעמפּלט געוואָרן ווי אַ פאַשיסטישע בלויז דערפאַר, ווייל זי האָט נישט גע־וואָלט זיך אונטערארדענען דער סאָוועטישער רעגירונג און זיך לאָזן פון איר עקספּלואַטירן. מיט דעם פאַרענטפערן זיך אויך די ליקווידאַציע־פּראָצעסן פון די קאָמוניסטישע טוער אין די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער.

די שטרעבונג צו וועלט־הערשאַפט קומט אויך צום אויסדרוק אין דער ציל־באַוווסטזיניקער פּראָפּאַגאַנדע וועגן דער „היסטאָרי־שער מיסיע" פון רוסישן פאָלק. דאָס וועלן איינרעדן סיי די סאָ־וועטישע פאָלקס־מאַסן, סיי די פאָלקס־מאַסן פון דער וועלט, אַז אַלע וויכטיקסטע וויסנשאַפטלעכע דערגרייכונגען שטאַמען פון רוסן, אַז רוסלאַנד פאַרמאָגט די גרעסטע געלערנטע, די גרעסטע שרייבערס, די גרעסטע מוזיקער, אַז אַלע פעלקער דאַרפן זיך לער־נען פון רוסלאַנד און אַז רוסלאַנד איז דאָס פאָלק וואָס טראָגט באַפרייאונג דער וועלט — דאָס אַלץ זענען נאָר פאָרמען פון פסי־כישער שטרעבונג פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג.

אויפן אָרט פון אַמאָליקן קאָמוניסטישן אינערנאַציאָנאַליזם איז אויפגעשטאַנען אַ נייער אייגנאַרטיקער סאָוועטיש־רוסישער אימפּע־ריאַליזם, וועלכער שטייט אין פולן קעגנזאַץ צו דער סאָציאַליס־טישער שטרעבונג פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג.

נישט דאָ איז דאָס אָרט זיך אָפּצושטעלן אויף די סיבות, וועלכע האָבן גורם געווען די דאָזיקע דעגענעראַציע פון דער רוסלענדישער רעוואָלוציע. מיר קאָנען בלויז פעסטשטעלן דעם פאַקט, אַז דער סאָוועטישער רעזשים האָט נישט רעאַליזירט די האָפענונגען, וועלכע מיליאָניקע מאַסן פון דער וועלט האָבן געהאַט דערוואַרט פון דער גרויסער רוסלענדישער איבערקערעניש. אונטערן מאַנטל פון סאָ־ציאַליזם איז אויפגעבויט געוואָרן אַ נייער רעזשים פון שקלאַ־

פעריי, וועלכער באַדראָט הײנט די איבעריקע פעלקער פון דער וועלט. די קאָמוניסטישע פייערונגען פונעם יאָרטאָג פון דער אָקטאָ־בער־רעוואָלוציע דאַרפן דעריבער נישט אַריינפירן אין טעות די אַלע, וועלכע שטרעבן צו אַן אמת־פרייער סאָציאַליסטישער וועלט.

צווישן מלחמה און סאָציאַליזם *

אין די אַמאָליקע יאָרן איז דער ערשטער מאַי געווען אַ טאָג פון קאַמף, אַ טאָג פון דעמאָנסטראַציעס, לעגאַלע צי אומלעגאַלע, פאַר לאָזונגען, וועלכע האָבן געצילט איבערצובויען די געזעלשאַפט אויף סאָציאַליסטישע יסודות. ס׳איז געווען די צייט, ווען די סאָציאַליסטישע באַוועגונג האָט געטראָגן אַ פּראָלעטאַרישן קלאַסן־כאַראַקטער און איז געווען דורכגעדרונגען מיט די אידעאַלן פון סאָציאַליזם.

אין יענער צייט האָט דאָס פּאָליטישע לעבן זיך קאָנצענטרירט הויפּטזעכלעך אין די קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון אייראָפּע און צפון־אַמעריקע. די לענדער פון אַזיע, אַפריקע און דרום־אַמעריקע זענען געווען קאָלאָניעס אָדער האַלב־קאָלאָניעס אָן זעלבשטענדיקע פּראָלעטאַרישע באַוועגונגען און האָבן געשפּילט די ראָל בלויז פון אָביעקטן אינעם אינטערנאַציאָנאַלן פּאָליטישן לעבן. ווען מען האָט גערעדט וועגן סאָציאַליזם האָט מען דעריבער געמיינט אייראָפּע. דער זיג פון סאָציאַליזם אין אייראָפּע האָט במילא געזאָלט לייזן אַלע פּראָבלעמען פון דער וועלט.

היינט איז דאָס לעבן געוואָרן מער אינטערנאַציאָנאַליזירט. די לענדער פון אַזיע, אַפריקע, לאַטיין־אַמעריקע, זענען אין זייער גרעסטן רוב געוואָרן זעלבשטענדיק און זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אינעם קעסל פונעם אינטערנאַציאָנאַלן פּאָליטישן לעבן. זיי באַווירקן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס דעם גאַנג און דעם כאַראַקטער פון דער מענטשלעכער געשיכטע.

צוליב אַ גאַנצער רייע היסטאָרישע סיבות, אָביעקטיווע ווי סוביעקטיווע, איז אָבער די סאָציאַליסטישע באַוועגונג געבליבן אין

---

* „לעבנס־פראַגן״, מאַי 1966.

איר תוך אַן אייראָפּעאישע באַוועגונג, דערביי איז זי אויך אין אייראָפּע געאָגראַפיש געוואָרן איינגעשמעלערט. זי איז ליקווידירט אין די קאָמוניסטישע לענדער פון מזרח־אייראָפּע און אין די פאַשיסטישע לענדער — שפּאַניע און פּאָרטוגאַל.

מחוץ אייראָפּע זענען פאַרהעלטנישמעסיק גרויסע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען פאַראַן בלויז אין איינצלנע לענדער: יאַפּאַן, אינדיע, אויסטראַליע, נייזעלאַנד, קאַנאַדע און ישראל. אין די איבעריקע לענדער זענען אַדער אינגאַנצן נישט פאַראַן אַדער עס זענען פאַראַן גאַנץ שוואַכע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען. אינעם גרעסטן קאַפּיטאַליסטישן לאַנד, אין אמעריקע, ווו ס׳איז פאַראַן אַ מעכטיקע פּראָפעסיאָנעלע אַרבעטער־באַוועגונג, איז כמעט נישט פאַראַן קיין סאָציאַליסטישע באַוועגונג.

ס׳האָט זיך אויך געענדערט דער כאַראַקטער פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג. ס׳איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן אין איר דער מאַרקסיסטישער קלאַסן־סעקטאָר, וועלכער איז געווען כאַראַקטעריסטיש פאַר די לענדער פון מזרח און צענטראַל־אייראָפּע. די גרויסע מערהייט סאָציאַליסטישע פּאַרטייען זענען היינט רעפאָרמיסטיש איינגעשטעלט. נישט אַלע פייערן אויף דעם ערשטן מאַי.

מען דאַרף, פאַרשטייט זיך, נישט פאַרזען, אַז אַדאַנק די צענדליקער יאָרן קאַמף פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט דער אַרבעטער־קלאַס דערגרייכט זיין איצטיקע חשובע פּאָזיציע אין געזעלשאַפטלעכן לעבן און האָט באַדייטנדיק אויפגעהויבן זיין לעבנס־סטאַנדאַרט. דער רעפאָרמיזם פון דער אַרבעטער־באַוועגונג איז פאַקטיש אַן אָפּשפּיגלונג און אַ רעזולטאַט פון די דאָזיקע דערגרייכונגען.

די לאַגע פון דער סאָציאַליסטישער באַוועגונג האָט אויך אוממעגלעך געמאַכט פאַר איר צו ווערן אַ דעצידירנדיקער פאַקטאָר אין דער וועלט־פּאָליטיק. די הערשנדיקע פאַקטאָרן אין דער וועלט־פּאָליטיק זענען פאַרבליבן די צוויי לאַגערן: פון קאַפּיטאַליזם מיט אַמעריקע בראש און פון קאָמוניזם — בראש פון דעם ראַטנפאַרבאַנד.

דאָס כאַראַקטעריסטישע פאַר דער איצטיקער תקופה איז, וואָסביידע לאַגערן לעבן איבער אַ טיפן סטרוקטורעלן קריזיס. ביידע מאַכן זיי אַדורך, הגם פּאַמעלעך און זיגזאַגיק, באַדייטנדיקע אינערלעכע אומענדערונגען, וועלכע שוואַכן אָפּ די אונטערשיידן צווישן זייערע סאָציאַל־פּאָליטישע סיסטעמען.

אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט באַנקראָטירט אַלץ מער די פילאָזאָפיע פון דער „פרי ענטערפּרייז", פון „פּרייוער איניציאַטיוו", עס וואַקסט די ראָל פון דער רעגירונג אין דער ווירטשאַפטלעכער פּלאַנירונג און אָנפירונג, עס ברייטערט זיך אויס די מלוכהשע סאָציאַלע געזעצגעבונג, עס ווערט אַלץ מער פאַרשטאַרקט די צוזאַמענאַרבעט פון דער רעגירונג מיט דער פּראָפעסיאָנעלער אַרבעטער־באַוועגונג.

אין דער קאָמוניסטישער וועלט פּלאַצט אַלץ מער דער סטאַליניסטישער טעראָר־סיסטעם, עס גייט אָן דער פּראָצעס פון ליבעראַליזירן דאָס פּאָליטישע לעבן און עס ווערט אַלץ מער אַכט געלייגט אויף אויפהייבן דעם לעבנס־סטאַנדאַרט פון דער באַפעלקערונג. דאָס אָפּשאַפן דעם אייזערנעם פאָרהאַנג מאַכט אויך מעגלעך אַ קולטורעלע און גייסטיקע דערנענטערונג צווישן די פאָלקסמאַסן פון ביידע לאַגערן.

מען קאָן מיט אַ געוויסער מאָס פון זיכערקייט פעסטשטעלן, אַז אויב עס וועט נישט זיין קיין נייע וועלט־מלחמה, וועט מיט דער צייט דערגיין צו אַ דערנענטערונג פון די סאָציאַל־פּאָליטישע רעזשימען אויף אַ דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער באַזע.

דער קריזיס, וועלכן עס לעבן איבער ביידע לאַגערן, קומט אויך צום אויסדרוק אין די צווישנמלוכהשע באַציאונגען. אין דער קאַפּיטאַליסטישער וועלט פאַרשאַרפט זיך דער ריס צווישן פראַנקרייך און אַמעריקע; אין דער קאָמוניסטישער וועלט — דער ריס צווישן כינע און רוסלאַנד. הגם פאָרמעל זענען פראַנקרייך און כינע פאַראייניזאַמט אין זייערע לאַגערן, ווערט אָבער זייער בונט קעגן אַמעריקע און רוסלאַנד אויסגענוצט דורך די איבעריקע מדינות פאַר אַרויסבאַקומען מער פּריווילעגיעס און מער פרייהייט לגבי דער העגעמאָניע פון די ביידע גרויסמאַכטן.

דער קריזיס פוןביידע לאַגערן קומט אויך צום אויסדרוק אינעם פאַרשאַרפטן ריוואַליזאַציע־געראַנגל, וואָס גייט היינט אָן נישט צווישן צוויי, נאָר צווישן די פיר גרויסמאַכטן, אַמעריקע, פראַנקרייך, רוסלאַנד און כינע, אַרום דער העגעמאָניע און הער־שאַפט איבער דער א. ג. דריטער וועלט, איבער די לענדער פון אַזיע, אַפריקע און דרום־אַמעריקע.

אויפן פאָן פון דער דאַזיקער ריוואַליזאַציע קאָן מען פאַר־שטיין די לעצטע איבערקערענישן, וואָס זענען פאָרגעקומען אין אַ ריי אַפריקאַנישע און אַזיאַטישע מדינות. ווי קאָנגאָ, גאַנאַ, אינדאָנעזיע און אַנדערע. די דאַזיקע איבערקערענישן באַווייזן אויף אַ פאַרשטאַרקטער השפּעה פון אַמעריקע; זיי זענען דערביי דער עיקר געווען געווענדעט קעגן די איינפלוסן פון כינע.

די ריוואַליזאַציע אַרום די לענדער פון אַזיע און אַפריקע האָט אָבער נישט בלויז קיין צווישנמלוכהשן נאָר אויך אַ סאָציאַל־פּאָליטישן אַספּעקט. פּאָליטיש זענען סיי ווי די אַלע מדינות דיקטאַטאָרישע, אומאָפּהענגיק ווער ס׳האָט דאָרט די מאַכט. דער פאַקט אָבער, וואָס דער רוב פון די לענדער האָבן זיך באַצייכנט ווי „סאָציאַליסטישע", באַווייזט אויף דער אַנטיקאַפּיטאַליסטישער טענדענץ זייערער. די נייע הערשער, וועלכע ווערן געשטיצט פון אַמעריקע, רעפּרעזענטירן מערסטנטייל די רעאַקציאָנערע עלע־מענטן און זיי פּרובירן אָוועקצופירן די מדינות אויף קאַפּיטאַליס־טישע אַנטוויקלונגס־וועגן. אַזאַ איז אויך דער כאַראַקטער פון דעם מוזולמענישן בלאָק, וועלכער ווערט פּלאַנירט ביי דער מיט־הילף פון אַמעריקע און ענגלאַנד אונטער דער אָנפירונג פון סאַוד־אַראַביע. צי וועט דער דאַזיקער וועג אויסהאַלטן דעם עקזאַמען איז אַ פראַגע, אויף וועלכער די צוקונפט וועט ענטפערן.

די דאַזיקע ריוואַליזאַציע טראָגט אָבער אין זיך אומגעהויערע געפאַרן. אויב אין גאַנאַ און אינדאָנעזיע איז אַמעריקע געלונגען אויסצונוצן די נויט און אומצופרידנקייט פון די ברייטע באַפעל־קערונגס־מאַסן און צו שאַפן אַ פאָלקס־באַזע פאַר די איבערקערע־נישן — אין אינדאָנעזיע מיט אַ שוידערלעכער שחיטה איבער העכער 200 טויזנט מענטשן — איז אַ פראַגע צי דאָס וועט איר

געלונגען אין די אַנדערע לענדער. אויפן מיטעלן מזרח גייט אַמע־ריקע אויפן וועג פון שטיצן מיליטעריש די רעאַקציאָנערע מדי־נות. דאָס עפנט פון איין זייט דעם וועג פאַר אַ באַוואָפענונגס־געיעג צווישן אַמעריקע, רוסלאַנד און פראַנקרייך און פון דער צווייטער זייט פירט דאָס צו אַ פאַרשאַרפונג פון דער מלחמה־אַטמאָספער, סיי צווישן די צעקריגטע מדינות פון דער אַראַבי־שער וועלט, סיי צווישן די אַראַבישע מדינות און ישראל.

דאָס שטיצן די רעאַקציאָנערע הערשער האָט אַריינגעשלעפט אַמעריקע אין דער מלחמה אין וויעטנאַם. אויך דאָרט האָט עס זיך אָנגעהויבן „בלויז" פון שטיצן די רעאַקציאָנערע דרום־וויעט־נאַמישע רעגירונג, אָבער מחמת די דאָזיקע רעגירונג האָט נישט געהאַט קיין שום אָנשפאַר ביי דער באַפעלקערונג, איז אַמעריקע געוואָרן געצוווּנגען אַלץ מער אַליין אַריינצוקריכן אין דער מלחמה פון וועלכער זי קאָן נישט אַרויס אָן פאַרלירן איר פרעסטיזש און וועלכע איז עלול צו דערפירן צו אַ נייער וועלט־מלחמה.

* ★ *

די אַנטוויקלונג פון דער וועלט ווייזט אָן, אויף דער טענדענץ אַוועקצוגיין סיי פון קאַפּיטאַליזם, סיי פון קאָמוניזם. דער מיטל־וועג צווישן די צוויי סאָציאַל־פּאָליטישע סיסטעמען איז דער דע־מאָקראַטישער סאָציאַליזם. די מלחמה אין וויעטנאַם און בכלל די מלחמה־אַטמאָספער און דער באַוואָפענונגס־געיעג האַמעווען און שטערן דעם דאָזיקן נאַטירלעכן פּראָצעס סיי אין קאַפּיטאַליסטישן סיי אין קאָמוניסטישן לאַגער. דער קאַמף פאַר אָפּשטעלן די מלחמה אין וויעטנאַם און פאַר אַנטוואָפענונג איז דעריבער נויטווענדיק נישט בלויז כדי צו ראַטעווען די מענטשהייט פון אַטאָמישן אומ־קום, נאָר אויך כדי צו דערמעגלעכן די רעאַליזאַציע פון סאָציאַ־ליסטישן וועלט־סדר.

נאציאנאל -
פאליטישע
פראבלעמען

די נאַציאָנאַלע פראַגע און די בונדישע וועלט-קאָנפערענץ *

1

אויף צוויי אידעאָלאָגישע גרונט-פּרינציפּן, ווי אויף צוויי זיילן שטיצט זיך די עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון „בונד". ערשטנס: קאַמף פאַר אויפהאַלטן דאָס יידישע נאַציאָנאַלע לעבן אומעטום, ווו ס'געפינען זיך יידישע מאַסן; צווייטנס: דאָס פאַרבינדן דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן קאַמף מיט דעם אַלמענטשלעכן קאַמף פאַר באַ־פרייאונג, פאַר סאָציאַליזם.

אָן דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט, וואָלטן מיר זיך נישט אונטער־גערשיידעט פון די יידישע סאָציאַליסטן, וואָס זענען טעטיק אין די אַלגעמיינע סאָציאַליסטישע פּאַרטייען און וועלכע זעען פאַר זיך בלויז די אויפגאַבע פון קאַמף פאַר סאָציאַליזם אפילו פאַרן פרייז פון אַסימילירן די יידן און פון אונטערגאַנג פון יידישן פאָלק. אָן דעם סאָציאַלן מאָמענט וואָלטן מיר זיך נישט אונטערגעשיידעט פון די יידישע בירגערלעכע נאַציאָנאַליסטן, ביי וועמען דער יידיש־נאַציאָנאַלער מאָמענט פאַרשטעלט די קלאַסן-דיפערענצירונג פון דער יידישער געזעלשאַפט און די פאַרבינדונג פון יידישן גורל מיטן גורל פון די פּראָגרעסיווע עלעמענטן ביי די איבעריקע פעלקער.

„בונד" — איז דער סינטעז פון נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן קאַמף. אָט דער דאָזיקער סינטעז שיידט אונטער דעם „בונד" סיי פון די יידישע בירגערלעכע נאַציאָנאַליסטן, סיי פון די סאָציאַליסטישע לאַנד־פּאַרטייען, וועלכע כמעט אַלע פאַרנעמען אין דער יידן־פּראַ־גע, אַן אַסימילאַטאָרישע איינשטעלונג.

דאָס נאַציאָנאַלע פּראָבלעם האָט אַלעמאָל פאַרנומען אַן אָנגע־

---

* „אונזער שטימע", מאַי 1947.

זענען אָרט אין דער בונדישער באַוועגונג; אַרום דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם זענען פאָרגעקומען די וויכטיקסטע וויכוחים צווישן „בונד" און די סאָציאַליסטישע לאַנד־פּאַרטייען אין רוסלאַנד און אין פּוילן. צוליב דעם נאַציאָנאַלן פּראָבלעם איז דער „בונד" אַפילו געווען געצוווּנגען אַרויסצוטרעטן אין יאָר 1903 פון דער רוסלענדישער סאָציאַל־דעמאָקראַטישער פּאַרטיי.

אַדאַנק זיין נאַציאָנאַלער איינשטעלונג איז דער „בונד" געוואָרן דער הויפּט־טרעגער פון יידיש־נאַציאָנאַלן וועלטלעכן געדאַנק און דער וויכטיקסטער בויער פון דער מאָדערנער יידישער קולטור.

* * *

דאָך האָבןביידע די עלעמענטן, דער נאַציאָנאַלער און סאָציאַלער, נישט פאַרנומען קיין גלייכן אָרט אין דער בונדישער אידעאָלאָגיע. דער נאַציאָנאַלער מאָמענט איז אַלעמאָל געווען אונטערגעאָרדנט דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף.

אין זיין „נאַציאָנאַלע פראַגע און די סאָציאַל־דעמאָקראַטיע" שרייבט וול. מעדעם:

„דער פּראָלעטאַרישער קלאַסן־קאַמף... דאָס איז דער גרונט־מאַסשטאַב, מיט וועלכן עס ווערן געמאָסטן אַלע דערשיינונגען פון סאָציאַלן און פּאָליטישן לעבן...

מיט דעם דאָזיקער העכסטן מאַסשטאַב גייען מיר אויך צו צו דער נאַציאָנאַלער פראַגע, אים מאַכן מיר אונטערטעניק די נאַציאָנאַלע פראַגע, אַריינגעמענדיק זי אין דער אַלגעמיינער קייט פון אונדזער גאַנצן סיסטעם, ווי איין באַזונדערן רינג".

(ז. 20־21. אויסגאַבע פון 1906 ווילנע)

געטריי דער דאָזיקער איינשטעלונג האָט דער „בונד" זיין הויפּט־אויפמערקזאַמקייט געווענדעט אויף דעם אינערלעכן קלאַסן־קאַמף אין יידישן לעבן, אויף אויפצוהויבן דעם מאַטעריעלן און קולטורעלן ניוואָ פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן.

די דאָזיקע איינשטעלונג פון „בונד" איז אויך געווען אַ רעזולטאַט פון דער אייגנאַרטיקער סאָציאַלער סטרוקטור פון דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט. סיי אין רוסלאַנד, סיי אין פּוילן, איז

י. אַרטוסקי אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד"
אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדע) — 1955

דאָס יידישע לעבן אין אַ געוויסן זין געווען אַן אָפּגעשלאָסענער איינס און אינערלעך קלאַסן־דיפערענצירט. די יידישע אַרבעטער זענען געווען באַשעפטיקט כמעט אויסשליסלעך ביי יידישע באַלע־באַטים. מיט די דאָזיקע באַלעבאַטים האָבן עס די יידישע אַרבעטער אין משך פון צענדליקער יאָרן געפירט זייער קלאַסן־קאַמף, מיט דער דאָזיקער בורזשואַזיע האָבן די יידישע אַרבעטער געמוזט פירן אַ פאַרביטערטן קאַמף סיי פאַר זייערע עקאָנאָמישע פאָדערונגען, סיי פאַר דער מאָדערנער יידישער קולטור. אָט די דאָזיקע שאַרפע קלאַסן־דיפערענציאַציע האָט עס גורם געווען, אַז דער „בונד" זאָל אין פאָדערגרונט פון זיין טעטיקייט אַרויסרוקן דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־מאָמענט. צוליב די דאָזיקע סיבות, האָט דער „בונד" באַ־קעמפט די בורזשואַזע לאָזונגען וועגן „נאַציאָנאַלער איינהייט", צוליב די דאָזיקע סיבות האָט דער „בונד" לאַנגע יאָרן זיך גע־וואַקלט אַנטיילצונעמען אין אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע איינריכטונגען, ווי קהילות און אַנדערע. אין בונדישן לעקסיקאָן זענען אַפילו אויס־געמיטן געוואָרן אַזעלכע אויסדרוקן ווי דאָס „יידישע פאָלק" א. אַנד.

דאָס יידישע לעבן איז געווען דאַן אין זיין פולן אויפשטייג. נישט געקוקט אויף די אַנטיסעמיטישע שטימונגען, נישט געקוקט אויף די אַסימילאַציע־טענדענצן, איז קיינמאָל נישט געשטאַנען דאָס פּראָבלעם, וואָס שטייט היינט, דאָס פּראָבלעם פון עצם קיום פון יידישן פאָלק. דערפאַר האָבן זיך געקענט און געמוזט אויפן אויבנאָן אַרויסרוקן די אינערלעכע קלאַסן־גראַנגלען.

* * *

די היטלערישע מגיפה האָט ראַדיקאַל געענדערט די לאַגע פון יידישן פאָלק. מיט דעם אויסמאָרדן די 6 מיליאָן יידן איז נישט בלויז פאַרקלענערט געוואָרן די צאָל יידן אויף דער וועלט, נאָר ס'איז געוואַלטיק אַראָפּגענידערט געוואָרן דער פּראָצענט־זאַץ פון די יידיש־רעדנדיקע, נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע עלעמענטן אינעם יידישן פאָלק.

ווי זעען אויס, מ'שטיינס געזאָגט, היינט די פאַרבליבענע יידי־שע יישובים אויף דער וועלט? אַ פאַר צענדליק טויזנט יידן אין

פוילן, אַנשטאָט די דריי אַ האַלב מיליאָן. ווי אַזוי זעט אויס דער יידישער ישוב אין רוסלאַנד, ווייסט קיינער נישט גענוי. מיר ווייסן אָבער, אַז ס׳איז שוין נישט פאַראַן דאָרט קיין באַזונדער יידיש שולוועזן, ס׳איז נישט פאַראַן קיין איין יידישע טאָג־צייטונג, ס׳איז נישט פאַראַן קיין שום אָרגאַניזאַציע פון יידישן פאָלקס־לעבן. אין אַמעריקע, דעם גרעסטן יידישן צענטער, פאַרכאַפּט די אַסימילאַציע שוין נישט בלויז די יידישע בורזשואַזיע, נאָר אויך די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. אין די איבעריקע לענדער האָבן מיר קליינע יידישע יישובים, וואָס ראַנגלען זיך פאַר זייער נאַציאָנאַלער עק־זיסטענץ.

אויך די סאָציאַלע סטרוקטור פון די יידישע יישובים איז היינט הימל־ווייט פון דעם, וואָס עס איז געווען אַמאָל. נישט פאַראַן היינט די אינערלעכע שאַרפע קלאַסן־דיפערענציאַציע. אין פיל יידישע ישובים איז בלויז אַ מינימאַלער טייל פון די יידן באַשעפטיקט אַלס לוין־אַרבעטער. אין אַמעריקע אַרבעטן אין די פאַבריקן יידישע אַרבעטער צוזאַמען מיט די נישט יידישע. די אַמאָל יידישע פאַכן זענען שוין געוואָרן אויס ריין יידיש. דער קלאַסן־קאַמף פון די

י. אַרטוסקי אין סאַן פאַולאָ (בראַזיל) אין שליחות פון וועלט קאָאָרדיניר קאָמיטעט פון „בונד" (1968)



י. אַרטוסקי רעדט אויף דער וועלט־קאָנפערענץ פון „בונד“ אין מאָנטרעאַל (קאַנאַדע) אונטערן פאָרזיץ פון ח׳ עמנואל נאָוואָגרודסקי

יידישע אַרבעטער האָט פאַרלוירן זיין אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַלן כאַראַקטער.

אַט די דאָזיקע צוויי מאָמענטן: די עצם־באַדראָונג פון קיום פון יידישן פאָלק, און די געענדערטע אינערלעכע סטרוקטור פון די יידישע ישובים, שטעלט דעם „בונד״ פאַר אַ נייער סיטואַציע און פאַר נייע אויפגאַבן.

אוודאי וועלן די בונדישע אָרגאַניזאַציעס אויך ווייטער פאַר־טיידיקן די אינטערעסן פון יידישן אַרבעטער־קלאַס, פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, אָבער נישט דאָס קאָן זיין היינט זיין הויפּט־אויפגאַבע; נישט דאָס גיט דעם „בונד״ דאָס רעכט פון באַזונדערער עקזיסטענץ. דאָס עיקרדיקע, וואָס גיט עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג דעם „בונד״ — דאָס איז די נאַציאָנאַלע פראַגע. דאָס איז דער קאַמף פאַר אויפהאַלטן דאָס יידישע לעבן, פאַר אַנטוויקלען און מאָדער־ניזירן דאָס יידישע לעבן און פאַר פאַרבינדן די יידישע פאָלקס־מאַסן מיט דעם אַלגעמיינעם קאַמף פאַר סאָציאַליזם, אַלס די איינ־ציקע גאַראַנטיע פאַרן אויפהאַלט פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום.

די נייע לאַגע שטעלט אַוועק אין אַ נייער פאַרהעלטעניש דעם נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן עלעמענט אין דער בונדישער אידעאָלאָגיע. ווייטער בלייבט די ענגע פאַרבינדונג מיט דעם פּראָלעטאַרישן קלאַסן־קאַמף פון די אָרומיקע פעלקער, אַ קלענער אָרט וועט אָבער פאַרנעמען דער אינערלעכער קלאַסן־קאַמף אין יידישן לעבן, דאָס וויכטיקסטע אָרט וועט אָבער מוזן פאַרנעמען דאָס פּראָבלעם פון ציל־באַוווסטזיניקער פּאָליטיק פאַר אויפהאַלטן און אַנטוויקלען אונדזער נאַציאָנאַלן קיום.

אין דעם ליגט די היסטאָרישע מיסיע פון „בונד״ אין דער איצ־טיקער תקופה. ס׳איז אויף דער יידישער גאַס נישט פאַראַן קיין אַנדער כוח, וואָס זאָל די דאָזיקע מיסיע דערפילן. דאָס קאָן נישט טאָן די אָרטאָדאָקסיע, וועלכע זעט אין יידנטום בלויז אַ רעליגיעזן ענין, דאָס קאָן נישט טאָן דער ציוניזם, וועלכער האָט אַ ביטול באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך און קולטור, און צום יידישן לעבן אין גלות, וועלכער זעט אין די 11 מיליאָן צעשפּרייטע איבער דער וועלט יידן, בלויז אַ צוגאָב צום יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע.

אָפּגערעדט שוין, אַז דאָס קענען נישט טאָן די קאָמוניסטן, וועלכע שעפּן זייער לעבנס־יניקה נישט פון יידישן פאָלקס־לעבן, נאָר פון סאָוויעט־רוסישע קוואַלן.

וועט דער „בונד" די דאָזיקע מיסיע דערפילן? דאָס איז אָפּ־העגגיק אין אַ גרויסער מאָס דערפון, צי די בונדישע אָרגאַניזאַציעס וועלן באַנעמען די נייע ראָל פון „בונד" און וועלן צופּאַסטן זייער טעטיקייט צו די נייע אויפגאַבן. דאָס איז אויך אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק פון דער בונדישער וועלט־קאָנפערענץ אין בריסל.

קיום האומה און דער דעמאָקראַטישער סאָציאַליזם *

1

צי דאַרף מען נאָך ווענען ס'איז איבערצייגן, אַז אין אַ וועלט פון פאַשיזם און רעאַקציע איז באַדראָט נישט נאָר דער נאַציאָנאַלער קיום, נאָר אויך די פשוטע, פיזישע עקזיסטענץ פון יידישן פאָלק? ס'האָט די היטלערישע יידן־שחיטה אויף אַ ברוטאַלן חיהשן אופן אונדז געגעבן צו „פאַרשטיין" דעם דאָזיקן אמת.

ליידער פאַרשטייען נאָך נישט אַלע, אַז אויב דער קאַמף קעגן פאַשיזם און רעאַקציע איז נויטיק פאַר אויפהאַלטן אונדזער פיזישן קיום, איז אָבער אונדזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ אָפּהענגיק פון זיג פון דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם, אַז נישט די קאַפּיטאַליסטישע געזעלשאַפט און נישט די קאָמוניסטישע דיקטאַטור קאָנען שאַפן די אַנטשפּרעכנדיקע באַדינגונגען, וועלכע זענען נויטיק פאַר דער נאָרמאַלער, פרייער אַנטוויקלונג פון יידישן פאָלקס־לעבן.

אין דער יידישער געזעלשאַפטלעכקייט רעדט זיך לעצטנס זייער פיל וועגן קיום האומה. פאַרשידענע טעאָריעס ווערן געפּרעדיקט וועגן דעם, ווי אַזוי אויפצוהאַלטן אונדזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. די אַלע טעאָריעס פאַרנעמען זיך, הויפּטזאַכלעך, מיט דעם אינער־לעכן בוי פון יידישן לעבן, מיט זיינע פאָרמען און יסודות. מ'פאַר־געסט אָבער אָפּטמאָל דעם עלעמענטאַרן אלף־ביתדיקן אמת, אַז ווי וויכטיק ס'זאָל נישט זיין דער אינערלעכער בוי פון יידישן לעבן, מוז דאָס יידישע פאָלק קודם־כל האָבן אַנטשפּרעכנדיקע אויסער־לעכע באַדינגונגען פאַר זיין עקזיסטענץ, אַז דאָס יידישע פאָלק,

---

* „אונזער שטימע" 16 אַפּריל 1948.

מער ווי אַנדערע פעלקער, קען זיך אויפהאַלטן און גדייען נאָר אין אַ פרייער סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט.

2

אין אַ קאַפּיטאַליסטישער געזעלשאַפט, אַפילו אין אַ דעמאָק־ראַטיש־קאַפּיטאַליסטישער, קאָן דאָס יידישע פאָלק נישט האָבן קיין נאָרמאַלע נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ־מעגלעכקייטן. ס׳ווירקן דערויף פאַרשידענע סיבות, וואָס נישט דאָ איז דאָס אָרט זיי אַלע אויסצו־רעכענען. ס׳ווירקט קודם־כל די געפאַר פון פאַשיזם און רעאַקציע, וועלכע ציען זייער יניקה פון די קאַפּיטאַליסטישע פאַרהעלטענישן און וועלכע טראָגן מיט זיך די געפאַר פון ברוטאַלן צי פון „קול־טורעלן״ אַנטיסעמיטיזם. צוליב דער סאָציאַלער אומגערעכטיקייט, וועלכע איז דער גרונט־יסוד פון דער קאַפּיטאַליסטישער געזעל־שאַפט, איז אַפילו אין די פאַרשריטלעכסטע קאַפּיטאַליסטישע לענ־דער די דעמאָקראַטיע גופא נאָר אַ באַגרענעצטע און באַשרענקטע, קיין שום קאַפּיטאַליסטיש לאַנד איז דעריבער נישט פולשטענדיק פריי פון נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע.

ס׳איז אָן ספק, אַז די וויכטיקסטע סיבה פון די אַסימילאַציע־טענדענצן, וועלכע צעפרעסן אונדזער נאַציאָנאַלן גוף ליגט אין דער מורא פאַר איצטיקע און צוקונפטיקע פאַרפאָלגונגען, שיקאַנעס און שוועריקייטן, פון וועלכע יידן זענען נישט פאַרזיכערט אין אַ געזעלשאַפט, וועלכע איז געבויט אויף סאָציאַלער און פּאָליטישער אומגלייכקייט. נאָר אויפן באָדן פון דורות־לאַנגער נאַציאָנאַלער דיסקרימינאַציע און אונטערדריקונג האָט אויך געקאָנט אַנטשטיין דער נאַציאָנאַלער מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס ביי יידן, וועל־כער שפּייזט די אַסימילאַציע־טענדענצן. אָפּגערעדט שוין פונעם תכלית־געזעץ וועלכער ליגט אין דער סאַמע נאַטור פון דער קאַפּי־טאַליסטישער געזעלשאַפט, און וועלכער שטויסט די עלטערן צו שיקן זייערע קינדער אויף די וועגן וועלכע פירן צו אַ לייכטער און בעסער לעבן.

אין אַ סאָציאַליסטישער געזעלשאַפט, געבויט אויף די יסודות פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פּאָליטישער און נאַציאָנאַלער

פרייהייט, פאַלן אַוועק די וויכטיקסטע פאַקטאָרן וואָס שטויסן די ייִדן צו אַסימילאַציע. ס׳פאַלט אַוועק די מורא פאַר פאַרפאָלגונגען און שיקאַנעס, ס׳פאַלט אַוועק אין אַ גרויסער מאָס דער תכלית־פאַקטאָר, עס ווערט פאַרשווונדן דער באָדן, אויף וועלכן ס׳האָט זיך אַנטוויקלט דער מינדערווערטיקייט־קאָמפּלעקס און דאָס שעמען זיך מיט ייִדישקייט.

אָפּגערעדט שוין דערפון, אַז די ייִדן באַקומען דאָן די פולע מעגלעכקייטן פריי צו אַנטוויקלען זייער קולטור און נאַציאָנאַלן שטייגער־לעבן, ווי אויך פירן אַ קאַמף קעגן די אַסימילאַציע־שטי־מונגען, אויב אַזעלכע וועלן זיין.

דערפאַר איז דורכאויס פאַלש די איינשטעלונג, אַז ייִדן קענען עקזיסטירן ווי אַ פאָלק נאָר דאָן, ווען מ׳דריקט זיי אונטער, ווען די שונאים דערמאָנען זיי אין זייער ייִדישקייט, אָדער ווען זיי אי־זאָלירן זיך אַליין פון דער וועלט, אַ טעאָריע, וועלכע ווערט גע־פּרעדיקט דורך די אָרטאָדאָקסישע און נעאָ־אָרטאָדאָקסישע ייִדן.

3

פיל ייִדן עגבערט די פראַגע: פאַרוואָס אויב אַזוי אין סאָוויעט־רוסלאַנד וו ס׳זענען פאַרניכטעט געוואָרן די קאַפּיטאַליסטישע קלאַסן־פאַרהעלטענישן און ס׳איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער פּרינציפּ פון נאַציאָנאַלער גלייכבאַרעכטיקונג, פאַרוואָס קומט דאָרטן פאָר אַזאַ ראַשיקער פּראָצעס פון אַסימילאַציע, וועלכע האָט שוין כמעט ווי פאַרניכטעט דאָס ייִדישע נאַציאָנאַלע לעבן? האָט דאָך דאָרט די מלוכה געהאָלפן בויען ייִדישע שולן, ייִדישע געריכטן, ייִדישע טעאַטערן, ייִדישע וויסנשאַפטלעכע און ליטעראַרישע אַנ־שטאַלטן — פאַרוואָס זענען זיי דאָרט כמעט אַלע אונטערגעגאַנגען?

מיר האָבן לעצטנס געהאַט די מעגלעכקייט צו הערן דעם ד״ר רפאל מאַהלער, אַ הייסער אָנהענגער פון סאָוויעטישן רעזשים, אַ מענטש, וועלכן די „נייע פּרעסע״ רעקלאַמירט אַזוי שטאַרק, צוליב זיין שאַרפן אַרויסטריט קעגן די „פאָרווערטס״־לייט און קעגן אַל־וועלטלעכן ייִדישן קולטור־קאָנגרעס. ד״ר מאַהלער האָט פעסט־געשטעלט, אַז אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז טויט, אַז ס׳איז נישטאָ

דאָרט מער קיין נאַציאָנאַל־יידיש לעבן. מיר האָבן דאָס שוין, ליי־דער, געוווּסט אויך אָן אים. אָבער זיין גבית עדות דאַרף דאָך זיין מאָסגעבנדיק פאַר די אַלע פריינט פון סאָוויעטישן רעזשים.

ד״ר מאָהלער פּרובירט צו פאַרענטפערן די דאָזיקע אָנגעוויי־טאָגטע פראַגע מיט דעם אַלגעמיינעם, לויט זיין מיינונג, געזעץ פון אַסימילאַציע, וועלכער מוז באַהערשן די יידן אין אַלע גלות־לענ־דער. אָבער וואָס ס׳איז וויכטיק, איז דאָס, וואָס אַפילו ער האָט געמוזט צוגעבן, אַז וואָלט אין רוסלאַנד געווען אַ דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירט יידיש לעבן, וואָלט דער פּראָצעס פון אַסימילאַציע באַ־דייטנדיק געקאָנט געהאַמעוועט ווערן.

אין דעם גייט עס דאָך! וואָלט אין רוסלאַנד געוועזן אַ דעמאָק־ראַטיש־אָרגאַניזירט יידיש לעבן, וואָלט עס נאָך נישט געווען אונטערגעגאַנגען! און מיר פון אונדזער זייט זענען זיכער, אַז אַ דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירט יידיש לעבן וואָלט בייגעקומען די אַסי־מילאַציע־טענדענצן.

וואָלט אין רוסלאַנד געווען אַ דעמאָקראַטיש־אָרגאַניזירט יידיש לעבן, וואָלטן די יידישע פאָלקס־מאַסן פריי געקאָנט אויסוויילן זיי־ערע נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונגס־אָרגאַנען און פריי אונטער־האַלטן זייער נאַציאָנאַלן לעבנס־שטייגער, פריי דיסקוטירן איבער די לעבנס־וויכטיקע נאַציאָנאַלע פּראָבלעמען, פריי קעמפן קעגן די אסימילאַציע־טענדענצן — וואָלט דאַן אַ יידיש לעבן אין רוסלאַנד זיך אויפגעהאַלטן און אַנטוויקלט.

אָבער אין סאָוויעט־רוסלאַנד איז דאָס אַלץ נישט געווען! ס׳האָט נישט עקזיסטירט קיין נאַציאָנאַלע זעלבסטפאַרוואַלטונג פון יידישן פאָלק, ס׳האָט נישט עקזיסטירט קיין פרייהייט פון שאַפן און קריי־טיק, ס׳איז אַפילו נישט דערלויבט געווען צו פירן אַ קאַמף קעגן די אַסימילאַציע־טענדענצן, ווייל דאָס וואָלט געהייסן אונטערהאַלטן דעם יידישן נאַציאָנאַלן סעפּאַראַטיזם. — טאָ וואָסער וווּנדער איז, אַז די יידישע נאַציאָנאַלע קוואַלן זענען אויסגעטריקנט געוואָרן?

ווי אַזוי האָט געקאָנט אויפגעהאַלטן ווערן דער נאַציאָנאַלער ווילן ביים יידישן פאָלק, ווען די מלוכיש און פּאַרטייאיש־ביוראָק־ראַטישע יידישע אַפּאַראַטן האָבן געשטיקט יעדן פרייען געדאַנק,

יעדע פרייערע איניציאַטיוו און האָבן די וויכטיקסטע געפּאַר געזען נישט אין דער אַסימילאַציע נאָר אין — „יידישן נאַציאָנאַליזם" ? ווען די וויכטיקסטע אויפגאַבע פון די דאָזיקע אַפּאַראַטן איז געווען נישט צו אַנטוויקלען דאָס יידישע לעבן, נאָר דורכצופירן אינער־האַלב דעם יידישן פאָלק די באַפעלן פון דער רעגירונג, וועלכע — ס'איז שוין היינט אַ סוד פאַר גאַנץ בראָד — האָט אונטערגע־שטיצט די אַסימילאַציע־טענדענצן פון דער יידישער באַפעלקע־רונג ?

און ווי אַזוי האָט געקאָנט עקזיסטירן אַ דעמאָקראַטיש־אָרגאַ־ניזירט יידיש לעבן, ווען דער גאַנצער רעזשים אין לאַנד איז גע־בויט אויף דיקטאַטאָריש־טאָטאַליסטישע יסודות ?

אַזוי אַרום קומען מיר צו אונדזער אויספיר: דאָס יידישע פאָלק קאָן זיך אויפהאַלטן און אַנטוויקלט ווערן נאָר אין רעזשימען פון סאָציאַלער גערעכטיקייט און פולער פּאָליטישער פרייהייט. נישט דער קאַפּיטאַליזם, נישט די קאָמוניסטישע דיקטאַטור קאָנען שאַפן די נויטיקע באַדינגונגען פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום.

אויב פאַר די איבעריקע פעלקער איז דער קאַמף פאַר דעמאָק־ראַטישן סאָציאַליזם קודם כל אַ סאָציאַלער און פּאָליטישער ענין, איז עס פאַרן יידישן פאָלק אַן ערשט־ראַנגיקער נאַציאָנאַלער ענין. און נאָר אין דער ענגסטער פאַרבינדונג מיטן קאַמף פאַרן דעמאָק־ראַטישן סאָציאַליזם קאָנען האָבן אַ זין די אַלע שטרייטן וועגן דעם אינערלעכן בוי פון יידישן לעבן. וועגן דעם דאַרפן געדענקען די אַלע, וועלכע, אומאָפּהענגיק פון זייערע יידישע אַנשויאונגען, זענען היינט אַזוי באַזאָרגט מיט דעם פּראָבלעם פון קיום האומה.

מדינת ישראל און דאָס יידישע פאָלק *

1

די אַנטשטייאונג פון דער ישראל־מדינה — שטעלט מיט זיך פאַר אַ היסטאָרישע דאַטע אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. אויפן שטח פון ישראל האָט דער יידישער ישוב אויפגעהערט צו זיין אַ מינדערהייט צווישן פעלקער און איז געוואָרן אַליין דער באַלעבאָס איבער זיין גורל. מיט דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה האָט דער ישראלדיקער ישוב זיך דערוואָרבן די העכסטע פאָרם פון נאַציאָנאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. דערמיט האָט אויך דער ישראל־דיקער ישוב באַקומען די מעגלעכקייט צו ווערן אַ וויכטיקער פאַק־טאָר פאַר אויפהאַלטן און אַנטוויקלען דאָס יידישע פאָלק.

צי וועט די ישראל־מדינה אויסנוצן די דאָזיקע מעגלעכקייט ?— דאָס איז אָפּהענגיק פון דער אידעישער איינשטעלונג און פון דער פּאָליטיק פון דער מדינה. מדינה אַליין פאַר זיך — איז די ראַם, אין וועלכער עס פאַרמירט זיך דאָס נאַציאָנאַלע לעבן. מיט וואָסער אינהאַלט וועט אַנגעפילט ווערן די דאָזיקע ראַם, וואָסערע צילן, וועט זי זיך שטעלן, וואָסער פּאָליטיק וועט זי פירן — פון דעם איז עס קודם־כל אָפּהענגיק צי איר ראָל פאַרן נאַציאָנאַלן קיום פון יידישן פאָלק וועט יאָ אָדער נישט זיין אַ פּאָזיטיווע.

אין דער געשיכטע זענען אָפּט געווען פאַלן, ווען מלוכות האָבן געפירט אַזאַ פּאָליטיק, וואָס האָט נאָר אָפּגעשוואַכט און דערפירט צום אונטערגאַנג פון נאַציאָנאַלן לעבן פונעם פאָלק.

מחמת די ישראל־מדינה נעמט אַריין אין זיך נאָר אַ קליינעם טייל פונעם יידישן פאָלק, וועט איר ראָל פאַרן נאַציאָנאַלן קיום

* „לעבנס־פראַגן" נר. 1, מאי 1951.

באַשטימט ווערן קודם־כל דורך דער באַציאונג, וועלכע זי וועט האָבן צום רוב פון יידישן פאָלק, וועלכער געפינט זיך מחוץ לאַרץ.

2

די ישראל־מדינה שטעלט מיט זיך פאָר די פּאָליטישע פאַר־ווירקלעכונג פון ציוניסטישן טרוים. מיטגעווירקט דערצו האָט סיי די גרויסע טראַגעדיע וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט אַדורכגעלעבט, סיי די צונויפפלעכטונג פון אַ רייע אינטערנאַציאָנאַלע פאַקטאָרן. דאָס האָט אָבער גורם געווען, אַז בראש פון דער מדינה שטייען די ציוניסטישע פירער און אַז די גאַנצע פּאָליטיק פון דער מדינה איז באַהויכט מיט דעם ציוניסטישן אידעאַל פון קבוץ גלויות. דעם אידעאַל פון קבוץ גלויות זענען אונטערגעאָרדנט: סיי די פּאָליטיק פון מאַסן־עליה, סיי די שפּראַכן־פראַגע, סיי די דערציאונג פון יונגן דור סיי די באַציאונג צו די אַראַבישע שכנים; דער אידעאַל פון קבוץ גלויות באַשטימט אויך די באַציאונג פון דער ישראל־מדינה צום יידישן פאָלק אין דער וועלט.

די ציוניסטישע ישראל־פירער גייען אַרויס פון דער הנחה, אַז דאָס יידישע פאָלק האָט נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג אין די גלות־לענדער; אַז אָדער דאָס יידישע פאָלק וועט דאָרט פיזיש אויסגעראָטן ווערן, ווי בימי היטלער, אָדער עס וועט שפּראַכלעך און גייסטיק אויסגעוואָרצלט ווערן דורך אַסימילאַציע; זיי זעען די צוקונפט פון יידישן פאָלק נאָר אויף דער טעריטאָריע פון דער ישראל־מדינה; בכן באַטראַכטן זיי אַלס די עיקר אויפגאַבע פון דער ישראל־מדינה דאָס אָנהאַלטן די מאַסן־עליה ביז צו דער פולער אויסלייזונג פון יידישן פאָלק פון גלות; בחוץ־לאַרץ דאַקעגן זעען זיי פאַר זיך נאָר איין און איינציקע אויפגאַבע; גייסטיק און שפּראַכלעך צוגרייטן דאָס יידישע פאָלק צו עליה קיין ישראל.

צוליב דער קבוץ־גלויות־אידעאָלאָגיע קוקט די ישראל־מדינה בכלל קרום און אַפילו מיט קעגנערשאַפט אויף אַלע פרווון פון די מחוץ־לאַרץ־יידן צו פאַרשטאַרקן אין זייערע ווױן־לענדער די נאַ־ציאָנאַלע שעפערישקייט און פאַרפעסטיקן דאָרט דאָס נאַציאָנאַלע יידישע לעבן.

צילנדיק צו דער פולער העברעאיזאַציע פון דער ישראל־מדינה זענען די ציוניסטישע פירער אויך פאַראינטערעסירט אינעם אונטערגאַנג פון יידיש־לשון אין די גלות־לענדער; אין די פרוּוון אויפצוהאַלטן די יידישע שפּראַך און קולטור זעען זיי נאָר אַ שטע־רונג פאַר זייער העברעאיזאַציע־פּאָליטיק.

צי איז אָבער קבוץ־גלויות פאַרווירקלעכבאַר און רעאַל? און צי מעג די דאָזיקע אידעאָלאָגיע דינען ווי אַ יסוד פאַר דער ישראל־דיקער מדינה־פּאָליטיק?

די דאָזיקע פראַגע איז נישט בלויז אַ טעאָרעטישע; זי האָט אַן ערשטראַנגיקע פּראַקטישע באַדייטונג. ווייל אויב קבוץ־גלויות איז נישט רעאַל, צי איז דאַן ריכטיק און נוצלעך די גאַנצע פּאָליטיק פון דער מדינה? נאָכמער: צי איז איר פּאָליטיק נישט שעדלעך סיי פאַרן יידישן פאָלק, סיי פאַר דער ישראל־מדינה גופא?

3

עס זענען פאַראַן יידן, וואָס גלויבן אין ניסים. זיי טענהן, אַז אויב עס האָט געקענט געשען דער נס פון דער ישראל־מדינה, טאָ, פאַרוואָס נישט גלויבן, אינעם נס פון קבוץ גלויות?!

אַ מדינה קאָן אָבער נישט בויען איר פּאָליטיק אויף ניסים; זי מוז זיך רעכענען מיט די רעאַלע, געאָגראַפישע, ווירטשאַפט־לעכע און פּאָליטישע געזעצן, אויב זי וויל נישט באַוווסטזיניקער־הייט דערפירן די מדינה צו אַ קאַטאַסטראָפע.

כדי איינצוזאַמלען אַלע יידן אויף איין טעריטאָריע מוז קודם־כל זיין די טעריטאָריע אויף וועלכער זיי זאָלן קאָנען ווערן איינ־געזאַמלט. וועלכער מער־וויניק לאָגיש־דענקנדיקער ציוניסט גלויבט עס דעריין, אַז אין די ראַמען פון דער איצטיקער ישראל־טעריטאָריע זאָל קאָנען איינגעזאַמלט ווערן דאָס גאַנצע אָדער דער רוב פון יידישן פאָלק?

די שטרעבונג צו קבוץ־גלויות מוז דעריבער זיין — בויטוועג־דיקערהייט — פאַרבונדן מיט דער שטרעבונג צו פאַרגרעסערן די ישראל־טעריטאָריע. די דאָזיקע שטרעבונג ווערט אָפן געפּרעדיקט

דורך די עקסטרעמע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און זי איז שטאַרק פאַרשפּרייט צווישן יונגן ישראלדיקן דור.

ס׳איז אָבער אַ געפערלעכע שטרעבונג, וועלכע טראָגט אין זיך אומגעהויערע סכנות פאַרן ישוב. ווער קאָן דען גלויבן דערין, אַז מיט פרידלעכע מיטלען וועט די ישראל־מדינה קענען דער־גרייכן אַ מער וויניקער באַדייטנדיקערע אויסברייטערונג פון איר טעריטאָריע? און צי מעג די ישראל־מדינה זיין איינגעשטעלט אויף אַן אויסברייטערונג פון איר טעריטאָריע מיט נישט־פריד־לעכע מיטלען?!

כדי צו פאַרווירקלעכן קבוץ גלויות דאַרף אויך דאָס יידישע פאָלק וועלן פאָרן קיין ישראל. די גאַנצע ביז איצטיקע געשיכטע פון ארץ־ישראל האָט אָבער באַוויזן, אַז אַהער פאָרן, חוץ די קלע־נערע גרופּן אידעאַליסטן, הויפּטזעכלעך די יידן, וועלכע ווערן געטריבן פון אַנטיסעמיטיזם, פאַשיזם און קאָמוניסטישן טעראָר. פון די דעמאָקראַטישע לענדער איז די עליה פאַרבליבן אַ ביז גאָר אומבאַדייטנדיקע. און די אַמעריקאַנער יידן, בתוכם די ציוניסטן, האָבן אָפּן אָפּגעוואָרפן סיי די עליה קיין ישראל, סיי אַפילו דעם געדאַנק, אַז זיי לעבן אין גלות.

אַ גרעסערער שטראָם פון אימיגראַציע פון די דאָזיקע לענ־דער וואָלט געקאָנט קומען נאָר דאַן, ווען דאָרט זאָלן זיגן די כוחות פון רעאַקציע און אַנטיסעמיטיזם. צי קאָן אָבער און צי מעג די ישראל־מדינה בויען איר פּאָליטיק אויף אַזאַ מין פּערספּעקטיוו? צי וועט אַזאַ, חס ושלום, אַלגעמיינער זיג פון רעאַקציע אויף דער וועלט שטאַרקן די פּאָזיציע פון דער ישראל־מדינה?

עס זענען שוין היינט פאַראַן אַ סך ציוניסטן, וועלכע באַגרייפן די נישט־רעאַלקייט און באַזונדערס די נישט־אַקטועלקייט פון קבוץ גלויות; און זיי לייגן אָפּ די רעאַליזאַציע פון דאָזיקן אידעאַל אויף אַ ווייטערער מעטע, אַפילו אויף דורות גאַנצע. מיר וועלן דאָ נישט אַריינגיין אין קיין פּאָליטיק צו דאַן, באַחרית הימים, וועט דער קבוץ גלויות זיין מער רעאַל ווי היינט. מיר ווילן בלויז אונטער־שטרייכן, אַז, אַזוי צי אַזוי, איז אַ פּראַקטישע פּאָליטיק פון קבוץ

גלויות שעדלעך סיי פֿאַרן יידישן פֿאָלק, סיי פֿאַר דער ישראל־מדינה.

אויב די אידעע פֿון קבוץ גלויות איז נישט אַקטועל־רעאַליזירבאַר, דאַן איז עס שעדלעך צו פֿירן אַ פּאָליטיק, וואָס צילט אָפּ־צושוואַכן דאָס יידישע לעבן אין דער וועלט, דאַן איז עס שעדלעך אָנצוהאַלטן דעם סיסטעם פֿון דערציען די ישראלדיקע יוגנט אין אַ ביטול־באַציאונג צו די ראַנגלענישן און שאַפֿונגס־פּראָצעסן פֿון די יידן מחוץ לארץ.

עס ליגט אין די לעבנס־אינטערעסן פֿון דער ישראל־מדינה, — זאָל זיין ביז צו דעם אַחרית הימים, אויב מען גלויבט אין אים, — אַז דאָס יידישע פֿאָלק אויף דער וועלט, זאָל אויפֿהאַלטן און פֿאַר־שטאַרקן זיין נאַציאָנאַלן קיום. ווייל וואָס וועט ווערן פֿון דער קליינער און אָרעמער ישראל־מדינה אָן דער מאַטעריעלער און פּאָליטיש־מאָראַלישער הילף פֿון די 10 מיליאָן יידן, אויב עס זאָל זיין אמת, ווי עס גלויבן די ציוניסטן, אַז זיי וועלן מוזן אונטערגיין אַלס אַ נאַציאָנאַל־יידישער קבוץ?

4

צי איז אָבער ריכטיק די פּערספּעקטיוו, אַז דאָס יידישע לעבן אין גלות מוז אונטערגיין?

צוויי טויזנט יאָר האָט דאָס יידישע לעבן אויפֿגעהאַלטן זיך אין גלות. ס׳האָט איבערגעלעבט אַלע גזישות און פּורעניות; ס׳האָט איבערגעוווּנדן אַלע מעכטיקע שטראָמען פֿון אַסימילאַציע. ס׳איז אומגעקומען דאָס יידישע לעבן אין איין אָרט און עס האָט אויפֿגעבליט אין אַ צווייטן. ס׳האָט דאָס יידישע פֿאָלק אויסגעהאַלטן אַלע נסיונות סיי אַ דאַנק דער צעשפּרייטקייט איבער דער וועלט, סיי אַ דאַנק זיין אינערלעכן עקשנותדיקן נאַציאָנאַלן ווילן.

אויך נאָך דער אכזריותדיקער יידן־שחיטה בעת דער לעצ־טער וועלט־מלחמה מאַכט דאָס יידישע פֿאָלק אין דער וועלט העראָאישע אָנשטרענגונגען, בכדי אויפֿצוהאַלטן זיין נאַציאָנאַלן קיום. אמת, דאָס יידישע פֿאָלק איז היינט מערער אָפּגעשוואַכט נאָך דעם גרויסן בלוט־פֿאַרלוסט; צי מעג מען אָבער צוגיין צו אָט

דעם הערשאישן גערעאַנגל פאַרן קיום מיט דער פאַרויסיקער איינ־שטעלונג, אַז דאָס אַלץ איז אומזיסט, אַז עס איז אַרויסגעוואָרפן די טרחה? צי איז פאַרקערט נישט נויטיק צו געבן די מאַקסי־מאַלסטע הילף פאַר די דאָזיקע אָנשטרענגונגען?

קיינמאָל איז דעם יידישן פאָלק נישט אָנגעקומען לייכט זיין געראַנגל פאַרן קיום. אַלעמאָל זענען געווען שוואַרצזעער, אָפּ־טריניקע און שמדניקעס. עס האָט אָבער אַלעמאָל ביז איצט גובר געווען דער עקשנותדיקער ווילן פון די אַקטיווע און נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע עלעמענטן. און אויב דאָס יידישע פאָלק איז היינט אָרעמער געוואָרן דורך פאַרלירן דאָס נאַציאָנאַל־שפּרודלדיקע מזרח־איירפּעאישע יידנטום — איז אָבער פון דער צווייטער זייט אַנטשטאַנען דער פאַרהעלטנישמעסיק גרויסער און מלוכהש־אָר־גאַניזירטער, יידישער ישוב אין ישראל, וואָס קאָן און דאַרף ווירקן אַלס פאַקטאָר, וואָס זאָל פאַרשטאַרקן דאָס יידישע לעבן אין דער וועלט.

אַלס נאַציאָנאַל־קאָנצענטרירטער און מלוכהש־זעלבשטענדי־קער יידישער ישוב קאָן די ישראל־מדינה ווערן אַ וויכטיקער פּאָזי־טיווער פאַקטאָר פאַר אויפהאַלטן און אַנטוויקלען דאָס יידישע לעבן אין דער וועלט.

די יידישע ישובים פון דער וועלט האָבן אַרויסגעוויזן און ווייזן אַרויס זייער ברידערלעכע הילף פאַר דער ישראל־מדינה. ס'איז דער חוב פון דער ישראל־מדינה — און דאָס ליגט אויך אין אירע אייגענע אינטערעסן — צו געבן איר, לכל הפחות, אַ מאָראַ־לישן ביישטייער.

5

כדי די ישראל־מדינה זאָל קאָנען דערפילן איר פליכט לגבי דעם יידישן פאָלק מוז זי באַפרייען זיך פון דער פאַלשער קבוץ־גלויות־אידעאָלאָגיע; מוז זי זיך אָפּזאָגן פון דער הנחה, אַז נאָר ישראל וועט לייזן די יידן־פראַגע; מוז זי איבעררייסן מיט איר ביטול־באַציאונג צום נאַציאָנאַלן געראַנגל און צו די נאַציאָנאַלע שאַפונגס־פּראָצעסן פון די יידן מחוץ לארץ; מוז זי אויפהערן צו

באַטראַכטן די יידן פון דער וועלט בלויז ווי אַ פינאַנסיעלן און מענטשן־רעזערוואַר פאַר זיך; מוז זי אָנהייבן קוקן אויף זיך ווי אויף אַן אינטעגראַלן באַשטאַנד־טייל פון יידישן פאָלק, אַלס וועלט־פאָלק.

ווען די ישראל־מדינה וועט באַגרייפן די דאָזיקע נויטווענדי־קייט, וועט זי אויך מוזן ענדערן איר באַציאונג צום יידיש־לשון. זי וועט דאַן מוזן דערזעען, אַז יידיש איז פאַרבליבן די איינציקע נאַציאָנאַלע דאַמבע קעגן אַסימילאַציע; אַז מיט פריידיקן עברית אין גלות, וועט זי דעם עברית נישט פאַרשטאַרקן, נאָר וועט אָפּ־שוואַכן יידיש און וועט צוהעלפן עפענען נאָך ברייטער די טויערן פאַר די ענגלישע, פראַנצויזישע און אַנדערע לאַנד־שפּראַכן.

זי וועט דאַן מוזן דערזעען, אַז די יידיש־רעדנדיקע יידן זענען די נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקסטע יידן, אויף וועלכע עס קאָן זיך אָנ־שפּאַרן די ישראל־מדינה, און אַז דורך אָפּשוואַכן דעם יידיש־לשון שוואַכט מען אָפּ דאָס יידישע פאָלק — און במילא די ישראל־מדינה. זי וועט מוזן באַגרייפן דאַן דעם אמת, אַז ענגליש — אָדער פראַנצויזיש־רעדנדיקע יידן קאָנען זיין יידן, אָבער יידיש־רעדנ־דיק יידן זענען יידן.

די ישראל־מדינה וועט דאַן אויך מוזן ענדערן איר באַציאונג צום יידיש־לשון אין ישראל גופא. זי וועט דאַן מוזן באַגרייפן, אַז יידיש איז נישט קיין פרעמדע שפּראַך, נאָר אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק, און אַז יידיש אין ישראל איז און וועט פאַר־בלייבן די וויכטיקסטע שפּראַכן־בריק — און במילא אויך די גייסטיק־קולטורעלע בריק — צווישן ישראלדיקן יישוב מיט די יידישע יישובים פון דער וועלט.

ביי דער געענדערטער אידעאָלאָגישער איינשטעלונג וועט די ישראל־מדינה קאָנען אויך אויפבויען איר אייגענע מלוכהשע עק־זיסטענץ אויף געזונטערע און סטאַבילערע יסודות. זי וועט אויף געזונטערע יסודות קאָנען באַזירן איר אימיגראַציע־פּאָליטיק צוגע־פּאַסט צו דער אויפנאַם־פעאיקייט פון לאַנד; זי וועט אויף געזונ־טערע יסודות קאָנען אַוועקשטעלן איר דערציאונגס־סיסטעם; דערציען דעם יונגן דור סיי אין גייסט פון פּאַטריאָטיזם סיי אין צוגע־

בונדקייט צום יידישן פאָלק, אַלס וועלט־פאָלק; זי וועט דאַן קאָנען באַפרייען די יוגנט פון די געפערלעכע היפּערטראָפירטע נאַציאָ־נאַליסטישע און אַוואַנטוריסטישע טענדענצן; זי וועט אויך קאָנען פירן אַ מער רעאַלע שלום־פּאָליטיק לגבי די אַראַבישע שכנים און צוהעלפן זיי צו באַפרייען זיך פון דער מורא פאַר עווענטועלע אַגרעסיווע טענדענצן מצד דער ישראל־מדינה.

די ציוניסטישע אידעע פון קבוץ גלויות איז אַן אבן נגף, וועל־כער מוז באַזייטיקט ווערן, כדי די ישראל־מדינה זאָל קאָנען פירן אַ געזונטע נאַציאָנאַלע פּאָליטיק סיי פאַר דעם ישראלדיקן ישוב גופא, סיי פאַר דעם יידישן פאָלק בכלל.

אונדזער ווילן אַלס פאַקטאָר
פון נאַציאָנאַלן קיום

טרויעריק זעט אויס אונדזער נאַציאָנאַלעווירקלעכקייט. ס׳איז פאַרקלענערט געוואָרן אונדזער צאָל, ס׳איז אָרעמער געוואָרן אונדזער קולטור־פּאָטענציאַל, ס׳איז פאַרמינערט געוואָרן אונדזער ראָל אינעם אַרומיקן לעבן, די יידישע ישובים אויף דער וועלט, געפינען זיך אונטער אַ שטאַרקן פּרעס פון די קולטורן פון זייערע וווינ־לענדער. און וואָס אַ מאָל שווערער ווערט דער קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

אויב אונטער די רעזשימען פון רעאַקציאָנערע דיקטאַטורן האָט דער קאַמף פאַר איינהאַלטן אונדזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ געטראָגן קודם־כּל אַן אויסערלעכן פּאָליטישן כאַראַקטער, ס׳איז געווען אַ קאַמף קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, אַ קאַמף פאַר די בירגערלעכע און נאַציאָנאַלע רעכט, איז היינט דער קאַמף פאַר אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ געוואָרן קודם־כּל אַן אינערלעך־יידישער פּראָבלעם. אין דער גרעסטער צאָל לענדער פון דער וועלט שטערט אונדז קיינער נישט איינצוהאַלטן אונדזערע נאַציאָנאַלע אייגנאַרטיקייט, שטערט אונדז קיינער נישט צו אַנטוויקלען אונדזער אייגן יידיש קולטור־לעבן. די וויכטיקסטע שטערונג טרעפט דאָ דער יידיש־נאַציאָנאַלער געדאַנק אַן — אין די יידן גופא. די יידן ווילן שיקן זייערע קינדער אין די לאַנדשפּראַכיקע שולן, זיי ווילן, אַז די קינדער זאָלן איבערנעמען די קולטורן פון די אַרומיקע פעלקער, זיי ווילן, אַז די קינדער זאָלן וואָס ווייניקער זיך אונטערשיידן סיי אויסערלעך סיי אינערלעך פון די אַרומיקע קינדער. די דאָזיקע טענדענץ האָט פאַרכאַפּט נישט בלויז די נאַציאָנאַל ווייניק

---

* אונזער שטימע, דינסטיק, 9 פעברואר 1967.

שטאַנדהאַפטיקע עלעמענטן, נאָר זי איז געוואָרן אַ טעגלעכע דער־שיינונג אויך ביי די נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע יידן.

ס׳ווערט אויסגעטריקנט אונדזער ברונעם, און ס׳איז אָן ספק, אַז ווען אַזוי גיין נאָך אַ דור־צוויי, ווי עס גייט ביז איצט — וועט שוין גאָר ווייניק וואַסער בלייבן אין אונדזערע קוואַלן. די אַסימי־לאַציע וועט טאַקע נישט לייזן די יידן־פראַגע, די יידן וועלן פאַר־בלייבן אפילו נישט ווענלדיק — יידן, אָבער ס׳וועט דעגענערירט ווערן דאָס יידישע פאָלק, עס וועט פאַרלירן זיין אינערלעכן ווערט, עס וועט פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ דינסט־מויד, וואָס וועט באַדינען אַנדערע פעלקער און לעבן פון די ברעקלעך אָראָפּגעפאַלענע פון פרעמדע טישן.

ווען די נאַציאָנאַל־יידישע עקשנים ווייזן אָן אויף די געפאַרן, ענטפערט מען זיי מיט אַן אומעטיקן טרייסל פון די אַקסלען: „וואָס קאָן מען טאָן, אַזאַ איז דאָך די אָביעקטיווע טענדענץ, און מען קען דאָך נישט גיין קעגן די געזעצן פון לעבן".

„אָביעקטיווע טענדענץ", „געזעץ פון לעבן" — דאָס זענען וויסנשאַפטלעכע טערמינען, מיט וועלכע מען קאָן באַרעכטיקן אפילו אַלע פאַרברעכנס. וויפל גייסטיקע שוואַכלינגען האָבן זיך אונטערגעגעבן דער „אָביעקטיווער טענדענץ" פון היטלערישן זיג אין דייטשלאַנד. וויפל סאָציאַל־דעמאָקראַטן און קאָמוניסטן זענען אַריבער געלאָפן צו די נאַצי־באַנדיטן בלויז דערפאַר, ווייל זיי האָבן אין דעם היטלערישן זיג געזען „אַ געזעץ פון לעבן".

די אָנהענגער פון דער „אָביעקטיווער טענדענץ" פון אַסימי־לאַציע — און צווישן זיי געפינען זיך אַ שפּאָר ביסל „מאַרקסיסטן" — פאַרגעסן וועגן איין „קלייניקייט", אויף וועלכער מאַרקס האָט אַזוי פיל אַכט געלייגט, אַז די מענטשן, די לעבעדיקע מענטשן זענען די שעפער פון די „אָביעקטיווע טענדענצן" און פון די „גע־זעצן פון סאָציאַלן לעבן".

אין זיין קריטיק איבער פייערבאַכן קלאָגט זיך מאַרקס, אַז:

„יעדע הערשנדיקע פאַרהעלטעניש ווערט אַלץ מער און מער באַטראַכט ווי אַ רעליגיעזע פאַרהעלטעניש און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַ קולט, אין אַ קולט פון רעכט, אין אַ קולט

פון מלוכה. איבעראַל האָט מען צו טאָן נאָר מיט דאָגמעס און מיט גלויבן אין דאָגמעס. די וועלט ווערט אַלץ מער קאָנאָניזירט".

גראָד דער בונט קעגן דער פאַרקאַנאָניזירונג פון די „אָביעקטיווע טענדענצן" האָט מאַרקסן געמאַכט פאַר אַ רעוואָלוציאָנער. מיט זיין רעוואָלוציאָנערן גייסט האָט ער גערופן און געוועקט די מענטשן צו ענדערן דעם ביז־איצטיקן לויף פון דער וועלט, צו ענדערן די „הערשנדיקע פאַרהעלטענישן".

אין דעם יידישן לעבן איז אַפגעשוואַכט און פאַרטעמפּט געוואָרן דער נאַציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערער גייסט. ער איז געווען שפּרודלדיק אין פוילן, ווו ער האָט געצויגן זיין יניקה פונם מאַסנהאַפטן יידישן פאָלקס־לעבן. דאָרט איז עס געווען פאַרהעלטענישמעסיק לייכט צו זיין אַן אָנהענגער פונם יידיש־נאַציאָנאַלן געדאַנק. דאָרט איז דאָס יידישע נאַציאָנאַלע לעבן געווען אַ „הערשנדיקע פאַרהעלטעניש". אין די היינטיקע פאַרבליבענע נאָכן היטלער־פּאָגראָם — יידישע ישובים איז די „הערשנדיקע פאַרהעלטעניש" — אַסימילאַציע, ס'האָבן געווירקט דערויף פאַרשידענע סיבות. צווישן זיי האָבן נישט קיין קליינע ראָל געשפּילט דער קאָמפּלעקס פון מינדערווערטיקייט, דער קליינבירגערלעכער סנאָביזם, די שטרעבונג צו „תכלית" — מורא פאַר רדיפות א. אַנד. אַלץ דערשיינונגען קראַנקהאַפטע, וועלכע שטאַמען פון דער אומנאָרמאַלער לאַגע פון אונדזער ביזאיצטיקער געשיכטלעכער ווירקלעכקייט. אויפן יסוד פון אַזעלכע קאָמפּלעקסן קאָן נישט אויפשטיין קיין געזונטער יידישער דור. דערפאַר קאָנען מיר נישט שלום מאַכן מיט דער אַסימילאַציע, אפילו ווען זי איז היינט די „הערשנדיקע פאַרהעלטעניש" אינם יידישן לעבן".

דער פּשוטער מאַסן־מענטש האָט אַ טבע צו גיין אויפן וועג פון לייכטסטן ווידערשטאַנד. ער גיט זיך לייכט אונטער אַלגעמיינע שטימונגען. ער וואַרפט פּאַסיוו זיך אונטער די „געזעצן פון לעבן". אַנדערש איז אָבער אַלעמאָל געווען דער וועג פון רעוואָלוציאָנערן. זיי האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן, נאָר באַקעמפט די הערשנדיקע געזעצן, זיי האָבן געוואָלט ענדערן דאָס לעבן און איבער־

בויען די וועלט לויט זייערע אידעאַלן. אין דער אַרבעטער־באַוועגונג האָט עקזיסטירט אַמאָל אַזאַ ריכטונג, וועלכע האָט געפּרעדיקט דעם געדאַנק, אַז מען קאָן זיך נישט אַנטקעגנשטעלן דעם אָביעקטיוון גאַנג פון די געשעענישן. דער קלאַסישער פאָרשטייער פון דער ריכטונג איז געווען עדוואַרד בערנשטיין. „דער ציל איז גאָרנישט, די באַוועגונג איז אַלץ" — דאָס האָט געזאָלט באַדייטן, אַז דער אַרבעטער־קלאַס טאָר זיך נישט שטעלן קיין גרויסע פאָדערונגען פון איבערבויען די וועלט, נאָר דאַרף זיך אַריינפּאַסן אין דער „אָביעקטיווער"ווירקלעכקייט. בערנשטיין — און מיט אים פיל „מאַרקסיסטן" האָבן נישט פאַרשטאַנען די ראָל פונעם רעוואָלוציאָנערן ווילן און פונעם אַקטיוון טאַט. זיי האָבן נישט פאַרשטאַנען דעם מאַרקסיסטישן כלל, אַז „ביז איצט האָבן די פילאָזאָפן אויסגעטייטשט די וועלט, איצט גייט אין דעם אַז מען זאָל זי ענדערן". און ענדערן קאָן מען נאָר מיט ווילן און טאַט. די זעלביקע בערנשטיינישע איינשטעלונג האָבן איבערגענומען אונדזערע אַנהענגער פון דער „אָביעקטיווער טענדענץ פון אַסימילאַציע". זיי קאַנאָניזירן די הערשנדיקע פאַרהעלטענישן אַנשטאָט זיי צו ענדערן.

די געשיכטלעכע דערפאַרונג פון די לעצטע יאָרהונדערטער גיט אונדז גענוג באַווייזן וועגן דער אַלץ וואַקסנדיקער ראָל פון מענטשלעכן ווילן באַוווּסטזיניק צו לענקען דאָס סאָציאַלע לעבן אין הסכם מיט באַשטימטע אידעאַלן. דאָס איז אייגנטלעך דער ציל פון מענטשלעכן פּראָגרעס, וועלכער שטרעבט צו באַפרייען זיך פון די בלינדע געזעצן און אָנגעבן דעם געזעלשאַפטלעכן לעבן אַ באַוווּסטזיניקן, פּלאַנמעסיקן כאַראַקטער. אויפן ביישפּיל פון ראַטנפאַרבאַנד קאָנען מיר זען, ווי דער באַוווּסטזיניקער ווילן פון דער הערשנדיקער מאַכט האָט ראַדיקאַל געענדערט די אָביעקטיווע באַדינגונגען פון דאָרטיקן געזעלשאַפטלעכן לעבן. ווי ס'זענען דורכגעפירט געוואָרן די געוואַלטיקסטע סאָציאַלע ענדערונגען אין אַ לאַנד, וואָס האָט געהערט צו די אָפּגעשטאַנענסטע לענדער אין אייראָפּע, און ס'איז פאַר אונדז אָן ספק, אַז וואָלט דאָרט עקזיסטירט אַ דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער רעזשים, וואָלטן די

דאָזיקע ענדערונגען געווען נאָך טיפער און פולקאָמער. אויך אין אונדזער יידישן לעבן קאָנען מיר זען אויפן ביישפּיל פון יידישן ישוב אין פּאַלעסטינע וואָסערע גרויסע זאַכן ס׳קאָנען אויפגעטאָן ווערן אויף אַן אָביעקטיוו־אומגיניסטיקן באָדן נאָר אַ דאַנק דעם עקשנותדיקן ווילן פון נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע עלע־מענטן. אונדזער קאַמף קעגן ציוניזם, וועלכן מיר באַטראַכטן פאַר אַ שעדלעכער אוטאָפּיע, קאָן אונדז נישט שטערן צו באַוווּנדערן דעם גרויסן אויפטו פונעם פּאַלעסטינער ישוב. און ער דינט זיכער אַלס ביישפּיל, פאַר דער גרויסער ראָל, וועלכע עס שפּילן אין נאַ־ציאָנאַל־געזעלשאַפטלעכן לעבן די פאַקטאָרן פון ווילן, באַוווסטזיין און אידעאַליסטישן טאַט.

דאָס יידישע פאָלק איז אויסגעשטעלט אויף דער גרויסער גע־פאַר פון אַסימילאַציע. און אויסגעשטעלט אויף דער דאָזיקער געפאַר שוין במשך העכער 2 טויזנט יאָר. אויב עס האָט אָבער איבערגעהאַלטן ביז היינט צו טאָג איז עס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען די נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקע כוחות, וועלכע זענען אַלעמאָל אויפגעשטאַנען אין צייטן פון שעת הכושר, און וועלכע האָבן מיט זייער ריזיקער גייסטיקער אָנשטרענגונג און טאַט אויפ־געהיט די פונדאַמענטן פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום. די גרויסע גייסטער פון ידישן פאָלק האָבן זיך נישט געלאָזט פאַרוויגן פון דער „אָביעקטיווער טענדענץ“.

די דאָזיקע אויפגאַבע פאַלט היינט אויף דעם פּראָגרעסיוון טייל פונעם יידישן פאָלק, אויף דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג. פון אונדזער ווילן, פון אונדזער אַקטיוון טאַט, פון אונדזער אידעאַליזם איז היינט אין אַ גרויסער מאָס אָפּהענגיק דער גורל פונם יידישן פאָלק. מיר מוזן אויפטרייסלען די יידישע געזעלשאַפטלעכקייט, באַקעמפן די קראַנקהאַפטע קאָמפּלעקסן פון מינדערווערטיקייט און סנאָביזם, מיר מוזן אַריינטראָגן אינעם יידישן לעבן אונדזער נאַ־ציאָנאַל־רעוואָלוציאָנערן גייסט. ווען מיר דאָס טאָן מיט טיפן גלויבן, וועלן מיר קאָנען ענדערן די איצטיקע הערשנדיקע פאַר־העלטענישן און פאַרזיכערן דעם קיום פון אונדזער פאָלק. דער

פֿאַקט, וואָס אין אַלע יידישע ישובים אויף דער וועלט, ווי קליין זיי זאָלן נישט זיין, עקזיסטירט פֿונדעסטוועגן נאָך אַ יידיש קולטור־לעבן, וואָס פֿלעגט דאָס יידישע וואָרט און וואָס ווייזט אַרויס ליבשאַפֿט צו די יידישע קולטור־שאַפֿונגען באַווייזט, אַז נישט אַלץ איז אַזוי טרויעריק אין יידישן וועלטל, באַווייזט אַז ס'איז נאָך אָפֿן דער וועג פֿאַר אַ נייעם אויפֿבלי פֿון יידישן נאַציאָנאַלן געדאַנק.

1943 — נאָך 13 יאָר — 1956 *

ס׳רוקן זיך די יאָרן אַלץ מערער אַוועק פון דער טראַגישער תקופה פון יידישן אומקום אין אייראָפּע און פון דער טראַגיש־גבורהדיקער דאָטע ווען די געטאָ־קעמפער האָבן אויפגעהויבן זייער פאָן פון מרידה קעגן דער היטלערישער בעסטיע. צוזאַמען מיט דעם ווערן מיר עדות ווי ס׳ווערט אַלץ מערער פאַרבלאַסט די געדעכעניש פון דער דאָזיקער תקופה. פריער האָט מען אויפגע־הערט צו לייענען די חורבן־ליטעראַטור — שפּעטער האָט מען אַלץ ווייניקער אָנגעהויבן צו קומען אויף די געטאָ־פייערונגען. און וואָסאַמאָל ווערן ווייניקער אַזכרות איינגעאָרדנט נאָך די אומ־געקומענע.

צי ווירקט דאָ דאָס „נאַטירלעכע״ געזעץ פון לעבן, וואָס צילט צו פאַרגעסן אין טרויעריקע מחשבות? צי איז גורם דערצו דער טאָגטעגלעכער קאַמף פאַרן „דאָזיין״, וואָס לאָזט נישט איבער קיין צייט צו טראַכטן וועגן נעכטן? אָדער באַזונדערס דאָ אין ישראל — די וואַקסנדיקע מורא פאַרן מאָרגנדיקן טאָג אין אָנבליק פון דער געשפּאַנטער לאַגע?

פאַר וואָס אויב אַזוי האָבן די דאָזיקע „געזעצן פון לעבן״ נישט געווירקט אין משך פון טויזנטער יאָרן אויפן יידישן פאָלק, וועל־כער האָט איינגעהאַלטן אין זיין זכרון און יאָר־יערלעך געפייערט זיינע היסטאָרישע סיי פריידיקע, סיי טרויער־טעג? פאַר וואָס זע־נען די דאָזיקע טעג אַריינגעדרינגען אין דער נשמה פונעם פאָלק און זענען געוואָרן אַ טייל פון זיין נאַציאָנאַלן לעבנס־שטייגער? און פאַר וואָס וויל מען אַזוי פאַרגעסן אונדזערע נעכטיקע טעג, סיי די טעג פון אונדזער מאַסנהאַפטן אומקום, סיי די טעג פון

---

* ל. פ. נר. 57—58, אַפּריל־מאַי 1956.

איבערמענטשלעכער גבורה, ווי דאָס זענען געווען די געטאָ־אויפ־שטאַנדן ?

מיר קאָנען זיך נישט באַפרייען פונעם געפיל, אַז אַ גרויסע שולד פאַר דעם דאָזיקן צושטאַנד פאַלט אויף דער ישראל־מדינה.

צוערשט האָט מען צעשפּליטערט די דאַטע פונעם יום הזכרון. די פירער פון דער מדינה האָבן נישט געוואָלט אָננעמען די פון פריער, פון לעבן אַליין אַרויסגערוקטע דאַטע פון 19־טן אַפּריל. זיי האָבן באַשטימט אַן אייגענעם, אַ באַזונדערן טאָג. און אַנשטאָט איין נאַציאָנאַלן טרויער־טאָג, וועלכער האָט באַדאַרפט געפייערט ווערן דורכן גאַנצן יידישן פאָלק — האָבן מיר היינט עטלעכע „טרויער־טעג", וועלכע ווערן באַזונדער געפייערט דורך פאַרשיידענע טיילן פונעם פאָלק. די צעשפּליטערונג פונעם יום הזכרון האָט געמוזט פירן צום אָפּשוואַכן די גייסטיקע אָנגעלאָדנקייט פון די טרויער־טעג.

די צאָל טרויער־פייערונגען אין לאַנד איז אַ גאָר באַגרע־נעצטע. היי־יאָר האָט אין די פייערונגען זיך באַטייליקט אויך „יד ושם". דאָך זענען די הויפּט־פייערונגען פאָרגעקומען בלויז אין דריי ערטער: אין די קיבוצים יד מרדכי און לוחמי הגיטאות און אויפן הר ציון אין ירושלים; דאָס זענען נישט קיין מלוכהשע אָרגאַ־ניזירטע פייערונגען, נייערט אָרגאַניזירט אין די קיבוצים דורך מפ"ם און אחדות העבודה און אין ירושלים דורכן „יד ושם". אין אַלע איבעריקע טיילן פון לאַנד, אין די שטעט, שטעטלעך, און מושבות פילט מען בכלל נישט דעם יום הזכרון. דאָס לעבן גייט נאָרמאַל, ווי אין אַלע טעג פון אַ גאַנץ יאָר: די געשעפטן זענען אָפן, די פאַבריקן אַרבעטן, די ביוראָען און אַמטן זענען טעטיק, די טעאַטערן און קינאָס שפּילן. ס'איז קיינעם ביז איצט נישט איינגעפאַלן אַריינצוטראָגן אַ פאָרשלאָג אין דער כנסת אָדער אין די מוניציפּאַלע פאַרוואַלטונגען וועגן אָפּשטעלן דעם טאָגטעגלעכן לעבנס־געלויף כאָטש אויף אַ שעה אָדער צוויי, ווי אַן אויסדרוק פון אבל און טרויער, אַן אויסדרוק פון נשמה־פאַרבינדונג מיט די אומגעקומענע יידן און געטאָ־קעמפער.

ערב דעם יום עצמאות פייערט די ישראל־מדינה דעם אָנדענק

פון די געפאַלענע קרבנות אינעם קאַמף פאַר ישראלס־אומאָפּהענ־גיקייט — די ישראל־מדינה פייערט אבער נישט דעם אָנדענק פון די אומגעבראַכטע און געפאַלענע אין קאַמף געטאָ־יידן, ווי דאָס וואָלט קיין שום שייכות נישט געהאַט צו דער אַנטשטייאונג פון דער ישראל־מדינה.

און אויב דאָס געשעט היינט, ווען עס לעבט נאָך דער דור, ווען עס לעבן נאָך די קרובים און פריינט פון די אומגעקומענע געטאָ־קרבנות — איז וואָס קאָן מען דערוואַרטן אין יאָרן אַרום, ווען דער יונגער דור וועט פאַרנעמען אונדזער אָרט, דער דור, וועלכער ווייסט נישט פון דעם יידישן פיין און פון דער גבורה פון דער היטלער־תקופה? דער דור, וועלכן מען האָט זיך באַמיט צו דערציען אין אַ ביטול־באַציאונג צום גלות־ייד, וועלכן מען האָט איינגערעדט, אַז די גלות־יידן זענען שפּלדיקע באַשעפענישן, אַז זיי האָבן זיך „געלאָזט פירן ווי שעפּסן צו דער שחיטה״? דער דור, וועלכער פאַרמאָגט נישט קיין שום פּיעטעט און דרך־ארץ פאַר די אומגעקומענע יידן, וועט ער אָנהאַלטן דעם יום הזכרון?

און צי רייסן נישט אַרונטער די חשיבות פונעם יום־הזכרון די, וואָס פאַרנעמען זיך טאָג איין און טאָג אויס מיט פעלשן די גע־שיכטע פון דער היטלער־תקופה און פון דעם געטאָ־אויפשטאַנד? פון אַ נאַציאָנאַלן טאַט האָט מען דעם געטאָ־אויפשטאַנד פאַרוואַנ־דלט אין אַ פּאַרטייאישן ענין. די קאָמוניסטן אין פּוילן, און נאָך זיי די קאָמוניסטן פון די איבעריקע לענדער האָבן שוין בכלל אויסגעהוילט דעם געטאָ־אויפשטאַנד פון זיין נאַציאָנאַלן כאַראַק־טער און שטעלן אים פאַר ווי אַן אויפשטאַנד פון דער קאָמוניס־טישער פּאַרטיי, נאָך וועלכער ס'האָבן זיך בלויז „נאָכגעשלעפּט״ — די „יוגנט פון בונד און פון די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס״! מען מעקט אויס היסטאָרישע דאָקומענטן, מען פּרעפּאַרירט קינסטלעך נייעס, כדי צו „באַווייזן״, אַז די פּאָליאַקן און באַזונדערס די פּוילישע קאָמוניסטן האָבן געהאַט נישט קיין קלענערן אַנטייל אין אויפ־שטאַנד ווי די יידן. נישט אַ סך ווייניקער פעלשן די געשיכטע פון אויפשטאַנד אויך די ציוניסטישע „היסטאָריקער״. די דאָזיקע „וויסנשאַפטלעכע״ פּרעפּאַרירונגען פונעם געטאָ־אויפשטאַנד האָבן

ביי אַ גרויסן טייל ייִדן אָפּגענומען דעם חשק צו באַטייליקן זיך אין די געטאָ־פּייערונגען, וועלכע זענען לרוב פאַרוואַנדלט גע־וואָרן אין פאַרטייאיש־פּאָליטישע פּראָפּאַגאַנדע־מיטינגען.

און די פּרשה שילומים! — וויפל דעמאָראַליזאַציע האָט דאָס אַריינגעברענגט אינעם ייִדישן פאָלק און אין דער ישראל־מדינה, וואָס דאָס האָט אויך נישט געקאָנט בלייבן אָן השפּעה אויף די געטאָ־פּייערונגען? מען פרייט זיך מיט די געלטער, מיט די מאַ־שינען, באַנען, שיפן, וואָס קומען אָן פון דייטשלאַנד. מען האָט זיך צוגעוווינט צו לעבן אויפן חשבון פון די טמא׳דיקע געלטער. מען נעמט דאָס אַפילו אַריין אין די באַרימערייען וועגן דער אַנט־וויקלונג פון דער ישראל־מדינה. מיר שטייען שוין איצט ערב אָנ־בינדן דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען מיט די דייטשן. אין משך פון יאָרן האָט מען בהדרגהדיק און סיסטעמאַטיש געבראָכן דעם ווי־דערשטאַנד פון פאָלק קעגן די שילומים; מיט דעם האָט מען אויך געבראָכן דעם האַס און שנאה צו די דייטשע מערדער. וואָס מער מען לעבט פון די דייטשן, פון די אויסגעבעטלטע פון זיי געלטער, אַלץ ווייניקער מוז מען געדענקען אין זייערע אַכזריותן לגבי די ייִדן, אַלץ מער מוז מען לאָזן אין פאַרגעסנקייט די טראַגישע זכרו־נות פון ייִדישן אומקום.

אַזוי אַרום האָט מען עס דערפירט צום אַראָפּנידערן דעם מאָ־ראַלישן ווערט פונעם יום הזכרון.

וואָס מער עס רוקן זיך די יאָרן, אַלץ מער דראָט די געפאַר, אַז ס׳זאָל פאַרקלענערט ווערן די צאָל אָנטיילנעמער אין די געטאָ־פּייערונגען, אַז ס׳זאָל אָפּגעשוואַכט ווערן די געדעכעניש פונעם ייִדן־אומקום און פון געטאָ־אויפשטאַנד.

קעגן דער דאָזיקער געפאַר מוז מען וואָרענען באַצייטנס. נישט נאָר דערפאַר, ווייל דאָס ריִרט אָן אונדזערע אינערלעכע הייליקסטע געפילן צו די אומגעקומענע ברידער און שוועסטער, צום אומגעבראַכטן ייִדישן לעבן, מיט וועלכן מיר זענען געווען מיט אַזויפיל נשמהדיקע פעדעם פאַרבונדן, נאָר אויך ווייל דאָס איז אַ געפאַר פאַרן צוקונפטיקן גורל פון ייִדישן פאָלק. די געדע־

כעניש פון יידן־אומקום און פון געטאָ־אויפשטאַנד איז אַ וויכטי־קער נאַציאָנאַלער פאַקטאָר פאַר דער דערציאונג פון די צוקונפ־טיקע יידישע דורות, סיי מחוץ לארץ, סיי אין מדינת ישראל. מדינה אַליין איז ווייט נישט גענוג פאַר אויפהאַלטן דעם נאַציאָנאַלן כאַ־ראַקטער פון פאָלק. צו דעם איז נויטיק, אַז דאָס לעבן אין דער מדינה זאָל זיין אָנגעלאָדן מיט נאַציאָנאַלן אינהאַלט, מיט נאַציאָ־נאַלן געפיל און ס'איז נישט מעגלעך קיין נאַציאָנאַלע אָנגעלאָדנ־קייט פונעם לעבן אָן אַן אינערלעכער געפילמעסיקער באַציאונג צו דער פאַרגאַנגענהייט בכלל און צו אונדזער נאָענטער פאַרגאַנ־גענהייט בפרט. מען קאָן נישט דערציען קיין יידישן דור אָן דער־ציילן אים וועגן דער שוידערלעכער היטלער־תקופה און וועגן דעם העלדישן געטאָ־אויפשטאַנד, וועלכער סימבאָליזירט מיט זיך דעם קאַמף פון די יידן פאַר דער יידישער אָלמענטשלעכער פרייהייט פון טיראַניע. מען קאָן נישט דערציען קיין געזונטן יידישן דור אין ישראל אָן דערציילן אים, אַז אַ גרויסן חלק אין דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה האָט דער אומקום פון די זעקס מיליאָן יידן און דעם געטאָ־אויפשטאַנד, און אָן דערציען אים אין גייסט פון פּיע־טעט צו די מאַרטירער און קדושים. און פונקט ווי די יידן פייערן זייערע אַלטע היסטאָרישע יום־טובים און תעניתים — אַזוי מוז מען צוגעוווינען די יידן צו פייערן יאָר־יערלעך דעם טאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד. דער טאָג פון געטאָ־אויפשטאַנד מוז ווערן אַן אינערלעכער באַשטאַנד־טייל פון אונדזער נאַציאָנאַל לעבן.

מיר פייערן דעם געטאָ־אויפשטאַנד דעם 19טן אַפּריל, ווייל דאָס איז די דאַטע, וועלכע דאָס אַלוועלטלעכע יידנטום האָט אָנגע־הויבן צו פייערן נאָך פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה. דאָס איז די דאַטע, וועלכע ס'רופט צו פייערן דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס.

לאָמיר אויפהאַלטן דעם דאָזיקן געדענק־טאָג. לאָמיר אין דעם טאָג פאַרבינדן אונדזערע געפילן און מחשבות מיט די אומגעקו־מענע יידן, מיט אונדזערע נאָענטסטע און טייערסטע. לאָמיר דעם טאָג אָנצינדן זעקס ליכט צום אָנדענק פון די זעקס מיליאָן. לאָמיר דעם טאָג דערציילן אונדזערע קינדער און קינדסקינדער וועגן דער

שרעקלעכער און טראַגיש־העראָאישער תקופה, וועלכע מיר האָבן איבערגעלעבט. זאָל דער אָנדענק־טאָג פון יידישן אומקום און גבורה זיין אַן עמוד האש אין אונדזער ווייטערדיקן געראַנגל פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און פאַר אַ בעסערער וועלט, וועלכע זאָל זיין באַפרייט פון אַכזריות און רשעות.

געדענק דעם טאָג פון 19טן אַפריל!

די אַקציע פאַר די סאָוויעטישע יידן *

די אַקציע פאַר „ראַטעווען די סאָוויעטישע יידן" ווערט גע־פירט אין אַזאַ ברייטן און פאַרצווייגטן פאַרנעם, אין ישראל און אין וועלט־מאַסשטאַב, וואָס אַזאַ איז נישט באַקאַנט געווען אין דער גאַנצער מאָדערנער געשיכטע פון יידישן פאָלק.

אין ישראל איז ממש אַלץ אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער דאָזיקער אַקציע; אַלע מלוכהשע און געזעלשאַפטלעכע כוחות; די כנסת, די מוניציפּאַליטעטן, די הסתדרות, אַלע כלערליי רעלי־גיעזע און וועלטלעכע אָרגאַניזאַציעס און אינסטיטוציעס, די פּרעסע, ראַדיאָ, טעלעוויזיע, טעאַטער און קינאָ, אַפילו די שול־קינדער.

נישט אין אַ פיל־קלענערן פאַרנעם ווערט די אַקציע געפירט אין אויסלאַנד. עס זענען אַריינגעצויגן אין איר רעגירונגען און פּאַרלאַמענטן, פּאָליטישע און פּראָפעסיאָנעלע באַוועגונגען, געזעל־שאַפטלעכע אינסטיטוציעס און אָנגעזעענע פּערזענלעכקייטן פון דער נישט־יידישער וועלט.

אומעטום, אין ישראל און אין כמעט אַלע לענדער פון דער מערב־וועלט, ווערן איינגעאָרדנט פּראָטעסט־פאַרזאַמלונגען, דע־מאָנסטראַציעס, תעניתים און הונגער־שטרייקן מיט ספּעקטאַקו־לערע אויפטריטן, ווי געשמידטע אין קייטן א. א וו.; אין אַ רייע לענדער, באַזונדערס אין אַמעריקע, ווערט אויך באַנוצט דער מע־טאָד פון טעראָר קעגן סאָוויעטישע אינסטיטוציעס.

באמת, אַזאַ פּראָטעסט און סאָלידאַריטעט־אַקציע לטובת גע־רודפטע יידן — האָט נאָך די וועלט ביז איצט נישט געזען.

אויפן פאָן פון דער דאָזיקער ברייט־פאַרמאָסטענער אַקציע

---

* „לעבנס־פראַגן", יאַנואַר־פעברואַר 1971.

קעגן דער סאָוויעטישער דיקטאַטור בעט זיך פּשוט אַדורכצופירן אַ פאַרגלייך מיט די צוויי טראַגישע תקופות פאַר אונדזער פאָלק פון דער נישט ווייטער פאַרגאַנגענהייט.

די ערשטע — ווען היטלער האָט געמאָרדעט די יידן. וווּ זענען דעמאָלט געווען די פירער פונעם ישוב — זענען זיי דאָך די היינ־טיקע פירער פון מדינת ישראל? — און די פירער פון דער ציוני־סטישער וועלט־באַוועגונג?

אַ שענדלעכע שטילשווייגנדיקע גלייכגילטיקייט האָט דאַן גע־הערשט ביי די אָנפירנדיקע קרייזן פון יידישן פאָלק. מיט אַ פאַר־ברעכערישער גלייכגילט האָבן זיי אויפגענומען די האַרץ־רייסנ־דיקע הילפס־רופן פון די געפייניקטע און געמאָרדעטע יידן אין פוילן; עס האָט אויך קיינעם נישט אויפגעטרייסלט דער זעלבסט־מאָרד פון אַרטור זיגעלבוים קעגן דער דאָזיקער גלייכגילטיקייט. די ציוניסטישע פירער זענען דעמאָלט געווען אַריינגעטאָן אין אַן אַנדער ענין, דעם פּלאַן פון דער באַלטימאָרער קאָנפערענץ, אויס־צוקעמפן די יידישע מדינה, — און האָבן נישט געהאַט קיין צייט און קיין קאָפּ צו פאַרנעמען זיך מיט ראַטעווען די יידן פון די נאַצישע נעגל.

ס'איז געווען איבערצולייענען דאָס בוך „פערפידיע" פון בן־העכט, און צו דערמאָנען זיך דעם טרויעריק באַרימטן קאַסטנער־פּראָצעס כדי צו באַנעמען די דעמאָלסטיקע „אַחריותפולע" ראָל פון די ציוניסטישע פירער לטובת די גערודפטע און געפייניקטע יידן.

און די צווייטע תקופה — ווען סטאַלין האָט אומגעבראַכט די יידישע שרייבער און קולטור־טוער אין ראַטנפאַרבאַנד און גלייכ־צייטיק געצילט אויך אויסצוראָטן די יידישע שפּראַך און קולטור דורך פאַרניכטן אַפילו דעם פּירקאַנטיקן יידישן אות אין די דרוי־קערייען. דאָס איז אייגנטלעך געווען די טראַגישסטע תקופה פאַרן סאָוויעטישן יידנטום. דעמאָלט האָט שוין עקזיסטירט מדינת יש־ראל; טאָ פאַרוואָס איז דעמאָלט געווען אַזוי שאַ־שטיל? יאָ, דאָס זענען געווען די יאָרן 1948—1953, ווען עס האָבן נאָך געהאַט אָנגעהאַלטן גוטע באַציאונגען צווישן ישראל און ראַטנפאַרבאַנד.

אָט די דאָזיקע גוטע באַציאונגען האָבן עס פֿאַרמאַכט דאָס מויל פֿון די פֿירער פֿון דער מדינה און פֿון דער ציוניסטישער באַוועגונג.

דער פֿאַרגלייך מיט די צוויי אויבנדערמאָנטע תקופות וואַרפֿט אַ געוויסע שיין אויף די מאָטיוון פֿון דער היינטיקער ברייט־צע־צווייגטער פּראָטעסט־אַקציע לטובת דעם סאָוויעטישן יידנטום. איז עס דען צופֿעליק, וואָס זי פֿאַלט זיך צונויף מיט די פֿאַרשאַרפֿטע פּאָליטישע באַציאונגען צווישן ישראל און דעם ראַטנפֿאַרבאַנד און מיט דער איצטיקער פּאָליטישער ליניע פֿון דער ישראל־רעגי־רונג ?...

ס׳איז באַקאַנט אונדזער פּרינציפּיעלע קעגנערשאַפֿט צו דער סאָוויעטישער דיקטאַטור; מיר האָבן זי קיינמאָל נישט פֿאַרבאַ־האַלטן און נישט אָוועקגעלייגט אין שופֿלאַד צוליב וואָסערע עס איז כלומרשט פּראַקטישע, רעאַל־פּאָליטישע טעמים.

פֿונדעסטוועגן טאָר מען נישט פֿאַרזען, אַז די היינטיקע לאַגע פֿון די סאָוויעטישע יידן איז אומפֿאַרגלייכלעך לייכטער און בעסער, ווי אין די פֿריערדיקע סטאַלינישע צייטן. סיי איז היינט לייכטער די אַלגעמיינע פּאָליטישע אַטמאָספֿער אינעם ראַטנפֿאַרבאַנד סיי איז אויך לייכטער אינעם דאָרטיקן יידישן לעבן. ווער האָט דען געקאָנט אין די סטאַלינישע צייטן זיך פֿאָרשטעלן, אַז אַזאַ סאָל־זשעניצין און זיינע ענלעכע זאָלן זיך נאָך אַרומדרייען אויף דער פֿריי און אַז יידן זאָלן וואַגן עפֿנטלעך צו פֿאַרלאַנגען דאָס רעכט אַרויסצופֿאָרן קיין ישראל ?! אויך איז אַ ביסל לייכטער אינעם יידישן קולטור־לעבן; ווי עס זאָל נישט זיין, דערשיינט אַ יידישער חודש־זשורנאַל, און עס קומען פֿאָר יידישע טעאַטער־פֿאָרשטע־לונגען און קאָנצערטן א.א.וו.

אמת, עס איז נאָך גאַנץ אָך־און וויי צום היינטיקן מצב — ווען מען פֿאַרגלייכט אים מיט דעם מצב פֿון נאַציאָנאַל־יידישן קולטור־לעבן אין ראַטנפֿאַרבאַנד ביז אין די דרייסיקער יאָרן. דאָך טאָר מען נישט פֿאַרזען, אַז עפּעס האָט פֿאָרט זיך אַ ריר געטאָן אין דער אייז־פֿאַרפֿרוירענער פֿעסטונג פֿון סאָוויעטישן רעזשים.

אונדזער קעגנערשאַפֿט צום סאָוויעטישן רעזשים האָט זיך אַלעמאָל געשטיצט און שטיצט זיך אויך היינט אויף צוויי גרונט־

יסודות. ערשטנס, — אונדזער אַלגעמיינע קעגנערשאַפט צום סיס־טעם פון טאָטאַליטאַרער דיקטאַטור, ווו עס ווערט דערשטיקט די פרייהייט פון די בירגער, ווו עס עקזיסטירט נישט קיין פרייהייט פון וואָרט, פון פרעסע, פון קריטיק פון אָרגאַניזאַציע; ווו עס הערשט בלויז איין פּאַרטיי און איין מיינונג. צווייטנס, — אונדזער קעגנערשאַפט צו דער שאָוויניסטישער רוסיפיקאַציע־פּאָליטיק פון דער סאָוויעטישער רעגירונג, וועלכע האָט באַזונדערס לגבי די יידן אָנגענומען די ברוטאַלע פאָרם פון צוואַנגס־אַסימילאַציע, פון וועלן ליקווידירן מיט כוח דעם אייגנאַרטיקן נאַציאָנאַל־קולטורעלן יידישן לעבנס־שטייגער.

אוודאי קאָן מען צוגעבן נאָך פונקטן צו אונדזער קעגנער־שאַפט, ווי די אימפּעריאַליסטישע אויסערן־פּאָליטיק און דאָס פאַר־דעקן דעם רעזשים מיטן מאַנטל פון כלומרשטן סאָציאַליזם, א.א.וו. צום סיסטעם פון אומפרייהייט געהערט אויך אָן ספק דאָס פאַר־מאַכן די גרענעצן פאַר די, וואָס ווילן פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

אונדזער קאַמף קעגן דער סאָוויעטישער דיקטאַטור איז דערי־בער אין דער ערשטער ריי אַ קאַמף פאַר ענדערן דעם רעזשים, פאַר געבן פרייהייט אַלע בירגער אין ראַטנפאַרבאַנד און אויך פרייהייט די יידן אויסצולעבן זיך אין זייער שפּראַך, קולטור און נאַציאָנאַלן שטייגער. דער קאַמף פאַר פרייהייט איז, פאַרשטייט זיך, אויך כולל דעם קאַמף פאַר אָפענע טויערן, פאַר פרייהייט פון עמיגראַציע.

אין דעם גייסט האָבן מיר אויך דורכגעפירט אונדזער פּראָ־טעסט־פאַרזאַמלונג קעגן דעם לענינגראַדער משפט; סיי קעגן די שווערע שטראָפן, סיי קעגן דעם עצם־סיסטעם פון פאַרבאָטן עמי־גראַציע, וואָס דאָס איז דאָך געווען די הויפּט־סיבה, — אויב מען זאָל אַפילו אָננעמען פאַר ריכטיק די טענה פון דער פּראָקוראָטור, — פון וועלן פאַרכאַפּן אַן עראָפּלאַן מיט דער כוונה צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד.

פון דעם אַלעם געזאָגטן איז קלאָר, אַז הגם מיר זענען תמיד גרייט צו שטיצן יעטוועדע פּאָליטישע אַקציע לטובת די סאָוויע־טישע יידן — האָבן מיר אַ ריי פאַרבאַהאַלטן צו דער איצטיקער

אַקציע, וועלכע ווערט אַנגעפּירט פון דער ישראל־רעגירונג און דער ציוניסטישער באַוועגונג. די פאַרבאַהאַלטן זענען פון צוויי־איקן כאַראַקטער: ערשטנס — בנוגע דעם הויפּט־לאָזונג אונטער וועלכן די אַקציע ווערט געפירט; דער לאָזונג „שלח את עמי״. מיר האַלטן אים פאַר אַ פאַלשן און שעדלעכן לאָזונג, מחמת ער איז געבויט אויף דער הנחה, אַז די יידן זענען אומעטום אַ „פרעמד פאָלק״, אַ פרעמדער עלעמענט און אַז זייער איינציק היימלאַנד איז מדינת ישראל.

ס׳איז אַ לאָזונג וועלכער ברענגט נישט קיין נוצן, נאָר שווערן שאָדן די סאָוויעטישע יידן. מיר האַלטן פאַר שעדלעך די בולטע טענדענץ איינצורעדן די סאָוויעטישע יידן, אַז זיי פאַרמאָגן נישט מער קיין שום נאַציאָנאַל־קולטורעלע צי רעליגיעזע פאָדערונגען צו דער סאָוויעטישער רעגירונג, און אַז זייער איינציקער פאַרלאַנג איז צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד און „אומצוקערן״ זיך צו זייער היס־טאָריש „היימלאַנד״ — מדינת ישראל.

אוודאי זענען אין ראַטנפאַרבאַנד פאַראַן יידן, וואָס ווילן פאָרן קיין ישראל — און זיכער דאַרף מען זיי דאָס דערלויבן — אָבער צו פאַרבינדן די דאָזיקע פאָדערונג מיט דעם לאָזונג „שלח את עמי״, אַט ווי משה רבינו האָט עס געהאַט פאַרלאַנגט פון פרעהן, „לאָז אַרויס מיין פאָלק״ איז נאָר עלול צו שעדיקן דעם נאַציאָ־נאַלן גוראַנגל און די אינטערעסן פון דעם העכער 3־מיליאָניקן סאָוויעטיש־יידישן ישוב. אַזאַ לאָזונג שפּילט נאָר אַריין אין די הענט פון די אַנטיסעמיטן, וועלכע ווילן טאַקע זען אין די יידן אַ פרעמדן עלעמענט.

דער לאָזונג איז אויך שעדלעך פאַר די יידן אין אַלע אַנדערע לענדער. די דעמאָנסטראַציעס איבער די גאַסן פון ניו־יאָרק, לאָנ־דאָן, צי פּאַריז, מיט די טראַנספּאַרענטן און לאָזונגען פון „שלח את עמי״, „לאָז אַרויס מיין פאָלק״ — מוזן אויך ביי די דאָרטיקע איינוווינער אַריינפלאַנצן דעם געדאַנק, אַז די יידן זענען טאַקע אַ פרעמד פאָלק און אַז זייער פאַקטיש פאָטערלאַנד איז מדינת־ישראל. די דאָזיקע דעמאָנסטראַציעס פאַרמאָגן אגב אַ שפּאָרע דאָזע פון צביעות, מחמת קיינער שטערט נישט די אַלע „שלח את

עמי־ניקעס" פון אַמעריקע, ענגלאַנד צי פראַנקרייך עולה צו זיין קיין ישראל... וואַרשיינלעך איז עס זיי באַקוועמער צו זיצן אויפן גלותדיקן „סיר הבשר" און פון דאָרטן צו שיסן זייערע פיילן קעגן רוסלאַנד.

דער לאָזונג „שלח את עמי" איז אויך שעדלעך אין שייכות מיט דעם ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. ער שטאַרקט די איבער־צייגונג ביי די אַראַבער, אַז מדינת ישראל איז אין איר מהות גע־בויט אויפן יסוד פון טעריטאָריאַלער אויסשפּרייטונג סיי צוליב איר טענה, אַז די יידן האָבן היסטאָרישע רעכט צו ארץ־ישראל, סיי צוליב דעם, וואָס זי באַטראַכט זיך ווי דאָס היימלאַנד פאַר אַלע יידן פון דער וועלט.

אויסער דעם לאָזונג „שלח את עמי" מוז מען אויך האָבן פאַר־באַהאַלטן לגבי דעם אופן און פאַרנעם פון דער אַקציע, וועלכע נעמט צו מאָל אָן די פאָרם פון היסטעריע.

הגם פאָרמעל שטיצן נישט די אָרגאַניזאַטאָרן פון דער אַקציע די טעראָר־אַקטן, וועלכע ווערן פּראַקטיצירט קעגן די סאָוויעטישע אינסטיטוציעס, קעגן אויפטריטן פון סאָוויעטישע קינסטלער א.א.וו. איז אָבער אָן ספק, אַז די דאָזיקע אַוואַנטוריסטישע „העלדן"־אַקטן זענען אַ פּועל־יוצא פון דער היסטערישער אַטמאָספער, וועלכע ווערט געשאַפן קעגן ראַטנפאַרבאַנד.

די לאַגע פון די 3 מיליאָן יידן אין סאָוויעטנפאַרבאַנד וועט מען מיט אַזאַ אַקציע נישט פאַרבעסערן; אין בעסטן פאַל יועט מען אַרויספרעסן פון די סאָוויעטישע פירער זיי זאָלן אַרויסלאָזן נאָך אַ פּאָר הונדערט צי אַ פּאָר טויזנט יידן. אגב ווערט אויך הייגט דערלויבט אַ שטילע, באַגרענעצטע עמיגראַציע פון יידן קיין ישראל.

דער פאַרנעם און אופן פון דער אַקציע, וועלכע שטייגט איבער יעטוועדע פּראָפּאָרץ מוז דעריבער דערוועקן אַ חשד, אַז איר ציל איז אַ פיל ברייטערער; נעמלעך, דורך שאַפן אַ היסטעריש־פאַר־סמטע אַטמאָספער, כדי נישט צו דערלאָזן צו דער „דראָענדיקער" סאָוויעטיש־אַמעריקאַנישער פאַרשטענדיקונג אַרום די ענינים פון ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט. קעגן דער דאָזיקער „געפאַר" טרעט

די ישראל־רעגירונג אַרויס מיט פֿאַרשידענע מיטלען און אופֿנים זינט דעם זעקסטאָגיקן קריג.

אמת, די סאָוויעטן זענען ווערט דעם שטעקן; מיט דעם לע־נינגראַדער פּראָצעס און מיט דער אַנטיציוניסטישער היסטעריע מיט וועלכער זיי האָבן געוואָלט פֿאַרדעקן זייער אַנטי־יידישע פּאָ־ליטיק האָבן די סאָוויעטישע פֿירער אַליין אַריינגעשפּילט אין די הענט פֿון די ציוניסטישע פֿירער פֿון דער מדינה און פֿון דער וועלט.

דער גורל פֿון די 3 מיליאָן סאָוויעטישע יידן און אויך דער גורל פֿון ישראל־אַראַבישן שלום זענען אָבער צו וויכטיקע און צו ערנסטע ענינים, אַז מען זאָל זיך מעגן דערלויבן אויף אומפֿאַר־אַנטוואָרטלעכע קאָמפּאַניעס.

ביי אונדזער גאַנצער קעגנערשאַפֿט צום סאָוויעטישן רעזשים — טאָר מען נישט פֿאַרגעסן, אַז סיי אין די אינטערעסן פֿון די סאָוויעטישע יידן, סיי אין די אינטערעסן פֿון ישראל־אַראַבישן שלום איז, אַז עס זאָלן נישט פֿאַרשאַרפֿט ווערן די סאָוויעטיש־אַמעריקאַנישע באַציאונגען, נאָר פֿאַרקערט, אַז עס זאָל דערגיין צו אַ מילדערונג אין די באַציאונגען צווישן די גרויסמאַכטן. נאָר אין די ראַמען פֿון אַ געמילדעטער אינטערנאַציאָנאַלער אַטמאָספֿער קאָן מען דערוואַרטן סיי ליבעראַלערע ענדערונגען אינעם לעבן פֿון ראַטנפֿאַרבאַנד בכלל און אויך לגבי די דאָרטיקע יידן.

אוודאי קאָן מען נישט און מען דאַרף נישט אָפּזאָגן זיך פֿונעם פּאָליטישן קאַמף קעגן דער סאָוויעטישער דיקטאַטור, אָבער ווי זאָגט ריכטיק א. שווייצער אין „הארץ" פֿון 28־טן דעצעמבער 1970, אַז „דער ציל פֿון קאַמף איז צו דערגרייכן גערעכטיקייט אָבער נישט קיין אייביקן חרם", און זיכער ליגט עס נישט אין די אינ־טערעסן פֿון מדינת ישראל צו „פֿאַרצוימען דעם וועג", וואָס קאָן פֿירן צו באַנייען די פֿרידלעכע באַציאונגען צווישן ביידע לענדער.

„בונד"
און
ציוניזם

דער קריזיס פון עליה און די ישראל־מדינה *

אָן עליה

דאָס אָפּשטעלן זיך פון דער עליה איז איינער פון די הויפּט־סימנים פונעם קריזיס, וועלכן עס לעבט אַדורך די ציוניסטישע באַוועגונג. אַפילו די ציוניסטישע פירער, וועלכע זענען נישט מסכים מיט בן־גוריונס שטעלונג, אַז ציוניזם איז פאַרבונדן מיט פּערזענלעכער התחייבות צו עליה, לעבן אויך איבער פיינלעך דעם צושטאַנד, וואָס די יידן און אַפילו ציוניסטן, האָבן נישט קיין חשק צו קומען באַזעצן זיך אין ישראל; וואָסער איראָניע פון גורל — אַט שטייען אויפגעפּראַלט די טויערן פון דער מדינה, מען דאַרף נישט קיין סערטיפיקאַטן, מען דאַרף נישט „אומלעגאַל שפּאַלטן די ימים״, ווער עס וויל קאָן קומען — און עס זענען נישטאָ קיין בעלנים, עס האָט אויסגעטרוקנט זיך דער שטראָם פון עליה.

און נישט נאָר פון די רייכע, פרייע דעמאָקראַטישע לענדער קומען נישט קיין יידן — עס קומט אָן מיט קריעת ים סוף איידער מען דערמונטערט אַ ביסל יידן פון פּערסיע, פון מאַראָקאָ, טוניס, אַלזשיר, אַז זיי זאָלן וועלן פאָרן קיין ישראל; און וואָס נאָך טראַגישער — אַפילו פון די שכנישע אַראַבישע לענדער, ווי מצרים, סיריע, איראַק, ווילן די יידן נישט עולה זיין...

נישטאָ קיין עליה; אַנשטאָט דעם וואַקסט די טענדענץ צו עמי־גראַציע, צום אַרויספאָרן פון לאַנד. אויב מיט העכער אַ יאָר צוריק האָט די סוכנות־לייטונג געמוזט אָנגעמען מיטלען אויף צו באַ־גרענעצן, צו „סעלעקציאָנירן״ די קוואַליע פון עליה — איז זי היינט געצוווּנגען צו טראַכטן וועגן פאַרהאַמעווען די קוואַליע פון

---

* „לעבנס־פראַגן״, מערץ־אַפּריל 1954.

„ירידה". עס זענען אָפּגעשאַפט געוואָרן כמעט אַלע סעלעקציעס לגבי דער עליה — אַבי קומט! און מען קומט נישט.

די טראַגעדיע פון ציוניזם

דאָס אָפּשטעלן זיך פון דער עליה איז נישט סתם קיין קריזיס, נאָר אַ טראַגעדיע פון ציוניזם.

ווייל אָן עליה — הייסט דאָך עס, אַז די ישראל־מדינה פאַר־בלייבט אַ קליינער אַנדערטהאַלבן — אָדער אין בעסטן פאַל אין יאָרן אַרום אַ צוויי־מיליאָניקער יידישער ישוב; אַ ישוב מיט עפּעס מער ווי 12 פּראָצענט פון יידישן פאָלק. צי מוז זיך נישט אין דעם פאַל ביי פיל אויפריכטיקע ציוניסטן שטעלן די ביטערע פראַגע: צי האָבן געלוינט די אַלע קרבנות, אַז אין רעזולטאַט פון דעם אַלעם זאָל האָבן געוואָרן אויפגעשטעלט אַ קליינינקע מדינהלע, וועלכע איז כסדר אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר פון אומקום מצד די אויסערלעכע פיינטלעכע אַראַבישע מדינות און איז עקאָ־נאָמיש געצווונגען, ווער ווייסט ווי לאַנג, צו לעבן פון אויס־שטרעקן די האַנט נאָך נדבות צו די... גליקלעכע יידן, וואָס וווינען אין די רייכע גלות־לענדער?! אָן עליה — איז דאָך אויס מיט דער גאַנצער אידעע פון ציוניזם, וועלכע איז געבויט דערויף, אַז די ישראל־מדינה איז דאָס לאַנד פון אַלגעמיינער גאולה פאַרן יידישן פאָלק, איז די איינציקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע.

אָן עליה הייסט דאָך — אַז דאָס יידישע פאָלק בלייבט ווײ־טער צעשפּרייט איבער אַלע עקן פון דער וועלט, אַ וועלט־פאָלק.

אין אונדזער אידעאישן שטרייט מיטן ציוניזם פלעגן מיר אָנ־ווייזן אויף צוויי עיקרדיקע אַרגומענטן: 1) די ישראל־מדינה איז נישט ביכולת אַריינצונעמען דעם רוב פון יידישן פאָלק און 2) דער רוב פון יידישן פאָלק וועט נישט וועלן זיך באַזעצן אין ישראל.

אויף דעם ערשטן אַרגומענט פלעגן די ציוניסטן, די, וואָס וואַרפן אָפּ דעם „אויסוועג" פון טעריטאָריאַלער עקספּאַנסיע, אונדז ענטפערן מיט אַנווייזן, אַז דאָס לאַנד איז נאָך ליידיק, אַז עס שטייט נאָך אָפן פאַר אַנטוויקלונג דער ריזיקער שטח פון נגב, אַז מען דאַרף נאָר האָבן גענוג קאַפּיטאַלן און חלוצישע אַרבעטס־הענט און אַז אויב מען זאָל פּראָדוקטיוו אויסנוצן דעם גאַנצן באַ־

דן — קאָן נאָך זיין אָרט פאַר מיליאָנען, פאַר צוויי, דריי און אפשר מער מיליאָנען יידן.

נישט געקוקט אויף זיין גאַנצער פאַנטאַסטישקייט — וויפל קאַפּיטאַלן, און וויפל צייט דאַרף מען האָבן, כדי צו אַנטוויקלען ביז צו אַזאַ מדרגה די אַלע מדבר־געביטן ? ! פאַרמאָגט אָבער דער דאָזיקער ענטפער לאָגיק און פאַרנונפט, באַזונדערס אין אָנבליק פון דער אומגעהויערער אַנטוויקלונג פון דער מאָדערנער טעכניק. און ער איז אויך סימפּאַטיש דער ענטפער, ווייל ער רעדט וועגן אַנטוויקלען, וועגן פּרוכטבאַר מאַכן וויסטע מדבר־שטחים.

אָבער וואָס קאָנען די ציוניסטן אַנטקעגנשטעלן דעם צווייטן אַרגומענט, אַט דעם בפירושן מאַנגל פון חשק ביי די יידן צו קומען קיין ישראל ? ווי זעט עס אויס אין ליכט פון עליה־קריזיס די אַזוי באַזונגענע ציוניסטיש־משיחישע בענקשאַפט פון יידישן פאָלק קיין ציון, קאָן מען דאָך היינט נישט פאַרוואַרפן, אַז דאָס האָט די אַנטי־ציוניסטישע אָדער די בונדישע אַגיטאַציע משפּיע געווען די אַמעריקאַנישע אָדער די עגיפּטישע יידן...

בן־גוריונס לאָזונג, אַז ציוניזם מוז זיין באַהויכט מיט דער פּערזענלעכער שליחות פון עליה איז אַ פאַרצווייפלטער פּרווו אויפצוועקן ביי די ציוניסטן גופא דעם ציוניסטישן געוויסן און אַזוי אַרום צו דערמונטערן אַ נייעם עליה־שטראָם. עס איז אָבער אַ פּרווו, וואָס איז פאַרמשפּט אויף אַ דורכפאַל.

דער גלות בלייבט...

אין דער ציוניסטישער באַוועגונג געווינט מען זיך אַלץ מער־רער צו צום געדאַנק, אַז דער גלות בלייבט אויף לאַנגע יאָרן און אַז זייט ביי זייט וועלן מוזן בלייבן עקזיסטירן ביידע, סיי די מדינת ישראל סיי דאָס גלות־יידנטום.

אויפן באָדן פון דער דאָזיקער פאַקטן־דערקענטעניש איז ביי די ציוניסטישע פירער אַנטשטאַנען אַ בלבול־המוחות ; פון איין זייט קלאַמערט מען זיך ביים טראַדיציאָנעלן ציוניסטישן געדאַנק, אַז דאָס יידישע לעבן קאָן נישט האָבן קיין קיום אין גלות, און אַז עס איז אַ שאָד די ענערגיע און דאָס געלט וואָס מען גיט אויס

אויף אויפצוהאַלטן עס. פון דער אַנדערער זייט מאַטערט אָבער דער באַוווסטזיין, אַז אויב דאָס יידישע לעבן אין גלות וועט אונטער־גיין — וועט דערמיט אויסגעטריקנט און פאַרדאַרט ווערן דער שורש פון וואַנען די ישראל־מדינה שעפּט איר מאַטעריעלע און אויך איר ביאָלאָגישע יניקה. און דער דאָזיקער באַוווסטזיין וואַרפט אַן דעם געדאַנק: אויב דאָס יידישע פאָלק וויל נישט פאָרן קיין ישראל — מוז מען זען כאָטש אויפצוהאַלטן דאָס יידישע לעבן קעגן דער געפאַר פון פולער נאַציאָנאַלער אַסימילאַציע.

פון דאָזיקן אידעאישן ויתרוצצו — פון איין זייט וויל מען אַלץ פאַר ישראל פון דער אַנדערער זייט מוז מען אויפהאַלטן דאָס גלות־יידנטום — האָט די ציוניסטישע באַוועגונג געפונען אַן אויס־וועג" — אין פאַרשפּרייטן עברית און פּראָפּאַגירן חלוציזם צווישן גלות־יידנטום.

„דער גלות וועט נאָך עקזיסטירן אַ לאַנגע צייט — האָט דער־קלערט בערל לאָקער אויף דער לעצטער סעסיע פון ציוניסטישן אַקציאָנס־קאָמיטעט — און עס איז אונדזער אויפגאַבע צו זען, אַז ער זאָל טראָגן אַ ציוניסטישן כאַראַקטער".

פאַר דער ציוניסטישער באַוועגונג איז דאָס אויפהאַלטן דעם קיום פון יידישן פאָלק וויכטיק נאָר אויף אַזוי פיל אויף וויפל דאָס ברענגט נוצן דער ישראל־מדינה, אויף וויפל דאָס דינט דער ישראל־מדינה. אויב די יידן ווילן נישט פאָרן קיין ישראל — דאַן זאָלן זיי העלפן ישראל מאַטעריעל און זאָלן זיי דערציען זייערע קינדער צו עליה קיין ישראל. מחוץ ישראל — איצט צי אין דער צוקונפט — זעט נישט דער ציוניזם קיין שום זין און קיין שום צוועק אינעם קיום פון יידישן פאָלק.

„חינוך עברי און תנועה חלוצית"

סיי בן־גוריון, סיי דער ציוניסטישער אַקציאָנס־קאָמיטעט האָבן אין די צוויי אויפגאַבן — „חינוך עברי און תנועה חלוצית — געזען דאָס איינציקע מיטל, וואָס קאָן שאַפן אַ באָדן פאַר אַ צוקונפטיקער נייער עליה־באַוועגונג קיין ישראל. צוויי אויפגאַבן, וועלכע זענען סיי נישט רעאַל, סיי שעדלעך.

וואָס שייך דעם חלוציזם — איז עס געווען דער אָפּטימיסטי־שער ווונטש פון ד״ר נחום גאָלדמאַן אויף דער זיצונג פון אַקצי־אָנס־קאָמיטעט, אַז עס זאָל קומען יערלעך קיין ישראל 20 טויזנט יידן פון אַמעריקע. און אליהו דאָבקין, פירער פון אָרגאַניזאַציע־דעפּאַרטאַמענט פון סוכנות האָט דערקלערט, אַז צען טויזנט יידן אַ יאָר פון אַמעריקע וואָלט געווען אַן איבערקערעניש לגבי די — 130, וואָס זענען געקומען פאַראַיאָרן.

און ווען אַפילו 20 טויזנט יידן פון העכער 5־מיליאָניקן יידישן ישוב, וועמענס יערלעכער נאַטירלעכער צוווּקס שטייגט ווייט אי־בער די דאָזיקע ציפער — איז ווען וועט עס אויפגעלייזט ווערן דער יידישער גלות דורך עליה קיין ישראל? און ווי וועט עס אויסזען דער טעמפּ פון באַפעלקערונג־וווּקס פון דער ישראל־מדינה?

איז עס נישט אַ בריק פון פּאַפּיר, וואָס מען וויל פאַרשטעלן ווי אַ בריק פון אייזן?

וואָס שייך דעם „חינוך עברי״ איז שוין נישט איינמאָל אָנגע־וויזן געוואָרן — און די מער פאַרנונפטיקע און אויפריכטיקע ציו־ניסטן גיבן זיך אָפּ אַ רעכענונג דערפון — אַז מיט דעם וועט דער ציוניזם נישט נאָר נישט אויפשטעלן קיין בייע דאַמבע קעגן אַסי־מילאַציע, נאָר ער צעברעכט דערמיט די אַלטע דאַמבע, וואָס עק־זיסטירט שוין, די דאַמבע פון יידיש. ווייל ווער גלויבט עס דען ערנסט, אַז עברית וועט ווערן אַ פאָלקס־אומגאַנגס־שפּראַך און וועט פאַרנעמען דאָס אָרט פון יידיש אין גלות? מיט דעם „חינוך עברי״ צעברעכט מען נאָר די יידיש־דאַמבע און מען העלפט צו עפענען טיר און טויער פאַר דעם אַלגעמיינעם אַסימילאַציע־שטראָם, וואָס וועט אין לעצטן סך־הכל פירן נישט צו אַ פאַרגרע־סערונג, נאָר צו אַן איינשרומפּונג פונעם אינטערעס צו ישראל ביי דעם אויפוואַקסנדיקן אַמעריקאַנער יידישן דור. נישט די „תנועה חלוצית״ וועט דערפון וואַקסן נאָר די אַלגעמיינע אָפּגעפרעמד־טקייט פון יידישן פאָלק.

עליה, ווי דער רעאַליזאַציע־פּראָצעס פון קיבוץ גלויות, ווי דער פאַרווירקלעכונגס־וועג פון ציוניזם — האָט געליטן אַן אומ־

פאַרמיידלעכע מפלה. דאָס קלאָמערן זיך ווייטער אין דער דאָזיקער אידעע מוז פירן צו געפערלעכע, עקסטרעמיסטישע געדאַנקען ווי די פון אַ ד"ר שרון, וועלכער איז גרייט צו פאַרשפרייטן אַנטיסע־מיטיזם צווישן די פעלקער, כדי אַזוי אַרום צו צווינגען די יידן צו קומען קיין ישראל אָדער ווי די פון די חירות־לייט, וועלכע ברע־נען פון אומגעדולד כדי צו באַזייטיקן „איינמאָל פאַר אַלעמאָל" די געפאַר פון די אַראַבער דורך „צוריק דעראָבערן די היסטאָרישע גרענעצן". דער דורכפאַל פון עליה נערט דעם באָדן פאַר די אַלע עקסטרעמיסטישע שטימונגען, וועלכע טראָגן אין זיך אומבאַ־רעכנטע סכנות פאַרן יידישן פאָלק און פאַר דער ישראל־מדינה.

דער מלוכהשער אַספעקט פון עליה

דאָס פּראָבלעם פון עליה קיין ישראל האָט אָבער אויך אַן אַנ־דערן אַן אומאָפּהענגיקן פון ציוניזם ריין־מלוכהשן אַספעקט. אָפּט־מאָל קומט אויס צו הערן:

„נו גוט, לאָמיר אָננעמען, אַז דער ציוניזם, ווי אַן אידעאָ־לאָגיע האָט באַנקראָטירט, אַז די ישראל־מדינה וועט טאָקע נישט לייזן די יידן־פראַגע, אָבער די ישראל־מדינה ווי אַ מדינה — זי עקזיסטירט און קיינער איז נישט פאַראינטערעסירט, אַז זי זאָל אויפהערן צו עקזיסטירן. איז צי קאָנען מיר זיין פאַראינטערע־סירט, אַז עס זאָל אָפּגעשטעלט ווערן די עליה, די אימיגראַציע קיין ישראל? איז עס נישט קיין געזונטער אינסטינקט פון יעדער מלוכה צו וועלן זען, אַז די באַפעלקערונג אירע זאָל וואַקסן; און באַזונדערס מיר, ווי אַ יידישע מדינה?

צו דעם קומט נאָך צו דער זיכערהייטס־מאָמענט: צי וועלן מיר ווי אַ קליין מלוכהלע אויסהאַלטן דעם דרוק פון די פיינטלעכע אַראַבישע שכנים? צי איז נישט ריכטיק דער געדאַנק, אַז וואָס מער מענטשן מיר וועלן האָבן, אַלץ שטאַרקער וועט זיין אונדזער פאַרטיידיקונגס־קראַפט?

דאָס זענען ערנסטע פראָבלעמען. עס איז אָן שום צווייפל, אַז אַ כסדרדיקער וווקס פון דער באַפעלקערונג ליגט אין די לעבנס־

אינטערעסן פון דער מדינה און פון ישוב. אויב מיר וואַרפן אָפּ די ציוניסטישע חלומות, וואָס מען פאַרבינדט מיט דער עליה — האָבן מיר אָבער קיינמאָל נישט נעגירט די נוצלעכקייט און נויטווענדיקייט פון אַ פרייען צושטראָם פון יידן אין לאַנד אַריין.

אָבער גראָד די ציוניסטישע עליה־פּאָליטיק האָט עס דערפֿירט צום קאַטאַסטראָפאַלן אָפּשטעלן זיך פון עליה. און געשעען איז עס דערפאַר, סיי ווייל די צילן אירע זענען געווען אוטאָפּיש, סיי ווייל די מיטלען זענען געווען שעדלעך.

די ציוניסטישע באַוועגונג האָט געצילט — בקפיצת הדרך — צו פאַרווירקלעכן די גאולה פון יידישן פאָלק און זי האָט דעריבער זיך געזעען באַרעכטיקט אָנצונעמען אַלע מיטלען — סיי צוואַנג, סיי דעמאַגאָגיע — כדי אַראָפּצוברענגען אין דער קורצסטער צייט וואָס מער יידן. מען האָט זיך אויסגעחוזקט פון די פיזישע און עקאָנאָמישע געזעצן פון אויפנאַם־פעאיקייט פון לאַנד. מען האָט די צעבראָכענע פון דער מלחמה יידן צוגעזאָגט גאָלדענע גליקן; מיט פאַלשע משיח־שופרות האָט מען אויסגעלייזט „גאַנצע גלותן", ווי תימן, איראַק און אַנדערע. מען האָט די יידן פון די פאָלקס־דעמאָקראַטישע לענדער געשטעלט פאַר דער ברירה: אָדער בלייבן דאָרט אָדער קומען קיין ישראל א. א. וו.

די דאָזיקע עליה־פּאָליטיק האָט געברענגט אומגעהויערן שאָדן דער מדינה. זי האָט דערפירט דאָס לאַנד צו אַ ווירטשאַפטלעכן כאַאָס, צו דאַכלאָזיקייט און צו אַרבעטסלאָזיקייט, צו אַנטוישונגען און פאַרביטערונג און דערמיט האָט מען אויך אָפּגענומען דעם חשק ביי די יידן פון דער וועלט צו קומען אין לאַנד אַריין.

און עס איז אַ שאָד יעטוועדע אילוזיע: כל זמן דער דאָזיקער צושטאַנד וועט נישט באַזייטיקט ווערן, כל זמן צענדליקער טויזנט משפחות וועלן זיך וואַלגערן אין די מעברות און אַרבעטסלאָזע וועלן דעמאָנסטרירן צוליב אַ טאָג־אַרבעט וועט קיין שום ציוניסטישע עליה־פּראָפּאַגאַנדע נישט העלפן. נאָך מער, עס איז פשוט אַ פאַרברעכן אַהערצוברענגען נייע טראַנספּאָרטן מענטשן — נייע קאַנדידאַטן אויף דאַך־ און אַרבעטסלאָזיקייט.

עליה און ציוניזם

נישט ציוניסטישע פראפאגאנדע — נאר דאס שאפן מענטש־לעכע מאטעריעלע און גייסטיק־קולטורעלע באדינגונגען קאן צו־ציען אהער יידן. נישט יעדער ייד, וואס וויל קומען קיין ישראל מוז עס גלויבן, אז די ישראל־מדינה איז די איינציקע היים פארן גאנצן יידישן פאלק; ער מוז אבער פילן, אז די ישראל־מדינה איז א היים פאר די יידן, וואס לעבן דא. און וואס מער ישראל וועט ווערן א היים פאר אירע יידן, אלץ מערער יידן וועלן באקומען חשק אהערצוקומען.

ליידער, איז די ישראל־מדינה נישט געווארן קיין היים פאר אירע בירגער. וואסער היים איז דאס, ווען איין ברודער לעבט אין שווילטאג און דער צווייטער שלינגט דאס שפייעכץ, קוקנדיק אין די רייכע שוי־פענצטער; ווען איין ברודער לעבט אין פאלאצן און דער צווייטער אין א לייוונטן געצעלט? איז דאך שוין כמעט קיין זכר נישט געבליבן פון די שיינע חלוצישע אידעען פון סאציאלער גלייכהייט!

און צי קאן דער אייז־קאלטער ביוראקראטיזם, וואס האט זיך דא איינגעווארצלט אזוי שנעל — זיין א צוציאונגס־קראפט פאר די יידן? און צי קאן נישט אפשטויסן א סך יידן דער מאנגל פון טאלעראנץ, סיי פאליטישע, סיי רעליגיעזע, וואס האט זיך איינ־געשטעלט אין דער מדינה? און דאס פראבלעם פון שפראך?

צי קאן דאס באמת צוגעבן חשק יידן אהערצוקומען ווען מען ווייסט, אז מען וועט דא מוזן ווידער ווערן א חדר־יינגל און אריינ־קנעלן דעם גארנישט־לייכטן עברית? אז אן דעם עברית ביסטו פארמשפט דא צו ווערן האלב־טויב און האלב־שטום?! — און וויפל מענטשן האט עס אפגעשטויסן פון צו קומען אהער — אט די חרפהדיקע באציאונג צו יידיש, דאס באטראכטן יידיש ווי א פרעמדע שפראך, און דער אנטיסעמיטישער האס, וואס ווערט דא ארויסגעוויזן צו יידיש? צי קאן באמת א יידיש־רעדנדיקער ייד פילן זיך דא פולשטענדיק ווי ביי זיך אין דער היים?!

דעריבער זאגן מיר, זאל די ישראל־מדינה ווערן א היים פאר אירע אנדערטהאלבן מיליאן בירגער, וועט זי במילא — אויך אן

דער ציוניסטישער פראפאגאנדע — ווערן א צוציאונגס־כוח פאר די יידן פון דער וועלט.

אן אילוזיעס

אמת, אויך דאן איז נישט צו האפן, אז עס וועלן אהערשטרא־מען מיליאנען יידן און אז די ישראל־מדינה וועט ווערן א גרויסע פיל־מיליאניקע מדינה. נישט די ישראל־מדינה וועט זיין, ווען עס איז ביכולת אריינצונעמען דעם רוב פון יידישן פאלק און נישט אלע יידן וועלן עס האבן חשק און פילן די נויטיקייט צו לעבן אין אן אייגענער יידישער מדינה.

דערפאר האלטן מיר עס אויך פאר אומזיניק דאס וועלן בויען די זיכערקייט פון דער מדינה בלויז אויף איר מיליטערישער קראפט. אפילוביים גרעסטן אימיגראציע־שטראם איז עס פיזיש נישט מעגלעך אויסצוגלייכן די באפעלקערונגס־ציפערן צווישן דער ישראל־מדינה און די אראבישע פעלקער, און נאר אוואנטוריסטן קאנען לייגן האפענונגען אויף (איבערגייענדיקע) מיליטערישע נצחונות אדער אויף א (צייטווייליקן) מיליטערישן איבערוואג.

נישט געקוקט אויף אלע שוועריקייטן, וואס עס זענען פאראן בייצוקומען, מוז די ישראל־באפעלקערונג זיך אפגעבן א רעכענונג, אז זי קאן בויען איר זיכערקייט נאר אויף די צוויי זיילן: שלום מיט די אראבער און פארבינדונג מיט די מיליאנען יידן פון דער וועלט.

די ישראל־מדינה קאן נישט ברענגען די לייזונג פון דער יידן־פראגע; אבער דורך דעם, וואס זי וועט ווערן א היים פאר די אלע, וואס ווינען אין אירע גרענעצן; דורך איר ברידערלעכער באצי־אונג צו די יידן פון דער וועלט און צו זייערע קולטור־אוצרות — און במילא אויך צו יידיש, — דורך א קאנסעקווענטער, כאטש שווערער פאליטיק פון שלום לגבי די אראבישע שכנים — דורך דינען ווי א ביישפיל — קאן די ישראל־מדינה ווערן א צענטראלער וויכטיקער פאקטאר אינעם לעבן פון יידישן פאלק. דאס איז אויך דער איינציקער וועג, וואס קאן ברענגען א גרעסערן צושטראם פון יידן אין לאנד אריין.

בונדיזם אין מדינת ישראל*

נישט געקוקט דערויף, וואָס מדינת ישראל עקזיסטירט שוין קנאַפּע צען יאָר איז נאָך שווער צו זאָגן, אַז אין דער בונדישער באַוועגונג זאָל עקזיסטירן אַ פולשטענדיק אויסקריסטאַליזירטע באַציאונג צו דער מדינה, ווי אויך צו דער ראָל און די אויפגאַבן פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ישראל. געווירקט דערויף האָבן אַ רייע סיבות:

1. די אַנטשטייאונג פון דער מדינה איז געקומען אין קעגנזאַץ צו די פאָראויסזעאונגען און צו דער אידעאָלאָגישער איינשטעלונג פון „בונד". דער „בונד" האָט קיינמאָל נישט געשטרעבט צו אַ זעלבסטשטענדיקער יידישער מדינה. ער האָט אין ציוניסטישן גערעַנגל פאַר אַ מדינה געזען אַ רעאַקציאָנער נאַציאָנאַליסטישע אוטאָפּיע און אַ שעדלעכן פּרווו אָפּצוציען די יידישע מאַסן פון קאַמף פאַר זייערע נאַציאָנאַלע און סאָציאַלע רעכט אין זייערע וווין־לענדער. אַ סך בונדיסטן זעען דעריבער די ישראל־מדינה ווי אַ פּראָדוקט בלויז פון די ציוניסטישע שטרעבונגען, און די לעצטע לאָזן זיך נישט צונויפפּאָרן מיט דעם בונדישן בליק אויף דער יידן־פראַגע.

2. די ישראל־מדינה איז אַנטשטאַנען נאָך דעם שוידערלעכן חורבן, וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט איבערגעלעבט בעת דער היטלער־תקופה; דאָס אויסמאָרדן אַ דריטל פון אונדזער פאָלק האָט צעטרייסלט די פּסיכישע גלייכגעוויכט פון די יידישע מאַסן. ווי אַ רעאַקציע צום היטלערישן יידן־מאָרד — דורכגעפירט ביי דער כמעט פולער גלייכגילטיקייט פון דער וועלט — איז ביי די ברייטע יידישע מאַסן אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער גלויבן אין די הומאַניטאַרע אידעען פון דער מענטשהייט און עס זענען שטאַרק אויסגעוואַקסן די נאַציאָנאַליסטישע און ציוניסטישע שטימונגען.

* „אונזער צייט", 11—12, 1957.

3. מיטן אומברענגען דאָס פּוילישע יידנטום איז אויך אומגע־קומען דער באַוווּסטזיניקסטער און אַממערסטן אָרגאַניזירטער פּראָ־לעטאַרישער טייל פון יידישן פאָלק. אין רעזולטאַט פון חורבן האָט זיך דעריבער ראַדיקאַל געענדערט די סאָציאַל־פּאָליטישע סטרוק־טור פונעם פאָלק; ס׳איז פאַרגרעסערט געוואָרן די פּראָפּאָרץ פון די בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע עלעמענטן, וועלכע זענען לייכטער געגויגט צום נאַציאָנאַליזם, קלעריקאַליזם און ציוניזם.

אין די דאָזיקע אומשטענדן איז נישט קיין וווּנדער וואָס די אַנטשטייאונג פון דער ישראל־מדינה האָט אַרויסגערופן ביי די ברייטע יידישע מאַסן פון דער וועלט אַזאַ פאַרשיכורנדיקע פּסיכאָ־שטימונג, וועלכע האָט כמעט אוממעגלעך געמאַכט אַ זאַכלעכע באַ־טראַכטונג און אַ לאָגיש־באַרעכנטע באַציאונג צו דער ישראל־מדינה.

די ציוניסטישע באַוועגונג איז פאַראינטערעסירט כסדר אונטער־צוהאַלטן ביי די יידישע מאַסן די פּסיכאָ־שטימונג לגבי דער מדינה. דאָך איז שוין אַוועקגעגאַנגען אַ גענוגנדיקע צייט און די ישראל־מדינה האָט געגעבן שוין גענוג דערפאַרונג, אַז די בונדיסטן זאָלן קאָנען פאַרנעמען צו איר אַ זאַכלעכע און קלאָרע שטעלונג.

צי דאַרף מען אידענטיפיצירן מדינה מיט ציוניזם?

ס׳איז אָן ספק, אַז אָן דעם ציוניסטישן געראַנגל און אָן דער פּראַקטישער ציוניסטישער קאָלאָניזאַציע אין ארץ־ישראל וואָלט די ישראל־מדינה נישט געקאָנט אויפשטיין צום לעבן. אויב די יו־ען האָט אין 1947 אָנגענומען איר רעזאָלוציע וועגן אויפשטעלן אַ יידישע מדינה איז דאָס געשען פון איין זייט אין רעזולטאַט פון קאַמף, וואָס דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל האָט געפירט קעגן דער בריטישער מאַנדאַטן־מאַכט און פון דער צווייטער זייט אונ־טערן דרוק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פון דער וועלט, באַ־זונדערס פון אַמעריקע. ס׳איז אָבער אויך אָן ספק, אַז דאָס אַלץ וואָלט ווייניק משפּיע געווען אויפן פאַרבאַנד פון די פעלקער, ווען צו דעם וואָלטן נישט צוגעקומען נאָך אַנדערע צוויי מאָמענטן: דער געמיינזאַמער ציל פון אַמעריקע און רוסלאַנד, וואָס האָבן געשטרעבט — הגם צוליב קעגנזעצלעכע מאָטיוון, אַרויסצושטויסן

ענגלאַנד פון פּאַלעסטינע, ווי אויך דער ווילן פון די פעלקער צו געבן „קאָמפּענסאַציע" דעם יידישן פאָלק פאַר דער היטלערישער יידן־אויסראָטונג און פאַר דער גלייכגילטיקייט, וואָס זיי אַליין האָבן אַרויסגעוויזן צו דעם גרויזאַמען יידן־מאָרד.

ס'איז פאַרשטענדלעך, אַז די ציוניסטן האָבן אויפגענומען די אַנטשטייאונג פון דער ישראל־מדינה דורכן ציוניזם. זיי האָבן געזען אין דער מדינה די אתחלתא דגאולה, דעם אָנהויב־פּראָצעס פון רעאַליזירן די ציוניסטישע לייזונג פון דער יידן־פראַגע.

צוליב דער אידענטיפיקאַציע פון דער ישראל־מדינה מיטן ציוניזם, האָבן אַ טייל בונדיסטן אַפריער פאַרנומען אַ נעגאַטיווע איינשטעלונג צו דער מדינה. זיי האָבן זייער קעגנערשאַפט צום ציוניזם מעכאַניש אַריבערגעטראָגן אויף דער מדינה. זיי האָבן פון פאַר־אויס געזען אין דער מדינה אַ שעדלעכן פאַקטאָר. זיי האָבן פון פאַראויס פעסטגעשטעלט, אַז די ישראל־מדינה וועט מוזן פירן נאָר און אויסשליסלעך אַ ציוניסטישע פּאָליטיק און אַז ס'זענען נישט פאַראַן קיין שום אויסזיכטן ווען עס איז צו באַפרייען די מדינה פון די ציוניסטישע איינפלוסן.

די טעותדיקייט פון דער דאָזיקער איינשטעלונג האָט מען גע־קאָנט אַרויסזען שוין דערפון, וואָס זי גיט נישט קיין קלאָרן ענט־פער אויף דער פראַגע: וואָס דאַרפן אויב אַזוי טאָן און וואָסער אויסוועג איז פאַראַן פאַר די יידן, וואָס לעבן אין מדינת־ישראל און האָבן נישט קיין ווילן און נישט קיין אויסזיכטן צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד?

טייל בונדיסטן, וועלכע אידענטיפיצירן די ישראל־מדינה מיט ציוניזם, האָבן געמאַכט דערפון אַ פּונקט פאַרקערטן אויספיר; זיי האָבן אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער מדינה — און במילא זעען זיי אין די ציוניסטישע ישראל־פירער די נאַטירלעכע רעפּרע־זענטאַנטן פון דער מדינה און זיי שטיצן די פּאָליטיק פון די ציו־ניסטישע מדינה־פירער. זיי ווילן „העלפן דער ישראל־מדינה" — שטיצן זיי די ציוניסטישע, מלוכהשע, הסתדרותישע און פּאַרטיי־אישע פאָנדן. זיי קוקן אויף די אינטערעסן פון דער מדינה דורך דער פּריזמע פון די ציוניסטישע מלוכה־פירער. און ווייל זיי זעען

נישט קיין ציוניסטן און עס פאַרפאַלגט זיי די מורא פאַרן פאַר־וואורף, אַז זיי זענען „שונאי ישראל" — זענען זיי פריינדלעכער צו די מדינה־פירער, ווייניקער קריטיש לגבי זיי, מער אַקטיוו אין שטיצן זייערע פּאָליטישע און פינאַנציעלע אַקציעס, ווי דאָס זיינען אָפּטמאָל די ציוניסטן גופא.

די דאָזיקע חברים געפינען אַ „הכשר" פאַר אַט דער איינ־שטעלונג אויך אין דעם, וואָס די הויפּט־פירער פון דער מדינה זע־נען „סאָציאַליסטן", מיטגלידער פון מפא"י, וועלכע איז אָנגע־שלאָסן אין סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל. די דאָזיקע חברים גיבן זיך נישט אָפּ קיין רעכענונג, אַז מיט שטיצן די פּאָליטיק פון די ציוניסטישע מלוכה־פירער שטיצן זיי אַ פּאָליטיק, וואָס איז אין תוך גענומען שעדלעך פאַר דער מדינה און אַז מיט שטיצן די ציוניסטישע פאָנדן העלפן זיי פּאַקטיש צו פאַרשטאַרקן די ציוניס־טישע באַוועגונג סיי אין ישראל סיי אין דער וועלט, מיט איר שעדלעכער פּאָליטיק פאַר די אינטערעסן פון יידישן פאָלק.

אויפן סמך פון דער דאָזיקער אידענטיפיקאַציע־איינשטע־לונג איז ביי אַ טייל בונדיסטן געהאַט אַנטשטאַנען אויך דער גע־דאַנק וועגן אַן א. ג. „געאָגראַפישער פאַנאַנדערטיילונג" פון דער יידישער וועלט צווישן „בונד" און ציוניזם. לויט דעם דאָזיקן גע־דאַנק וואָלט די ישראל־מדינה באַדאַרפט בלייבן דער מאָנאָפּאָליס־טישער טעטיקייטס־געביט פאַר די ציוניסטישע פּאַרטייען, דאַקעגן וואָלט דער „בונד" באַדאַרפט פירן זיין טעטיקייט בלויז אין די גלות־לענדער.

דער דאָזיקער געדאַנק האָט באַנקראָטירט נאָך איידער ער האָט באַוויזן געננו זיך אויסקריסטאַליזירן. און דאָס צוליב צוויי סיבות: ערשטנס, די ציוניסטישע באַוועגונג האָט לחלוטין נישט בדעה צו רעזיגנירן פון איר טעטיקייט צווישן די יידן פון דער וועלט. זי באַטראַכט די יידישע ישובים פון דער וועלט אַלס רעזערוואואַר פון מענטשן און פון געלט פאַר דער ישראל־מדינה. זי באַמיט זיך צוליב דעם צוועק צו באַהערשן אַלע יידישע אינסטיטוציעס אין דער וועלט און פאַרוואַנדלען זיי אין אַ הינטערלאַנד פאַר דער מדינה.

פון דער צווייטער זייט האָט זיך אויך אַרויסגעוויזן פאַר פאַלש דער געדאַנק וועגן מאָנאָפּאָל פון ציוניזם איבער דער ישראל־מדינה. אמת איז, די ציוניסטישע פּאַרטייען באַהערשן דעם רוב בנין ומנין פון דער יידישער באַפעלקערונג פון ישראל. ס'עקזיסטירן אָבער אין ישראל און ס'זענען טעטיק אויך א ריי נישט־ציוניסטישע און אַנטי־ציוניסטישע גרופּירונגען. ביי די מאַסן וואַקסט די אַנטוי־שונג צום ציוניזם. פון דער דאָזיקער אַנטוישונג האָט ביז איצט געניאָסן אין אַ באַדייטנדיקער מאָס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי. ביי דער ישראלשער יוגנט האָבן די אַנטי־ציוניסטישע שטימונגען זיך אויסגעדריקט אין א. ג. כנעניזם. דער פאַרשפּרייטער אילוסטריר־טער וואָכן־זשורנאַל אין ישראל „עולם הזה" איז אַנטי־ציוניסטיש, הגם ער פאַרמאָגט נישט קיין קלאָרע פּאָזיטיווע אידעאָלאָגיע. ס'עק־זיסטירן אויך אַנדערע קלענערע אַנטי־ציוניסטישע גרופּירונגען, ווי די גרופּע פון „כוח השלישי", די פּאַציפיסטישע גרופּע א. א. וו. אויך איז שווער צו באַצייכענען ווי אַ ציוניסטישע, אין אייגנטלעכן זין פון וואָרט, די גרופּע פון „איחוד", וועלכע טרעט שאַרף אַרויס קעגן דער שאָוויניסטישער און מיליטאַריסטישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג. זינט עטלעכע יאָר עקזיסטירט אויך די בונדישע אָרגאַ־ניזאַציע, וועלכע האָט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צו דער מדינה און איז דאָך פאַרבליבן אַן אויסגעשפּראָכן אַנטי־ציוניסטישע אָרגאַ־ניזאַציע.

אמת, די אַלע נישט־ציוניסטישע און אַנטי־ציוניסטישע גרופּי־רונגען קאָנען זיך נישט רימען מיט קיין ספּעציעל־גרויסע וויר־קונגען; דאָך איז נישט מעגלעך מער צו רעדן וועגן אַ מאָנאָפּאָל פון ציוניזם איבער דער מדינה.

ביי אַ סך פון די בונדיסטן, באַזונדערס צווישן די וואָס אידענ־טיפיצירן די ישראל־מדינה מיט ציוניזם, איז פאַרשפּרייט אויך דער געדאַנק, אַז אויב די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל האָט אַן עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג איז עס נאָר אויפן געביט פון קאַמף פאַר יידיש און פון יידישער קולטור־טעטיקייט. די פּאָליטיק, הייסט עס דאַרף מען איבערלאָזן פאַר די ציוניסטישע פּאַרטייען... דער

דאָזיקער געדאַנק איז נישט נאָר פאַלש, נאָר האָט אויך נישט אויס־געהאַלטן דעם עקזאַמען פון לעבן.

הגם יידיש פאַרנעמט אַ וויכטיק אָרט אין דער טעטיקייט פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע — און זי טוט אויף דעם געביט אַלץ, וואָס ליגט נאָר אין די ראַמען פון אירע מעגלעכקייטן — קאָן דאָס ווייט נישט אויסשעפּן איר טעטיקייט־געביט. בונדיסטן זענען לעבעדיקע מענטשן, זיי באַטראַכטן זיך אויך פאַר גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון דער מדינה, און זיי קאָנען נישט — נישט פאַרנעמען קיין שטעלונג צו די פאַרשיידענע סאָציאַל־עקאָנאָמישע און פּאָלי־טישע פּראָבלעמען פון דער מדינה. די בונדיסטן שאַצן אָפּ די פּאָזי־טיווע זייטן פון דער ישראלדיקער בויאונג, זיי קאָנען אָבער נישט מסכים זיין מיט דער גרונט־פּאָליטיק פון דער רעגירונג, ווי אויך מיט דער פּאָליטישער איינשטעלונג פון די ציוניסטישע פּאַרטייען אין לאַנד. אויפן גרונט פון דער ישראלדיקער ווירקלעכקייט האָבן די בונדיסטן זיך איבערצייגט, אַז עס עקזיסטירט אַ טיפער פּאָלי־טישער און אידעאָלאָגישער קעגנזאַץ צווישן דער בונדישער און ציוניסטישער איינשטעלונג נישט נאָר צו די פּראָבלעמען פון יידישן פאָלק אין דער וועלט נאָר אויך צו די עיקרדיקסטע פּראָבלעמען, וואָס האָבן אַ שייכות צו דער ישראל־מדינה גופא.

צי איז די ישראל־מדינה אַ פּאָזיטיווער פאַקטאָר?

אין די וויכוחים, וואָס זענען געפירט געוואָרן אין די בונדישע רייען פאַר און נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער ישראל־מדינה האָט אַ וויכטיק אָרט פאַרנומען די פראַגע: צי איז די אַנשטייאונג פון דער ישראל־מדינה אַ פּאָזיטיווער אָדער אַ שעדלעכער פאַקטאָר אינעם לעבן פון יידישן פאָלק? אויב פאַר דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה איז דער דאָזיקער וויכוח געווען באַרעכטיקט — אויך אין דער ציוניסטישער באַוועגונג איז אַנגעגאַנגען אַזאַ וויכוח און ס'איז געווען דאָרט אַ גרויסע קעגנערשאַפט צו דער פּראָקלאַמירונג פון דער מדינה אין די ראַמען פון חלוקה־פּלאַן — האָט היינט דער דאָזיקער וויכוח פאַרלוירן יעדן זין. די מדינה עקזיסטירט, זי איז אַ געשעענער פאַקט און קיינער אינעם יידישן לעבן קאָן נישט זיין פאַראינטערעסירט, אַז זי זאָל אונטערגיין, מחמת ס'קאָן נישט זיין

קיין שום צווייפל, אַז ביי די איצטיקע פאַרהעלטענישן וואָלט דער אונטערגאַנג פון דער מדינה געווען פאַרבונדן אויך מיט פיזישן אומקום פון דער יידישער באַפעלקערונג פון ישראל. היינט איז מעגלעך און נויטווענדיק אַ וויכוח נאָר אין איין ריכטונג: וועגן דער פּאָליטישער ליניע און אידעאָלאָגישער איינשטעלונג פון דער מדינה.

מדינה, ווי אַ געאָ־פּאָליטישער באַגריף, איז נישט מער ווי אַ ראַם, אין וועלכער עס פאָרמירט זיך דאָס נאַציאָנאַלע לעבן פון אַ פאָלק. די פּאָזיטיווע אָדער נעגאַטיווע ראָל פון דער מדינה איז אָפּהענגיק פון דעם סאָציאַל־פּאָליטישן רעזשים, וואָס הערשט אין איר און פון דער פּאָליטיק, וואָס עס פירן אירע מלוכה־פירער.

די ישראל־מדינה פאַרמאָגט די פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן צו שפּילן אַ וויכטיקע פּאָזיטיווע ראָל אינעם לעבן פון יידישן פאָלק. מדינה איז די העכסטע פאָרם פון נאַציאָנאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונג און ווי אַזאַ פאַרמאָגט זי ריזיקע מעגלעכקייטן צו אָרגאַניזירן דאָס יידישע לעבן אין לאַנד, אַנטוויקלען די נאַציאָנאַלע קולטור, פּראָדוקטיוויזירן די יידישע מאַסן און דערציען די יוגנט אין נאַציאָנאַלן גייסט. ווי אַ מלוכהש־אָרגאַניזירטער ישוב פאַרמאָגט אויך די ישראל־מדינה ריזיקע מעגלעכקייטן אויף צו העלפן פאַרשטאַרקן דאָס יידישע נאַציאָנאַלע לעבן אין דער וועלט.

די טראַגעדיע פון דער ישראל־מדינה באַשטייט אין דעם, וואָס צוליב איר ציוניסטישער איינשטעלונג נוצט נישט אויס די מדינה די דאָזיקע מעגלעכקייטן, אָדער זי נוצט זיי אויס אין אַ פאַרקערטער, אין אַ שעדלעכער ריכטונג.

מען קאָן זיך פאָרשטעלן — און צוליב קלאָרקייט איז דערלויבט זיך פאָרצושטעלן — וואָסער גרויסע פּאָזיטיווע ראָל די ישראל־מדינה וואָלט געווען געשפּילט, ווען זי וואָלט געווען אַנגעפירט נישט פון ציוניסטישע, נאָר פון דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע, בונדישע עלעמענטן: וואָסער כוח דאָס וואָלט צוגעגעבן דער יידישער שפּראַך און קולטור, וואָסער נאַציאָנאַל־קולטורעלע אויפלעבונג דאָס וואָלט געקאָנט אַריינברענגען אין די יידישע ישובים פון דער וועלט. און וואָסער אַנדער אויסזען עס וואָלט געהאַט די

ישראל־מדינה גופא; אין וואָסער דרך־ארץ און ליבע די ישראלשע יוגנט וואָלט דערצויגן געוואָרן צו אַלע גייסטיק־קולטורעלע ווערטן, וואָס זענען אין משך פון דורות געשאַפן געוואָרן דורכן יידישן פאָלק אין די תפוצות. די ישראל־מדינה וואָלט סיי שפּראַכלעך, סיי גייסטיק־קולטורעל געפילט זיך ווי אַן ענגער באַשטאַנד־טייל פון יידישן פאָלק. עס וואָלט אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ נאַטירלעכער אויסטויש פון די קולטור־ווערטן צווישן ישראל און די תפוצות.

אויך וואָלט די פּראָבלעם פון שלום מיט דער אַראַבישער וועלט געשטאַנען אויף אַן אַנדער אופן און עס וואָלט לייכטער געווען זי צו רעאַליזירן. ווייל ווי שווער עס זאָל נישט זיין די פּראָבלעם פון אַזאַ שלום, איז עס אָבער אָן ספק, אַז אַ ביז גאָר וויכטיקע מניעה דערצו איז די מורא פון די אַראַבישע לענדער פאַר דער ישראלשער טעריטאָריאַלער עקספּאַנסיע, וועלכע איז פאַרבונדן מיט דעם ציוניסטישן בליק אויף דער מדינה, אַלס דעם איינציקן טעריטאָריאַלן צענטער פאַר דער יידן־פראַגע. אַ נישט־ציוניסטישע מדינה וואָלט די דאָזיקע שוועריקייט נישט פאַרמאָגט. זי וואָלט געפירט אַן אַנדער פּאָליטיק לגבי די אַראַבישע לענדער; זי וואָלט נישט געווען איינגעשטעלט מיליטאַריסטיש, במילא וואָלט זי געפירט אַ פּאָליטיק נישט פון פאַרשאַרפן, נאָר פון מילדערן די ישראל־אַראַבישע באַציאונגען. זי וואָלט אויך נישט געפירט קיין דיסקרימינאַציע־פּאָליטיק לגבי דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד און אויך דאָס וואָלט געהאָלפן צו דערנענטערן דעם שלום מיט דער אַראַבישער וועלט.

מיר האָבן ברייטער אָפּגעשטעלט זיך אויף דעם, וואָס עס וואָלט געווען, הגם דאָס זעט אויס ווי אַ פאַנטאַזיע, כדי בולטער אונטערצושטרייכן די פאַראַנענע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן פון דער מדינה און כדי אָנצוווייזן, אַז נישט די מדינה ווי אַזאַ, נאָר די ציוניסטישע אָנפירונג פון דער מדינה איז שולדיק פאַרוואָס די דאָזיקע פּאָטענציעלע מעגלעכקייטן ווערן נישט אויסגענוצט, אָדער ווערן אויסגענוצט אויף אַ שעדלעכן אופן.

דער קאַמף פאַר דעם אידעאַל פון אַ נישט־ציוניסטישער דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער ישראל־מדינה, וועלכע זאָל זיך פילן ווי

אַ נאַטירלעכער באַשטאַנד-טייל פון יידישן פאָלק, וועלכע זאָל העלפן שטאַרקן דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט און וועלכע זאָלן פירן אַ פּאָליטיק פון שלום לגבי דער אַראַבישער וועלט — ליגט אין די לעבנס-אינטערעסן פון דער ישראל-מדינה. צי וועט דער דאָזיקער אידעאַל פאַרווירקלעכט ווערן — ווער ווייס? די בונדיסטן קאָנען אָבער נישט רעזיגנירן פון דאָזיקן קאַמף פּונקט ווי זיי קאָנען נישט רעזיגנירן פונם קאַמף פאַר אַ סאָציאַליסטישער וועלט.

צי איז מעגלעך צו באַפרייען די מדינה פון ציוניזם?

אָפט קומט אויס צו הערן די טענה: ווי קאָן מען בכלל טראַכטן וועגן דעם, אַז די ישראל-מדינה זאָל קאָנען באַפרייט ווערן פון דער ציוניסטישער אַפּוטרופּסות? זענען עס דאָך די ציוניסטן, וועלכע האָבן געשטרעבט צו דער מדינה, אָן זיי וואָלט זי דאָך בכלל נישט אַנטשטאַנען, אונטער זייער אָנפירונג איז דאָך די מדינה אויפגע-בויט געוואָרן. זי איז דאָך לכתחילה אַנטשטאַנען ווי אַ ציוניסטישע מדינה. בכן איז טאַקע די ציוניסטישע אָנפירונג פון דער מדינה אַ נאַטירלעכע דערשיינונג.

דער טעות פון דאָזיקן געדאַנקען-גאַנג שטאַמט פון נישט פאַר-שטיין די קלאַסן-מעכאַניק פון נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס-קאַמף בכלל און דעם קלאַסן-כאַראַקטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג בפרט.

ווען מיר קוקן זיך צו צו די נאַציאָנאַל-באַפרייערישע באַווע-גונגען, באַזונדערס צו די וועלכע קעמפן פאַר מלוכהשער זעלב-שטענדיקייט, באַמערקן מיר, אַז כמעט אַלע זיי זענען אָנגעפירט געוואָרן און ווערן אָנגעפירט פון בירגערלעכע, קליינבירגערלעכע עלעמענטן. אַזוי איז געווען אין צאַרישן רוסלאַנד, אין דער עס-טרייכיש-אונגאַרישער אימפעריע, אַזוי איז מערסטנטיילס אין די קאָלאָניאַלע לענדער. דער קלאַסנבאַוווסטזיניקער אַרבעטער-קלאַס האָט, אמת, אויך געקעמפט פאַר נאַציאָנאַלער פרייהייט, פאַר יעדער פאָרם פון נאַציאָנאַלע פרייהייט און נישט אין אויפשטעלן זעלבסט-שטענדיקע, מיט גרענעצן אָפּגעזונדערטע מלוכות, נאָר אין איבער-בויען די אימפעריעס און גרויס-מאַכטן אויף נאַציאָנאַל-פעדעראַ-טיווע יסודות, ווי אַ שטאַפּל צו אַ פעדעראַטיוו-פאַראייניקטער

וועלט. אַזאַ איז געווען די פּראָגראַם פון די סאָציאַל־דעמאָקראַ־טישע פּאַרטייען אין רוסלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן, ווו עס האָבן געלעבט פיל נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. לענין האָט עס געהאַט פאַר־מולירט, אַז די פעלקער האָבן דאָס רעכט אַליין צו באַשטימען זייער גורל, אַפילו ביז אָפּרייסן זיך, אָבער דער אַרבעטער־קלאַס פון די דאָזיקע פעלקער דאַרף שטרעבן דערצו, אַז די אַלע פעלקערשאַפטן זאָלן זיין פעדעראַטיוו פאַראייניקט. די עסטרייכישע סאָציאַל־דעמאָ־קראַטיע האָט געהאַט אויסגעאַרבעט אַ פּראָגראַם פון נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פאַר די פעלקערשאַפטן אין די ראַמען פון דער פאַראייניקטער מדינה. אויך דער אַמאָליקער „בונד" האָט געהאַט געקעמפט פאַר נאַציאָנאַל־קולטורעלער אויטאָנאָמיע פאַר די יידישע מאַסן אין די ראַמען פון אַ פעדעראַטיוו־אָרגאַניזירטער רוסלענדישער רעפּובליק.

ליידער האָט דער אַרבעטער־קלאַס אַרויסגעוויזן זיך צו שוואַך אויף צו באַשטימען דעם גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע. בראש פון די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס באַוועגונגען האָבן זיך גע־שטעלט בירגערלעכע, הויפּטזעכלעך נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן, וועלכע האָבן די נאַציאָנאַלע באַפרייאונג געזען אין אויפשטעלן זעלבסטשטענדיקע, אָפּגעזונדערטע מלוכות. אַזוי אַרום איז נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה אַנטשטאַנען דער רוב פון די נייע מלוכות אין אייראָפּע: פּוילן, ליטע, לעטלאַנד, עסטלאַנד און אַנדערע.

די קלאַסן־באַוווסטזיניקע אַרבעטער־באַוועגונג האָט קיינמאָל נישט געזען אין דער אַנטשטייאונג פון די דאָזיקע מלוכות קיין אידעאַלע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. די דאָזיקע מלוכות זענען שנעל באַהערשט געוואָרן פון דער „נאַציאָנאַלער" בורזשו־אַזיע, וועלכע האָט אויף איר אופן עקספּלואַטירט און אונטערגע־דריקט די אַרבעטנדיקע מאַסן. און האָט אויך איבערגענומען די נאַציאָנאַליסטישע אונטערדריקונגס־פאָרמען לגבי אַנדערע פעלקער.

אויב די אינטערנאַציאָנאַלע אַרבעטער־באַוועגונג שטיצט דעם נאַציאָנאַלן באַפרייאונגס־קאַמף פון די קאָלאָניאַלע פעלקער, טוט זי דאָס אויך נישט דערפאַר, ווייל זי האַלט, אַז דאָס אויפשטעלן

זעלבסטשטענדיקע מדינות איז אַן אידעאַלע לייזונג פאַר די פאָלקס־מאַסן פון די דאָזיקע לענדער, נאָר ווייל זי איז קעגן נאַציאָנאַלער אונטערדריקונג, ווייל זי גייט אַרויס פון פּרינציפּ, אַז יעדעס פאָלק האָט דאָס רעכט אַליין צו באַשטימען זיין גורל. און ווייל זי גלויבט, אַז די נאַציאָנאַלע פרייהייט וועט שטאַרקן ביי די פאָלקס־מאַסן דעם באַוווסטזיין פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברי־דערונג. איבער די פעלקער ווילן זיין מלוכהש זעלבסטשטענדיק, איז עס די פליכט פון דעמאָקראַטן און אוודאי פון סאָציאַליסטן צו רעס־פּעקטירן דעם דאָזיקן ווילן.

פון דעם דרינגט אָבער לחלוטין נישט, אַז די אַלע פירער פון די נאַציאָנאַלע באַפרייאונגס־באַוועגונגען וועלכע זענען מערסטנ־טייל בירגערלעכע און אַפילו רעאַקציאָנערע פירער, מוזן שטענדיק בלייבן ביי דער מאַכט אין די מדינות, אַז זיי מוזן שטענדיק איינ־האַלטן דעם הערשאַפט־מאָנאָפּאָל איבער זייערע פעלקער. פאַר־קערט, ס׳איז די אויפגאַבע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג אין די דאָזיקע לענדער צו פירן אַ קאַמף קעגן די בירגערלעכע און רעאַק־ציאָנערע פירער. די סאָציאַליסטן מוזן אויך בלייבן ביי זייער שטרעבונג צו אַ פעדעראַטיוו־פאַראייניקטער וועלט.

ביי אַלע אונטערשיידן, וואָס מען דאַרף נעמען אין אַכט, איז אָבער דאָך ענלעך די לאַגע מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג. לויט איר קלאַסן־כאַראַקטער איז זי אַלעמאָל געווען און פאַרבליבן אַ בירגערלעכע נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונג. דער יידישער אַרבע־טער־קלאַס איז אַלעמאָל אין זיין ריזיקער מערהייט געווען אַנטי־ציוניסטיש געשטימט. ער האָט נישט געשטרעבט צו אַ זעלבסט־שטענדיקער יידישער מדינה. ער האָט געקעמפט פאַר זיין נאַציאָ־נאַלער און סאָציאַלער פרייהייט אין די לענדער, ווו ער האָט גע־לעבט און אין פאַרבינדונג מיט דער אַרבעטערשאַפט פון די דאָזיקע לענדער. בלויז אַזעלכע קליינבירגערלעכע עלעמענטן, ווי בן־גוריון און אַנדערע, וואָס זענען געווען פולשטענדיק אָפּגעריסן פון ברייטע פאָלקס־מאַסן, פון זייערע ליידן און פון זייער קאַמף, האָבן זיך געקאָנט דערלויבן צו פאַרלאָזן די מיליאָניקע מאַסן און אַוועק־צוואַנדערן קיין ארץ ישראל מיט דעם טרויס דאָרט אויפצובויען

אַ יידישע מדינה. נאָר אַזעלכע עלעמענטן, אָפּגעריסענע פון די יידישע פאָלקס־מאַסן, האָבן זיך געקאָנט דערלויבן צו האָבן אַזאַ ביטול־באַציאונג און צו פילן אַזאַ האַס צו דער יידישער שפּראַך, צו דער שפּראַך פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. אַפילו אין איר צו־זאַמענשטעל איז די ציוניסטישע באַוועגונג געווען אַ קליינביר־גערלעכע באַוועגונג. זי איז באַשטאַנען הויפּטזעכלעך פון בירגער־לעכע און קליינבירגערלעכע עלעמענטן, און דאָס איז אויך געקומען צום אויסדרוק אינעם קלאַסן־קאַמף, וואָס דער יידישער אַרבעטער האָט געפירט קעגן דעם ציוניזם, ווי קעגן אַ בירגערלעכער באַ־וועגונג.

איז אָבער אויך דאָ די געשיכטע געגאַנגען נישט אויף די וועגן, וואָס דער יידישער אַרבעטער־קלאַס האָט געוואָלט. סיי דער יידי־שער, סיי דער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־קלאַס האָט זיך אַרויסגעוויזן צו שוואַך און נישט רייף אויף צו באַקעמפן די אַנטי־סעמיטישע און פאַשיסטישע געפאַר.

אין רעזולטאַט פון אַנטיסעמיטיזם זענען אַלץ גרעסערע טיילן פון יידישן פאָלק אַרויסגעשטויסן געוואָרן פון עקאָנאָמישן לעבן און אַ טייל פון זיי האָט אויסגעוואַנדערט קיין ארץ ישראל. ס'איז געקומען דער פאַשיזם אין דייטשלאַנד. נאָך דעם, די צווייטע וועלט־מלחמה מיט דעם גרויזאַמען יידן־מאָרד. ס'זענען געוואַקסן אין רע־זולטאַט דערפון די ציוניסטישע שטימונגען ביי די מאַסן און ס'איז געוואַקסן די עמיגראַציע קיין ישראל. ס'איז אויסגעוואַקסן דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל וועלכער האָט לסוף אויפגעהויבן די פאָן פון קאַמף קעגן ענגלישן מאַנדאַט, פאַר מלוכהשער זעלבסט־שטענדיקייט. די לאַגע איז געוואָרן ענלעך צו דער לאַגע פון אַנ־דערע פעלקער, וועלכע האָבן געקעמפט פאַר זייער מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט. צי דרינגט דערפון, אַז די נאַציאָנאַליסטישע באַוועגונגען, וועלכע האָבן אָנגעפירט דעם קאַמף פאַר מלוכהשער זעלבסטשטענדיקייט, מוזן כסדר בלייבן ביי דער אָנפירונג פון דער מדינה? אַז דער אַרבעטער־קלאַס אין דער מדינה מוז כסדר בלייבן באַווירקט פון דער נאַציאָנאַליסטישער אידעאָלאָגיע פון אירע פירער?

מיט דער מאַסן־אימיגראַציע זענען אָנגעקומען קיין ישראל טויזנטער בונדיסטן און סימפּאַטיקער. זיי זענען בירגער פון דער מדינה. ווי אַזעלכע זענען זיי פאַראינטערעסירט אינעם וווילשטאַנד און אין דער אַנטוויקלונג פון לאַנד. צי קאָנען זיי מסכים זיין מיט דער אידעאָלאָגישער איינשטעלונג און מיט דער פּאָליטיק פון דער מדינה? צי איז נישט זייער היסטאָרישע אויפגאַבע צו קעמפן פאַר באַפרייען די מדינה פון די ציוניסטישע איינפלוסן, צו קעמפן קעגן דער נאַציאָנאַליסטישער און מיליטאַריסטישער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, קעגן דער קאַפּיטאַליסטישער אויסנוצונג און עקספּלו־אַטאַציע, פאַר איבערבויען די מדינה אויף באמת סאָציאַליסטישע יסודות?

אַוודאי איז דער קאַמף פאַר באַפרייען מדינת ישראל פון די ציוניסטישע איינפלוסן פאַרבונדן מיט גרויסע שוועריקייטן. די טראַדיציע פון ציוניזם איז שטאַרק איינגעבירגערט ביי אַ באַדייטנדיקן טייל פון דער באַפעלקערונג. דער ציוניסטישער מאַכט־אַפּאַראַט פאַרמאָגט ריזיקע מיטלען אויף איינצוהאַלטן די מאַסן אונטער דעם ציוניסטישן איינפלוס. די פּראָפּאַגאַנדע און די דער־ציאונג אין די שולן איז אַ מעכטיק־באַאיינפלוסנדיקער פאַקטאָר. אַ וויכטיקע שטערונג איז אויך דאָס, וואָס צוליב די אייגנאַרטיקע באַדינגונגען אין לאַנד, זענען דאָ די הויפּט־טרעגער פון ציוניזם די סאָציאַליסטישע פאַרטייען, מפא״י, אחדות העבודה און מפ״ם. זיי בינדן קינסטלעך צונויף דעם ציוניזם מיט סאָציאַליזם און אפילו מיטן קאָמוניזם. זיי באַווירקן די מאַסן מיט זייער סאָציאַליס־טישער פראַזעאָלאָגיע. חוץ מזה ווירקן זיי אויך מיט אַנדערע מיט־לען: אין זייערע הענט ליגט אַ גרויסער טייל פון דער עקאָנאָמי־שער מאַכט פון לאַנד; זיי האָבן אין זייערע הענט דעם גרעסטן טייל פון דער קיבוצישער באַוועגונג, און אַ ריזיקע נעץ פון ווירט־שאַפטלעכע אונטערנעמונגען, וועלכע באַשעפטיקן צענטליקער טויזנטער לוין־אַרבעטער. זיי נוצן אויס דעם דאָזיקן כוח אויף צו האַלטן אונטער זייער איינפלוס די אַרבעטער־מאַסן.

אין זייערע יוגנט־יאָרן זענען די דאָזיקע פאַרטייען געווען קליינבירגערלעכע אָרגאַניזאַציעס, אָפּגעריסענע פון די ברייטע

אַרבעטער־מאַסן; רעכטע פ"צ, לינקע פועלי ציון און השומר הצעיר. זיי זענען געקומען אין לאַנד אַריין מיט זייערע קליינבירגערלעך־ראָמאַנטישע אידעען וועגן אויפבויען אַ היים־לאַנד פאַרן יידישן פאָלק אויף סאָציאַליסטיש־קיבוצישע יסודות. מיטן אָנקומען פון אַ גרעסערער מאַסן־אימיגראַציע האָבן זיי באַקומען אַ ברייטערע מאַסן־באַזע. זיי האָבן קיין סאָציאַליסטישע מדינה נישט אויפגע־בויט, די מדינה איז אַוועק אויף קאַפּיטאַליסטישע וועגן, אָבער זיי זענען געוואָרן דער קאַפּיטאַליסטישער מאַכט־פאַקטאָר אין לאַנד, באַזונדערס די מפא"י. זיי האָבן דערביי אַ סך פאַרלאָרן פון אַמאָ־ליקן סאָציאַליסטישן ראָמאַנטיזם; זיי זענען דאָקעגן געוואָרן די וויכטיקסטע טרעגער פון ציוניסטישן נאַציאָנאַליזם.

אין לאַנד ווירקן אָבער טענדענצן, וועלכע זענען קעגן די דאָזיקע פאַרטייען און קעגן ציוניזם בכלל. ס'איז נישט מער קיין סוד, אַז דער ציוניזם לעבט איבער אַ טיפן אידעאָלאָגישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן קריזיס. די אַנטשטייאונג פון דער מדינה האָט אַריינגעברענגט מיט זיך אַ ריס צווישן דער מדינהשער ווירקלעכ־קייט און דעם ציוניסטישן טרוים. נישט נאָר די יידישע פאָלקס־מאַסן, נאָר אויך די ציוניסטן פון דער וועלט, ווייזן נישט אַרויס קיין חשק צו פאַרלאָזן זייערע וווין־ערטער און זיך באַזעצן אין ישראל. נאָך צען יאָר מדינה־עקזיסטענץ באַטרעפט די יידישע באַ־פעלקערונג פון ישראל קוים 14 פראָצענט פון יידישן פאָלק. בן־גוריונס „ראַדיקאַלער" ציוניזם, וועלכער האָט געוואָלט זען אין דער ישראל־מדינה די שנעלע לייזונג פון דער יידן־פראַגע האָט פאַקטיש באַנקראָטירט. די „מילדערע", באַזונדערס די מחוץ לאָרצ־דיקע ציוניסטן זענען שוין גרייט אָפּצולייגן די דאָזיקע „לייזונג" אויף אַ צייט פון צענטליקער און אפילו הונדערטער יאָרן.

פון דער אַנדער זייט ווערט די ישראל־מדינה אַלץ מער באַ־פעלקערט פון עלעמענטן, וועלכע האָבן קיינמאָל קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט דער ציוניסטישער טראַדיציע. זיי באַטרעפן שוין היינט ביי צוויי דריטל פון דער ישראל־באַפעלקערונג.

אין לאַנד וואַקסט אויך די אומצופרידנקייט ביי די ברייטע מאַסן סיי מיט דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, סיי מיט דער הסתדרות

און די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען, וועלכע אַרבעטן מיט מיט דער רעגירונג. ס'וואַקסט די אַנטוישונג לגבי דעם ציוניזם. פון דער אומצופרידנהייט און אַנטוישונג האָבן, ווי שוין געזאָגט, געוואַקסן ביז איצט — די קאָמוניסטן. זיי זענען ביז איצט געווען די איינציקע אַנטי־ציוניסטישע פּאַרטיי אין לאַנד און האָבן גרופּירט אַרום זיך אַלע אומצופרידענע און אַנטוישטע פון ציוניזם עלעמענטן. עס האָט געפעלט אין לאַנד אַ נישט־ציוניסטישע דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטיי, וועלכע זאָל ווייזן די דאָזיקע מאַסן אַן אַנדער, דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישן אויסוועג. אין שייכות מיט דעם קריזיס, וואָס ס'לעבט איבער די אַלגעמיינע קאָמוניסטישע באַוועגונג, לעבט אויך איבער אַ קריזיס די קאָמוניסטישע פּאַרטיי פון ישראל. דאָס עפנט נייע פּערספּעקטיוון פאַר דער בונדישער אָרגאַניזאַציע.

אמת, די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל איז נאָך זייער שוואַך. זי איז קליין אין צאָל. זי האָט נאָך נישט קיין טיפע וואָרצלען אין לאַנד. זי פאַרמאָגט נישט די געהעריקע מיטלען צו פירן אַ ברייטערע טעטיקייט. זי איז נאָך נישט ווי געהעריק פּאָליטיש אויסקריסטאַליזירט. די סיני־אַקציע האָט באַוויזן, אַז זי איז נאָך נישט גענוג פּאָליטיש שטאַנדהאַפטיק אויף אַנקעגנצושטעלן זיך דער דעמאַגאָגישער פּראָפּאַגאַנדע פון ציוניסטיש־באַהערשטן מלוכה־אַפּאַראַט. זי זוכט נאָך איר וועג אין די נייע באַדינגונגען פון לאַנד. זי איז אָבער די איינציקע אָרגאַניזאַציע, וואָס האָט אויפגעשריבן אויף איר פאָן, אַז דער קאַמף פאַר דער נאַציאָנאַלער פרייהייט פון יידישן פאָלק איז פאַרבונדן מיט דער אידעע פון אינטערנאַציאָנאַלער פאַרברידערונג און מיט דעם סאָציאַליסטישן איבערבוי פון דער געזעלשאַפט, זי איז די איינציקע דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישע, נישט־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל. דער דורכפאַל פון דער סיני־אַקציע איז געווען אַ וויכטיקע לעקציע פאַר די פאָלקס־מאַסן אין ישראל און אויך פאַר דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. זי וועט זיכער אַרויס פּאָליטיש געשטאַרקט פון דער דאָזיקער דערפאַרונג.

אומאָפּהענגיק פון אַלע שוועריקייטן איז עס די היסטאָרישע

מיסיע פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין מדינת־ישראל צו קעמפן קעגן דער ציוניסטישער הערשאַפט איבער דער מדינה, אויפ־צוקלערן די מאַסן פון לאַנד וועגן דעם בירגערלעכן און רעאַקציאָ־נערן כאַראַקטער פון ציוניזם, וועגן דער שעדלעכקייט פון נאַציאָ־נאַליזם און מיליטאַריזם סיי פאַר דער מדינה, סיי פאַרן גאַנצן יידישן פאָלק. ס'איז די היסטאָרישע מיסיע פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע צו קעמפן פאַר איבערבויען די מדינה אויף דעמאָ־קראַטיש־סאָציאַליסטישע יסודות, וועלכע זאָל אויפהויבן דעם לעבנס־ניוואָ פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, איינפירן גלייכבאַרעכטיקונג פאַר דער יידישער שפּראַך און קולטור, געבן פולע פרייהייט און גלייכ־באַרעכטיקונג אַלע בירגער פון לאַנד און וועלכע זאָל פירן אַ פּאָלי־טיק פון שלום און אַזאַ נאַציאָנאַלע פּאָליטיק, וואָס זאָל העלפן שטאַרקן דאָס יידישע לעבן אין דער וועלט.

אין משך פון זיין 60־יאָריקער עקזיסטענץ האָט דער „בונד", אין רעזולטאַט פון די אָביעקטיווע ענדערונגען, דורכגעמאַכט פאַר־שידענע אומוואַנדלונגען. ער האָט כסדר געמוזט זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען פון זיין טעטיקייט. ער איז אָבער אַלעמאָל גע־בליבן טריי זיינע אידעאישע גרונט־פּרינציפּן. אין דעם איז באַ־שטאַנען זיין כוח.

זעלטן ווען האָט דאָס יידישע פאָלק דורכגעמאַכט אַזעלכע ענדע־רונגען ווי זינט דער צווייטער וועלט־מלחמה. אין רעזולטאַט פון די ענדערונגען איז דער „בונד" פאַרוואַנדלט געוואָרן, דאָס ערשטע מאָל אין זיין געשיכטע, אין אַן אַלוועלטלעכער באַוועגונג. דאָס ערשטע מאָל אין זיין געשיכטע איז אויך אַנטשטאַנען אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע אין מדינת־ישראל. זי איז און וועט פאַרבלייבן אַ וויכטיקער באַשטאַנד־טייל פון דער אַלוועלטלעכער בונדישער באַ־וועגונג אין איר אַלגעמיינעם קאַמף פאַר דער פרייהייט פון יידישן פאָלק און פאַרן סאָציאַליזם.

דער וועג פון „בונד"*

דער 60־יאָריקער יובל פון „בונד" ווערט געפייערט אונטערן צייכן פון די צוויי גרויסע היסטאָרישע געשעענישן אין יידישן לעבן: דער אומקום פון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום און די אַנט־שטייאונג פון מדינת ישראל.

ביידע די געשעענישן זענען געקומען אין קעגנזאַץ צו די פּראָג־ראַמען פון „בונד". אויפן סמך פון די ביידע געשעענישן האַלטן עס די ציוניסטן, אַז דער „בונד" האָט אידעאָלאָגיש באַנקראָטירט, אַז ער האָט מער נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג, אַז אין לאַנג־יאָריקן שטרייט, וואָס איז אָנגעגאַנגען צווישן „בונד" און ציוניזם האָט ענדגילטיק געזיגט דער ציוניזם.

איז כדאי אויפן שוועל פון 61־סטן יאָר צו ענטפערן אויף דער פראַגע: צי איז טאַקע אונדזער דורכגעגאַנגענער וועג געווען אַ פאַלשער און צי איז שוין מער נישטאָ קיין צוקונפט פאַרן „בונד"?!

אָבער קודם־כל דאַרף מען ענטפערן אויף דער פראַגע:

צי האָט דער ציוניזם שוין געזיגט?

אַז דער ציוניזם האָט נאָך נישט געזיגט, דאָס אָנערקענען אַלע דענקנדיקע ציוניסטן. איז דאָך נישט דאָס געווען דער ציל פון ציוני־זם, אַז ס'זאָל אַנטשטיין אַ יידישע מדינה פאַר צוויי אָדער אפילו, וואָס דערצו איז עס נאָך גאַנץ ווייט, 3 מיליאָן יידן, און אַז די גרויסע מערהייט פון יידישן פאָלק זאָל ווייטער פאַרבלייבן אין די גלות־לענדער. לויט דער ציוניסטישער אויפפאַסונג דאַרף די ישראל־מדינה ווערן דער איינציקער טעריטאָריאַלער צענטער פון יידישן פאָלק, זי דאַרף קאָנצענטרירן אין זיך אַלע, לכל הפחות די מער־

---

* ל. פ. נר. 75־76 נאָוו. דעצ. 1967.

הייט פון יידישן פאָלק, זי דאַרף מיט איר עקזיסטענץ לייזן די יידן־פראַגע.

כל זמן דער ציל איז נישט רעאַליזירט געוואָרן — איז נישט מעגלעך צו ריידן נאָך וועגן אַ זיג פון ציוניזם. צי וועט דער דאָזיקער ציל רעאַליזירט ווערן? מיר גלויבן נישט דערין. סיי מחמת דעם, וואָס די ישראל־טעריטאָריע, אַלנפאַלס אין אירע איצטיקע גרענעצן, קאָן נישט אַריינגעמען אַזוי פיל יידן און סיי דערפאַר, וואָס די גרויסע מאַסן יידן ווילן נישט באַזעצן זיך אין ישראל. און נישט נאָר סתם יידן, נאָר אויך די ציוניסטן פון די פרייע דעמאָקראַטישע לענדער טראַכטן נישט וועגן דעם. אויף דעם סמך איז בן־גוריון ברוגז געוואָרן מיט דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג. און וואָס שייך דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג האָבן אירע פירער, מיטן פרעזידענט דר. נחום גאָלדמאַן בראש, דערקלערט, אַז דער ענין פון פאַרווירקלעכן דעם ציוניסטישן אידעאַל איז אַן ענין פון דורות. ווער קאָן עס אָבער בכלל פאָרויסזאָגן, וואָס עס וועט זיין אין לויף פון דורות? אַלנפאַלס, האַלט עס נאָך גאַנץ ווייט מיט דעם „ענדגילטיקן זיג" פון ציוניזם.

אמת, ס'איז געשאַפן געוואָרן מדינת ישראל. און אפילו פאַר צוויי אָדער דריי מיליאָן יידן איז דאָס אויך אַ גרויסער היסטאָרישער אויפטו. 2 מיליאָן יידן האָבן דעראָבערט מלוכהשע זעלבשטענדיקייט, האָבן אויפגעהערט צו זיין אַ מינדערהייט צווישן פעלקער, אַרבעטן און בויען מיט אייגענע הענט זייער אייגן לאַנד.

אָבער ערשטנס, ווי געזאָגט, איז אַ מדינה פון 2 אָדער 3 מיליאָן יידן, אַ מדינה, וועלכע לייזט נישט די יידן־פראַגע; וועלכע לאָזט איבער די ריזיקע מערהייט פון יידישן פאָלק אין גלות, נאָך נישט קיין זיג פון ציוניזם. און אויף דעם סמך איז נאָך ווייט נישט געגנוג צו קאָנען באַווייזן, אַז דער אידעאָלאָגישער שטרייט צווישן „בונד" און ציוניזם האָט זיך שוין פאַרענדיקט לטובת דעם ציוניזם. צווייטנס איז עס נישט ריכטיק, אַז די אַנטשטייאונג פון דער מדינה איז דער פאַרדינסט בלויז פון ציוניזם. דאָ האָבן געווירקט און דעצידירט לחלוטין אַנדערע, דורך קיינעם נישט פאָרויסגעזעענע פאַקטאָרן.

דאָ האָט געווירקט אין דער ערשטער ריי דער זיג פון פאַשיזם און די קאַטאַסטראָפע, וועלכע ס'האָט איבערגעלעבט דאָס יידישע פאָלק. דאָ האָבן געווירקט די אינטערנאַציאָנאַלע קאָמבינאַציעס, וועלכע האָבן זיך געשאַפן נאָך דער מלחמה, באַזונדערס דער בלאָק פון אַמעריקע און רוסלאַנד קעגן ענגלאַנד.

צי האָט מען געקאָנט פאָרויסזען — און צי איז געווען כאָטש איין לאָגיש־דענקענדיקער ציוניסט, וואָס זאָל האָבן פאָרויס־געזען — אַזאַ מין משונהדיקן גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, אַז אין סאַמע מיטן פון 20־סטן יאָרהונדערט וועט אויפ־קומען אַזאַ פינצטערע תקופה, אין וועלכער עס זאָל אויסגעמאָר־דעט און פאַרניכטעט ווערן מיליאָנען זין און טעכטער פון אונדזער פאָלק ?!

אָדער צי האָט עמעצער צבש געקאָנט פאָרויסזען, אַז די מדינה וועט אַנטשטיין אינעם פייער פון אַ מלחמה און אַז זי וועט באַשיצט ווערן הויפּטזעכלעך מיטן געווער פון סאָוויעטישן בלאָק ? אָדער אַז עס וועלן אין פּאַניק אַנטלויפן אַ קנאַפּער מיליאָן אַראַ־בער און אַז די מדינה וועט אַנטשטיין נישט אין הסכם מיטן אונאָ־פּלאַן פון חלוקה, נאָר ווי אַ כמעט ריין־יידישע מדינה אין אַ פאַר־גרעסערטער טעריטאָריע ?

צי קאָן מען אויפן יסוד פון דורך קיינעם נישט־פאָרויסגע־זעענע געענדערטע באַדינגונגען אַרויסגעבן אַ פּסק צי די אָדער יענע אידעאָלאָגיע איז געווען גערעכט אָדער נישט גערעכט ? כדי צו באַווייזן, אַז דער ציוניזם איז געווען גערעכט און דער „בונד" אומגערעכט — דאַרף מען קודם־כל באַווייזן, צי דאָס יידישע פאָלק האָט ביז דער צווייטער וועלט־מלחמה, ביז דער קאַטאַס־טראָפע, געהאַט אַן אַנדער וועג, ווי דער וועג אויף וועלכן ס'איז געגאַנגען דער „בונד" ?

צי איז געווען אן אנדער וועג ווי דער וועג פון „בונד" ?

אין וואָסער לאַגע האָט געלעבט דאָס יידישע פאָלק ווען דער „בונד" איז אַנטשטאַנען און האָט געפירט זיין טעטיקייט ?

און דער גרויסער רוסלענדישער אימפּעריע האָבן געלעבט העכער 5 מיליאָן יידן. זינט דעם סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט

איז גאַנץ רוסלאַנד אַרומגעכאַפּט געוואָרן מיט אַ מעכטיקן רעוואָ־לוציאָנערן שטראָם. די ברייטסטע פאָלקס־מאַסן האָבן געברויזט מיט רעוואָלוציאָנערע פרייהייטס־שטרעמונגען און האָבן געקעמפט קעגן צאַריזם פאַר אַ דעמאָקראַטישן רעזשים מיט פרייהייט פאַר אַלע פעלקער וועלכע האָבן באַוווינט די צאַרישע אימפּעריע.

דער רעוואָלוציאָנערער שטראָם איז אויך אַריינגעדרונגען אין די טיפענישן פון די ברייטסטע יידישע פאָלקס־מאַסן. אין רע־זולטאַט פון דער קאַפּיטאַליסטישער אַנטוויקלונג פון לאַנד ווערט אויך די יידישע געזעלשאַפט צעטיילט אויף קעגנזעצלעכע קלאַסן. דער יידישער אַרבעטער־קלאַס וויל נישט מער לעבן אין די אַלטע שקלאַפּישע באַדינגונגען. ער שטייט אויף צום קאַמף קעגן דער נאַ־ציאָנאַלער און סאָציאַלער אונטערדריקונג. ער פאַראייניקט זיך מיט די פעלקער־מאַסן פון רוסלאַנד צום קאַמף קעגן דער צאַרישער מאַכט; ער אָרגאַניזירט זיך גלייכצייטיק צום קאַמף קעגן דער איי־גענער יידישער בורזשואַזיע און כלי־קודש, וועלכע האָבן ביז דע־מאָלט געהאַלטן אין פינצטערניש און פאַרשקלאַפונג די יידישע פאָלקס־מאַסן.

ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס אין יענער צייט, אַנטשטייען די צוויי גרויסע יידישע באַוועגונגען: „בונד״ און ציוניזם. ביידע רע־פּרעזענטירן זיי די באַזונדערע, קלאַסן־קעגנזעצלעכע אינטערעסן. דער „בונד״ זעט אינעם יידישן אַרבעטער־קלאַס דעם פּראָגרעסיוון אַוואַנגאַרד פון יידישן פאָלק און זעט די פרייהייט פון יידישן פאָלק אינעם אינטערנאַציאָנאַלן קאַמף פאַר סאָציאַליזם. דער ציוניזם דאַקעגן איז קעגנעריש איינגעשטעלט צום קאַמף פון יידישן אַרבע־טער־קלאַס, און ער בויט זיין אידעאָלאָגיע אויפן יסוד פון בירגער־לעכן יידישן נאַציאָנאַליזם און רעליגיעזער בענקשאַפט נאָך ציון.

צי האָט דער יידישער אַרבעטער אין יענער צייט באמת גע־קאָנט אָננעמען די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע, וועלכע האָט גערופן אָפּצושטעלן דעם קלאַסן־קאַמף, צו „נאַציאָנאַלער אחדות״ און צום אָפּזאָגן זיך פון קאַמף אויפן אָרט קעגן צאַריזם?

צי האָט אין יענער צייט באמת דער „בונד״ געקאָנט קומען צו

די אַרבעטער־מאַסן און זיי זאָגן: „אייער קאַמף און אייער שאַפן דאָ אויפן אָרט איז גאָרנישט ווערט", נאָר „נעמט אייער אָרעמקייט און לאָזט זיך קיין ארץ־ישראל"? צי וואָלטן די מאַסן געפאָלגט דעם „בונד" אפילו ווען ער זאָגט דאָס צו זיי? צי וואָלטן די מאַסן נישט פאַרטריבן פון זיך אַזאַ פאַרטיי? צי איז עס דען געווען אַ צופאַל, וואָס די אַנטשטאַנענע אין יענער צייט ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען האָבן כמעט קיין שום ווירקונג נישט געהאַט אויף די מאַסן?

אָפגערעדט שוין דערפון, אַז ס'איז בכלל אומזיניק צו טראַכטן, אַז צו יענער צייט האָט ארץ־ישראל געקאָנט אַריינעמען צו זיך די 5 מיליאָן יידן פון צאַרישן רוסלאַנד. אפילו היינט, ווען ס'איז שוין פאַראַן אַ מדינה, ווען ס'האָט זיך אומגעהויער אַנטוויקלט די אַל־מענטשלעכע וויסנשאַפט און טעכניק, וועלכע דערמעגלעכט שוין צו מאַכן פרוכטבאַר מדברדיקע שטחים, — וואָס דעמאָלט איז דאָס געווען נאָך אין דער ספערע פון אַ פאַנטאַזיע, — אפילו היינט איז די ישראל־מדינה נישט פעאיק צו אַבסאָרבירן קיין גרעסערע מאַסן־עמיגראַציע. און מען דאַרף נישט פאַרגעסן, אַז אויב אין משך פון די קנאַפע 10 יאָר פון איר עקזיסטענץ האָט די מדינה אַריינגענומען אַ קנאַפּן מיליאָן יידן, איז דאָס אין אַ גרויסער מאָס צו פאַרדאַנקען דעם „צופאַל", וואָס אַ קנאַפער מיליאָן אַראַבער האָבן פאַרלאָזט דאָס לאַנד.

ביי די ציוניסטן איז פאַרשפרייט דער דעמאַגאָגישער געדאַנק, אַז דער „בונד" איז שולדיק אין דעם, וואָס די יידישע מאַסן זענען נישט געפאָרן קיין ארץ־ישראל און אַז ווען נישט דער „בונד" וואָלט מען געקאָנט ראַטעווען מיליאָנען יידן.

דער אמת אָבער איז, אַז נישט נאָר דער „בונד", נאָר אפילו אויך די ציוניסטישע באַוועגונג האָט נישט געקאָנט רופן צו קיין מאַסן־עמיגראַציע פון די יידן קיין ארץ־ישראל. אַ פאַקט איז, אַז אויך די ציוניסטן זענען זעלטן געפאָרן קיין ארץ־ישראל און די ציוניסטישע באַוועגונג גופא איז לסוף געווען געצוווּנגען איינצו־שטעלן זיך אויף אַ סטאַבילער פאָליטישער טעטיקייט אין די גלות־לענדער.

ווען די ישראלדיקע ציוניסטישע פירער מיט בן־גוריונען בראש האָבן היינט טענות צו די אַמעריקאַנער ציוניסטן, פאַרוואָס זיי ווילן נישט פאַרלאָזן דאָס פרייע און רייכע אַמעריקע, כדי זיך צו באַזעצן אין ישראל, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז די זעלביקע דערשיינונג האָבן מיר געהאַט אויך מיט דער ציוניסטישער באַוועגונג פון רוסלאַנד און שפּעטער פון די איבעריקע מזרח־אייראָפּעאישע לענדער.

אין דעצעמבער 1906 איז פאָרגעקומען אין העלסינגפאָרס די לאַנד־קאָנפערענץ פון דער ציוניסטישער באַוועגונג פון דער רוסלענדישער אימפּעריע. די דאָזיקע קאָנפערענץ איז באַרימט געוואָרן דערמיט, וואָס זי האָט איבערגעריסן מיט דער פריערדיקער שלילת־הגלות־איינשטעלונג און האָט פּראָקלאַמירט אַ „קעגנוואַרטס־פּראָגראַם", פון קאַמף פאַר דעמאָקראַטיזירן די מלוכה, פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג און פאַר נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פאַרן יידישן פאָלק. די רעאַליזאַציע פון ציוניסטישן אידעאַל איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף „אחרית הימים". דער העלסינגפאָרסער פּראָגראַם, וועלכער איז אגב געשטיצט געוואָרן אויך דורך וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, דעם שפּעטערדיקן גייסטיקן פאָטער פון „חירות", איז געוואָרן דער פּאָליטישער טעטיקייט־פּראָגראַם פאַר דער גאַנצער ציוניסטישער באַוועגונג ביז דער לעצטער וועלט־מלחמה.

איז דאָס געווען אַ צופאַל, אָדער אַ פעלער, וואָס אויך די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך געמוזט שטעלן אויפן יסוד פון פּאָליטישן קאַמף אין גלות, און וואָס זי האָט אָנגענומען דעם פּראָגראַם, וועלכער ווערט היינט אַזוי אויסגעחוזקט פון די ציוניסטן, דעם פּראָגראַם פון נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע? ניין. דאָס באַווייזט נאָר ווי נישט רעאַל ס'איז געווען אין יענער צייט דער געדאַנק פון מאַסן־עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל, דאָס באַווייזט נאָר, אַז אפילו די ציוניסטישע באַוועגונג האָט זיך געמוזט אונטערגעבן דעם דרוק פון דער ווירקלעכקייט.

בלויז יחידים און קליינע גרופּן, וועלכע זענען געווען פולשטענדיק אָפּגעריסן פון די יידישע מאַסן, פון זייער פּאָליטישן און

סאָציאַלן געראַנגל, האָבן זיך געקאָנט דערלויבן איבערצולאָזן דאָס ייִדישע פאָלק און אַליין צו פאָרן קיין ארץ־ישראל. הײַנט האָבן זיי זיך „אַרויסגעוויזן" ווי די „קלוגע", ווי די „זיגערס" איבערן „בונד"...

אפילו אין די יאָרן צווישן די צוויי וועלט־מלחמות, און נאָך דער באַלפור־דעקלאַראַציע, ווען די ציוניסטישע באַוועגונג האָט שוין געלייגט מער אַכט אויף דער עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל האָט די דאָזיקע עמיגראַציע נישט אָנגענומען קיין מאַסן־כאַראַק־טער. געפאָרן זענען הויפּטזעכלעך חלוצים, קינדער פון קליינ־בירגערלעכע עלטערן, וועלכע ס'האָט געצויגן דער ראָמאַנטישער חלום פון אויפבויען ארץ־ישראל אויף סאָציאַליסטישע יסודות. וואָס עס איז געוואָרן פון זייער חלום, דאָס ווייסן מיר הײַנט, ווען די קיבוצישע באַוועגונג איז פאַרשטופּט געוואָרן אין אַ ווינקל און נעמט בסך הכל אַרום 4 פּראָצענט פון דער ישראלדיקער באַ־פעלקערונג. אויב ס'איז געווען איינמאָל אַ גרעסערער שטראָם פון עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל, די א. ג. גראַבסקי־עליה פון פּוילן, אין 1924, האָבן 90 פּראָצענט פון זיי צוריק פאַרלאָזט ארץ־ישראל צוליב דער אוממעגלעכקייט זיך אײַנצואָרדענען.

ס'איז ביליקע און געמיינע דעמאַגאָגיע, ווען מען וויל הײַנט עמעצן אײַנרעדן, אַז ביז דער וועלט־מלחמה איז געווען אַן אָרט פאַר אַ גרעסערער ייִדן־עמיגראַציע קיין ארץ־ישראל. דאָס ייִדישע פאָלק אין מזרח־אייראָפּע האָט נישט געהאַט קיין אַנדער וועג ווי דעם וועג פון פּאָליטישן, נאַציאָנאַלן און סאָציאַלן קאַמף אין זײַנע וווין־לענדער. קיין שום פאָלקס־באַוועגונג — און אַוודאי נישט אַ סאָציאַליסטישע באַוועגונג — האָט נישט געקאָנט האָבן קיין אַנדער פּראָגראַם, ווי דעם פּראָגראַם פון קאַמף אויפן אָרט קעגן דער רע־אַקציע, קעגן אַנטיסעמיטיזם, קעגן דיסקרימינאַציע, פאַר גלײַכבאַ־רעכטיקונג און פאַר נאַציאָנאַלער אויטאָנאָמיע פון די ייִדישע מאַסן.

דער פּראַקטישער אונטערשייד צווישן בונד און ציוניזם ביז דער לעצטער מלחמה איז הויפּטזעכלעך באַשטאַנען אין דעם, וואָס דער ציוניזם האָט געפירט אַ פּאָליטיק לטובת די ייִדישע בירגער־לעכע מאַסן, און במילא אַ פּאָליטיק פון שתדלנות און פּשרות מיט

די הערשנדיקע פֿאַקטאָרן בעת דער „בונד" האָט פֿאַרטיידיקט די אינטערעסן פֿון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן, האָט זיי מאָבילי־זירט צום קאַמף, און אָנגעפֿירט מיט דעם קאַמף פֿאַר זייערע נאַ־ציאָנאַלע, פּאָליטישע און סאָציאַלע רעכט.

אמת, דער „בונד" האָט נישט געבויט זיין אידעאָלאָגיע און פּאָליטיק אויף די פֿינצטערע פּראָגנאָזן, וועלכע זענען, ליידער, שפּעטער געוואָרן ווירקלעכקייט. ער האָט געבויט, צוגלייך מיט דער גאַנצער דעמאָקראַטישער און סאָציאַליסטישער וועלט, אויף די פּראָגנאָזן פֿון מענטשלעכן פּראָגרעס, אויף די פּראָגנאָזן פֿון זיג פֿון דעמאָקראַטיע און פֿון סאָציאַליזם. אָבער נאָר משוגעים, און עקסטרעמע רעאַקציאָנערן, אָדער אָפּגעריסענע פֿון לעבן פֿאַנ־טאַסטן, האָבן געקאָנט האָבן אַנדערע פּראָגנאָזן.

די ישראל־מדינה איז אַנטשטאַנען נישט דערפֿאַר, ווייל די ציוניסטישע אידעאָלאָגיע האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר גערעכט און די אידעאָלאָגיע פֿון „בונד" פֿאַר אומגערעכט, נאָר ווייל די גע־שיכטע פֿון דער מענטשהייט איז אַוועק אויף נישט פֿאָרויסגעזעענע דעגענערירטע און פֿאַרקריפּלטע וועגן; וואָס אָנשטאָט סאָציאַ־ליזם, וועלכער האָט אויסגעזען צו זיין אַזוי נאָענט, האָט גאָר גע־זיגט דער פֿאַטאַלאָגישער פֿאַשיזם און סטאַליניזם; וואָס אָנשטאָט דעמאָקראַטיע און פֿרייהייט האָט געזיגט די ברוטאַלע אכזריותדיקע דיקטאַטור, וואָס אָנשטאָט פֿעלקער־פֿאַרברידערונג האָט געזיגט דער נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם.

ווי זעט אויס די צוקונפֿט פֿון „בונד"

דער אומקום פֿון מזרח־אייראָפּעאישן יידנטום און די אַנט־שטייאונג פֿון מדינת ישראל האָבן ראַדיקאַל געענדערט די לאַגע פֿון יידישן פֿאָלק. אין שייכות דערמיט האָט זיך ביי באַדייטנדיקע טיילן פֿון יידישן פֿאָלק פֿאַרשפּרייט די מיינונג, אַז ס'איז טאַקע אמת, אַז אַמאָל האָט דאָס יידישע פֿאָלק נישט געהאַט קיין אַנדער וועג, ווי דעם וועג פֿון קאַמף פֿאַר זיינע רעכט אין די גלות־לענדער, און אַז דער „בונד" האָט געשפּילט אַ גרויסע פּאָזיטיווע ראָל אינעם יידישן לעבן — אָבער איצט, ווען דאָס מזרח־אייראָפּעאישע יידנטום איז

מער נישטאָ און ווען עס עקזיסטירט די ישראל־מדינה — איז שוין מער נישטאָ קיין אָרט פאַרן „בונד", האָט שוין דער „בונד" מער נישט קיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

איז עס טאַקע אַזוי? דאָס וואָלט געווען ריכטיק נאָר אין דעם פאַל, ווען מען וואָלט געקאָנט באַווייזן, אַז די אַנטשטייאונג פון דער ישראל־מדינה האָט געלייזט אָדער האַלט ביים לייזן דאָס יידן־פּראָבלעם און אַז ס'איז מער נישט נויטיק דער קאַמף פאַר די אידעען, פאַר וועלכע דער „בונד" האָט געקעמפט אין משך פון די זעכציק יאָר.

ווי זעט עס אָבער אויס אין דער ווירקלעכקייט?

נאָך 10 יאָר פון דער מדינה־עקזיסטענץ איז 85 פּראָצענט פון יידישן פאָלק פאַרבליבן אין דער צעשפּרייטקייט פון דער וועלט. ווען מען זאָל אפילו אָננעמען, הגם דאָס איז פאַלש, די איינשטעלונג פון דער ציוניסטישער וועלט־באַוועגונג, אַז אין דורות אַרום וועלן די יידן זיין קאָנצענטרירט אין דער ישראל־מדינה — צי קאָן מען דערפון מאַכן דעם אויספיר, אַז דאָרט, אין די לענדער פון יידישער צעשפּרייטקייט איז שוין מער נישט נויטיק דער געראנגל פאַר אויפהאַלטן און אַנטוויקלען דאָס יידישע פאָלקס־לעבן, אַז דאָרט איז שוין מער נישט נויטיק דער קאַמף פאַר דער יידיש־וועלטלעכער קולטור, קעגן דער קלעריקאַלער הערשאַפט אין יידישן לעבן, קעגן אַנטיסעמיטיזם, פאַר דער אידעע פון סאָציאַליזם?

צי איז פאַראַן אין יידישן פאָלק אַן אַנדער באַוועגונג, ווי דער „בונד", וועלכער איז איינגעשטעלט צו פירן דעם דאָזיקן קאַמף?

די ציוניסטישע באַוועגונג אין דער וועלט איז נישט איינגעשטעלט און איז נישט ביכולת דאָס צו טאָן. איר איינשטעלונג איז, אַז די ישראל־מדינה דאַרף לייזן די יידן־פראַגע און אַז די יידן אין דער וועלט האָבן בלויז איין אויפגאַבע: צו העלפן מדינת ישראל מיט געלט און מיט מענטשן, און צוצוגרייטן זיך אָדער זייערע קינדער עולה צו זיין קיין ישראל. די ציוניסטישע באַוועגונג אין דער וועלט איז דעריבער איינגעשטעלט צו פאַרשפּרייטן עברית און דורך דעם אַרויסצושטויסן יידיש פון די שולן און פונעם לעבן. די דאָזיקע איינשטעלונג האָט געפירט — און מוז פירן — צו דער

אַפּשוואַכונג פון יידישן פאָלק אין דער וועלט, צום אַראָפּנידערן זיין נאַציאָנאַלע שעפערישקייט און עקזיסטענץ.

ס'וואָלט געווען אַ טראַגעדיע פאַרן יידישן פאָלק, ווען עס עק־זיסטירט נישט אין דער וועלט קיין באַוועגונג, וועלכע זאָל זיך אַנטקעגנשטעלן דער דאָזיקער פאַלשער און שעדלעכער ציוניס־טישער איינשטעלונג, וועלכע זאָל נישט וועקן און רופן דאָס יידישע פאָלק אויפצוהאַלטן און צו אַנטוויקלען זיין נאַציאָנאַלן קיום.

דער „בונד" איז די איינציקע פּאָליטישע יידישע באַוועגונג אין דער וועלט, וועלכע דערפילט די דאָזיקע אויפגאַבע. זי איז אויך די איינציקע יידישע באַוועגונג, וועלכע איז געבליבן געטריי די אידעאַלן פון וועלטלעכקייט און פון סאָציאַליזם, וועלכע קעמפט קעגן אַסימילאַציע און קלעריקאַליזם, פאַר דער נאַציאָנאַלער פריי־הייט פון יידישן פאָלק אויפן יסוד פון פעלקער־פאַרברידערונג.

און אין דער ישראל־מדינה?

אמת איז, דער „בונד" האָט נישט געשטרעבט צו דער אַנט־שטייאונג פון אַ יידישער מדינה. ער האָט נישט געזעען אין אַזאַ מדינה די לייזונג פון דער יידן־פראַגע און ער האָט דאַקעגן געזעען די געפאַרן פון אויפשטעלן אַזאַ מדינה קעגן ווילן פון די אַראַבישע פעלקער. דער „בונד" האָט בכלל נישט געהאַלטן, אַז דאָס אויפ־שטעלן זעלבשטענדיקע מדינות מיט נייע גרענעצן און גרענעץ־קאָנפליקטן, איז אַ גוטע לייזונג פון דער נאַציאָנאַלער פראַגע. דער אידעאַל פון „בונד" איז געווען — אַ פעדעראַטיוו־פאַראייניקטע וועלט, ווו אַלע פעלקער זאָלן קאָנען אויסלעבן זיך פריי נאַציאָ־נאַל און אין פאַרברידערונג מיט די איבעריקע פעלקער. דער דאָ־זיקער אידעאַל איז געווען און פאַרבליבן ריכטיק. דאָס איז געווען און פאַרבליבן דער אידעאַל פון אינטערנאַציאָנאַלן סאָציאַליזם.

לײדער, האָט דער דאָזיקער אידעאַל נישט געזיגט. ביי אַלע פעלקער האָט געזיגט דער גייסט פון נאַציאָנאַליזם און שאָוויניזם, און ביי די אונטערגעדריקטע פעלקער די שטרעבונג צו מלוכהשער זעלבשטענדיקייט.

צי דרינגט דערפון, אַז ס'איז שוין מער נישט נויטיק און נישט

מעגלעך דער קאַמף פאַר פעלקער־פאַרברידערונג, פאַר אַ פאַר־אייניקטער סאָציאַליסטישער וועלט?

די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען האָבן געטרוימט וועגן אויפשטעלן אַ יידישע סאָציאַליסטישע מדינה, וועלכע זאָל לעבן אין פאַרברידערונג מיט די אַראַבער און זאָל זיין געבויט אויף יסודות פון סאָציאַלער גערעכטיקייט. דאָס האָט זיך אַרויסגעוויזן פאַר אַן אוטאָפּיע. דאָס לעבן האָט באַוויזן, אַז פונקט ווי מען קאָן נישט פאַראייניקן ציוניזם מיט קאָמוניזם, אַזוי קאָן מען אויך נישט פאַראייניקן ציוניזם מיט סאָציאַליזם. ציוניזם און סאָציאַליזם זענען 2 אַנטיפּאָדן, צוויי קעגנזעצלעכע שטרעמונגען. ס׳איז דעריבער נישט קיין צופאַל, וואָס אַלע ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין לאַנד, מפא״י, אחדות העבודה און מפ״ם, וועלכע זענען קודם־כל ציוניסטישע פאַרטייען, האָבן געמוזט און מוזן כסדר קאַפּיטור־לירן פאַר דעם אָפענעם בירגערלעכן ציוניזם, וואָס אונטער זייער אָנפירונג ווערט די מדינה אַלץ מער קאַפּיטאַליסטיש, אַלץ ווייני־קער דעמאָקראַטיש, אַלץ מער קלעריקאַל, אַלץ מער שאָוויניסטיש און מיליטאַריסטיש. ס׳איז נישט קיין צופאַל, וואָס די אַלע ציוניס־טיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען האָבן די זעלביקע אַלגעמיין־ציר־ניסטישע פאַלשע און שעדלעכע באַציאונג צום יידישן פאָלק אין דער וועלט, די זעלביקע שאָוויניסטישע באַציאונג צו דער אַראַבי־שער מינדערהייט אין לאַנד, די זעלביקע נעגאַטיווע באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך און קולטור.

צוליב דעם אייגנאַרטיקן אַנטוויקלונגס־גאַנג פון יידישן ישוב אין ישראל, צוליב דער גרויסער השפּעה פון נאַציאָנאַליזם איז אַזוי געשען, אַז אין דער ישראל־מדינה, ווו אַ דאַנק דער ריזי־קער אַנטוויקלונג פון דער ווירטשאַפט איז אויסגעוואַקסן אַ פאַר־העלטנישמעסיק גרויסער אַרבעטער־קלאַס — עקזיסטירט נישט אַן אמתדיקע סאָציאַליסטישע אַרבעטער־פאַרטיי. די דריי ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען, וועלכע זענען אין זייערע יוגנט־יאָרן געווען קליינבירגערלעכע פאַרטייען זענען אויך היינט נישט קיין סאָציאַליסטישע פאַרטייען אין אמתן זין פון וואָרט.

פון דאָנעען שטאַמט דאָס, וואָס די אַלע, וועלכע אַנטוישן זיך אין ציוניזם און אין די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען גע־פינען זייער וועג צום קאָמוניזם, וועלכער נוצט אויס דעמאַגאָגיש לטובת דעם סאָוויעטישן אימפּעריאַליזם די לאָזונגען פון סאָציאַלן יושר און פעלקער־פאַרברידערונג.

אויך אין דער ישראל־מדינה פעלט אַזאַ פּאַרטיי, ווי ס׳איז דער „בונד", אַ פּאַרטיי, וועלכע זאָל מוטיק פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, וועלכע זאָל טראָגן די פאָן פון סאָציאַ־ליזם אַזוי, ווי ס׳האָט זי אַמאָל געטראָגן צווישן די מאַסן דער „בונד" פון רוסלאַנד, ליטע און פּוילן.

אמת, אין רעזולטאַט פון היטלעריזם און קאָמוניזם איז ביי אַלע פעלקער און אויך ביים יידישן פאָלק אָפּגעשוואַכט געוואָרן דער גלויבן אין סאָציאַליזם. אָבער אָן סאָציאַליזם, אָן אַ יושרדיקער גערעכטער וועלט, אָן שלום און פעלקער־פאַרברידערונג איז נישט פאַראַן קיין צוקונפט פאַר דער מענטשהייט; און ס׳איז אויך נישט פאַראַן קיין צוקונפט פאַרן יידישן פאָלק און פאַר מדינת ישראל. דער קאַמף פאַר סאָציאַליזם, איז פאַרבליבן אַן אומבאַ־דינגטע היסטאָרישע נויטווענדיקייט. און כל זמן ס׳איז נויטווענדיק דער דאָזיקער קאַמף, כל זמן עס עקזיסטירט דאָס יידישע פאָלק, סיי אין דער וועלט, סיי אין מדינת ישראל, איז נויטיק, איז היסטאָריש באַרעכטיקט די עקזיסטענץ פון „בונד".

דעם „בונד" קומט היינט אויס צו אַרבעטן אין שווערערע, פיל שווערערע באַדינגונגען; ער איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן צוליב דעם שוידערלעכן בלוט־אָפּפלוס; ס׳קומט אים אויס צו זיין טעטיק אין אַן אַטמאָספער פון אַלגעמיינעם און אויך פון יידישן נאַציאָנאַליזם, אין אַן אַטמאָספער פון אומגלויבן אין די אידעאַלן פון פרייהייט־לעכן, דעמאָקראַטישן סאָציאַליזם. שוועריקייטן עקזיסטירן אָבער נישט, כדי מען זאָל זיך זיי אונטערגעבן, נאָר כדי מיט מער עקש־נות, מיט מער ענערגיע זיי ביייצוקומען.

אין משך פון 60 יאָר האָט דער „בונד" געטראָגן זיין פאָן דורך אַלע שטורעמס, באַרג־אַרויפן און באַרג־אַראָפּ. ער האָט דורכ־

געלעבט יאָרן פון גלאַרייכן אויפשוווּנג און אויך נישט ווייניק יאָרן פון מפלות. ער האָט אָבער קיינמאָל נישט אויפגעגעבן זיינע האָפענונגען אין זיין קאַמף פאַר אַ בעסערער וועלט. ער וועט זיי אויך נישט אויפגעבן איצט, אין די שווערע פאַר אים צייטן. ווייל די צוקונפט איז מיט דעם סאָציאַליזם און במילא אויך מיט דעם „בונד".

בונדישע
פירער
און מארטירער

ערליך — אַלטער*

פיר דאָטעס מערקן מיר אָפּ יאָר־יערלעך באַזונדערס פייער־לעך: ערשטער מאַי, געטאָ־אויפשטאַנד, יובל פון „בונד" און ערליך־אַלטער.

די לעצטע צוויי זענען פּאַקטיש בונדישע טעג, הגם זיי האָבן אַן אַלגעמיינע באַדייטונג.

יובל פון „בונד" — אַנטשטייאונג פון בונד; אויפוואַכונג פון יידישן אַרבעטס־מענטש צו אַ נאַציאָנאַל און סאָציאַל־ניי לעבן. איבערברוך־מאָמענט אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק; וועלט־לעכקייט, סאָציאַליזם. דער „בונד" האָט דאָס אַריינגעבראַכט אין יידישן פאָלק אַריין, צו די אַרבעטנדיקע יידישע מאַסן.

ערליך — אַלטער, פאַרוואָס מאַכן מיר נישט קיין יערלעכע אַזכּ־רות פאַר אַנדערע בונדישע פירער, ווי: מעדעם, קאָסאָווסקי, נח, מיכאַלעוויטש, מענדעלסאָן, זיי זענען דאָך נישט ווייניקער באַליבט געוועזן? אפשר ווערט טרויעריק, ווי זיי גייען אַוועק אין פאַרגעסנ־הייט. דאָס איז דערפאַר, ווייל ס׳איז פיזיש נישט מעגלעך יעדנס געדענק־טאָג צו פייערן. ס׳איז אָבער אויך דאָ אַן עיקרדיקער אונטערשייד. די אַלע זענען געשטאָרבן מיט אַ נאַטירלעכן טויט, אָבער ערליך און אַלטער זענען דערמאָרדעט געוואָרן. נישט דורך די נאַציס צוזאַמען מיט אַלע יידן, נאָר דורך די סאָוועטישע תלי־נים — דורכן סאָוועטישן רעזשים. און דאָס נישט בלויז פיזיש דערמאָרדעט, נאָר אויך זייערע נעמען באַוואָרפן מיט בלאָטע. ווען די נאַציס דערמאָרדן זיי — וואָלטן זיי אומגעקומען ווי יידן און סאָציאַליסטן. סטאַלינס מערדער אָבער האָבן זיי געוואָלט אומ־ברענגען, ווי היטלער־אַגענטן, וואָס האָבן גערופן די רויטע אַרמיי

---

* פון אַ רעדע אויף אַן ערליך־אַלטער—אַקאַדעמיע, דעצעמבער 1952, כראָניק „לעבנס־פראַגן", נר. 9, 1952.

אפצושטעלן די מלחמה קעגן היטלערן. דער דאזיקער טאפלטער מארד רופט ארויס א באזונדערע אויפמערקזאמקייט צו דיביידע פירער פון „בונד" — צו הענריק ערליך און צו וויקטאר אלטער. מיר קענען זיי צוריק נישט לעבעדיק מאכן, אבער די מאראלישע רעהאביליטאציע וועלן מיר נישט אויפהערן צו מאנען. אונדזערע געדענק־אוונטן לכבוד ערליכן און אלטערן זענען נישט בלויז קיין אזכרות, נאר אויך אן אויסדרוק פון עמפערונג און א רוף צו אלע, וואס גלויבן נישט אין דעם בלבול, צו פראטעסטירן קעגן דעם מארד און פאדערן זייער רעהאביליטאציע.

מען רעדט וועגן ענדערונגען אין סאוועטישן רעזשים. אט די אלע האפענונגען זענען אילוזארישע כל זמן ס'וועט נישט קומען קיין מאראלישע איבעראריענטאציע; כל זמן ס'וועט נישט אפגע־שאפט ווערן דער מעטאד פון מאראלישן און פיזישן לינטש איבער קעגנער. כל זמן דאס וועט נישט געשעען איז נישט מעגלעך קיין דעמאקראטיזירונג פון רעזשים. אמת, אויך אין די אייגענע רייען האבן סטאלינס תלינים דורכגעפירט טאפל־מארדן. אונדז טוט אבער באזונדערס וויי ערליך־אלטער, ווייל מיר ווייסן, אז זיי זענען דערמארדעט געווארן נאר דערפאר, ווייל זיי זענען געווען יידישע סאציאליסטישע פירער, פירער פון „בונד".

דאס איז איין וויכטיקע סיבה פארוואס מיר מאכן אלע יאר אזכרות פאר זיי. די צווייטע סיבה — ערליך און אלטער זענען געשטאנען בראש פון „בונד" אין אונדזער צייט, אין דער תקופה פון גרויסן שוווּנג פון יידישן לעבן אין פוילן, ווען פוילן איז געווארן דער צענטער פון יידישן נאציאנאלן שאפן און געראנגל.

ערליך און אלטער זענען געווען די, וואס האבן אנגעפירט מיטן „בונד", הגם קעגנזעצלעך אין זייער נאטור — ערליך — סאליד, געפאסט, מאיעסטעטיש, אויסגערעכנט; אלטער — ברויזנד, דינא־מיש, זוכעריש — האבן זיך ביידע דערגענצט.

די צייט, ווי מיר ווייסן, איז דאן געווען נישט קיין אידילישע. ס'האט זיך געפאדערט דער כאראקטער־שטריך פון ביידע, כדי צו קענען פירן די בונדישע שיף אין אזא שטורמישער צייט. זי איז געווען לעבעדיק־שטורמיש אין קאמף קעגן ווילדן אנטיסעמיטיזם,

אין קאַמף פאַר רעכט אויף אַרבעט, אויף שולן אין דער מוטער־שפּראַך א. א. וו. דאָס אַלץ איז געווען אין מלוכה־מאַסשטאַב. ס׳איז אָבער, חוץ לזה, געווען אַ קאַמף קעגן געוויסע יידישע ריכ־טונגען: קעגן די קאָמוניסטן, וועלכע האָבן אַ געוויסע צייט גע־האַט אַ גרויסע השפּעה אויף דער יידישער גאַס, קעגן די ציוניסטן, וועלכע האָבן געהאַמעוועט דעם קאַמף פאַר רעכט אויף יידיש־לשון, קעגן דער אָרטאָדאָקסיע, וועלכע האָט געהערשט אין קהילה־לעבן. עס איז אויך געקומען דער גרויסער נסיון אינערהאַלב דעם „בונד״ — איינצוהאַלטן די גאַנצקייט פון דער פּאַרטיי. אין קעגנ־זאַץ צו אַנדערע פּאַרטייען אויף דער יידישער גאַס, וואָס האָבן זיך יאָ געשפּאַלטן. די איינהייט פון אונדזער פּאַרטיי האָט אַ סך צו פאַרדאַנקען די צוויי פירער — ערליך און אַלטער.

ערליך און אַלטער זענען געווען צוויי קרישטאַל־ריינע מענ־טשן, וועלכע האָבן זייערע לעבנס, אָן אַ רעשט, געאָפּפערט פאַרן „בונד״, פאַר דער פרייהייט פון יידישן אַרבעטס־מענטש, פאַר דער פרייהייט פון יידישן פאָלק, פאַר דער פרייהייט און ברידערלעכ־קייט פון אַלע פעלקער און מענטשן.

דער אָנדענק פון העגריק ערליך און וויקטאָר אַלטער וועט תמיד בלייבן הייליק!

מיין לעצטע באַגעגעניש מיט וויקטאָר אַלטער*

ס׳לעצטע מאָל האָב איך געזען וויקטאָר אַלטערן אין קאָוועל סוף סעפטעמבער 1939, אַ פּאָר שעה פאַר זיין אַרעסט. און געשען איז דאָס ביי פאָלגנדיקע אומשטענדן:

די עוואַקואַציע פון וואַרשע אין די ערשטע טעג סעפּטעמבער האָט מיך פאַרוואָרפן אין אַ קליין שטעטל הינטער פּינסק, ווו ס׳האָט מיך געטראָפן די ידיעה, אַז די סאָוועטישע אַרמיי איז אַריבערגעטראָטן די פּוילישע גרענעץ.

די ידיעה האָט מיך געטראָפן ווי אַ דונער צוליב צוויי טעמים: ביי מיין גאַנצער קריטישער באַציא׳נג צום סאָוויעטישן רעזשים האָב איך זיך נישט געריכט, אַז די סאָוויעטישע רעגירונג זאָל פעיק זיין זיך צו פאַראייניקן מיטן היטלערישן דייטשלאַנד קעגן פּוילן. דער צווייטער טעם איז געווען אַ ריין פּערזענלעכער: אַלס געוועזענער קאָמוניסטישער טוער, אַלס „רענעגאַט״, ווי זיי פלעגן מיך רופן, האָב איך קיין שום גוטס נישט געקאָנט דערוואַרטן פון די נייע באַלעבאַטעם.

אין שטעטל האָבן די קאָמוניסטן זיך תיכף גענומען צו דער אַרבעט, בכדי ווי געהעריק צו באַגעגענען די רויטע אַרמיי. די פּוילישע פּאָליציי האָט נאָך מיט אַ פּאָר טעג פריער פאַרלאָזט אירע פּאָסטנס. ביי דער אַקטיווער באַטייליקונג פון די קאָמוניסטן איז אָרגאַניזירט געוואָרן אַ בירגער־מיליץ.

מ׳האָט געמוזט אָנהויבן טראַכטן וועגן מאַכן פּליטה. קיין קלאָרע פּלענער וווהין צו גיין האָב איך נישט געהאַט. מ׳האָט זיך געפונען ווי אין אַ פּאַסטקע. פון איין זייט די היטלעריסטן, פון דער

---

* ל. פ. אַפּריל—מאַי 1956, נר. 57—58.

אַנדערער — די באַלשעוויקעס. אַלנפאַלס, האָב איך געפילט, אַז מ׳דאַרף גיין צוריק, נענטער צו וואַרשע.

אין אַ געוויסן נאָכמיטאָג בין איך אָנגעקומען קיין קאָוועל. מיין געמיט איז לחלוטין נישט געווען קיין געהויבענער. אין שטאָט האָט געהערשט אַ לעבהאַפטע באַוועגונג. די שטאָט איז געווען שוין באַהערשט דורך דער רויטער אַרמיי. אָפּטיילונגען רויט־אַרמייער זענען אויף לאַסט־אויטאָס אַרומגעפאָרן איבער די גאַסן. גרופּעס מענטשן האָבן אַרומגערינגלט די גאַס־עקן און קיאָסקן און גע־לייענט די באַקאַנטמאַכונגען פון די נייע מאַכט־אָרגאַנען. גרויסע רייען מענטשן האָבן באַלאַגערט די קראָמען. ווי אַ שאָטן האָב איך זיך געשאַרט איבער די גאַסן, נעבן די הייזער, באַמיענדיק זיך, אַז וואָס ווייניקער מענטשן זאָלן מיך זען. כ׳בין געגאַנגען נישט וויסנ־דיק אַליין וווהין איך גיי...

פּלוצלינג, אויף דער הויפּט־גאַס, צווישן אַ גרויסער מענטשן־מאַסע, וועלכע איז געשטאַנען אין אַ רייע נעבן אַ קראָם, האָב איך באַמערקט באַקאַנטע פּנימער און צווישן זיי — כ׳האָב קוים גע־וואָלט גלויבן! — וויקטאָר אַלטערן.

אונדזער באַגעגעניש איז געווען אַן אויסערגעוויינלעך פריי־דיקע, אפשר קעגן די נויטיקע פאָרזיכטס־באַדערפעניש. מיט אַל־טערן זענען געווען נאָך עטלעכע חברים בונדיסטן. זיי האָבן מיך גלייך אַרויפגעפירט אין אַ שטוב וווהין ס׳איז אין קורצן אָנגע־קומען אויך וויקטאָר אַלטער. ער איז געווען אָנגעטאָן אין אַ נייער ביליקער וואַטענער קורטקע.

מיט פאַרוווּנדערונג האָב איך באַטראַכט דעם נייעם מלבוש און געפרעגט:

— „צו וואָס דאַרפט איר דען איצט אַ וואַטענע קורטקע, ס׳איז דאָך נאָך גאַנץ וואַרעם אין דרויסן?"

דאַן האָט ער מיר דערקלערט, מיט דעם זעלביקן רואיקן שמייכל, אַז דאָס גרייט ער זיך... צו דער תפיסה. ער האָט היינט באַקומען אַ פאַרטרויליכע ידיעה פון אַ מיטגליד פון שטאָטישן רעווקאָם, אַז ס׳איז שוין פאַראַן אַ באַפעל אים צו אַרעסטירן.

אויף מיין פראַגע, פאַרוואָס ער אַנטלויפט נישט, האָט ער מיר

קאַטעגאָריש געענטפערט, אַז ער קלערט אַפּילו נישט וועגן דעם. „וווהין וועל איך לויפן?" — האָט ער געפרעגט. — „צו היטלערן איז דאָך אוממעגלעך. אויסבאַהאַלטן זיך ערגעץ אויף די פּאַרנומענע דורך די סאָוויעטן געביטן? — כ'בין דאָך צופיל באַקאַנט. סוף כל סוף וועט מען מיך כאַפּן. און איך וויל נישט, אַז זיי זאָלן מיך אַרעסטירן פון אַ באַהעלטעניש. אויב שוין אַרעסטירן, זאָלן זיי מיך אַרעסטירן אַזוי ווי כ'בין, אַלס סאָציאַליסט, אַלס קעמפער" —

און ער האָט מיר דערקלערט, אַז ער גרייט זיך אַריינצוטראָגן אינעם רעוווקאָם אַ דעקלאַראַציע אין נאָמען פון צ. ק. פון „בונד". ווי ער האָט מיר איבערגעגעבן, האָט ער באַקומען אַ דערלויבעניש פונעם צ. ק., אין פאַל ווען ער וועט נישט האָבן קיין מעגלעכקייט צו פאַרשטענדיקן זיך מיט די איבעריקע צ. ק.-מיטגלידער, אַליין צו האַנדלען אין נאָמען פון צ. ק.

מיר האָבן אַ לענגערע צייט געשמועסט וועגן דעם אינהאַלט פון דער דעקלאַראַציע. און ווי איך געדענק האָבן די גרונט-טעזן פון דער דאָזיקער דעקלאַראַציע געזאָלט זיין אַזעלכע:

1) לפּנים מיט דער געשאַפענער לאַגע, ווען היטלער-דייטשלאַנד האָט פאַרכאַפּט פוילן און וואָלט זיכער אויך פאַרנומען די דאָזיקע געביטן, אַנערקענט דער „בונד" די סאָוויעטישע אָקופּאַציע פון די מזרח-קרעסן, און איז גרייט מיט איר מיטצואַרבעטן, ביי פאָלגנדיקע באַדינגונגען: א) די אָקופּאַציע איז אַ צייטווייליקע, ביז וואַנען ס'וועט ווידער אַנטשטיין אַן אומאָפּהענגיק פוילן.

ב) ס'וועט גאַראַנטירט ווערן די פרייהייט פון געוויסן און מיינונגען.

ג) דער „בונד" זעצט ווייטער פאָר דעם קאַמף פאַר אַן אומאָפּהענגיק סאָציאַליסטיש פוילן.

ד) פאַר זיך, אַלס מיטגליד פון עקזעקוטיוו פון סאָציאַליסטישן אינטערנאַציאָנאַל, פאָדערט ער די מעגלעכקייט אַרויסצופאָרן אין איינער פון די נייטראַלע מלוכות.

וועגן דער דאָזיקער דעקלאַראַציע האָט אַלטער געזאָלט אויך

פאַרשטענדיקן זיך מיט אייניקע פּוילישע פּ.פּ.ס.אישע טוער, וועל־כע האָבן זיך דאַן געפונען אין קאַוועל. ס'איז קלאָר, אַז אַלטער האָט נישט געהאַט די מינדעסטע אילוזיע, אַז די דאָזיקע דעקלאַ־ראַציע זאָל אים ראַטעווען פון אַרעסט. פאַרקערט, ער האָט זי באַ־טראַכט ווי אַ קאַמפּס־פּראָגראַם צוגעפּאַסט צו די דעמאָלטיקע פאַרהעלטענישן.

מיט אַ שווער געמיט האָבן מיר זיך געזעגנט. אונטער דער טונקלקייט פון אָוונט האָב איך פאַרלאָזט די שטאָט. שווערע אומע־טיקע געדאַנקען האָבן געפּרעסט מיין מאַרך. כ'האָב געפילט, אַז כ'פאַרלאָז איינעם פון די בעסטע אונדזערע חברים און מענטשן, אין די שווערסטע מאָמענטן פון זיין לעבן. די ליכטיקע געשטאַלט פון אַלטערן האָט זיך כסדר געשטעלט פאַר מיינע אויגן. זיין פייער־דיקער גלויבן אין גערעכטיקייט, פרייהייט און סאָציאַליזם האָט געדריקט מיין געוויסן. און אַלץ פעסטער איז ביי מיר געוואָרן דער געדאַנק, אַז איך טאָר נישט אַנטלויפן, אַז פונקט ווי ער דאַרף איך ווייטער גיין אין קאַמף פאַר אונדזערע אידעאַלן. אַלץ פעסטער איז געוואָרן ביי מיר דער באַשלוס צוריקצוגיין קיין וואַרשע, שטעלן זיך צו דער אומלעגאַלער אַרבעט קעגן די היטלערישע באַנדיטן.

ווי כ'בין שפּעטער געוווּיר געוואָרן, איז ח' אַלטער די זעלבע נאַכט אַרעסטירט געוואָרן. כ'האָב נישט געגלויבט, אַז די סאָוויעט־טישע מאַכט זאָל אים נאָך ווען ס'איז באַפרייען.

איך בין שפּעטער אָוועק צוריק קיין וואַרשע, פון וואַנען כ'האָב, לײדער, געמוזט אין קורצן אַנטלויפן. אויף דעם וועג קיין ווילנע בין איך אַרעסטירט געוואָרן דורך דער נ.ק.וו.ד.— און פאַר־שיקט געוואָרן אין לאַגער, פון וואַנען ס'האָט מיך באַפרייט די אַמ־נעסטיע אין 1941. די גאַנצע צייט האָב איך נישט געוווּסט וועגן דעם גורל פון וויקטאָר אַלטערן און הענריק ערליכן. קוים נאָך דער אַמנעסטיע האָב איך זיך דערוווּסט, אַז אויך זיי זענען פריי.

אָבער די דאַמאָקלעס־שווערד איז געבליבן הענגען איבער זייערע קעפּ. און דער טראַגישער גורל האָט עס געוואָלט, אַז די צוויי פירער פון ידישן אַרבעטער־קלאַס זאָלן ווערן דערמאָרדעט דורך דער סאָוויעטן־מאַכט נישט דאַן ווען רוסלאַנד איז געגאַנגען

האָנט ביי האַנט מיט היטלער־דייטשלאַנד; נישט דאַן ווען זי האָט צוגעהאָלפן די היטלעריסטן אַריינצורוקן אַ מעסער אינעם רוקן פון פוילן, נאָר גראָד דאַן ווען די סאָוויעטן זענען באַפאַלן געוואָרן דורך אירע פריערע פאַרבינדעטע; גראָד דאַן ווען די סאָוויעטישע רעגירונג איז צוגעטראָטן צום לאַגער פון די אַליאירטע מלוכות, צום לאַגער פון די, אין וועמענס רייען ס'האָבן זיך געפונען די אַלע, וואָס קעמפן פאַר די זעלביקע צילן, פאַר וועלכע ס'האָבן מיט זייער לעבן באַצאָלט הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער.

דער נאָמען פון אַרטור זיגלבוים דאַרף פאַראייביקט ווערן אין מדינת ישראל *

ס'איז 13 יאָר ווי ח' אַרטור זיגלבוים איז אין מיטן לאָנדאָן, ווו ער איז געווען פאַרשטייער פון „בונד" אין פוילישן גלות־פּאַרלאַ־מענט, באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אַלס פּראָטעסט קעגן דער גלייכ־גילטיקייט פון דער וועלט צום היטלערישן מאָרד איבער די יידן. ער איז געווען דער איינציקער יידישער רעפּרעזענטאַנט אין אויס־לאַנד, וועלכער האָט פרייוויליק פאַראייניקט זיין נשמה מיט די נשמות פון די אומגעברענגטע יידישע מאַרטירער און קדושים. ער האָט זיין לעבן אַוועקגעלייגט אויפן מזבח פון יידישן פאָלק. ער איז געוואָרן אַ נאַציאָנאַלער קדוש.

שוין העכער אַ יאָר, ווי די ברית־העבודה אין ישראל האָט זיך געוואָנדן צו די שטאָט־פאַרוואַלטונגען פון תל־אביב און חיפה וועגן פאַראייביקן זיין נאָמען דורך אָנרופן אויף זיין נאָמען אַ גאַס. מיט אַ פּאָר חדשים צוריק איז ווידער אַמאָל באַנייט געוואָרן די בקשה. ס'זענען אויך צוגעשיקט געוואָרן ספּעציעלע בריוו צו די פּאַרטיי־אישע פראַקציעס אין די שטאָט־ראַטן, אַז זיי זאָלן אונטערשטיצן די ווענדונג. ביז היינט צו טאָג הענגט נאָך דער ענין אין דער לופטן, הגם אין משך פון דער צייט זענען שוין פיל גאַסן פאַרהייליקט גע־וואָרן מיט נייע נעמען.

וואָס האַלט עס אָפּ אונדזערע שטאָט־פירער צו באַשטימען אַ גאַס אויפן נאָמען פון אַרטור זיגלבוים? ס'איז כדאי אַז די עפנטלעכ־קייט זאָל וויסן וועגן דעם.

אַרטור זיגלבוים האָט פאַרדינט, אַז זיין נאָמען זאָל ווערן פאַר־אייביקט אין דער יידישער מדינה. און עס וועט זיין אַ שאַנד, אויב דאָס וועט נישט געטאָן ווערן.

---

* „לעבנס־פראַגן", אפּריל—מאַי 1956.

אַ גאַס א. נ. פון שמואל מרדכי („אַרטור") זיגעלבוים (מאַי 1963) *

(וואָלף הערש איוואַן, ישראל־שטימע 12.6.63)

קרית־שלום, די פאָרשטאָט פון תל־אביב, איז רייך מיט בלו־מען, גרינס,ביימער און מיט גאַסן, וואָס טראָגן די נעמען פון גרויסע יידישע מאַרטירער, העלדן און קינסטלער: אסתר רחל קאַ־מינסקא, הירש לעקערט, אליקום צונזער, יאַנוש קאָרטשאַק, דאַ־שעווסקי א. א. דעם לעצטן חודש איז אין זעלבן קוואַרטל פאָרגע־קומען אַן איינדרוקספולע פייערונג פון אָנרופן, דורכן תל־אביבער שטאָטראָט, אַ גאַס אויפן נאָמען פון קדוש שמואל מרדכי זיגעל־בוים, באַקאַנט געווען די יידן אין פאַרמלחמהדיקן פוילן אונטערן נאָמען „אַרטור".

ביי אַ פראָוויזאָריש־אויפגעשטעלטער טריבונע, באַצירט מיט אַ בלוי־ווייסער און רויטער פאָן, האָט זיך פאַרזאַמלט אַ גרעסערער עולם, מענער און פרויען, אַלטע און יונגע. אויף דער טריבונע — פאָרשטייער פון דער געזעלשאַפטלעכקייט און די שוועסטער פון אַרטורן.

די פייערונג עפנט אין נאָמען פון דער בונדישער אָרגאַני־זאַציע אין ישראל י. אַרטוסקי און האַלט פאָלגנדיקע רעדע:

חשובער ראש העיר, חשובע פאָרשטייער פון דער עיריה, חשובע חברים און פריינד.

מיר זענען זיך היינט צונויפגעקומען אויף אַ היסטאָרישן אַקט פון פאַראייביקן דעם נאָמען פון איינעם פון די מאַרטירער פון פאַרטיליקטן יידישן ישוב אין פוילן — אַרטור זיגלבוים.

מיטן אָנרופן אַ גאַס אין תל־אביב אויפן נאָמען פון שמואל

---

* פון פריוואַטן אַרכיוו פון דיכטער און פובליציסט הערש וואָלף איוואַן.

מרדכי זיגלבוים, באַקאַנט אונטערן נאָמען חבר אַרטור, ווערט אין אַ געוויסער מאָס דערפילט אַן אַקט פון היסטאָרישער גערעכטי־קייט לגבי דעם אָנדענק פון דאָזיקן מאַרטירער, וועלכער האָט מיט 20 יאָר צוריק אין פרייען לאָנדאָן פרייוויליק פאַרענדיקט זיין לעבן כדי טיילן דעם גורל פון די אומגעקומענע יידן און געטאָ־העלדן אין פוילן.

אַרטור זיגלבוים איז דעמאָלט געווען איינער פון די יידישע פאָרשטייער אינעם פוילישן גלות־פאַרלעמענט אין לאָנדאָן, ווו ער איז באַגאַנגען זיין גרויזאַם־העראישן טאַט, ווען עס זענען דער־גאַנגען צו אים די ידיעות, אַז עס טליען שוין אויס די לעצטע פינקען פונעם וואַרשעווער געטאָ־אויפשטאַנד און עס גוססט־אויס אונטער די בלוטיקע שטיוול פון נאַציזשן אָקופּאַנט דער טויזנט־יאָריקער אַזוי פרוכבאַרער און אַקטיווער יידישער ישוב אין פוילן.

אַרטור זיגעלבוימס לעבן סימבאַליזירט מיט זיך אַ שטיק גע־שיכטע פון דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין פוילן. געבוירן ביי אָרעמע עלטערן, האָט ער שוין אַלס צען יאָריק ייִנגל אָנגע־הויבן צו אַרבעטן און צו דערפילן די לאַסט סיי פון נאַציאָנאַלער, סיי פון סאָציאַלער אומגלייכהייט.

שוין אין די יונגע יאָרן דערוועקט זיך ביי אים דאָס געפיל פון פּראָטעסט קעגן דער אומיושרדיקער וועלט־אָרדנונג. ער דער־נעענטערט זיך צום „בונד". מיט זיינע פעיקייטן און אידעאַליזם רוקט ער זיך אַלץ מער אַרויס אין די פאָדערשטע פּאָזיציעס.

אין יאָר 1920 ווערט ער אַרויסגערופן פון זיין וווין־שטאָט, כעלם, קיין וואַרשע, ווו ער ווערט באַשטימט אַלס סעקרעטאַר פון פאַראיין פון די יידישע מעטאַל־אַרבעטער און ווערט אָנגענומען אַלס מיטגליד פון וואַרשעווער קאָמיטעט פון „בונד". אין יאָר 1924 ווערט ער אויסגעוויילט אין צענטראַל־קאָמיטעט פון „בונד" אין פוילן. ער ווערט אויך סעקרעטאַר פון צענטראַל־ראַט פון די יידישע פּראָפעסיאָנעלע פאַראיינען אין פוילן.

אין יאָר 1927 ווערט ער אויסגעוויילט אַלס ראַטמאַן פון וואַר־שעווער שטאָטראַט. אין יאָר 1936 ווערט ער דעלעגירט קיין לאָדזש, ווו ער ווערט סעקרעטאַר פון דער דאָרטיקער בונדישער אָרגאַני־

זאַציע; ער ווערט אויך אויסגעוויילט אין לאָדזשער שטאָטראַט, ווו ער צייכנט זיך אויס מיט זיינע אַרויסטרעטונגען קעגן די אַנטי־סעמיטישע און רעאַקציאָנערע עלעמענטן.

ווען עס ברעכט אויס די צווייטע וועלט־מלחמה קומט ער קיין וואַרשע, ווו ער נעמט אַן אַקטיוון אָנטייל ביים אָרגאַניזירן די קאַמפּס־באַטאַליאָנען אין דער פאַרטיידיקונג פון וואַרשע קעגן די היטלעריסטישע אַרמייען.

נאָך דעם ווי די דייטשן פאַרנעמען וואַרשע און זיי פאָדערן עס זאָל זיי צוגעשטעלט ווערן 12 ערובניקעס, און צווישן זיי אויך אַ פאָרשטייער פון „בונד", נעמט אַרטור אויף זיך די דאָזיקע גע־פערלעכע מיסיע. ער נעמט גלייכצייטיק אָנטייל ביים אָרגאַניזירן די אונטערערדישע באַוועגונג פון „בונד". עס איז אויך באַקאַנט געוואָרן זיין אויסגעצייכנטע און מוטיקע רעדע אין דער דאַמאָל־טיקער וואַרשעווער קהילה קעגן אונטערוואַרפן זיך דעם באַפעל פון גיין אין געטאָ.

אין 1940, ווען די געסטאַפּאָ וויל אים אַרעסטירן, אַנטלויפט ער פון וואַרשע און עס געלונגט אים אָנצוקומען קיין בריסל, ווו ער טרעט אַרויס, אויף דער סעסיע פון סאָציאַליסטישן אינטער־נאַציאָנאַל, מיט אַ באַריכט וועגן דער לאַגע פון די יידן אין פוילן. אויך אין פאַריז און אין ניו־יאָרק וועקט ער און מאָנט אָנצונעמען מיטלען קעגן די דייטשע מאָרד־רציחות איבער דער יידישער באַ־פעלקערונג.

אין פרילינג 1942 ווערט אַרטור באַשטימט אַלס פאָרשטייער פון „בונד" אינעם פוילישן גלות־פּאַרלאַמענט אין לאָנדאָן. ער אַלאַרמירט דאָרט אַלע מעגלעכע אינסטאַנצן און פערזענלעכקייטן. ער ווענדעט זיך צו טשערטשילן און שיקט אַלאַרם־רופן צו די מלוכה־מענער אין דער וועלט. ער קאָן נישט פאַרטראָגן די פאַר־ברעכערישע גלייכגילטיקייט, מיט וועלכער די ציוויליזירטע וועלט קוקט זיך צו, ווי די היטלער־באַנדיטן פאַרפייניקן און מאָרדן אויס זיין פאָלק. זיין זעלבסטמאָרד באַגייט ער אַלס פּראָטעסט קעגן דער דאָזיקער גלייכגילטיקייט. אַלט געווען איז ער דאַן 48 יאָר.

אין זיין בריוו פאַרן טויט שרייבט ער: „ווייל כ'האָב גאָרנישט

געקאָנט טאָן בעת מיין לעבן, וועל איך אפשר מיט מיין טויט מיט־העלפן, אַז עס זאָל געבראָכן ווערן די גלייכגילטיקייט פון די, וואָס האָבן די מעגלעכקייט צו ראַטעווען איצט, אפשר אין לעצטן מאָ־מענט, די נאָך פאַרבליבענע פוילישע יידן. מיין לעבן געהערט צום יידישן פאָלק אין פוילן, און דערפאַר גיב איך עס אים אַוועק".

אַרטור זיגלבוים איז געווען אַ פרייער זון פון יידישן פאָלק אין פוילן. ער האָט זיין גאַנץ לעבן געקעמפט פאַר זיינע נאַציאָ־נאַלע רעכט און פאַרן וווּל פון די יידישע אַרבעטנדיקע מאַסן. ער האָט נישט געקאָנט בלייבן לעבן, ווען זיין פאָלק קומט אום. ער איז געוואָרן דער נאַציאָנאַלער קדוש פון יידנטום אין פוילן.

ווען מיר האָבן זיך געוואָנדן צו דער שטאָט־פאַרוואַלטונג וועגן פאַראייביקן דעם נאָמען פון אַרטור זיגלבוים, זענען מיר אַרויסגע־גאַנגען פון דער הנחה, אַז אין מדינת ישראל דאַרפן איינגעזאַמלט און פאַראייביקט ווערן אַלע אוצרות פון גייסט און גבורה פון דעם שעפערישן פוילישן יידנטום. צו די דאָזיקע אוצרות געהערט אויך דאָס לעבן און דער טראַגיש־העלדישער טויט פון אַרטור זיגלבוים.

זאָל זיין נאָמען דערמאָנט ווערן אויף אייביק צווישן די אַלע נעמען פון יידיש גבורה און קדושה.

דער עיריה אונדזער יישר כוח פאַרן פאַראייביקן זיין הייליקן נאָמען.

דער „בונד"
אין ישראל

די פערספעקטיוון פון „בונד" אין ישראל *

מיט די לעצטע עליה־שטראָמען פון פוילן זענען אַהערגעקומען הונדערטער בונדיסטן, וואָס זענען לאַנגע יאָרן געווען אָפּגעריסן פון בונדישן לעבן און זיי האַלטן זיך אויך דאָ דערווייטערט פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע; ס'זענען אויך אַהערגעקומען נישט ווייניקער געוועזענע קאָמוניסטן, וואָס דרייען זיך דאָ אַרום ווי אין אַן עולם התוהו און קאָנען נישט געפינען זייער אידעישן וועג.

כ'האָב געשמועסט מיט אַ סך פון זיי; כ'האָב זיי פּרובירט צו באַקענען מיט די פּראָבלעמען און איינשטעלונגען פון דער היגער בונדישער אָרגאַניזאַציע; כ'האָב געפילט, אַז כ'רעד נישט צו קיין קעגנער, נאָר צו אידעיש־אייגענע אָדער נאָענטע — און דאָך איז ווי אַ וואַנט געשטאַנען צווישן אונדז.

אידעישער תכלית

ס'איז משונהדיק, אָבער גלייכצייטיק כאַראַקטעריסטיש, וואָס די פאַרשפּרייטסטע פראַגע אויף וועלכער כ'האָב זיך אָנגעטראָפן איז געווען: וואָסערע אויסזיכטן האָט דען דער „בונד" אין ישראל? צי האָט ער דען האָפענונגען און אויסזיכטן צו ווערן אַזאַ מאַסן־באַוועגונג, ווי ס'איז כאָטש איינע פון די גרעסערע ציוניסטישע פאַרטייען אין לאַנד?

ווען כ'האָב געפרעגט איינעם, וואָס האַלט זיך אויך ווייטער פאַר אַ בונדיסט: נו, און ווען אַפילו די אויסזיכטן פאַרן „בונד" זענען נישט אַזעלכע וואַזשנע — וועט איר צוליב דעם אויפהערן צו פילן זיך ווי אַ בונדיסט? — האָט ער פאַרשטייט זיך, אָפּגע־טרייסלט זיך פון דאַזיקן חשד. אָבער דעם אמת געזאָגט, איז דער

---

* ל. פ. נר. 85, 1958.

דאָזיקער „תכליתדיקער״ צוגאַנג צום „בונד״ זייער פּאַרשפּרייט אין לאַנד און דאָס נישט נאָר צווישן די נײַ־געקומענע. דערבײַ רעדן מיר בכלל נישט וועגן די, וואָס זענען אַוועק פון „בונד״ צו די גרויסע פּאַרטייען בלויז צוליב עקאָנאָמישע אויסרעכענונגען. מיר רעדן דאָ וועגן די מער ערלעכע מענטשן, וועלכע זוכן באמת אַן אידעישן וועג אין לעבן.

זאָגט צו מיר אַ געוועזענער פּאַרטיי־מיטגליד, אַ בונדיסט: יאָ, כ׳בין אין האַרצן געבליבן אַ בונדיסט, אָבער כ׳זע נישט קיין שום פּערספּעקטיוון פֿאַרן „בונד״ אין ישראל — טאָ וואָסער זין האָט דאָ די בונדישע פּאַרטיי־אָרגאַניזאַציע? ס׳זעט מיר אויס ווי אַן אַנאַ־כראָניזם, אַן אָפּגעלעבטע זאַך.

זאָגט צו מיר אַ געוועזענער קאָמוניסט: כ׳האָב איבערגעריסן מיטן קאָמוניזם און כ׳קאָן אויך נישט ווערן קיין ציוניסט. ווי אַ ייד און סאָציאַליסט פיל איך זיך הײַנט נאָענט צום „בונד״. אָבער וואָ־סערע פּערספּעקטיוון האָט דען דאָ דער „בונד״? גלויבט איר טאַקע, אַז איר וועט קאָנען געפינען אויף אייער זייט די מערהייט אָדער אַ באַדייטנדיקן טייל פון ישראלדיקן אַרבעטער־קלאַס?

וואָס האָב איך געקאָנט ענטפערן די דאָזיקע פראַגעשטעלערס? דערווייזן זיי — און ווי קאָן מען דאָס דערווייזן, — אַז דער „בונד״ האָט יאָ פּערספּעקטיוון אין ישראל?! ווי קאָן מען בכלל „דער־ווייזן״, וואָס עס וועט זיין שפּעטער, צי אין יאָרן אַרום? האָט מען דען געקאָנט „דערווייזן״, אַז אין 20סטן יאָרהונדערט וועט אין סאַמע האַרץ פון אייראָפּע, זיגן אַ היטלעריזם? האָבן דען ציוניסטן געקאָנט „דערווייזן״ מיט יאָרן צוריק, אַז ס׳וועט טאַקע אַנטשטיין אַ ישראל־מדינה? דערווייזן קאָן מען בלויז די טענדענצן פון גע־זעלשאַפטלעכער אַנטוויקלונג; אָבער אין געזעלשאַפטלעכן לעבן ראַנגלען זיך כסדר קעגנזעצלעכע טענדענצן — און מען קאָן קיינ־מאָל נישט דערווייזן פון פאַרויס, וועלכע פון די טענדענצן וועט זיגן. בלויז אחר למעשה ווערט מען „חכמים״.

ס׳איז מיר נאָר געווען פיינלעך צו הערן, ווי אַזוי די דאָזיקע כלומרשט אידעאישע מענטשן מעסטן זייער באַציאונג צו פּאַרטייען און באַוועגונגען, נישט מיט דער ריכטיקייט פון די אידעען, נישט

מיט דער טרייהייט צו די אידעאַלן, נאָר מיט דער קאַלטער אויס־גערעכנטקייט פון „פערספּעקטיוון"; האָט זי פערספּעקטיוון צו ווערן אַ מאַסן־פּאַרטיי איז דער ענין כדאַי; אויב נישט, צו וואָס דאַרף איך געהערן צו אַן אָרגאַניזאַציע פון „בטלנים", וועלכע האָבן טאַקע ריכטיקע אידעען, זענען טאַקע ערלעך און ווויל אָבער זיי האָבן נישט קיין פּערספּעקטיוו צו ווערן אַ כוח, אַ מאַכט... פון די דאָזיקע כלומרשט־אידעאישע מענטשן האָט אַרויסגערעדט דער דרך־ארץ פאַר מאַכט, פאַר כוח — און נישט פאַר דער אידעע. און כ'האָב געטראַכט ביי זיך: וויפל דעמאָראַליזאַציע ליגט אין דאָזיקן צוגאַנג צו פּאַרטייען און אָרגאַניזאַציעס!

כ'האָב זיי געשטעלט די פראַגע: וואָס האַלט איר, אויב אַזוי, דאַרפן טאָן די בונדיסטן דאָ אין ישראל? אויפלייזן זיך? אויפהערן צו גלויבן אין די אידעען, אין וועלכע זיי גלויבן? ווערן געזעל־שאַפטלעך טויט, — וואָס דאָס מיינט דאָס זעלביקע, וואָס אויפהערן צו גלויבן אין די אידעען? אָדער אפשר אַריינטרעטן אין די פּאַר־טייען, וועלכע האָבן „יאָ" פערספּעקטיוון, אַפילו ווען מען האַלט, אַז די אידעאישע און פּאָליטישע איינשטעלונגען פון די דאָזיקע פּאַרטייען זענען פאַלש?

פאַרשטייט זיך, אַז זיי האָבן זיך אָפּגעשאָקלט פון אַזעלכע עצות. דאָס וואָלט געווען נישט ערלעך, נישט אין הסכם מיט דעם אייגענעם געוויסן.

אָבער, אויב אַזוי — האָב איך ווייטער געפרעגט, — טאָ וואָסער אַנדער אויסוועג זעט איר — אויב נישט דעם אויסוועג וועלכן מיר, בונדיסטן, האָבן אויסגעקליבן?! מיר האָבן געשאַפן אונדזער אָרגאַ־ניזאַציע און אין די ראַמען פון אונדזערע מעגלעכקייטן, פּרעדיקן מיר און מיר קעמפן פאַר די אידעען און מיינונגען, וועלכע מיר האַלטן פאַר ריכטיק — אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס די צוקונפט וועט אונדז ברענגען?! ווייל מיר האַלטן, אַז ראשית כל מוז מען זיין ערלעך צו זיך אַליין, טריי זיין די אייגענע אידעאַלן, האָבן אַן אידעאיש און נישט קיין „פּערספּעקטיוו"־צוגאַנג צו דער אָרגאַ־ניזאַציע.

און וואָס שייך דער פראַגע פון פערספעקטיוון

מיר האָבן קודם־כל געוואָלט אָנווייזן ווי נישט ערלעך און נישט אָנשטענדיק ס׳איז צו פאַרבינדן די באַציאונג צו דער פּאַרטיי מיט דעם תכלית־מאָמענט פון פערספעקטיוון; צי איז אָבער בכלל באַרעכטיקט דער פעסימיזם צי סקעפּטיציזם בנוגע די פערספעקטיוון פון „בונד" אין ישראל?

ערשטנס, זענען די „פערספעקטיוון" אין אַ גאָר באַדייטנדיקער מאָס אָפּהענגיק אויך פון דער גרויס און פון דער אַקטיווער טעטיקייט פון דער אָרגאַניזאַציע גופא.

לאָמיר נעמען צב״ש: ווען אַלע די, וואָס האַלטן זיך „אין האַרצן" פאַר בונדיסטן, אָדער פילן זיך נאָענט צום „בונד", וואָלטן געהערט צו דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, מיטגעאַרבעט מיט איר און אַגיטירט פאַר איר — וואָלטן מיר מיט דעם אַליין שוין געווען אַ פיל אַ גרעסערע באַוועגונג ווי מיר זענען. ווייל אַן גוזמא קאָן מען דאָ אין לאַנד אָנציילן אין די טויזנטער אַזעלכע, וואָס האַלטן זיך נאָענט צום „בונד" אָבער געהערן נישט צו דער אָרגאַניזאַציע.

אידעאישע באַוועגונגען פאַלן נישט אַראָפּ פון הימל; זיי ווערן אויסגעשמידט דורך מענטשן און זיי, די מענטשן, שאַפן אויך די אויסזיכטן און פערספעקטיוון פון דער באַוועגונג. איז אַנשטאָט צו קלאָגן אויפן „מאַנגל" פון פערספעקטיוון פאַרן „בונד", איז פיל מאָראַלישער און נוצלעכער צוצולייגן אַליין אַ האַנט אויף צו שאַפן די דאָזיקע פערספעקטיוון.

אויף אַזויפיל וואָס שייך דעם סוביעקטיוון פאַקטאָר פון די פערספעקטיוון פאַרן „בונד".

מען דאַרף אָבער זיין בלינד, כדי נישט צו זען, ווי אויך די אָביעקטיווע באַדינגונגען אין ישראל ווערן כסדר גינסטיקער פאַרן „בונד". מען קאָן דאָ אָנווייזן אויף עטלעכע מאָמענטן:

ערשטנס, ס׳זענען אָנגעקומען אין לאַנד אַריין, אין משך פון די לעצטע יאָרן אין די צענטליקער, אויב נישט אין די הונדערטער טויזנטער יידן, וואָס זענען קיינמאָל נישט געווען און זענען אויך נישט געוואָרן קיין ציוניסטן. אויב אַ גרויסער טייל פון זיי האָט זיך אָנגעשלאָסן אין די ציוניסטישע פּאַרטייען, האָבן זיי דאָס גע־

טאָן נישט צוליב אידעאישע, נאָר צוליב פּראַזאַאישע פּרנסה־סיבות. דאָס כאַראַקטעריזירט אַגב, די „דעמאָקראַטישקייט" פון רעזשים אין לאַנד, וווּ אַז „אַנטשפּרעכנדיקע" פּאַרטיי־קאַרטע איז אַ סגולה צו פּרנסה. אַ גאַנץ באַדייטנדיקער טייל פון די ציוניסטישע פּאַר־טיי־מיטגלידער זענען פּאַקטיש אַנוסים. און מיר ווייסן, אַז נישט ווייניק צווישן זיי זענען אויך פאַראַן אַזעלכע וואָס פילן זיך נאָ־ענט צום „בונד".

צווייטנס, ס'איז נישט קיין סוד, אַז אַלע ציוניסטישע פּאַר־טייען אין לאַנד און באַזונדערס די ציוניסטיש־סאָציאַליסטישע פּאַרטייען מפא"י, אַחדות־העבודה און מפ"ם לעבן איבער אַ שווערן אינערלעכן פּאָליטישן און אָרגאַניזאַציאָנעלן קריזיס. ס'וואַקסט ביי דער מיטגלידערשאַפט די אומצופרידנהייט מיט דער פּאָליטיק פון די דאָזיקע פּאַרטייען, וועלכע ווערט וואָסאַמאָל מער רעאַקציאָ־נער, און מער קלעריקאַל, מער געווענדעט קעגן די אַרבעטער־אינטערעסן.

ס'וואַקסט אויך די אַנטוישונג און אויסניכטערונג לגבי דער אידעאָלאָגיע פון ציוניזם. צי זענען נאָך באמת פאַראַן אַ סך מיט־גלידער אין די דאָזיקע פּאַרטייען, וועלכע זאָלן זיין זיכער אין זייער גלויבן, אַז מדינת ישראל איז די איינציקע לייזונג פון דער יידן־פראַגע? — און דאָס איז דאָך דער עיקר פון ציוניזם! — און זאָלן זיין מסכים מיט דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועלכע אָרדנט אונטער די אינטערעסן פון דער מדינה און פון יידישן פאָלק דער פאַלשער וויזיע פון קיבוץ גלויות און שיבת ציון?

אויב די דאָזיקע פּאַרטייען זענען נאָך גרויס און שטאַרק, איז עס שוין נישט אַזוי פיל צוליב זייער אידעאישער פעסטקייט און אידעאָלאָגישער ווירקונג, ווי צוליב די ווירטשאַפטלעכע און פּאָלי־טישע מאַכט־פּאָזיציעס, וועלכע זיי האָבן זיך געשאַפן אין לאַנד, אין אַ גרויסער מאָס מיט דעם געלט, וואָס די יידן פון דער וועלט האָבן געשיקט קיין ישראל.

ווי וויכטיק אָבער עס זאָל נישט זיין ביי די מאַסן, סיי דער עקאָנאָמישער מאָטיוו, סיי די טראַדיציאָנעלע און אָרגאַניזאַציאָ־נעלע צוגעבונדנקייט צו די פּאַרטייען, וועט מוזן קומען דער מאָ־

מענט, ווען עס וועט ביי זיי גובר זיין דער קריטישער געדאַנק און דער מאָראַלישער פאַקטאָר.

ס'איז געווען אַ צייט, ווען די אומצופרידענע און אַנטוישטע פון ציוניזם זענען אַוועק צו דער קאָמוניסטישער באַוועגונג; היינט אָבער, נאָך די אַנטפּלעקונגען וועגן סטאַלין־רעזשים און ביי דער פאָרזעצונג פון אַנטי־יידישן קורס פון כרושטשאָוו־רעזשים, לעבט די קאָמוניסטישע באַוועגונג גופא איבער אַ שווערן קריזיס און זי האָט פאַרלוירן אַ גרויסן חלק פון איר אַמאָליקער צוציונגס־קראַפט.

וווהין האָבן צו גיין די אַלע אומצופרידענע און אַלע אַנטוישטע סיי פון ציוניזם, סיי פון קאָמוניזם? אין לאַנד איז נישט פאַראַן קיין אַנדערע, און דער „בונד" איז די איינציקע יידישע סאָציאַליסטישע פאַרטיי, וועלכע איז סיי אַנטיציוניסטיש, סיי אַנטיקאָמוניסטיש. ס'איז די איינציקע פאַרטיי, וועלכע טראָגט מיט זיך די טראַדיציעס און די אידעאַלן פון דער רעוואָלוציאָנערער דעמאָקראַטיש־סאָציאַליסטישער אַרבעטער־באַוועגונג.

די אָביעקטיווע באַדינגונגען שאַפן אַזוי אַרום דעם באָדן פאַר דער טענדענץ, אַז מיט דער צייט זאָל קומען צו אַ קעגנזייטיקער דערנענטערונג צווישן „בונד" און די ישראלדיקע מאַסן.

דאָס וואָס די ציוניסטן טענהן, אַז זיי האָבן עס אויסגעקעמפט די מדינה איז לחלוטין נישט קיין אַרגומענט, אַז זיי מוזן אייביק בלייבן די רעגירער איבערן לאַנד. יעדע אומאָפּהענגיקע מדינה ווערט אויסגעקעמפט אין דער ערשטער ריי דורך די נאַציאָנאַליסטישע עלעמענטן, וועלכע רעקרוטירן זיך הויפּטזעכלעך פון די בירגערלעכע און קליינבירגערלעכע קרייזן — דאָס באַדייט אָבער נישט, אַז די אויפריכטיקע פּראָלעטאַריש־סאָציאַליסטישע פאַרטייען דאַרפן דאָרט נישט פירן זייער קאַמף און אַז זיי האָבן נישט קיין שאַנסן צו זיגן.

יאָ, זאָגט מען אונדז, אָבער דער „בונד" איז דאָך נישט קיין ישראלדיקע נאָר אַן „אימפּאָרטירטע גלות־פאַרטיי". דער אמת אָבער איז, אַז אַלע פאַרטייען דאָ אין לאַנד זענען אימפּאָרטירט פון חוץ לארץ; אַלע שטאַמען זיי פון די גלות־לענדער, אָנהייבנדיק פון מפ"ם.

אַמאַליקער השומר־הצעיר, ביז „חירות" אַמאַליקע רעוויזיאָניסטן.

אויב מען קאָן דאָ אין לאַנד רעדן וועגן אַן אייגענער, נישט־אימפּאָרטירטער, סאָבּרישער אָרגאַניזאַציע — זענען דאָס די אַמאָליקע כנענים און די היינטיקע „סעמיטישע העברעער". אָבער גראָד די דאָזיקע „נישט־אימפּאָרטירטע", באמת ישראלדיקע אָרגאַניזאַציע איז אַנטיציוניסטיש, נישט וויניקער, הגם אַנדערש, ווי דער „בונד". דאָס איז נאָר נאָך איין באַווייז, אַז מדינת ישראל מוז נישט זיין כסדר ציוניסטיש, און אַז ס'וועט רייף דער באָדן פאַר נישט־ציוניסטישע אָרגאַניזאַציעס און במילא אויך פאַרן „בונד".

מיר קוקן דעריבער אויף אונדזער בונדישער אָרגאַניזאַציע ווי אויף דעם אידעאָלאָגישן קערן פון אַ צוקונפטיקער מאַסן־באַוועגונג אין מדינת־ישראל.

אַוודאי איז די לאַגע פון „בונד" דערוויל אַ שווערע. אָבער נישט וויניקער שווער איז היינט די לאַגע פון די אויפריכטיקע סאָציאַליסטן אויך ביי די אומות העולם. „לייכט" איז נאָר היינט פאַר די קאָנפאָרמיסטן, פאַר די וואָס זענען גרייט צו דינען די אָפּגעטער פון נאַציאָנאַליזם און אימפּעריאַליזם, און בוקן זיך פאַר די כלערליי דיקטאַטורן. די אַלע, וואָס זענען געבליבן געטריי די אידעאַלן פון מענטשלעכקייט און הומאַניטאַריזם ווערן היינטצו־טאָג נישט בלויז ביי די יידן, אָפּטמאָל אויסגעלאַכט ווי „בטלנים". אָבער צו זיי, צו די „בטלנים", געהערט די צוקונפט פון דער וועלט. ווייל אָן זיי וועט די מענטשהייט אַראָפּקייקלען זיך אין אָפּגרונט פון חיהשער דעגענעראַציע און אומקום.

דאָס איז חל פאַר אַלע פעלקער, דאָס איז אַוודאי חל פאַרן יידישן פאָלק.

מיר גלויבן אין געזונטן לעבנס־אינסטינקט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. דערפאַר גלויבן מיר אויך אין דער צוקונפט פון „בונד", דערפאַר האָבן מיר אויפגעבויט אונדזער אָרגאַניזאַציע אין ישראל; איר כוח ליגט אין איר אידעאָלאָגישער פעסטקייט און אין דער איבערגעגעבנקייט פון די חברים; דער גלויבן אין דער ריכ־טיקייט פון אונדזערע אידעאַלן גיט אונדז אויך דעם גלויבן אין די פּערספּעקטיוון פון אונדזער באַוועגונג.

אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל*

אין מדינת ישראל איז געשאַפן געוואָרן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע. דער יונגער דור אין ישראל, ווי אויך די יידן, וואָס שטאַמען פון די אַראַבישע לענדער ווייסן בכלל זייער ווייניק וועגן „בונד" און במילא ווייסן זיי אויך ווייניק וועגן די צילן און אויפגאַבן פון אַ בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ישראל. ס'איז פאַר זיי פרעמד דאָס יידישע לשון און דאָס אַמאָליקע יידישע לעבן אין מזרח־אייראָפּע — איז וואָס קאָנען זיי וויסן וועגן „בונד", וועלכער איז מיט טיפע וואָרצלען געווען פאַרבונדן מיט דעם יידישן פאָלקס־לעבן און מיט דער יידישער שפּראַך און קולטור אין די לענדער פון דורות־לאַנגער יידישע צעשפּרייטקייט?!

אין די שולן פון ישראל לערנט מען נישט קיין יידיש און אויב מען דערציילט די קינדער און די יוגנט וועגן יידישן לעבן אין די גלות־לענדער — ווערט עס געטאָן מיט אַ נעגאַטיוויער, פיינטלעכער און אָפּטמאָל חוזקדיקער איינשטעלונג. די יידן ווערן פאַרגעשטעלט ווי שפּלדיקע, ווערטלאָזע מענטשן, און יידיש — ווי אַ „זשאַרגאָן", ווי עפּעס אַ צעקאַליעטשעטער דייטשער דיאַלעקט. ווי די פּראָטאָטיפּן פון יידישן פאָלק אין גלות ווערן גענומען „פּישקע דער קרומער", „באַנטשע שווייג". און מען האָט זיי נישט דערציילט און נישט געלערנט וועגן דער ריזיקער רעוואָלוציאָניזירנדיקער ראָל, וועלכע ס'האָט געשפּילט אין יידישן לעבן דער אויפגעוואַכטער יידישער אַרבעטער־קלאַס אונטער דער אָנפירונג פון „בונד". וועגן דער טיפער רעוואָלוציע, וואָס עס האָט אַדורכגעפירט דער „בונד" אין דער פּסיכיק און מענטאַליטעט פון די יידישע פאָלקס־מאַסן אין די שטעט און שטעטלעך פון פיל מיליאָניקן יידישן ישוב

---

* פראַגמענט פון אַ גרעסערן כתב־יד.

אין רוסלאַנד, פוילן, ליטע, לעטלאַנד און רומעניע, ווו ס'איז געווען קאָנצענטרירט דער רוב מנין ורוב בנין פון יידישן פאָלק. מען האָט זיי נישט דערציילט וועגן די גבורים און העלדן וואָס דער „בונד" האָט אַרויסגעגעבן, וועגן דעם מעכטיקן אויפשוווּנג וואָס דאָס יידישע פאָלק האָט דורכגעלעבט אין פּאָליטישן, סאָציאַלן, און נאַציאָנאַל־קולטורעלן זין אַ דאַנק דער אַנטשטייאונג פון „בונד", וועגן דער מעכטיקער אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור און ליטעראַטור, אין יידיש.

מען האָט נעגירט און פאַרשוויגן די פּאָזיטיווע און ליכטיקע זייטן פון אונדזער נאָענטן עבר, מען האָט אויך נעגירט און פאַרשוויגן דעם „בונד". אויב מען האָט עפּעס דערציילט די קינדער און דער יוגנט וועגן אונדזער נאָענטער פאַרגאַנגענהייט — האָט מען זיי דערציילט וועגן פּאָגראָמען, גזירות און גזישות — מען האָט זיי נישט דערציילט וועגן דעם קאַמף קעגן די פּאָגראָמען, גזירות און גזישות; מען האָט זיי נישט דערציילט וועגן די באַוואָפנטע זעלבסטשוצן, וואָס די יידישע אַרבעטער האָבן אָרגאַניזירט אונטער דער אָנפירונג פון „בונד", וועגן די הירש לעקערטס, וואָס דער „בונד" האָט אַרויסגעגעבן, וועגן דעם העראָאישן קאַמף וואָס דער יידישער אַרבעטער־קלאַס אונטער דער אָנפירונג פון „בונד" האָט געפירט קעגן דער דיקטאַטאָריש־פּאָליציישער מאַכט פון דעם רוסישן צאַריזם. און אויב מען האָט זיי עפּעס וואָס דערציילט וועגן „בונד" איז עס נאָר אויף אַזויפיל, אַז דאָס איז געווען אַ שונאי־ציון־פּאַרטיי, וועלכע איז געווען קעגן ארץ־ישראל.

הערט מען טאַקע פון פאַרשידענע זייטן די פראַגע: וואָס האָט דער „בונד" דאָ צו טאָן אין ישראל? וואָס האָט ער דאָ אונדז צו זאָגן און צו לערנען? „בונד" און מדינת ישראל זענען פאַר זיי אויס ווי צוויי קעגנזעצלעכע באַגריפן, וועלכע מען קאָן נישט צונויפפּאָרן. איז דאָך די מדינה — טענהן זיי — אויפגעבויט און אויסגעקעמפט געוואָרן דורך די ציוניסטן ביי אַ שאַרפער קעגנערשאַפט פון „בונד" — טאָ וואָס האָט דער „בונד" דאָ צו טאָן אין דער ציוניסטישער מדינה?

וואָלטן די דאָזיקע פראַגע־שטעלערס געווען קאָנסעקווענט וואָלטן זיי באַדאַרפט קומען צו דער מסקנא, אַז די ישראל־מדינה דאַרף זיין נישט קיין אַלגעמיין־נאַציאָנאַלע, נאָר אַ ציוניסטיש־פּאַרטייאישע מדינה. זיי וואָלטן באַדאַרפט באַשרענקען די אימיגראַציע קיין ישראל נאָר צו ציוניסטן און סימפּאַטיקער.

אָבער דאָס זאָגן נישט — און וואַגן נישט צו זאָגן — אַפילו די אַממערסטן פאַנאַטישע ציוניסטן. זיי פּרעדיקן דאָס רעכט פון אַלע יידן צו קומען אין לאַנד אַריין. אין דער ווירקלעכקייט האָבן מיר טאַקע אַזאַ לאַגע, אַז די גרויסע מערהייט פון די יידן, וועלכע זענען געקומען אין לאַנד אַריין במשך די לעצטע 10—15 יאָר האָבן קיינמאָל קיין שום שייכות נישט געהאַט מיט דעם ציוניזם. דאָס זענען הויפּטזעכלעך יידן געראַטעוועטע פון דייטשישע און סאָוויעטישע קאָנצענטראַציע־לאַגערן, פון אַנטיסעמיטישע נגישות און רדיפות אין די קאָמוניסטישע און אַראַבישע לענדער; יידן, וועלכע האָבן פאַרלוירן זייערע איינגעוואָרצלטע היימען און יידן וועלכע זענען מיד שוין פון צו לעבן צווישן אַנטיסעמיטיש־געשטימטע פעלקער. דאָס זענען יידן, וועלכע ווילן זיך אויסלעבן אין אַ יידישער סביבה, אין אַ יידישער היים, אָבער וועלכע טראַכטן נישט און גלויבן נישט אין די ציוניסטישע גאולה־אידעען. פאַר די דאָזיקע יידן, פאַר זייער איינאָרדענונג, און נישט נאָר פאַר ציוניסטן, האָבן עס די אויסלענדישע יידן געגעבן — און גיבן — הילף, אַדאַנק וועלכער דער היגער ישוב און די ישראל־מדינה האָבן געהאַט און האָבן אַ מעגלעכקייט — זיך צו אַנטוויקלען.

צי קאָן מען אָננעמען דעם שטאַנדפּונקט, וועלכער ליגט אין אונטערבאַוווסטזיין מסתמא פון אַ סך פון די אויבנדערמאָנטע פראַגע־שטעלערס, אַז אַלע יידן האָבן טאַקע דאָס רעכט צו קומען אין לאַנד אַריין, אָבער נאָר די ציוניסטן דאַרפן האָבן דאָס מאָנאָפּאָליסטישע רעכט צו פירן אַ פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט? אַז וואָס די יידן זענען געווען אין גלות זענען זיי געווען, אָבער דאָ, אין ישראל, מוזן זיי ווערן ציוניסטן?

אַזאַ מדינה וואָלט געווען וואָס איר ווילט אָבער נישט קיין דעמאָקראַטישע מדינה. אַזאַ מדינה וואָלט אין לעצטן סך־הכל

געמוזט דעגענערירט ווערן אין אַ טאָטאַליטאַרער ביוראָקראַטישער דיקטאַטור ענלעך צום פאַשיסטישן אָדער סאָוויעטישן סיסטעם. ווייל ווער וועט עס פעסטשטעלן, וועלכע פּאַרטיי איז דאָס אַ באמת־ציוניסטישע? ווייסן מיר דאָך, אַז די „חירות" באַטראַכט אַלע איבעריקע ציוניסטישע פּאַרטייען אַלס אַזעלכע, וואָס פאַראַטן דעם ציוניסטישן אידעאַל. און צי איז אַ באמת־ציוניסטישע פּאַרטיי די מפ"ם, וועלכע זוכט אַ סינטעז צווישן ציוניזם און סאָוויעטישן קאָמוניזם? צי וועט נישט מוזן אַנטשטיין לסוף אַ מין ציוניסטישער סטאַלין, וועלכער וועט זיין דער „פּוסק־אחרון" אין דער פראַגע?

און צי האָבן טאַקע באמת אַלע ציוניסטישע פאַרטייען גע־קעמפט פאַר אַ יידישער מדינה? ווי מיר ווייסן האָט דער „השומר הצעיר", וועלכער בילדעט דעם קערן פון מפ"ם, בעת דער מדינה־אַנטשטייאונג געקעמפט גאָר פאַר אַ יידיש־אַראַבישן בי־נאַציאָנאַלן שטאַט. און מיר ווייסן אויך, אַז אַ סך ציוניסטישע פירער פון אַנ־דערע פּאַרטייען, פון מפא"י און ציונים־כלליים זענען געווען קעגן אָננעמען דעם באַשלוס פון אונ"אָ וועגן דער שאַפונג פון אַ יידי־שער מדינה אין די פאַרגעשריבענע גרענעצן. און אַ סך ציוניסטישע פירער זענען געווען קעגן באַפרייען דעם ישוב פון ענגלישן מאַנ־דאַט.

די מדינה קאָן נישט און טאָר נישט זיין קיין מאָנאָפּאָל בלויז פאַר ציוניסטן. דאָס וואָלט אַרונטערגעריסן נישט נאָר די דעמאָק־ראַטישע יסודות פון דער מדינה, נאָר די יסודות פון דער מדינה־עקזיסטענץ בכלל. אין אַ דעמאָקראַטישער מדינה מוזן אַלע ביר־גער אָן אונטערשייד פון איבערצייגונגען האָבן גלייכע פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע רעכט.

אגב, אויב אַ מאָנאָפּאָל פון טעטיקייט בלויז פאַר ציוניסטן, דאַן דאַרף די פראַגע געשטעלט ווערן נישט נאָר לגבי דעם „בונד". נישט קיין שוואַכערע „שונאי ציון" זענען געווען און פאַרבלייבן די קאָמוניסטן, די פרומע „נטורי קרתא" און אויך די „אגודה", וועלכע האָבן שוין באַוויליקט אַפילו צו האָבן מיניסטאָרן אין דער רעגירונג. אַנטי ציוניסטיש זענען אויך די א. ג. כנענים — אַט

דער אַרויסגעוואַקסענער אויפֿן היגן באָדן „סאַברישער" געוויקס, וועלכער האָט שטאַרקע איינפֿלוסן צווישן דער יוגנט.

ווי מיר זעען איז דער „בונד" נישט די איינציקע אַנטי־ציוניסטישע גרופּירונג וועלכע עקזיסטירט אין ישראל. דאָס וואָס שיידעט אונטער דעם „בונד" פֿון אַלע דאָזיקע גרופּירונגען, איז דאָס, וואָס דער „בונד" איז די איינציקע יידיש־וועלטלעכע און דעמאָקראַטישע סאָציאַליסטישע אָרגאַניזאַציע, וואָס אירע טעטיקייטן אין ישראל, און אירע געדאַנקען וועגן ישראל, פֿאַלגן נאָך מיט גרויס אינטערעס די יידישע פֿאָלק־מענטשן אויך אין די ישובים אויסער די גרענעצן פֿון ישראל.

אין אַן אחריותפולער צייט *

אין אַ שווערער און אַחריותפולער צייט הייבט אָן צו דערשיינען אונדזער זשורנאַל. אין אַ צייט ווען אויף דער וואָגשאָל פון דער וועלט וועגט זיך דער גורל פון דער מענטשהייט און אויך דער גורל פון יידישן פאָלק; ווען פון איין זייט שוועבט איבער אונדזערע קעפּ ווידער דאָס געשפּענסט פון אַ גרויזאַמער וועלט־מלחמה און ווען פון דער אַנדערער זייט מאַכט אונדזער פאַרפייניקט און צעפּערטלט יידיש פאָלק די געוואַלדיקסטע אָנשטרענגונגען פאַר אויפהאַלטן און אַנטוויקלען זיין נאַציאָנאַלן קיום — סיי דאָ אין ישראל, סיי בכל תפוצות העולם.

ס'איז אַ נייער זשורנאַל אין ישראל. ניי מיט זיין וואָרט און מיט זיין אידעאישער איינשטעלונג. ער איז אָבער נישט ניי אין דער געשיכטע פון יידישן פאָלק. אונדזער זשורנאַל איז דער גייסטיקער המשך פון דער אַמאָל־רומפולער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג אין רוסלאַנד, ליטע און פּוילן, וועלכע האָט גאָלדענע קאַפּיטלעך אַריינגעשריבן אינעם קאַמפּס־בוך פאַר דער יידישער און אַלמענטשלעכער באַפרייאונג. ער איז דער המשך פון די אַמאָליקע „לעבנס־פראַגן” און „פאָלקסצייטונג”, וועלכע האָבן ליכט געטראָגן אין די גאַסן און געסלעך פון די יידישע אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן, בראש פון וועלכע עס זענען געשטאַנען די הערלעכע געשטאַלטן פון מעדעם און מיכאַלעוויטש, ערליך און אַלטער.

ימים בלוס, תהומים פול מיט אַנטוישונגען טיילן אונדז אָפּ פון יענער צייט, ווען די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן האָבן געגלויבט אין אונדזער סאָציאַליסטישן, בונדישן אידעאַל פון אַ פריי יידיש פאָלק אין אַ פרייער, פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער וועלט.

במשך דער צייט האָט דער סאָציאַליסטישער אידעאַל געליטן שווערע קלעפּ. ס'איז די מענטשהייט נישט אַוועק אויף די וועגן

* „לעבנס־פראַגן”, נר. 1, מאַי 1951.

צו וועלכע מיר האָבן געשטרעבט. אַנשטאָט באַרג־אַרויף צו די הויכ־קייטן פון סאָציאַליזם איז די מענטשהייט אַוועק באַרג־אַראָפּ אין די אָפּגרונטן פון אכזריות און שקלאַפעריי. עס האָבן פינצטערע כוחות פאַרנומען דעם אויבנאָן אין אַ גרויסן טייל פון דער וועלט און אינעם דאָזיקן גרויזאַמען אויפמאַרש פון אַכזריות איז אומגע־קומען דער שפּרודלדיקסטער טייל פון אונדזער פאָלק.

אויף די חורבות פון אַמאָליקן יידישן לעבן איז אויפגעשטאַנען די מדינת־ישראל. אינעם באַרג־אַראָפּ־גאַנג פון דער מענטשהייט איז פאַרווירקלעכט געוואָרן דער ציוניסטישער טרוים. אומקום פון זעקס מיליאָן יידן און אויפקום פון דער ישראל־מדינה — דאָס האָט ראַדיקאַל געענדערט די לאַגע פונעם יידישן פאָלק.

און דאָך... בלייבט ווייטער ריכטיק אונדזער פאַרויסזעאונג, אַז די ישראל־מדינה וועט נישט לייזן דאָס יידישע פּראָבלעם; דער גורל פון יידישן פאָלק — און אויך פון דער ישראל־מדינה גופא — בלייבט ווייטער אָפּהענגיק דערפון צי אויף דער וועלט וועט יאָ אָדער נישט זיגן דער אידעאַל פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם. עס ווערט אַלץ קלאָרער און בולטער, אַז אַזאַ קליינע מדינה, אַרומגע־רינגלט פון אַלע זייטן מיט שונאים — קאָן נישט געבן קיין זיכער־קייט אירע איינוווינער; און אַז אַזאַ קליינע מדינה, אַ קליינער פונקט אויף דער גרויסער צעריסענער וועלט־מאַפּע, קאָן נישט זיין זעלבשטענדיק נישט עקאָנאָמיש, און נישט פּאָליטיש.

ס'איז די ישראל־מדינה אַ וויכטיקע דערגרייכונג פאַר די יידן, וואָס וווינען אין לאַנד און וואָס וועלן אַריינקומען אין לאַנד אַריין. די יידן האָבן דאָ אויפגעהערט צו זיין אַ מינדערהייט צווישן פעל־קער. זיי קאָנען אַליין באַשטימען זייער נאַציאָנאַלן לעבנס־וועג; זיי קאָנען מיט אייגענע הענט אויפבויען דאָ זייער היים.

די ישראל־מדינה וועט אָבער קאָנען אויפהאַלטן איר קיום נאָר בתנאי ווען זי וועט געדענקען: 1) אַז זי קאָן אַריינבעמען נאָר אַ קליינעם טייל פון יידישן פאָלק און וועט אין רעזולטאַט דערפון אָפּזאָגן זיך פונעם שעדלעכן ציוניסטישן ציל צו ליקווידירן דאָס יידישע לעבן אין די גלות־לענדער; 2) אַז זי מוז לעבן בשלום מיט די אַראַבישע שכנים און וועט אין רעזולטאַט דערפון ראַדיקאַל

לעבנס-פראגן

סאציאליסטישע חודש-שריפט
פאר פאליטיק, ווירטשאפט און קולטור

אינהאלט

אין אן אחריותפולער צייט

דער ערשטער נומער „לעבנס-פראַגן", מאַי 1951



בענצל צאַלעוויטש (רעכטס) דער ערשטער פאַרזיצער פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ישראל און דער גענעראַל סעקרעטאַר — י. אַרטוסקי

ענדערן איר באַציאונג צו די אַראַבער, סיי אין לאַנד, סיי אין איר אויסערן־פּאָליטיק; 3) אַז זי מוז איר אינערלעכן מדינהשן לעבן אויפבויען אויף דעמאָקראַטישע, פּראָגרעסיווע יסודות, וואָס זאָל פאַרזיכערן אירע איינוווינער סיי מאַטעריעלן וווילשטאַנד, סיי די פרייהייט אויסצולעבן זיך אין הסכם מיט זייער געוויסן.

די ישראל־מדינה איז נאָך אַ מדינה אין ווערן; זי האָט נאָכ־נישט פולשטענדיק אויסקריסטאַליזירט איר פּאָליטישע און סאָציאַלע פיזיאָנאָמיע. וואָסער מדינה וועט דאָס זיין: אַ דעמאָקראַטישע צי אַ רעאַקציאָנערע; אַ פּראָגרעסיווע צי אַ קלעריקאַלע; אַ מדינה פון שלום און סאָציאַלן יושר צי אַ מדינה, ווו עס וועלן הערשן אוואַנטוריסטן און אויסנוצערס?

אין משך פון איר דריי־יאָריקער עקזיסטענץ האָט די ישראל־מדינה באַדייטנדיק זיך אַנטוויקלט; זי האָט אָבער בולטער געמאַכט אויך די געפאַרן, וועלכע לויערן אויף איר מצד דער פאַלשער פּאָליטיק פון די מלוכה־פירער. ס'איז אויסגעוואַקסן די ראָל פון די קלעריקאַלע כלי־קודש; מיט שנעלע טריט וואַקסט די סאָציאַלע אומגלייכהייט; רייכטום, לוקסוס, ווען הונדערטער טויזנטער מענטשן ליידן נויט און וואַלגערן זיך אין די בית־עולימס און מעברות; ס'איז אויפגעשטאַנען אַ מעכטיקער ביוראָקראַטישער אַפּאַראַט, וועלכער אַנשטאָט צו דינען דעם פאָלק, הייבט ער אָן צו הערשן איבערן פאָלק. ס'איז ביז גאָר שטאַרק דער היימישער עקסטרעמער נאַציאָנאַליזם, וועלכער קוקט מיט שנאה און ביטול אויף אַלץ, וואָס איז נישט ישראלדיק און העברעאיש, און וועלכער דראָט אַריינצוציען די מדינה אין געפערלעכע אַוואַנטורעס.

אונדזער זשורנאַל רעפּרעזענטירט אַ באַוועגונג, וועלכע איז אַרויסגעוואַקסן פון די טיפעניש פון יידישן פאָלקס־לעבן און וועמענס איינציקער ציל איז צו פאַרטיידיקן די אינטערעסן פון די יידישע פאָלקס־מאַסן. ס'איז אונדז טייער דער גורל פונעם העכער מיליאָניקן יידישן ישוב אין ישראל, וועלכן מיר באַטראַכטן פאַר אַ וויכטיקן באַשטאַנד־טייל פון יידישן וועלט־פאָלק.

מיר שטרעבן דערצו, אַז די ישראל־מדינה זאָל זיין אַ דעמאָקראַטישע מדינה, געבויט אויף די יסודות פון פרייהייט און יושר.

מיר שטרעבן דערצו, אַז די ישראל-מדינה זאָל ווערן אַן אמתע היים פאַר אַלע אירע בירגער, ווו אַלעמען זאָל פאַרזיכערט ווערן דאָס רעכט צו אַ מענטשלעך לעבן, ווי אויך דאָס רעכט אויסצולעבן זיך אין פולער געוויסנס-פרייהייט.

מיר שטרעבן דערצו, אַז די ישראל-מדינה זאָל פאַרזיכערן די פולע פרייהייט און גלייכבאַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך, וועלכע איז אַ נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק און אַ שפּראַך, אויף וועלכער עס לעבן און רעדן הונדערטער טויזנטער יידן אין לאַנד.

מיר שטרעבן דערצו, אַז די ישראל-מדינה זאָל צוהעלפן פאַרשטאַרקן דאָס יידישע לעבן אין דער וועלט, ווייל נאָר אַ שטאַרק און נאַציאָנאַל-באַוווסטזיניק יידיש פאָלק אויף דער וועלט קאָן צו-העלפן אויפצוהאַלטן און אַנטוויקלען די ישראל-מדינה;.

מיר שטרעבן דערצו, אַז די ישראל-מדינה זאָל מיט פּראַקטישע מעשים גיין אויפן וועג פון איינשטעלן אַ סטאַבילן שלום מיט די אַראַבישע שכנים; אַז זי זאָל פאַרזיכערן די פולע פרייהייט דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד און אַז זי זאָל אויף אַ הומאַני-טאַרן אופן צוהעלפן לייזן דאָס אַנגעווייטיקטע פּראָבלעם פון די אַראַבישע פליטים;.

מיר שטרעבן דערצו, אַז די ישראל-מדינה, געשטיצט אויף די אַרבעטנדיקע מאַסן פון לאַנד, זאָל ווערן אַ פאַקטאָר פון קאַמף פאַר אַ פאַראייניקטער, פרייער, סאָציאַליסטישער וועלט, ווייל נאָר אין אַזאַ וועלט וועט קאָנען פריי זיך אַנטוויקלען דאָס יידישע פאָלק.

עס האָבן די טראַגישע יאָרן פאַרענדערט דעם גאַנג פון דער געשיכטע; עס האָבן די דאָזיקע יאָרן אויך ראַדיקאַל געענדערט די לאַגע פון יידישן פאָלק; דאָך אין דער געענדערטער לאַגע בלייבט ווייטער ריכטיק אונדזער אידעאַל: אַ פריי יידיש פאָלק אין אַ פרייער פאַראייניקטער סאָציאַליסטישער וועלט.

אין אַן אַחריותפולער צייט גיבן מיר אַרויס אונדזער זשורנאַל. דערווייל אין אַ באַשיידענעם פאָרמאַט; מיר גלויבן אָבער טיף אין אונדזערע אמתן און מיר דערוואַרטן די וואַרעמסטע הילף פון אַלע אונדזערע חברים און פריינט.

אונדזער באַשיידענער יובל *

די בונדיסטן אין ישראל פייערן היינט אַ באַשיידענעם יובל. עס ווערט אַ יאָר ווי עס דערשיינט אונדזער זשורנאַל, די „לעבנס־פראַגן". ס'איז אַ באַשיידענער יובל; ווייל באמת: מיר זענען דאָך נישט מער ווי אַ חודש־זשורנאַל, אין 16 זייטלעך. און דאָך — צי קאָנען מיר זיך אָפּגעבן אַ רעכענונג וועגן היסטאָרישן באַדייט פונעם עצם פאַקט? — אַ בונדישער זשורנאַל אין ישראל!

מיט אַ יאָר צוריק האָט עס פאַר פיל, נישט בלויז פרעמדע, נאָר אויך אייגענע, אויסגעזעען ווילד, פאַנטאַסטיש. ווי קומט דער „בונד" אין ישראל? און וואָס וועט דאָ האָבן צו טאָן אַ בונדישער זשורנאַל? וואָס וועט ער האָבן צו זאָגן דעם יידישן לייענער פון ישראל?

און לאָמיר זאָגן אויפריכטיק: אויך מיר אַליין האָבן זיך אַ ביסל געשראָקן פאַר דער גרויסער אַחריות, וואָס מיר נעמען אויף זיך — אַריבערצוטראָגן דאָ אַהער און דאָ צו טראָגן די פאָן פון „בונד". דאָ אין דעם יידישן לאַנד, וואָס איז געבויט געוואָרן דורך ציוניס־טישע הענט אינעם קאַמף קעגן „בונד" און וו די גאַנצע אַטמאָס־פער, די גאַנצע לופט איז געוווען אַ ציוניסטישע! ס'האָט געמאַטערט אונדז אַלעמען די פראַגע: צי וועלן מיר זיין ביכולת צו טראָגן דאָ די דאָזיקע רומפולע, אין בלוט פון פיין און קאַמף דורכגעווייקטע, פאָן פון „בונד"? צי וועלן מיר זיין בכח צו געבן אונדזער בונ־דישן ענטפער אויף די היגע, ישראלדיקע פראָבלעמען? צי וועלן מיר קאָנען מיט אונדזער בונדישן געדאַנקען־גאַנג אַריינפּאַסן זיך אין היגן ישראלדיקן לעבן?

און צי וועלן מיר קאָנען אָנהאַלטן אונדזער זשורנאַל? אָן

---

* „לעבנס־פראַגן" 12־13, מאי 1952.

פינאַנסיעלע מיטלען! אָן אַ שטאַב פון פּראָמינענטע שרייבער! צי וועלן מיר קאָנען אָנגעבן אונדזער זשורנאַל אַ געהעריקן ניוואָ, וואָס זאָל נישט פאַרשעמען, נאָר אָנהאַלטן די חשיבות פון גלאָררייכן נאָמען פון „בונד"? צי וועלן מיר נישט אַמאָל אָנהייבן און בלייבן שטיין אינדערמיט?

מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר נעמען אויף זיך אַ גרויסע, אַ שווערע אַחריות; אַז עס וועלן קוקן אויף אונדז סיי אונדזערע פריינט, אין לאַנד און אין אויסלאַנד, סיי אונדזערע קעגנער. מיר האָבן זיך אָבער נישט אָפּגעשראָקן, מיר האָבן אָנגעהויבן. און מיר קאָנען מיט שטאָלץ זאָגן: דאָס ערשטע יאָר האָבן מיר אויסגע־האַלטן! וועגן דעם זאָגן עדות — די אָפּרופן אויף אונדזער זשור־נאַל; סיי מצד אונדזערע פריינט, סיי מצד אונדזערע קעגנער. סיי דאָ אין לאַנד גופא, סיי מחוץ לארץ. מיר האָבן אויסגעהאַלטן — אַדאַנק דעם טיפן גלויבן אין אונדזערע אידעען, אַדאַנק דער איבערגעגעבנקייט פון אונדזערע חברים. מיר האָבן אויסגעהאַלטן אַ יאָר צייט — און דאָס גיט אונדז כח ווייטער אָנצוגיין מיט אונד־זער אַרבעט.

מיר ווייסן: מיר זענען נאָך נישט קיין מאַסן־זשורנאַל; מיר האָבן נאָך נישט קיין צענדליקער טויזנטער לייענער; מיר קומען נאָך נישט צו צו די ברייטע מאַסן יידיש־רעדנדיקע פאָלקס־מענטשן. מיר האָבן אָבער שוין דערגרייכט אַ גרויסע זאַך: מען קוקט ערנסט אויף אונדזער זשורנאַל. מען הערט זיך צו, צו דעם וואָס מיר שרייבן; מען וואַרט אויף אונדזער זשורנאַל; און ביסלעכ־וויַיז, ביסלעכווייז הייבן אָן אונדזערע אמתן אַריינצודרינגען אין די מוחות פון מענטשן, וואָס זענען יאָרנלאַנג געשטאַנען ווייט פונעם „בונד".

מיר באַמיען זיך צו זיין אַן ערנסטער זשורנאַל. מיר שפּילן נישט אויף קיין ביליקער דעמאַגאָגיע. מיר פאַרשטעלן זיך נישט אונטער קיין פרעמדע מאַסקעס; מיר פּראָפּאַגירן אָפן אונדזערע געדאַנקען און מיינונגען; מיר זוכן און פּרובירן צו געבן אַן ערנסטן ענטפער אויף די ערנסטע פּראָבלעמען פון אונדזער לאַנד און פון אונדזער צייט.

מיר ווייסן: מיר האָבן צו ענטפערן אויף שווערע און קאָמפּלי־צירטע פּראָבלעמען; פּראָבלעמען נייע, לפנים וועלכע קיין שום בונדישע אָרגאַניזאַציע אין דער וועלט איז קיינמאָל נישט גע־שטאַנען. און מיר זענען אויפריכטיק זיך מודה: אַ סך פּראָבלעמען זענען נאָך פאַר אונדז אַליין נישט קלאָר און מיר ווילן זיי נישט אָפּפּטרן מיט קיין אבסטראַקטע, דעמאַגאָגישע ענטפערס. מיר מאַכן טראַכטן וועגן זיי אונדזערע לייענער; און מיר אַליין טראַכטן און זוכן אַ תשובה אויף זיי. מיר זענען אַ דעמאָקראַטישע אָרגאַני־זאַציע; אין פרייען מיינונגס־אויסטויש, אין חברישע וויכוחים שמידן מיר אויס אונדזערע ענטפערס. און אויב מיר וועלן זיך טועה זיין — וועט דאָס לעבן אונדז קאָרעגירן. מיר זענען נאָך אַ יונגע אָרגאַ־ניזאַציע אין ישראל און עס פאָדערט צייט ביז וואַנען מיר וועלן זיך אַריינבייסן אינעם היגן האַרטן באָדן, ביז וואַנען מיר וועלן זיך אַריינלעבן אין אַלע היגע פּראָבלעמען.

אָבער איין זאַך פאַרמאָגן מיר: דעם גלויבן אין אונדזער בונ־דישן, סאָציאַליסטישן אידעאַל.

מיר פאַרמאָגן די טיפע איבערצייגונג, אַז דער ציוניזם איז נישט דער וועג, וואָס וועט לייזן די יידן־פראַגע; נישט דער ציו־ניזם פון מפא״י און נישט דער ציוניזם פון מפ״ם; און אוודאי נישט דער ציוניזם פון די בירגערלעכע און רעאַקציאָנערע פאַרטייען.

מיר פאַרמאָגן די טיפע איבערצייגונג, אַז די יידן וועלן בלייבן אַ פאָלק צעשפּרייט איבער אַלע וועלט־טיילן און אַז יעדער יידישער ישוב באַזונדער און אַלע יידישע ישובים צוזאַמען מוזן אַרבעטן און ראַנגלען זיך פאַרן אויפהאַלט און פאַר דער אַנטוויקלונג פון אונדזער נאַציאָנאַלן קיום;

מיר זענען טיף איבערצייגט, אַז די לייזונג פון דער יידן־פראַגע איז אומצערייסבאַר פאַרבונדן מיטן קאַמף פאַר אַ נייער וועלט, וואָס וועט ווערן געבויט אויף די פּרינציפּן פון יושר און ברידערלעכקייט און נאַציאָנאַלער פרייהייט; און אַז נאָר אינעם קאַמף פאַר אַזאַ וועלט קאָן געדייען און אַנטוויקלען זיך אונדזער נאַציאָנאַלער לע־בנס־גייסט;

און מיר זענען טיף איבערצייגט, אַז אויך די ישראל־מדינה

וועט קאָנען אויפהאַלטן איר קיום און זיך אַנטוויקלען ווען זי וועט ווערן באַהערשט פונעם דאָזיקן גייסט, ווען זי וועט פאַרוואַרפן איר ציוניסטישן און העברעאיסטישן נאַציאָנאַליזם און וועט זיך אָנשליסן אין דעם אַלגעמיינעם נאַציאָנאַלן געראַנגל פאַרן אויפהאַלט פון אונדזער פאָלק.

מיר האָבן גענומען אויף זיך די אחריות אַרויסצוגעבן אונדזער זשורנאַל, ווייל מיר האָבן ליב אונדזער פאָלק, און מיר ווילן קעמפן פאַרן וווּל פון אונדזער פאָלק; אומעטום וווּ עס לעבט, אומעטום וווּ עס ראַנגלט זיך; און מיר ווילן אויך קעמפן פאַרן וווּל פון די יידן, וואָס לעבן אין מדינת ישראל.

און ווייל מיר האָבן ליב אונדזער פאָלק, האָבן מיר אויך ליב זיין שפּראַכלעכע אויסשטראַלונג, דעם יידישן לשון, וואָס אונדזער פאָלק האָט פון אַ זשאַרגאָן אין אַ שפּראַך פאַרוואַנדלט און פּרעכטיקע, גייסטיקע אוצרות אין אים געשאַפן און אונדז צו ירושה געלאָזט... און ווייל מיר גלויבן, אַז אַ פאָלק קאָן אויפהאַלטן זיין קיום נאָר דאַן ווען ער האַלט אָן דעם המשך מיט זיין פאַרגאַנגענהייט, זעען מיר אינעם המשך פון יידיש-לשון אַ וויכטיקן תנאי פאַר אונדזער קיום. ווייל אויב עברית פאַראייניקט אונדז מיט אונדזער אייערנעכטיקן עבר פון פאַר צוויי טויזנט יאָר צוריק — פאַראייניקט אונדז יידיש מיט אונדזער נעכטן פון אונדזערע זיידעס און טאַטעס; און יידיש איז נישט בלויז אַ נעכטן, נאָר אויך אַ היינט, ווייל ער לעבט נאָך אין די הערצער פון מיליאָנען יידן; און עס ראַנגלט זיך נאָך אַ דור, אַ גאַנצער דור פאַר זיין קיום; און ווייל פּוסטער און אָרעמער וועט ווערן אונדזער יידיש לעבן אָן דעם יידיש-לשון און אָן דער קולטור, וואָס איז אויף אים געשאַפן געוואָרן.

דערפאַר ווילן מיר, אַז אויך אין דער יידישער מדינה זאָל יידיש פאַרנעמען זיין פאַרדינטן חשובן אָרט; ווייל מיר גלויבן, אַז דערמיט וועט נאָר געשטאַרקט ווערן די מדינה, אַז דאָס וועט איר נענטער פאַרבינדן מיט די יידן פון דער וועלט און אַז דאָס וועט שטאַרקן און קאָנסאָלידירן דאָס יידישע פאָלק. מיר ווילן, אַז יידיש זאָל לעבן אין דער יידישער מדינה, ווייל מיר שטעלן זיך נישט פאָר קיין לעבן פון אַ יידישער מדינה, וווּ יידיש זאָל זיין טויט; און

ווייל מיר האַלטן עס פאַר אַ בזיון און פאַר אַ חרפה, אַז אין דער יידישער מדינה זאָל מען האַסן און פיינט האָבן יידיש, די שפּראַך פון אונדזערע טאַטעס און מאַמעס.

מיר האָבן ליב אונדזער פאָלק און זיין יידישן לשון, — אָט דאָס האָט אונדז אָנגעפילט מיט דער אחריות און האָט אונדז געגעבן כח אָנצוהויבן אַ בונדישע טעטיקייט אין ישראל און אַרויסצוגעבן אונדזער זשורנאַל. און אויב דאָס פאָלק גייט נאָך נישט אויף אונדזערע וועגן, אויב דאָס פאָלק איז צוליב די אומגליקן, וואָס עס האָט דורכגעלעבט, באַרוישט געוואָרן מיט פאַלשע אילוזיעס — וועלן מיר פּרובירן עס איבערצוציגן מיט די מיטלען פון אונדזער פּראָפּאַגאַנדע, מיט די מיטלען פון אונדזערע אַרגומענטן.

מיר האָבן געוווּסט, אַז מיר נעמען זיך אונטער אַ שווערע אויפגאַבע, אַז מיר, די קליינע בונדישע מחנה אין ישראל, נעמען אויף זיך אַ שווערע לאַסט. מיר האָבן אָנגענומען די לאַסט באַהבה. ווייל מיר זעען דעם ציל פון אונדזער לעבן און דינען דעם פאָלק, אַזוי ווי מיר פאַרשטייען עס, אַזוי ווי מיר באַנעמען עס.

און מיר גלויבן, אַז אין אונדזער שווערער אַרבעט, וועלן מיר נישט בלייבן פאַראייניזאַמט; מיר וועלן געפינען די ברידערלעכע הילף פון אַלע אונדזערע חברים און פריינט, אין לאַנד און אין אויסלאַנד; זיי וועלן נישט לאָזן אונדז פאַלן. זיי וועלן אונדז צוהעלפן טראָגן דעם פאַקעל פון אונדזער בונדיש ליכט, ביז עס וועט דערגיין צו די הערצער פון די ברייטע יידישע פאָלקס־מאַסן פון ישראל.

מיט אַ געפיל פון טיפער אַחריות האָבן מיר אָנגעהויבן אַרויסצוגעבן אונדזער זשורנאַל. מיט דער זעלביקער אחריות טרעטן מיר אַריין אין צווייטן יאָר פון אונדזער אַרבעט. באַלאָדן מיט אַ יאָר דערפאַרונג און מיט אַ סך גלויבן וועלן מיר פאָרזעצן צו גיין אויף אונדזער וועג. מיר וועלן ווייטער שמידן אונדזערע אמתן. און מיר ווילן האָפן, אַז אונדזער אַרבעט איז נישט אומזיסט, אַז זי וועט געבן פרוכטן. ווייל אונדזער אַרבעט ליגט אין די אינטערעסן פון דער מדינה, אין די אינטערעסן פון אונדזער פאָלק.

15 יאָר בונדישע אָרגאַניזאַציע און „לעבנס־פראַגן" אין ישראל *

ס'איז געוואָרן 15 יאָר ווי עס עקזיסטירט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל און עס דערשיינט איר חודש־זשורנאַל, די „לעבנס־פראַגן". פאַר די בונדיסטן אין ישראל איז עס סיי אַ יובל, סיי אַ געלעגנהייט פאַר אַ חשבון־הנפש.

די פראַגע צי עס איז פאַראַן אַן אָרט פאַר אַ בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ישראל איז צווישן די בונדיסטן דיסקוטירט געוואָרן שוין אַ סך יאָרן פריער. איינצלנע בונדיסטן זענען געווען דאָ אין לאַנד נאָך מיט צענדליקער יאָר צוריק. זיי פלעגן שטיין צווישן זיך אין פאַרבינדונג; ח' צאַלעוויטש פלעגט פאַרשפרייטן די בונדישע אויסגאַבעס פון אויסלאַנד, זיי פלעגן אָבער נישט פאַרשטעלן מיט זיך קיין אָרגאַניזאַציע־קערפּערשאַפט.

דאָס ערשטע מאָל, ווי איך געדענק, איז די פראַגע אויפגעהויבן געוואָרן אין די יאָרן פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, ווען צווישן דער כוואַליע פליטים, וואָס האָבן אַריינגעשטראָמט אין לאַנד אַריין איז אויך געווען אַ גרעסערע צאָל בונדיסטן. דער צונויפבונד צווישן די חברים איז געוואָרן ענגער; עס זענען פאָרגעקומען אָפטערע באַראַטונגען, ס'איז אַפילו געפירט געוואָרן אַ געוויסע טעטיקייט און הגם אַ רייע חברים האָבן שוין דעמאָלט געהאַלטן, אַז בונדיסטן דאַרפן זיין טעטיק אומעטום, ווו עס זענען פאַראַן יידן, איז אָבער דער געדאַנק וועגן שאַפן אַן אָרגאַניזאַציע נישט געווען נאָך רייף.

די מערהייט חברים זענען נישט געווען איינגעאָרדנט און האָבן געקלערט אָוועקצופאָרן, אַ טייל איז געווען אין דער פּוילישער

---

* „לעבנס־פראַגן", נר. 173, מאַי 1966.

אַרמיי, וועלכע האָט דאַן סטאַציאָנירט אין לאַנד. ס'איז אויך נישט געווען קלאָר די באַציאונג פון „בונד" צו די געשעענישן אין לאַנד, וועמענס גורל איז נאָך נישט געווען אַנטשיידן און ווו עס איז אָנגעגאַנגען אַ קאַמף צווישן צוויי נאַציאָנאַליסטיש־באַהערשטע פעלקער־גרופּן, יידן און אַראַבער, אוןביידע האָבן זיי געקעמפט קעגן ענגלאַנד, פאַר אייגענע, קעגנזײַטלעכע, נאַציאָנאַלע צילן.

דאָס פּראָבלעם איז געוואָרן מער אַקטועל — און האָט אַרויס־גערופן שאַרפע חילוקי־דעות אין דער בונדישער וועלט־באַוועגונג, — ווען דער ענין פּאַלעסטינע איז געשטעלט געוואָרן פאַר דער אונ"אָ און ס'איז אַרויסגעשוווּמען דער פאָרשלאָג פון „חלוקה", פון פאַנאַדערטיילן פּאַלעסטינע אין צוויי טיילן: אין אַ יידישער און אַן אַראַבישער מדינה.

די חברים אין ישראל — און אויך אַ סך חברים אין אויס־לאַנד — האָבן געשטיצט דעם פּלאַן פון חלוקה, נישט זעענדיק קיין אַנדער אויסוועג פון דעם פאַרפּלאָנטערטן און פאַרביטערטן יידיש־אַראַבישן קאַמף.

ערשט נאָך דער עטאַבלירונג פון דער מדינה, ווען אין אויבנ־אָן האָט זיך אַרויסגערוקט דער אינערלעכער געראַנגל פאַר איר סאָציאַל־פּאָליטישער פיזיאָנאָמיע און ווען ס'האָט ווידער אַריינגע־שטראָמט אַ גרעסערע צאָל בונדיסטן פון די לאַגערן — האָט זיך ענדגילטיק אויסקריסטאַליזירט דער געדאַנק וועגן דער באַציאונג פון „בונד" צו דער מדינה און וועגן דער נויטיקייט אויפצושטעלן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע זאָל קומען צו דער ישראל־באַ־פעלקערונג מיט אירע אייגענע, זעלבשטענדיקע מיינונגען.

אויף דער זיצונג פון עקזעקוטיוו פון וועלט־קאָאָרדינירער־קאָמיטעט פון „בונד", וואָס איז פאָרגעקומען אין בריסל אין 1949, איז באַשטעטיקט געוואָרן די ווענדונג פון די חברים אין ישראל וועגן אויפשטעלן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע. און אַזוי ווי איך האָב געהערט צו די א. ג. „פּראָישראַלדיקע" בונדיסטן, איז מיר פאָרגע־לייגט געוואָרן צו פאָרן קיין ישראל אָנצופירן מיט דער אַרבעט. (איך האָב דאַן געאַרבעט אין דער פאַריזער „אונזער שטימע").

וואָס אַן אמת האָב איך אָנגענומען דעם פאָרשלאָג מיט גע־

אויפנאַמע פאַר נ. כאַנין פון אַמעריקע ביי ב. צאַלעוויטשן אין שטוב.
פון רעכטס י. אַרטוסקי, ב. צאַלעוויטש, נ. כאַנין, פּ. בורשטיין,
י. פּערלשטיין און העניך דוסיאַצקי.

מישטע געפילן. איך האָב געזען אין דעם אַ גרויסע אחריות. כ׳האָב דעריבער באַשלאָסן צו פאַרן דערווייל אויף איין יאָר, ווי אַ „טו־ריסט״ — אָבער קומענדיק אַהער אין סוף 1950, בין איך גלייך אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער אַרבעט און אַזוי — פאַרבליבן ביז היינט.

אין פעברואַר 1951, איז פאַרגעקומען אין תל־אביב די ערשטע לאַנד־באַראַטונג פון די בונדיסטן, וווּ ס׳איז פראָקלאַמירט געוואָרן די אַנטשטייאונג פון אַ בונדישער אָרגאַניזאַציע. ס׳איז דאָן אויס־געאַרבעט געוואָרן די א. ג. פּרינציפּן־דעקלאַראַציע פון דער אָרגאַ־ניזאַציע און ס׳איז אויסגעוויילט געוואָרן אַ לאַנד־קאָמיטעט מיטן ח׳ בענצל צאַלעוויטש אַלס פאַרזיצער און ח׳ יחזקאל פּערלשטיין אַלס סעקרעטאַר.

ס׳איז פאַרשטייט זיך, גלייך אַנטשטאַנען דאָס פּראָבלעם וועגן אַרויסגעבן אַ זשורנאַל, אין וועלכן עס זאָלן קומען צום אויסדרוק די פּרינציפּן און מיינונגען פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע. עס איז געשטאַנען די פראַגע וועגן נאָמען פונעם זשורנאַל. מיר האָבן אויסגעקליבן דעם נאָמען „לעבנס־פראַגן״, ווי אַן אָנדענק נאָך די „לעבנס־פראַגן״, וואָס זענען דערשיינען אין די אָנהייב־יאָרן פון דער בונדישער באַוועגונג אין אומאָפּהענגיקן פּוילן, און אויך כדי אונטערצושטרייכן די המשכדיקייט פון אונדזער באַוועגונג.

ס׳איז אויך נישט לייכט געווען אין יענער צייט צו באַקומען אַ לעגאַליזאַציע פאַר אַזאַ זשורנאַל, סיי צוליב זיין בונדישן גייסט, סיי צוליבן יידיש. יידיש איז דאָן געוואָרן אָפן דיסקרימינירט, דאָס יידישע טעאַטער האָט געליטן פון רדיפות, פאַר יידישע קולטור־אונטערנעמונגען האָט מען קיין זאַלן נישט פאַרדונגען, ס׳איז גע־ווען פאַרבאָטן אַרויסצוגעבן אַ יידישע טאָג־צייטונג. פאַר אַ לעגאַ־ליזאַציע האָט מען אויך געדאַרפט האָבן אַן אָפיציעלן רעדאַקטאָר, וואָס זאָל זיין אַ בירגער פון לאַנד, מיט אַקאַדעמישער בילדונג אָדער מיט אַ זשורנאַליסטישן סטאַזש, וואָס מיר האָבן נישט גע־

האט. מיר האבן באשלאסן אנצוגעבן אלס רעדאקטאר דעם ח׳ צאַ־לעוויטש, ווי אן אלטן תושב פון לאַנד און טוער אין דער היגער פראפעסיאנעלער באַוועגונג. עס זענען אבער אַוועק וואכן און די לעגאליזאציע איז נישט געקומען.

די הילף איז דאַן געקומען פון אַן אומגעריכטער זייט. כ׳האָב געטראָפן דעם שרייבער און זשורנאַליסט, אליעזר רובינשטיין, וועמען איך האָב געקענט פון פאַריז. ער האָט געאַרבעט אַלס סעק־רעטאַר ביים אינערן־מיניסטער, משה שפיראַ; הגם אַליין אַ מזרח־ניק. האָט ער אָבער געהאַט אַ וואַרעמע באַציאונג צו יידיש און אַ געפיל פון דרך־ארץ פאַר דער יידיש־נאַציאָנאַלער טעטיקייט פון „בונד". ער האָט צוגעזאָגט צו דערליידיקן דעם ענין. און אין מאַי 1951, איז דערשינען דער ערשטער נומער פון די „לעבנספראַגן".

מען דאַרף זאָגן דעם אמת. דאָס זענען נישט געווען קיין לייכ־טע 15 יאָר סיי פאַר דער בונדישער אָרגאַניזאַציע, סיי פאַר די „לעבנספראַגן".

הגם די ישראל־ווירקלעכקייט האָט אידעאָלאָגיש באַרעכטיקט אונדזער עקזיסטענץ און אונדז געגעבן גערעכט אין דער אָפּשאַצונג פון די עיקרדיקע פּראָבלעמען, איז אונדז אָבער אָנגעקומען שווער זיך איינצוואָרצלען אין לאַנד סיי צוליב אָביעקטיווע, סיי צוליב סוביעקטיווע סיבות.

ס׳האָבן זיך אַרויסגעוויזן פאַר ריכטיק אונדזערע נעגאַטיווע פּאָרויסזעאונגען; אַז מדינת ישראל וועט נישט קאָנען לייזן די יידן־פראַגן און אַז די ציוניסטישע פּאָליטיק וועט מוזן פירן צו אַן אָפּשוואַכונג פון יידישן לעבן אין דער וועלט און צו אַן אָפּפרעמ־דונג פון יונגן ישראלדיקן דור פונעם יידישן פאָלקס־שטאַם; אַז די ציוניסטישע מלוכה־פּאָליטיק וועט נישט קאָנען ברענגען קיין שלום און אויך נישט קאָנען בויען די מדינה אויף פּראָגרעסיווע וועלטלעכע און סאָציאַליסטישע יסודות, אַז אונטער דער אָנפירונג פון ציוניזם וועט די מדינה זיין כסדר אויסגעשטעלט אויף דער געפאַר פון מלחמה און אויף אינערלעכע טענדענצן פון מיליטע־רישער, רעאַקציאָנערער און קלעריקאַלער דיקטאַטור.

יובל פייערונג פון „בונד" אין תל־אביב 1970 י. אַרטוסקי זיצט לינקס נעבן פאָרזיצער ח' ר. שטיינערט

איין זאַך איז אָבער צו זיין גערעכט און אַן אַנדער זאַך איז צו האָבן כוח אויפצושטעלן אַ נייע באַוועגונג. די ציוניסטישע פּאַרטייען פאַרמאָגן אין לאַנד אַ לאַנגיאָריקע טראַדיציע, פּראָמי־נענטע פירער און טוער, אַ מעכטיקן פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט און זענען דערביי אַרומגעבויט מיט רייכע ווירטשאַפטלעכע און פינאַנס־אינסטיטוציעס. דאָס אַלץ, וואָס די בונדישע אָרגאַניזאַציע האָט נישט פאַרמאָגט און פאַרמאָגט נישט.

די 15 יאָר עקזיסטענץ פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע און פון די „לעבנספראַגן" זענען פּאַקטיש געווען 15 יאָר פון כסדר־דיקן געראַנגל מיט די פאַרשידנסטע שוועריקייטן. מיר פילן כסדר אַ מאַנגל אין אינטעלעקטועלע כוחות, רעדנער, רעפערענטן, זשור־נאַליסטן, פּאַסיקע אַקטיוויסטן; עס פעלן אונדז כסדר די נויטיקע געלט־מיטלען אויף אויסצוהאַלטן די געשאַפענע אינסטיטוציעס און לאָקאַלן און אויף אַנצוגיין מיט אַ ברייטערער אַרבעט. אַ רייע גרופּן אויף דער פּראָווינץ האָבן אָדער בכלל נישט קיין לאָקאַלן אָדער לאָקאַלן וויניק צוגעפּאַסטע פאַר אַן אַנטשפּרעכנדיקער טע־טיקייט. עס פעלן אַנטשפּרעכנדיקע העברעאיש־קענענדיקע חברים, און אויך געלט־מיטלען אויף צו פירן אַן אַרבעט צווישן דער יוגנט, הגם ס'איז פאַרשפּרייט צווישן איר די אַנטוישונג און די קעגנערשאַפט צו די ציוניסטישע פּאַרטייען.

צוליב די שוועריקייטן איז נישט געלונגען ביז־איצט צו רעאַליזירן דעם פּלאַן פון פאַרוואַנדלען די „לעבנס־פראַגן" אין אַ וואָכן־לכל הפחות אין אַ צוויי וואָכן־זשורנאַל.

אויב ביי אַלעם דעם איז אונדז דאָך געלונגען איינצוהאַלטן און אויסצוברייטערן אונדזער טעטיקייט, אויפצושטעלן אַ רייע אינסטיטוציעס, ווי ביבליאָטעקן, יידישע נאָכמיטאָג־שולן, דעם דראַמקרייז, די ליי־קאַסע, קאָאָפּעראַטיוון, דאָס קינדער־הויז, צו פירן אַ קולטור־טעטיקייט און אַרויסגעבן די פופצן יאָר די „לעבנס פראַגן", איז עס סיי אַ דאַנק דער הילף פון די חברים און פריינד פון אויסלאַנד, אָבער דער עיקר אַ דאַנק דער איבערגעגעבנקייט און עקשנות פון אונדזערע חברים, וועלכע זענען געבליבן געטריי די אידעען און דער באַוועגונג פון „בונד".

דעם יובל פון אונדזער 15־יאָריקער עקזיסטענץ פייערן מיר דעריבער אָן איבערגעטריבענעם אָפּטימיזם אָבער מיט טיפן גלויבן אין אונדזער זאַך, וואָס גיט אונדז כוח צו גיין קעגן דעם שטראָם, בייצוקומען אַלע שוועריקייטן און אָנצוגיין מיט אונדזער אַרבעט.

דער כוח פון יידיש

צו דער דערעפענונג פון נייעם לאָקאַל פון „בונד" און אַרבעטער־רינג אין תל־אביב *

עס איז געווען אַ פייערלעכע איבערלעבונג ווען קנאַפּע 500 מענטשן האָבן פאַרפולט דעם זאַל א. נ. פון אַרטור זיגלבוים, ביים חנוכת הבית פון נייעם לאָקאַל, וואָס די בונדיסטן האָבן געעפנט אין תל־אביב. וויפל סימבאָלישעס ליגט אין דער דאָזיקער דער־שיינונג. דאָס האָבן דער „אָפּגעקדישטער" „בונד" און דאָס „גוסס־דיקע" יידישע לשון זיך אַריבערגעצויגן אַהער, פון אַן ענגערן און קלענערן אין אַ גרעסערן און באַקוועמערן לאָקאַל. אַנשטאָט צו פאַלגן דעם „גורל פון דער געשיכטע" און איינצוגעמען זעלבסט־מאָרד־פּילן ווייזן גאָר ביידע אַרויס אַן אומגעווייגלעכן לעבנס־דראַנג ממשיך צו זיין זייער עקזיסטענץ אין מדינת ישראל. און נאָך אַ „נס" — בהדרגהדיק וואָרצלען זיי זיך איין און פאַרפעסטיקן זיך אינעם יידישן לאַנד.

„דער גורל פון דער געשיכטע!" נישט איינמאָל האָט שוין גע־טראָפן, אַז ער האָט אָפּגענאַרט די, וואָס זענען געזעסן אויפן פערד, און האָבן געמיינט, אַז זיי זענען די ענדגילטיקע זיגערס פונעם גורל. אין תענוגדיקער שיכרות פון נצחון פלעגן זיי אָפטמאָל פאַר־געסן, אַז דאָס לעבן איז פיל מער קאָמפּליצירט, כדי צו מעסטן עס לויט די סטאַטישע עקזיסטירנדיקע פאַקטן. אַפילו טאָטאַליטאַרע רעזשימען, וואָס זיי דוכט זיך, אַז זיי האָבן אַלע לייצעס אין זייערע הענט, קאָנען נישט זיין קיין פולע באַשטימערס פון געשיכטלעכן גורל. אויך זיי קאָנען נישט בייקומען די קרייצנדיקע זיך טענ־דענצן און אידעען אין דער געזעלשאַפט. זיגערס און באַזיגטע —

---

* ל. פ. נר. 74, 1957.

זענען אָפּטמאָל רעלאַטיווע באַגריפן. נישט זעלטן האָט געטראָפן, ווען זיגעריש־צעשפּרייטע אידעען־פייערן האָבן זיך אויסגעלאָשן און זיך פאַרוואַנדלט אין אַש און דאַקעגן קליינע, קוים טליִענדיקע פונקען האָבן ווידער אויפגעלעבט און זיך צעפלאַקערט אין ליכ־טיקע פייערן.

וויפל יאָרן הערן מיר שוין דעם פּזמון: דער „בונד" איז שוין טויט און יידיש גוססט. און ווי צו שפּאָט די אַלע „אל מלא"־זאָגערס לעבט נאָך אַלץ דער „בונד" און עס לעבט יידיש, סיי אין חוץ לארץ, סיי אין מדינת ישראל. ווייסן מיר דאָך, ווי עס שטוינען אַ סך פון די קדיש־זאָגער, ווען זיי פאַרגלייכן דעם הייַנטיקן מצב פון יידיש אין לאַנד לגבי דעם, ווי עס האָט אויסגעזען דאָ מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. ווער האָט עס דאַן געוואָלט גלויבן, אַז דאָס יידישע לשון וועט אַדורכברעכן אַלע גדרס פון געזעצן און באַשווע־רונגען און וועט זיך באַפעסטיקן און אפילו זיך צעבליען אין לאַנד, אַז עס וועלן אויסוואַקסן נעצן פון יידישע ביבליאָטעקן, פון יידישע צייטונגען און זשורנאַלן, פון יידישע ביכער־פאַרלאַגן און פון יידישע טעאַטער און קולטור־אונטערנעמונגען. און דאָס אַלץ — קעגן דעם א. ג. גורל פון דער געשיכטע, קעגן דעם ווילן און איינשטעלונג פון די הערשנדיקע פאַקטאָרן אין לאַנד.

בעת אַ באַזוך פון נ. כאַנין פון אַמעריקע אין קלאַס פון דער יידישער נאָכמיטאָג שול פון „ארבעטער רינג" אין תל־אביב.

די דערעפענונג פון נייעם, גרעסערן און שענערן לאָקאַל, פונעם יידישן קולטור־צענטער ביים „אַרבעטער־רינג" אין ישראל איז דעריבער סימפּטאָמאַטיש פאַר דער פאַרפעסטיקונג פון יידיש אין מדינת ישראל, פאַר דער איינוואָרצלונג פון די בונדישע אידעען פון פרייהייטלעכן סאָציאַליזם און פון דער יידישער וועלטלעכער קולטור.

אוודאי דאַרף מען נישט איבערטרייבן. די דאָמינירנדיקע כוחות אין לאַנד זענען קעגן דעם „בונד" און אויך קעגן יידיש. די ציוניסטישע פּאַרטייען רעפּרעזענטירן היינט צו טאָג דעם רוב פון דער יידישער באַפעלקערונג און אַלע זיי זענען קעגן יידיש, זענען פאַר פאַרוואַנדלען עברית אין דער איינציקער, מאָנאָפּאָליסטישער שפּראַך פון דער מדינה. די קינדער אין די שולן ווערן דערצויגן אין עברית און אין פיינטשאַפט, אָדער אין בעסטן פאַל אין אָפּגעפרעמדקייט און גלייכגילטיקייט צום יידישן לשון און צו זיינע קולטור־אוצרות. ווען מען קוקט אויפן לעבן פון אַ סטאַטישן קוק־ווינקל, אַזוי ווי עס איז, — קאָן נישט זיין פריילעך אויף דער נשמה; זעט עס טאַקע אויס, ווי דער „גורל פון דער געשיכטע" וואָלט שוין זיין פסק אַרויסגעגעבן.

דאָס לעבן איז אָבער נישט קיין שטייענדיק אָדער רואיק־פליסנדיק וואַסער, און מען טאָר נישט מעסטן דעם געשיכטלעכן גאַנג פון פעלקער מיט קיין סטאַטישע מאָסן. אין די אינגעווייד ן פון די פעלקער יוירן פאַרשידענע, קעגנזעצלעכע טענדענצן און עס איז אָפּטמאָל נישט מעגלעך פאָרויסצוזען, וואָסערע פּראָצעסן עס וועלן לסוף נעמען די אויבערהאַנט. אינעם אַסימילירטן אַמעריקע איז ביים דריטן דור צוריק אויפגעלעבט געוואָרן דער יידישער נאַציאָנאַלער געפיל און די בענקשאַפט צו יידיש. אינעם טאָטאַליטאַרן ראַטנפאַרבאַנד האָט דער ווילדסטער טעראָר נישט געקאָנט דערשטיקן און אויסוואָרצלען דעם נאַציאָנאַלן געפיל און די בענקשאַפט צו יידיש ביי די דאָרטיקע יידישע מאַסן.

דער פאַקט, וואָס אין מדינת ישראל זענען אָנגעקומען טויזנטער בונדיסטן און סימפּאַטיקער און זיי האָבן זיך נישט אונטערגעגעבן דער הערשנדיקער אַטמאָספער און זענען געבליבן געטריי



י. אַרטוסקי אויפן סיום פון דער קינדער־קאָלאָניע, אויגוסט 1955



י. ארטוסקי מיט אַ גרופּע דערציער אויף דער קינדער — קאָלאָניע ביים „אַרבעטער רינג" אין ישראל, זומער 1955

זייערע בונדישע אידעען; דער פאַקט, וואָס אויך דאָ איז טעטיק די בונדישע אָרגאַניזאַציע און נישט געקוקט אויף אַלע שוועריקייטן גייט זי אָן מיט איר אַרבעט — דער דאָזיקער פאַקט רעדט וועגן די טיפע וואָרצלען, וואָס דער „בונד" האָט נאָך אינעם יידישן לעבן.

דער פאַקט, וואָס יידיש לעבט אין די הערצער פון גרויסע טיילן פון יידישן פאָלק אין לאַנד; דער פאַקט, וואָס די ליבע און צוגעבונדנקייט צו יידיש איז איינגעוואָרצלט אויך ביי גרויסע טיילן ציוניסטיש-געשטימטע יידן, הגם דאָס שטימט נישט מיט די שטרעבונגען פון ציוניזם; דער דאָזיקער פאַקט באַווייזט די גרויסע פאָטענציעלע קראַפט, וואָס יידיש פאַרמאָגט אין ישראל.

די איניציאַטיוו פון די בונדיסטן אויפצושטעלן אַ יידיש נאָכמיטאָג-שול אין ישראל; דער פאַקט, וואָס עס זענען פאַראַן עלטערן, וואָס ווילן אַז זייערע קינדער זאָלן קענען יידיש, ווי אויך דער פאַקט, וואָס די קינדער פון דער שול לערנען זיך גערן יידיש — איז, אומאָפּהענגיק דערפון, וואָס דערווייל איז דאָס בלויז אַ קליינער אָנהייב — אָן ספק פון וויכטיקער היסטאָרישער באַדייטונג. מיט דעם ווערט פאַרפלאַנצט אַ בוים פאַר דער צוקונפט פון יידיש אין ישראל.

צי איז דאָס, וואָס די בונדיסטן טוען אין ישראל צום שאָדן אָדער צום נוצן פון דער מדינה און פון אונדזער פאָלק? בלויז בלינדע ציוניסטישע פאַנאַטיקער קאָנען אין דעם אַלעם זען אַ שאָדן פאַר דער מדינה. לויט אונדזער טיפער איבערצייגונג איז דאָס צום גרעסטן נוצן פון דער מדינה און פונעם פאָלק. מיט זייער טעטיקייט טראָגן די בונדיסטן אין ישראל צו זייערע ציגל צום בויענדיקן זיך בנין פון דער מדינה. זיי באַרייכערן די מדינה מיט זייערע נאַציאָנאַלע און פרייהייטלעך-סאָציאַליסטישע אידעען און מיט זייערע אייגנאַרטיקע יידיש-וועלטלעכע קולטור-ווערטן. זיי פאַרשטאַרקן דעם נאַציאָנאַלן כאַראַקטער פון דער מדינה, זיי פאַרפעסטיקן ביי די יידן פון ישראל דעם באַוווסטזיין פון אונדזער אַלגעמיינער נאַציאָנאַלער גורל-געמיינשאַפט. די בונדיסטן ברענגען אַהער קיין ישראל די אַלע הייליקייטן פון אַמאָליקן נאַציאָנאַלן

און סאָציאַלן געראַנגל, וועלכע קיינער חוץ זיי האָט ביז איצט נישט אַהערגעברענגט. זיי זענען די איינציקע, וואָס פּאַראייביקן אין ישראל די גלאָררייכע געשיכטע פון „בונד“, די הייליקע נעמען פון הענריק ערליך און וויקטאָר אַלטער, זיי זענען די איינציקע, וואָס האָבן איצט אין זייער נייעם לאָקאַל פּאַראייביקט דעם נאָמען פון אַרטור זיגלבוים, דעם נאַציאָנאַלן קדוש, וועלכער האָט איינער אַליין ווי אַן אויסגעקליבענער פון יידישן פאָלק, אין ווייטן און פרייען לאָנדאָן געוואַגט צו באַגיין זעלבסטמאָרד אין פּראָטעסט קעגן דעם גלייכגילטיקן צוקוקן זיך פון דער וועלט צום היטלע־רישן יידן־מאָרד.

דריי יאָר צייט איז ווי די בונדיסטן אין ישראל ווענדן זיך צו די שטאָט־פאַרוואַלטונגען פון תל־אביב און פון חיפה וועגן פאַר־אייביקן דאָ דעם נאָמען פון אַרטור זיגלבוים. כאָטש דורך אָנרופן אַ גאַס אויף זיין נאָמען. הונדערטער גאַסן זענען שוין דורך דער צייט באַנאָמענט געוואָרן — אָבער קיין גאַס אויפן נאָמען פון אַרטור זיגלבוים האָבן די „נאַציאָנאַלע“ באַלעבאַטים פון די שטעט נישט „געוואַגט“ צו באַשטימען. האָבן די בונדיסטן אַליין דאָס גע־טאָן דורך אָנרופן אויף זיין נאָמען דעם זאַל אינעם נייעם לאָקאַל. ווער קאָן אָפּלייקענען דעם היסטאָרישן באַטייט פון דאָזיקן אַקט פאַר דער מדינה און פאַרן פאָלק?

די היסטאָרישע ראָל פון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ישראל באַשטייט אויך אין דעם, וואָס שוין מיט איר עקזיסטענץ האָט זי דערנענטערט צו מדינת ישראל די צעשפּרייטע איבער דער וועלט בונדישע משפחה. מיט איר עקזיסטענץ און טעטיקייט האָט זי באַוויזן, אַז מען מוז נישט זיין קיין ציוניסט, כדי מיטצולעבן מיט די פריידן אוןליידן פון בויענדיקן זיך יידישן לאַנד. זי האָט מיט־געהאָלפן צו עפענען דעם וועג צו מדינת ישראל פאַר אַלע נישט־ציוניסטישע עלעמענטן אין די תפוצות.

די הילף, וואָס עס האָבן געגעבן פאַרן נייעם לאָקאַל און פאַר דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ישראל דער יידישער אַרבעטער־קאָמיטעט און דער אַרבעטער־רינג אין אַמעריקע, ווי אויך דער וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון „בונד“ — איז איינער פון די

אויסדרוקן, און מיר האַלטן אַז איינער פון די וויכטיקסטע אויס־דרוקן, פון זייער הילף פאַר מדינת ישראל.

מיט איר עקזיסטענץ און מיט איר פאַרבינדונג מיט די בונ־דישע אָרגאַניזאַציעס און מיט דער יידישער אַרבעטער־באַוועגונג פון דער וועלט האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל באַוויזן, אַז מדינת ישראל איז נישט — און קאָן נישט מער זיין — קיין אייגנטום פון איין אידעאיש־פּאָליטישער ריכטונג, פון דער ציוניס־טישער באַוועגונג, נאָר איז אַן אַלגעמיין־נאַציאָנאַלער קנין. ווי קליין די בונדישע אָרגאַניזאַציע זאָל נישט זיין האָט זי מיט דעם צוגעגעבן מאָראַלישע וואָג און חשיבות דער מדינת ישראל.

מיטן אַריבערגיין אין בייעם לאָקאַל ווערן אויסגעברייטערט די מעגלעכקייטן פון דער בונדישער און פון דער יידיש־קולטור־רעלער טעטיקייט אין ישראל. עס וועלן, פאַרשטייט זיך, אויך וואַקסן די שוועריקייטן. מיט פעסטן גלויבן אין זייערע אידעאַלן, מיט דער איינגעוווינטער עקשנות און איבערגעגעבנקייט וועלן אָבער די בונדיסטן גיין פאָרויס אין זייער געראַנגל און אין זייער אַרבעט, פאַר אַ סאָציאַליסטישער ישראל־מדינה, פאַר דער גלייכ־באַרעכטיקונג פון דער יידישער שפּראַך און קולטור, פאַר פריי־הייט און יושר, וואָס אין דעם ליגט דער נצח פון דער מדינה, דער נצח פון יידישן פאָלק.

מיט גלויבן צו פֿאַרשטאַרקטער טעטיקייט *

צו דער פֿינפֿטער לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון „בונד" אין ישׂראל

דעם 16טן און 17טן אָקטאָבער, קומט זיך צונויף די פֿינפֿטע לאַנד־קאָנפֿערענץ פֿון דער בונדישער אָרגאַניזאַציע אין מדינת־ישׂראל. ס'איז אָנגענומען לכּבֿוד אַזעלכע געלעגנהייטן צו שרייבן אין אַ פֿייערלעכן אָפּטימיסטישן טאָן, רעדן וועגן די אויפֿטוען, דערגרייכונגען, צומאָל אַ ביסל גוזמאדיק, כּדי צו פֿאַרשענערן דעם אויסערלעכן אָנזען פֿון דער אָרגאַניזאַציע.

כ'האַלט נישט אַזאַ צוגאַנג פֿאַר ריכטיק, באַזונדערס וואָס שייך אונדזער אָרגאַניזאַציע אין ישׂראל. ס'איז פֿאַר קיינעם נישט קיין סוד, אַז מיר זענען נישט קיין גרויסע באַוועגונג אין לאַנד. און כ'זע נישט דעם נוצן פֿון קינסטלעכן אָנפֿאַרבן דאָס פּנים.

ווען מיט 20 יאָר צוריק, אין פֿעברואַר 1951, האָט די ערשטע לאַנד־באַראַטונג פֿון די בונדיסטן באַשלאָסן צו פּראָקלאַמירן זיך ווי אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע — זענען ביי די חבֿרים געווען פֿאַרשידענע שטימונגען; עס זענען געווען אַזעלכע, וואָס זענען באַלד צוגעגאַנגען צו דער זאַך מיט פֿולקאָמען אומגלויבן. זיי זענען געווען זיכער, אַז דאָס איז אַ באַשלוס אויפֿן זאַמד, וואָס וועט נישט אויסהאַלטן דעם ערשטן ווידערשטאַנד. ווייל — ווי קומט אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע אין דער ציוניסטישער מדינה?

עס זענען פֿון דער צווייטער זייט געווען אַזעלכע גלויביקע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז גראַד אין מדינת ישׂראל האָט דער „בונד" אַ פּערספּעקטיוו צו ווערן אַ מאַסן־באַוועגונג, מחמת דאָ איז פֿאַראַן אַ יידישער פּראָלעטאַריאַט א. א. וו.

ביידע עקסטרעמען האָבן זיך נישט פֿאַרווירקלעכט; אין משך פֿון די 20 יאָר איז דער „בונד" אין ישׂראל נישט געוואָרן קיין מאַסן־באַוועגונג — ער איז אָבער אויך נישט אונטערגעגאַנגען;

---

* „לעבנס־פֿראַגן", 222—223, סעפּט.־אָקטאָבער 1970.

ער האָט אויפגעהאַלטן זיין עקזיסטענץ טראָץ אַלע ווינטן וואָס האָבן געבלאָזן קעגן אים.

כ'האַלט דעריבער פאַר געזונטער אויסצומיידן דעם פּאַטע־טישן טאָן און זיך בעסער פאַרנעמען מיט אַ שטיקל חשבון־הנפש.

די בונדישע באַוועגונג אין גאַר דער וועלט לעבט היינט איבער אַ שווערע תקופה. דער „בונד" איז נישט היינט קיין פּאָפּולערע באַוועגונג ביי די ברייטע מאַסן פון יידישן פאָלק. עס זענען פאַראַן דערצו אָביעקטיווע סיבות.

דער „בונד" איז געבוירן געוואָרן און אויסגעוואַקסן צו אַ מאַסנבאַוועגונג אין מזרח־אייראָפּע, צווישן דער יידיש־רעדנדיקער פּראָלעטאַרישער פאָלקס־מאַסע, וועלכע האָט געלעבט אונטער אַ דרייפאַכיקן עול: סאָציאַל־עקאָנאָמישע נויט, פּאָליטישע אונטער־דריקונג און נאַציאָנאַלע דיסקרימינאַציע. דער „בונד" האָט אויפ־געוועקט די דאָזיקע מאַסע צום קאַמף פאַר מענטשלעכער און נאַ־ציאָנאַלער ווירדע און באַהויכט זי מיט נאַציאָנאַל־פּראָגרעסיוון און סאָציאַליסטישן באַוווסטזיין אויפן יסוד פון דער יידיש־וועלטלע־כער קולטור. דאָס איז זיין גרויסער היסטאָרישער זכות, וואָס כמעט קיינער וואַגט נישט מער אָפּצולייקענען.

יענע פאָלקס־מאַסע עקזיסטירט מער נישט. אין מזרח־אייראָפּע איז דער „בונד" ליקווידירט געוואָרן, סיי דורכן היטלערישן יידן־מאָרד, סיי דורך דער קאָמוניסטישער דיקטאַטור. אין די לענדער, ווו עס עקזיסטירן בונדישע אָרגאַניזאַציעס איז דאָס יידישע לעבן לחלוטין נישט ענלעך צו דעם, וואָס איז געווען אין מזרח־אייראָפּע.

די גרויסע מערהייט פון יידישן פאָלק לעבט היינט אין פרייע דעמאָקראַטישע לענדער; די יידן האָבן דאָרט די פולע אָדער כמעט פולע מעגלעכקייט זיך אויסצולעבן לויט זייער פרייער ווילן. אויך די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער יידישער באַפעלקערונג איז לגמרי אַן אַנדערע. דער גרויסער רוב געהערט צום פאַרמעגלעכן מיטל־קלאַס, מיט אַ גרויסער צאָל אינטעליגענץ און בלויז אַ קליינעם טייל פיזישע אַרבעטער. דער גרעסטער טייל פון דער יידישער באַפעלקערונג — חוץ דעם עלטערן דור — איז שוין שפּראַכלעך

אַסימילירט, רעדט נישט און קען נישט קיין יידיש. אויך איז זיי פרעמד דער אידעאַל פון סאָציאַליזם, סיי צוליב די דערמאָנטע מאָטיוון, סיי צוליב די טראַגישע אומוואַנדלונגען, וואָס עס האָט דורכגעלעבט דער סאָציאַליזם.

פאַר אַזאַ באַפעלקערונג איז שווער צו פאַרדייען די אידעאָלאָגיע פון „בונד", וועלכע איז געבויט אויף סאָציאַליזם, קלאַסן־קאַמף, יידישע שפּראַך, יידיש־וועלטלעכע קולטור. פאַר אַזאַ באַפעלקערונג איז פּסיכיש־לייכטער אָנצונעמען אָדער פולע אַסימילאַציע מיט דער אַרומיקער באַפעלקערונג, אָדער די „יידישקייט" אין אירע צוויי עווענטועלע אויסדרוקס־פאָרמען — רעליגיע און ציוניזם. נאָך דערצו, ווען מען קאָן זיי אָננעמען אין אַ פּאַרוואַסערטער פאָרם, — רעפאָרמירטע רעליגיעזקייט און פילאַנטראָפּישער ציוניזם.

אין מדינת ישראל איז די סאָציאַלע סטרוקטור פון דער באַפעלקערונג אַן אַנדערע ווי אין די תפוצות; דאָ האָט זיך אויסגעפאָרעמט אַ פאַרהעלטנישמעסיק־גרויסער און אָרגאַניזירטער יידישער אַרבעטער־קלאַס. אָבער אויך דאָ האָבן די אָביעקטיווע באַדינגונגען זיך אַרויסגעוויזן אומגעהויער־שווערע פאַרן „בונד".

ראשית כל האָט דער „בונד" דאָ קיין שום טראַדיציעס נישט. דאָס מלוכהשע און דאָס געזעלשאַפטלעכע לעבן, און אויך די אַרבעטער־באַוועגונג איז דאָ געבויט געוואָרן דורך דער ציוניסטישער באַוועגונג. זי האָט דאָ טיפע וואָרצלען און זי איז אויך ביכולת דורך דער ריזיקער נעץ ווירטשאַפטלעכע, פינאַנסיעלע און קולטור־פּראָפּאַגאַנדיסטישע אינסטיטוציעס צו באַהערשן די מאַסן. די כסדר־געשפּאַנטע אויסערן־פּאָליטישע לאַגע פון דער מדינה שאַפט אויך דעם באָדן פאַר היפּערפּאַטריאָטישע שטימונגען און האַמעוועט דעם אויסקריסטאַליזירונגס־פּראָצעס פון אַ קלאַסן־באַוווסטזיניקער אַרבעטערשאַפט.

צו דעם קומט־צו דאָס פּראָבלעם פון שפּראַך; דער רוב פון דער באַפעלקערונג איז אַ נישט־יידיש־רעדנדיקער. דער יונגער דור רעדט און לעבט זיך אויס אין עברית. די בונדישע אָרגאַניזאַציע איז טעטיק בלויז צווישן די יידיש־רעדנדיקע און שוין צוליב דעם

אַליין מוז איר ווירקונגס־קרייז זיין אַ באַגרענעצטער.

מען דאַרף דאָ צוגעבן, אַז אַ וויכטיקע שטערונג פאַר דער בונדישער טעטיקייט אין ישראל — איז דער מאַנגל פון טוער — סיי אין עברית, סיי אין יידיש און אויך די אָרעמקייט פון אירע פינאַנסיעלע מיטלען.

מיר האָבן אָנגעוויזן אויף די אַלע שוועריקייטן — נישט כדי אַריינצופאַלן אין אַ פעסימיסטישער שטימונג, נאָר כדי צו פאַר־שטיין די לאַגע, די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן און צו קאָנען אַרויס־ציען פון דעם די נויטיקע מסקנות.

עס זענען פאַראַן חברים, וואָס מיינען, אַז אויב דער „בונד" וועט נאָר ענדערן זיינע איינשטעלונגען, מער זיך צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען און צו די הערשנדיקע שטימונגען, וועט ער קאָנען פאַרגרעסערן זיינע איינפלוסן און אויך ווערן אַ מאַסן־באַוועגונג.

דער אמת איז, אַז דער „בונד" סיי אין דער וועלט, סיי אין ישראל האָט אין משך פון די יאָרן באַדייטנדיק געענדערט זיינע איינשטעלונגען און זיך צוגעפּאַסט צו דער נייער ווירקלעכקייט. אָבער ערשטנס — איז דאָ אַ גרענעץ צו צופּאַסלעריי. אַ פּאַרטיי קאָן ענדערן אירע איינשטעלונגען אָבער נישט... אַרויסוואַרפן איר נשמה, נישט אָוועקוואַרפן אירע עיקרים. צווייטנס, האָבן מיר גענוג דערפאַרונג כדי צו וויסן, אַז אויך מיט „צופּאַסלעריי" וועט דער „בונד" אין דער איצטיקער תקופה נישט קאָנען פאַרגרעסערן זיין השפעה. פאַרקערט, ער וועט נאָר פאַרלירן זיין עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג.

די היסטאָרישע עקזיסטענץ־באַרעכטיקונג פון „בונד" ליגט אין זיין זעלבשטענדיקן אייגנאַרטיקן צוגאַנג צו די פּראָבלעמען פון יידישן לעבן און פון מדינת ישראל.

ווי דער „בונד" זאָל זיך נישט ענדערן מוז ער אין זיין מהות בלייבן דאָס וואָס ער איז — אַן אַנטיפּאָד צום ציוניזם.

ס'איז דער עיקר פון בונדיזם, וואָס ער זעט די לייזונג פון דער יידן־פראַגע נישט אין קיבוץ־גליות, נישט אין דער קאָנ־צענטראַציע פון יידישן פאָלק אין מדינת ישראל, נאָר אינעם נאָ־

ציאָנאַלן גרונטפּרינציפּ — ציאַנאַלן געראַנגל אויפן יסוד פון דער יידיש־וועלטלעכער קולטור אין אַלע לענדער ווו יידן לעבן און אין פאַרבינדונג מיט דעם קאַמף פאַר אַ פרייהייטלעך־סאָציאַליסטישער אָרדענונג.

פון דעם דרינגט אויך אונדזער באַציאונג צו מדינת ישראל; מיר ווילן זען אין איר אַ וויכטיקן באַשטאַנדטייל פון יידישן וועלט־פאָלק אָבער נישט זיינס אַ גואל; מיר ווילן זען אַ גלייכווערטיקע צוזאַמענאַרבעט פון דער מדינה מיט די תפוצות לטובת דעם גאַנצן יידישן פאָלק, ד. ה. סיי לטובת דער מדינה, סיי לטובת די תפוצות און נישט די איינשטעלונג פון אונטעראָרדענען די תפוצות, ווי עס געשעט, כלפּי דער אַקטועלער פּאָליטיק פון דער ישראל־רעגי־רונג. מיר זעען אינעם געראַנגל פאַר אויפהאַלטן דאָס יידישע לשון אומעטום, אין די תפוצות און אין ישראל, אַ וויכטיקן פאַקטאָר פאַר אונדזער נאַציאָנאַלן קיום און מיר באַקעמפן דערפאַר נישט בלויז דעם פּראָצעס פון אַסימילאַציע, נאָר אויך די העברעאיזי־רונגס־פּאָליטיק פון דער ציוניסטישער באַוועגונג און פון דער ישראל־רעגירונג, וועלכע ווילן דורך אַרויסשטויסן יידיש, פאַר־וואַנדלען עברית אין דער איינציקער שפּראַך פון די יידן.

אָפּגערעדט דערפון, וואָס מיר זעען אינעם ציוניזם — אין זיין טעאָריע פון היסטאָרישע רעכט פון יידישן פאָלק צו גאַנץ ארץ־ישראל — אַ וויכטיקן שטער פאַר אַ שלומדיקער לייזונג פונעם טראַגישן ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט א. א. וו.

די אַלע געדאַנקען און לאָזונגען פון „בונד" זענען היינט נישט פּאָפּולער ביי די ברייטע, נאַציאָנאַליסטיש־געשטימטע מאַסן פון יידישן פאָלק. ס'איז דערפאַר דער היסטאָרישער גורל פון „בונד" אין דער איצטיקער תקופה צו זיין אין אָפּאָזיציע צו די הערשנדיקע שטימונגען.

עס מוז אָבער נישט כסדר אַזוי זיין. עס וועט מוזן קומען אַ צייט, ווען די מאַסן וועלן זיך אויסשטויסן פון די אַסימילאַטאָרישע און פון די נאַציאָנאַליסטיש־ציוניסטישע שטימונגען און זיי וועלן נעמען באַגרייפן די איינשטעלונג פון „בונד". סימנים דערפון זעען מיר ביי דער יוגנט אין פאַרשידענע לענדער און אויך אין ישראל.

— דערפאַר איז באַרעכטיקט — ווען אַפילו אַן אַ מאַסן־באַזע —

די עקזיסטענץ פון דער בונדישער באַוועגונג, ווייל שוין מיט איר עקזיסטענץ גופא און מיט איר טעטיקייט, ווי אַ באַזונדערע אידעאיש־פּאָליטישע ריכטונג, שפּילט זי אַ וויכטיקע ראָל אינעם לעבן און אינעם געראַנגל פון יידישן פאָלק.

ביי אַלע שוועריקייטן וואָס זי האָט געהאַט דורכצומאַכן האָט די בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל צו פאַרצייכענען אַ פאַרהעלטעניש־מעסיק־רייכן בילאַנס פון טעטיקייט. באַזונדערס אויפן געביט פון דער יידישער קולטור. דער לאָקאַל פון אַרבעטער־רינג אויף קאַלישער 48 אין תל־אביב איז געוואָרן אַ פּאָפּולערער יידישער קולטור־צענטער אין ישראל. אַזוי אויך גייט אָן אַ לעבעדיקע טעטיקייט אינעם קליינעם און ענגן ביבליאָטעק־לאָקאַל אויף רחוב יחיאל 4 אין חיפה און אויף רחוב ההסתדרות 90 אין באר־שבע.

ווער פון דרויסן קאָן דאָס אָפּשאַצן וויפל איבערגעגעבנקייט און עקשנות עס ליגט אין דעם בונדישן געראַנגל פאַר יידיש אין ישראל? וויפל כוחות און מי מען לייגט אַריין ביים אויפהאַלטן די יידישע נאָכמיטאָג־שולן, אין וועלכע מיר זעען אַ פּיאָנערן־טעטיקייט אינעם געראַנגל פאַר איינפירן דעם יידיש־לימוד אין די מלוכהשע שולן.

אוודאי זענען פאַראַן אין דער בונדישער באַוועגונג חילוקי־דעות אַרום פאַרשידענע פראַגן. ס'איז נאַטירלעך. און זיי וועלן זיכער קומען צום אויסדרוק אויף דער לאַנד־קאָנפערענץ. די חילוקי־דעות זענען אָבער וויכטיק אויף אַזויפיל, אויף וויפל זיי זענען אונטערגעאָרדנט דעם געמיינזאַמען ציל — דעם וווּל פון דער אָרגאַניזאַציע.

די איצטיקע לאַנד־קאָנפערענץ וועט האָבן דערפילט איר אויפגאַבע, ווען זי וועט — אָן איבערגעטריבענע אילוזיעס — דינען ווי אַ סטימול פאַר אַ פאַרשטאַרקטער טעטיקייט.

צוואַנציק יאָר „לעבנס-פראַגן״ *

מיט דעם היינטיקן נומער טרעט אונדזער זשורנאַל „לעבנס-פראַגן״, אריין אינעם 21טן יאָר פון זיין עקזיסטענץ. דער ערשטער נומער פון זשורנאַל איז דערשינען מיט 20 יאָר צוריק, אין מאַי 1951. ער האָט מיט זיך פאַרגעשטעלט אַ נייעס אין מדינת ישראל און אינעם יידישן לעבן בכלל. אַ בונדישער זשורנאַל אין מדינת ישראל! — ווי פאַרט זיך דאָס ? — האָבן מענטשן זיך געחידושט. זיי האָבן אויך נישט פאַרשטאַנען ווי עס פאַרט זיך בכלל די עקזיסטענץ פון אַ בונדישער אָרגאַניזאַציע אין ישראל. איז דאָך דער „בונד״ — האָבן זיי געטענהט — אַלעמאָל געווען די קלאַסישע גלות-פאַרטיי, וועלכע האָט העפטיק באַקעמפט דעם ציוניסטישן געראַנגל פאַר ארץ-ישראל. דער גאַנצער ענין האָט פאַר זיי אויסגעזען צו זיין אַ מין משונהדיקער פּאַראַדאָקס.

אין אַ געוויסן זין איז עס טאַקע געווען אַ פּאַראַדאָקס. נאָר אַ פּאַראַדאָקס אינעם אַלגעמיינעם פּאַראַדאָקסאַלן גאַנג פון דער מענטשהייט און פון יידישן פאָלק.

צי זענען דען נישט געווען קיין פּאַראַדאָקסן דער היטלערישער זיג אין דייטשלאַנד און דער זיג פון סטאַליניזם אין רוסלאַנד נאָך די גרויסע, מיט אַזויפיל האָפענונגען באַשטראַלטע רעוואָלוציעס אין די צוויי לענדער אין די יאָרן 1917 און 1918 ? האָט זיך דען עמעצער געקאָנט פאַרשטעלן אַזאַ „אַנטוויקלונגס-גאַנג״ פון דער מענטשהייט אינעם 20-סטן יאָרהונדערט ?

און איז דען דער אויפקום פון מדינת ישראל גופא נישט אַ רעזולטאַט פון דער דאָזיקער פּאַראַדאָקסאַלער אַנטוויקלונג ?

אמת, פונעם דאָזיקן דעגענערירטן, היטלערישן און סטאַלינישן, גאַנג פון דער מענטשלעכער געשיכטע, וואָס האָט אַזוי טראַגיש זיך אויסגעווירקט אויף דעם יידישן לעבן אין מזרח-אייראָפּע —

---

* ל. פ. נר. 31—230, מאַי-יוני 1971.

האָט אָממערסטן געליטן דער „בונד" — וועלכער האָט זיין גורל געהאַט פאַרבונדן מיט דעם געראַנגל פאַר אַן אַנדער אַנטוויקלונגס־גאַנג פון דער מענטשהייט. דער „בונד" איז פיזיש צעשמעטערט געוואָרן אונטער די רעדער פון די צוויי אכזריותדיקע דיקטאַטורן. בלויז שארית־הפליטה האָבן זיך אָפּגעראַטעוועט פון זייערע בלוטיקע לאַפּעס.

אונדזערע קעגנער זענען געווען זיכער, אַז מיט דעם האָט זיך פאַרענדיקט די געשיכטע פון „בונד". זענען זיי טאַקע נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה געשטעלט געוואָרן פאַר דער „פּאַראַדאָקסאַלער" רעטעניש: אומעטום, וווּ עס האָבן זיך געפונען בונדיסטן, צי נאָך פון פאַר דער מלחמה, צי פאַריאָגטע פון דער מלחמה־זאַוויערוכע, זענען זיי — חוץ געוויסע אויסנאַמען — געבליבן געטריי די בונדישע אמתן און האָבן איינגעהאַלטן די צוגעבונדנקייט צו דער בונדישער באַוועגונג.

אויך מדינת ישראל איז נישט געווען קיין אויסנאַם. אין פעברואַר 1951 איז אין תל־אביב פאַרגעקומען די ערשטע לאַנדבאַראַטונג פון די בונדיסטן, סיי פון אַלטע תושבים אין לאַנד, סיי פון די נייגעקומענע — אויף וועלכער עס איז באַשלאָסן געוואָרן אויפצושטעלן אַ בונדישע אָרגאַניזאַציע אין ישראל, פאַרבונדן מיט דעם וועלט־קאָאָרדינירקאָמיטעט פון „בונד" אין ניו־יאָרק. און אין מאַי דעם זעלביקן יאָר איז אויך דערשינען דער ערשטער נומער פון די „לעבנס־פראַגן".

אויך דער נאָמען פון זשורנאַל איז נישט אויסגעקליבן געוואָרן צופעליק. מיר האָבן געוואָלט פון איין זייט — דערמיט פאַראייביקן דעם זשורנאַל „לעבנס־פראַגן", וועלכער איז דערשינען אין פוילן אונטער דער רעדאַקציע פון וולאַדימיר מעדעם און פון דער צווייטער זייט דערביי אויך דעמאָנסטרירן אונדזער המשכדיקייט פון יענער תקופה.

דעם אמת געזאָגט האָט דער באַשלוס אַרויסצוגעבן דעם זשורנאַל אַ ביסל געשראָקן, צוליב דער גרויסער מאָראַלישער אחריות וואָס דאָס האָט אויף אונדז אַרויפגעלייגט. ערשטנס, דער נאָמען; צי וועט אונדזער זשורנאַל ראוי זיין דעם דאָזיקן נאָמען? צווייטנס,



אויף דער פייערונג לכבוד 20 יאָר „לעבנס־פראַגן", דעם 4־טן דעצעמבער 1971 עס באַגריסט ח' ר. שטיינערט, נעבן אים לינקס — י. אַרטוסקי

י. אַרטוסקיס לעצטע רעדע אויף דער פייערונג לכבוד 20 יאָר „לעבנס־פראַגן" (סעפטעמבער 1971)

מיר האָבן געוווסט, אַז מיטן אַרויסגעבן דעם זשורנאַל נעמען מיר אויף זיך אַ פאַראַנטוואָרטלעכע שליחות אויף פאַר דער בונדישער באַוועגונג אין דער וועלט. ווען דאָך די בונדישע אָרגאַניזאַציעס פון דער וועלט וועלן געפינען אין אונדזער זשורנאַל אַ ריכטיקן בונדישן ענטפער אויף די פּראָבלעמען פון מדינת ישראל. און דאָס איז געווען גאָרנישט קיין לייכטע אויפגאַבע; די אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל האָט אונדז אַוועקגעשטעלט אין אַ נייער, נישט עקזיסטירנדיקער ביז־איצט, ווירקלעכקייט, וועלכע האָט נישט פאַרטראָגן קיין סטערעאָטיפּישע ענטפערס. מען האָט געמוזט די ענטפערס אַרויסדרינגען פון דער נייער ווירקלעכקייט און דערביי אויך כסדר זיי קאָנפראָנטירן מיט דער ווירקלעכקייט. נאָר אויף דעם אופן האָבן מיר געקאָנט אויסאַרבעטן אונדזער בונדישן ענט־פער אויף די פּראָבלעמען פון מדינת־ישראל.

מיר האָבן געוווסט, אַז מיר הייבן אָן אונדזער אַרבעט אויף אַ האַרטן שטיינערנעם און מדברדיקן באָדן. מיר הייבן אָן פּרע־דיקן אַ געדאַנק, וועלכער איז פרעמד דאָ אין לאַנד און אויך ביי אין דער בונדישער באַוועגונג — וועגן פאַנאַנדערטיילן די צוויי באַגריפן: מדינה און ציוניזם, אָדער ווי מיר פלעגן דאָס באַצייכענען: מדינה ווי אַ טעריטאָריאַלער זעלבסטפאַרוואַלטונגס־אָרגאַן פון די יידן — יאָ, אָבער ציוניזם, ווי אַן אידעאָלאָגיע, וועלכע וויל דורך דער מדינה לייזן די יידן־פראַגע — נישט. די פאַנאַנ־דערטיילונג פון די צוויי באַגריפן איז אויך געווען פאַרבונדן מיט אונדזער קריטישער באַציאונג צו דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג, וועלכע איז באַהערשט פון ציוניסטן; סיי בנוגע איר שלילת־הגלות־דיקער באַציאונג צום יידישן פאָלק אין דער וועלט; צו איר — אין תוך גענומען — נעגאַטיווער באַציאונג צו דער יידישער שפּראַך און קולטור; סיי בנוגע איר באַציאונג צו דער אַראַבישער מינדערהייט אין לאַנד און צום שלום מיט דער אַראַבישער וועלט בכלל. אונדזער קריטיק איז פאַרשטייט זיך אויך געווען געווענדעט קעגן אַ רייע נעגאַטיווע דערשיינונגען אינעם אינערלעכן מלוכהשן לעבן, ווי די היפּערטראָפּירטע ראָל פון קלעריקאַליזם, דער וווקס פון ביוראָקראַטיזם און פון די סאָציאַלע קעגנזאַצן א. א. וו.

אונדזער אָפּאָזיציאָנעלער צוגאַנג צו דער פּאָליטיק פון דער רעגירונג האָט נישט פאַרלייכטערט גאָר באַשווערט אונדזער לאַגע. פּאַר פיל פון די יידיש־רעדנדיקע יידן — גראַטעוועטע פון די כלערליי גיהנומס, מידע פון איבערלעבונגען און אַנטוישונגען, אַהערגעקומענע דאָ אַהער, ווי צו אַ לעצטן מקלט, אין אַן אייגענער יידישער היים — איז שווער געווען צו פאַרדייען אַ בונדישע קריטיק קעגן דער ציוניסטישער אָנפירונג און פּאָליטיק אין מדינת ישראל.

מיר האָבן אָבער נישט געקאָנט און נישט געוואָלט שווימען אויף די פלאַכע וואַסערן פון ביליקער דעמאַגאָגיע און צופּאַסן זיך צו די קאָנפאָרמיסטישע שטימונגען וואָס זענען פאַרשפּרייט ביי דער באַפעלקערונג. מיר האָבן זיך אויסגעהיטן פון אַראָפּלאָזן דעם ניוואָ פון אונדזער זשורנאַל. מיר זענען געטריי געגאַנגען אונדזער וועג און באַמיט זיך אויף אַ פּאָפּולערן אָבער ערנסטן אופן אויפצוקלערן אונדזער באַציאונג צו די פאַרשידענע דערשיינונגען און פּראָבלעמען.

ביי גאָר שווערע באַדינגונגען, סיי פּאָליטישע, סיי אויך רעדאַקציאָנעל און פינאַנסיעל, ביי אַ מאַנגל פון קוואַליפיצירטע מיטאַרבעטער און כמעט אָן געלט־מיטלען, האָבן מיר אויסגעהאַלטן 20 יאָר. וואָס מיר האָבן דערגרייכט איז די מאָראַלישע סאַטיספאַקציע, אַז אונדזער זשורנאַל ווערט אָפּגעשאַצט, סיי דורך די בונדיסטן, סיי אויך דורך קעגנער, ווי איינער פון די בעסטע און ערנסטע זשורנאַלן, וואָס דערשיינען אין דער וועלט.

ליידער האָבן מיר נישט דערגרייכט דאָס, וואָס מיר האָבן געהאָפט, אַז פון אַ חודש־זשורנאַל וועלן מיר מיט דער צייט קאָנען אַריבערגיין צו אַ צווייוואָכעדיקן, עווענטועל אויך צו אַ וואָכןזשורנאַל. געשען איז אַנדערש. נאָך 16 יאָר דערשיינען ווי אַ חודש זשורנאַל זענען מיר גאָר געצוווּנגען אַרויסצוגעבן אים איינמאָל אין צוויי חדשים.

מיר פייערן דעריבער אונדזער 20־יאָריקן יובל נישט אין קיין יומטובדיקער שטימונג. אין משך פון די 20 יאָר זענען אונ־

דזערע שוועריקייטן נישט קלענער נאָר גרעסער געוואָרן. אויב מיר האָבן אויסגעהאַלטן די צוויי צענדליק יאָרן איז עס נאָר אַ דאַנק דעם איינציקן געווער, וואָס מיר פאַרמאָגן, דעם טיפן גלויבן אין אונדזערע בונדישע אמתן און אין דער וואַרעמער באַציאונג פון אונדזערע חברים און פריינד, אין לאַנד און אין אויסלאַנד. מיט דעם געווער טרעטן מיר אויך אַריין אין דעם 21טן יאָר פון אונדזער עקזיסטענץ.

אין געראנגל
פאר יידיש
און יידישער
ליטעראטור

די נאַציאָנאַל־שעפערישע ראָל פון די יידיש־רעדנדיקע יידן*

1.

שוין נאָך דער היטלערישער יידן־שחיטה זענען אויף דער וועלט פאַרבליבן אַרום 11 מיליאָן יידן. וואָלט בלויז די צאָל, די קוואַנטיטעט דעצידירט, וואָלטן מיר לחלוטין נישט באַדאַרפט זאָרגן זיך וועגן אונדזער קיום.

דאָך איז די לאַגע נישט אַזוי. דאָך פילן מיר אַלע, אַז עפּעס איז נישט פויגלדיק אין אונדזער משפחה פון די 11 מיליאָן. דער נאַציאָנאַלער בונד צווישן די 11 מיליאָן יידן זעט אויס אַ שפּאָר ביסל אַנדערש, אַ שפּאָר ביסל קאָמפּליצירטער ווי דער נאַציאָנאַלער בונד ביי אַנדערע פעלקער, וואָס לעבן אויף אייגענע טערי־טאָריעס.

אונדזערע יידן זענען צעשפּרייט איבער דער וועלט, לעבן אין די פאַרשידנאַרטיקסטע סאָציאַלע און פּאָליטישע באַדינגונגען, רעדן אַפילו מיט באַזונדערע שפּראַכן. אין משך פון לאַנגע דורות איז אַפילו איבערגעריסן געווען דער בונד צווישן די ספרדישע און אַשכנזישע יידן. שפּעטער צווישן די אַסימילירטע יידן און די נאַ־ציאָנאַל־געשטימטע יידן. אויף דעם באָדן זענען אַנטשטאַנען די טעאָריעס, אַז די יידן הערן אויף צו זיין אַן איינהייטלעך פאָלק. און באמת וואָס האָט פאַרבונדן צב״ש. דעם תימנער ייד, וועמען ס'איז פאַרבליבן אין זכרון בלויז אַ פּאָר רעליגיעזע מנהגים, מיט דעם פולבלוטיקן נאַציאָנאַלן יידן פון פוילן? וואָס האָט פאַרבונדן דעם רייכן אַסימילירטן יאַהודי, וואָס האָט פאַרלייקנט זיין אַנגעהערי־קייט צום יידישן פאָלק מיט דעם פריידענקערישן נאַציאָנאַל־וועלטלעכן יידישן אַרבעטס־מענטש?

---

* „אונזער שטימע״ יוני 1947

איז געקומען די היטלער־עפּאָכע און האָט אונדז דערמאָנט, אַז עס בינדט אונדז יאָ עפּעס. עס בינדט אונדז אַ היסטאָרישע גורל־געמיינשאַפט. מיר האָבן איין היסטאָרישע אָפּשטאַמונג, אונדזערע אָבות האָבן געהאַט איין רעליגיע — און דאָס געגוגט, אַז די אַרו־מיקע פעלקער זאָלן אונדז אַלעמען, סיי די ספרדישע, ווי די אַשכנ־זישע, די רעליגיעזע, ווי די אַסימילירטע באַטראַכטן פאַר מיטגלי־דער פון איין יידישן פאָלקס־שטאַם, ווי איין פאָלק.

אָט די היסטאָרישע גורל־געמיינשאַפט פאַרבינדט די יידן — זי איז דער אָביעקטיווער אַטריבוט פון אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ.

.2

אָבער די היסטאָרישע גורל־געמיינשאַפט אַליין איז נישט גענוג אויף איינצוהאַלטן אונדזער נאַציאָנאַלע עקזיסטענץ. עס מוז אומ־אויפהערלעך ווירקן דער סוביעקטיווער אַטריבוט פון נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ, דער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, וועלכער מאַטעריאַלי־זירט זיך אין נאַציאָנאַלן שאַפונגס־פּראָצעס.

די יידן האָבן אויפן באָדן פון זייער היסטאָרישער גורל־געמיינ־שאַפט, וועלכע האָט דורכגעמאַכט פאַרשידענע אומוואַנדלונגען אין משך פון זיין דורותדיקער געשיכטע — אויסגעפּאָרמירט זיינע נאַציאָנאַלע געפילן און זיין נאַציאָנאַלן באַוווסטזיין.

די געמיינזאַמקייט פון אונדזערע נאַציאָנאַלעליידן און פריידן, מערער ליידן ווי פריידן, האָט געשאַפן ביי אונדז אַלעמען, ביי ווענען שטאַרקער, ביי ווענען שוואַכער, די עמאָציאָנעלע, געפיל־מעסיקע נאַציאָנאַלע צונויפגעבונדקייט און נאָענטקייט, זי איז אַריינגעדרונגען אין אונדזער בלוט און אונדזער נשמה, דערשטיקט אין צייטן פון ווילשטאַנד, וועקן זיך די דאָזיקע געפילן אויף צוריק אין צייטן פון שעת הכושר, אין צייטן פון געפאַר.

אויף דעם דאָזיקן באָדן האָט זיך אויך אויסגעפאָרמירט אונדזער נאַציאָנאַלער באַוווסטזיין, אונדזער ווילן אויפצוהאַלטן און צו אַנט־וויקלען אונדזער פאָלק, און אָוועקשטעלן אים אין אַ גלייכער מדרגה מיט אַלע איבעריקע פעלקער.

.3

נישט אַלע יידן פאַרמאָגן אין אַ גלייכער מאָס דעם דאָזיקן נאַציאָנאַלן באַוווּסטזיין. אויך אַנדערע פעלקער פאַרמאָגן זייערע נאַציאָנאַל־פּאַסיווע עלעמענטן. די דאָזיקע פּאַסיווקייט דראָט נישט זייער עקזיסטענץ, ווייל זיי זענען קאָנצענטרירט אויף אַן אייגענער טעריטאָריע, האָבן אַן אייגענע נאַציאָנאַלע מלוכה, לעבן זיך אויס אין זייער אייגענער נאַציאָנאַלער סביבה און שפּראַך. ביי יידן דאַקעגן איז די דאָזיקע נאַציאָנאַלע פּאַסיווקייט אַ געפאַר. לעבנדיק צווישן פרעמדע פעלקער פאַלן די דאָזיקע נאַציאָנאַל־פּאַסיווע יידן אַרונטער אונטער דער השפעה פון די אַרומיקע פעלקער, נעמען איבער זייער שפּראַך און זייערע מנהגים. דערפאַר שפּילט ביי די יידן דער קאַמף קעגן דער אַסימילאַציע אַזאַ וויכטיקע נאַציאָנאַלע ראָל.

אָבער אויך ביי די נאַציאָנאַל־אַקטיווע עלעמענטן פון יידישן פאָלק איז דער נאַציאָנאַלער באַוווּסטזיין נישט גלייכמעסיק. צום אונטערשייד פון אַנדערע פעלקער הערשן ביי די דאָזיקע יידן 3 באַזונדערע נאַציאָנאַלע אידעאַלן, וועלכע זענען אָפטמאָל קעגנזעצלעך איינער צום אַנדערן.

מיר האָבן דעם ציוניסטישן אידעאַל. אָבער די ציוניסטן גלויבן נישט אין אונדזער נאַציאָנאַלן קיום אָן אַן אייגענער מלוכה. זייער איינציקער ציל איז צוריק צו דעראָבערן פאַר אונדזער פאָלק דעם פאַרלוירענעם מיט 2 טויזנט יאָר צוריק נאַציאָנאַל־מלוכהשן אַטריבוט — אָן אילוזיע, וואָס מוז פירן צו אַנטוישונג. נישט גלויבנדיק אין אונדזער נאַציאָנאַלער עקזיסטענץ אין גלות, מוזן די ציוניסטן אָוועקפאַלן אַלס נאַציאָנאַל־שעפערישער עלעמענט פאַר די יידן פון דער וועלט. זייער נאַציאָנאַלע אַקטיווקייט מוז זיין אַ באַגרענעצטע, זי קאָן דויערן נאָר אַזוי לאַנג ביז וואַנען עס וועלן זיך נישט אויסלעבן די מלוכהשע אילוזיעס ביי די יידישע מאַסן. צילנדיק איבערצורייסן מיטן גלות רייסן זיי אויך איבער מיט דער שפּראַך פון גלות, מיט יידיש. דערמיט גיסן זיי אייל אויף דעם פייער פון אַסימילאַציע.

מיר הא̇בן אויך דעם נא̇ציא̇נא̇ל־רעליגיעזן אידעא̇ל, וואָס זעט נא̇ר אין דער יידישער רעליגיע דעם א̇נשפּא̇ר פא̇רן יידישן פא̇לק. צום אונטערשייד פון די ציוניסטן, גלויבן די דא̇זיקע יידן אין דער עקזיסטענץ פון יידישן פא̇לק אויך אין גלות. דער נא̇ציא̇נא̇ל־שעפערישער כוח פון דעם דא̇זיקן אידעא̇ל שטיצט זיך אויף דער 4 טויזנט יעריקער רעליגיעזער טרא̇דיציע פון יידישן פא̇לק. ער שטיצט זיך אויף דעם פא̇קט, וואָס די יידישע רעליגיע איז א̇ נא̇ציא̇נא̇לע רעליגיע. די שוואַכקייט פון דא̇זיקן נא̇ציא̇נא̇לן אידעא̇ל בא̇שטייט א̇בער דערין, וואָס ער שטייט אין ווידערשפּרוך צו דער צייט, אין ווידערשפּרוך צום וויסנשא̇פטלעכן אמת. שטיצנדיק זיך בלויז אויף רעליגיע פא̇רזעט דער דא̇זיקער אידעא̇ל די געפא̇ר פון א̇סימילא̇ציע. כל־זמן מען איז רעליגיעז שטערט נישט די א̇סימי־לא̇ציע א̇נצוגעהערן צום יידישן פא̇לק. פא̇רלירט א̇בער א̇זא̇ א̇סימי־לירטער ייד דעם רעליגיעזן גלויבן, פא̇רלירט ער דעם בונד מיט דעם יידישן פא̇לק.

די דא̇זיקע צוויי נא̇ציא̇נא̇לע אידעא̇לן — דער רעליגיעזער און דער מלוכהשער — זענען דעריבער נא̇ר בא̇דינגטע, פא̇רבייגיי־ענדיקע נא̇ציא̇נא̇לע אידעא̇לן. זיי קענען נישט אויף קיין לענגערער מעטע זיין קיין א̇נשפּא̇ר פא̇רן קיום פון יידישן פא̇לק, פא̇ר דעם פא̇לק, וואָס איז פא̇רמשפּט צו לעבן אין דער צעשפּרייטקייט פון דער וועלט און דערצו אין א̇ צייט, ווען רעליגיע הא̇ט אויפגעהערט צו זיין דער סימן מובהק פון נא̇ציא̇נא̇לער א̇נגעהעריקייט.

ס'איז דעריבער נישט קיין צופא̇ל, וואָס דער נא̇ציא̇נא̇ל־שעפע־רישער גייסט פון יידישן פא̇לק הא̇ט במשך די לעצטע 100 יא̇ר א̇רויסגעברענגט א̇ נייע נא̇ציא̇נא̇ל־א̇קטיווע און נא̇ציא̇נא̇ל־בא̇־ווסטזיניקע שיטה — דאָס איז דער יידיש־וועלטלעכער נא̇ציא̇־נא̇לער געדא̇נק. ס'איז נישט קיין צופא̇ל, וואָס דער דא̇זיקער יידיש־וועלטלעכער נא̇ציא̇נא̇לער געדא̇נק איז געווא̇רן דער טרעגער פון דער מא̇דערנער יידישער נא̇ציא̇נא̇לער א̇נטוויקלונג.

ווען מיר רעדן וועגן פּולבלוטיקן יידיש־נא̇ציא̇נא̇לן לעבן אין מזרח־איירא̇פּע, בא̇זונדערס אין פּוילן, וואָס מיינען מיר אונטער דעם, אויב נישט דעם מעכטיקן שא̇פונגס־פּרא̇צעס פון דער יידיש־

וועלטלעכער קולטור, דער יידישער קולטור און דער יידישער שפּראַך. אונדזערע יידישע קלאַסיקער, מענדעלע, שלום־עליכם, פּרץ און אַנדערע זענען נישט געווען גלאַט קיין יידישע שרייבער, זיי זענען געווען די אויסדריקער און דער אַוואַנגאַרד פון מאָדער־נעם יידישן נאַציאָנאַלן לעבן.

און קוקט זיך צו צו אַלע יידישע קיבוצים אויף דער וועלט: ווו געפינט איר די נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקסטע, די נאַציאָנאַל־אַקטיווסטע עלעמענטן פון יידישן פאָלק, אויב נישט צווישן די יידיש־רעדנדיקער, צווישן די טרעגער פון דער יידישער־שפּראַך און יידישער קולטור?

אומעטום זענען די יידיש־רעדנדיקע יידן דער אַוואַנגאַרד, זיי זענען עס די, וואָס האַלטן אויף אונדזער קיום, וואָס לאָזן נישט פאַרווישן די גרענעצן צווישן אונדזער פאָלק און אַלע איבעריקע פעלקער, נאָר אויפן יסוד פון דער יידישער שפּראַך קאָן דאָס יידישע פאָלק זיין פולבלוטיק גלייכבאַרעכטיקט צווישן די פעלקער פון דער וועלט.

די יידיש־רעדנדיקע יידן זענען דער נאַציאָנאַל־באַוווסטזיניקס־טער און דער נאַציאָנאַל־אַקטיווסטער עלעמענט פון יידישן פאָלק. דאָס לייגט אויף זיי אַרויף די גרויסע אחריות, די גרויסע נאַציאָ־נאַלע פליכט צו ווערן די גייסטיקע פירער פון די 11 מיליאָן יידן. מיר רופן דאָס אָן קאַמף קעגן אַסימילאַציע. דאָס הייסט אָבער אין ברייטערן זין, אַריינדרינגען מיט אונדזער יידיש וואָרט אין אַלע קעמערלעך פון יידישן לעבן.

די היטלערישע בעסטיע האָט אויסגעמאָרדעט העכער 3 מיליאָן יידיש־רעדנדיקע יידן. דאָס האָט פאַרשמעלערט די באַזע פון דער יידישער שפּראַך. די היטלערישע שחיטות האָבן אָבער דערנענטערט צו זיך די לעבנגעבליבענע 11 מיליאָן יידן, זיי מוזן אַריינגעצויגן ווערן אין אונדזער וועלטעלך־נאַציאָנאַלן קולטור־קרייז. זיי מוזן דערנענטערט ווערן צו אונדזער שפּראַך, צו אונדזער יידיש. ס'איז אַ היסטאָרישע אויפגאַבע, וואָס מוז געשטעלט ווערן פאַר די יידישע געזעלשאַפטלעכע טוער, פאַר די יידישע קולטור־טרעגער.

העברעיש און יידיש *

.1

אין דער יידישער קולטור־וועלט רעדט מען לעצטנס זייער פיל וועגן שלום צווישן יידיש און העברעיש. אונטערן צייכן פון שלום צווישן די צוויי שפראַכן זענען אַדורך סיי די אָרגאַניזירטע דורך די קאָמוניסטן אייראָפּעאישע קולטור־קאָנפערענץ, סיי דער ציוניס־טיש־דאָמינירטער יידישער וועלט־קאָנגרעס אין מאָנטרעאָל. אַפילו דער אַלוועלטלעכער יידישער קולטור־קאָנגרעס אין ניו יאָרק, וועמענס אייגנטלעכע אויפגאַבע איז געווען צו סטימולירן די אַנטוויקלונג פון דער יידישער קולטור אין יידיש, איז אַדורך אונטערן צייכן פון שלום מיט העברעיש.

לוינט דעריבער אָפּצושטעלן זיך אַ ביסל אויף דעם ענין.

שלום איז אַ גוטע זאַך, און באַזונדערס ביי אונדז יידן, נאָך דעם דורכגעלעבטן חורבן. און זיכער האָט נישט קיין זינען צו באַנייען דעם אַלטן שטרייט צווישן יידיש און העברעיש. העברע־יש איז געוואָרן צוריק אַ וויכטיקער פאַקטאָר אין יידישן לעבן, באַזונדערס אין ארץ ישראל, און וואָלט מען געקענט איינשטעלן אַ געוויסן מאָדוס וויווענדי, וואָלט עס זיכער געווען לטובת אונדזער אַלגעמיינער יידישער קולטור־אַנטוויקלונג.

צי איז אָבער דער שלום, וועגן וועלכן מען רעדט היינט אַזוי פיל, אַ רעאַלע זאַך? צי איז ער נישט אַמאָל בלויז אַן איינרעדע־ניש, אַ „ווישפול טהינקינג", ווי ס'זאָגן די ענגלענדער?

אַ שלום צווישן די צוויי שפראַכן וואָלט מעגלעך געווען, ווען די אַלע, וואָס זענען ביכולת צו באַשטימען די דאָזיקע פראַגע, וואָלטן צוגעגאַנגען צום יידישן שפראַכן־פּראָבלעם פון אַ פּראַק־

---

* „אונזער שטימע", אָקטאָבער 1948.

טיש־רעאַלן און נישט דאָגמאַטיש־טעאָרעטישן קוק־ווינקל. יידיש צי העברעיש? וואָס איז וויכטיק? — דער עיקר איז ווי אַזוי איינצוהאַלטן די קולטורעלע און גייסטיקע פאַרבינדונג צווישן אַלע יידישע ישובים פון דער וועלט און ווי אַזוי אַנטקעגנשטעלן זיך דעם שטראָם פון אַסימילאַציע, וואָס פאַרגיסט דאָס יידישע לעבן.

צי קאָן דען עמיצער אָפּלייקענען, אַז בכל תפוצות ישראל, אין אַלע א. ג. גלות לענדער, איז אַפילו היינט, נאָך דעם זעקס מיליאָניקן חורבן, יידיש נאָך אַלץ די איינציקע רעאַל־לעבעדיקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק? אַפילו ציוניסטן לייקענען עס נישט און קאָנען עס נישט לייקענען. האָבן דאָך די ציוניסטן שוין געמאַכט אַזוי פיל פּרווון אויפצולעבן העברעיש, און קיינער האָט זיי דאָך נישט געשטערט!, איז דאָס זיי געלונגען? איז זיי געלונגען צו פאַרוואַנדלען העברעיש אין אַ לעבעדיקער אומגאַנגס־שפּראַך פון יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער?

וואָסער זין האָט אויב אַזוי — פון פּראַקטיש־רעאַלן שטאַנדפּונקט — צו רעדן וועגן צוויי־שפּראַכיקייט פון יידישן פאָלק אין די גלות־לענדער? דער דערוואַקסענער דור לייענט נישט, חוץ גאָר קליינע אויסנאַמען, נישט קיין העברעישע צייטונגען, נישט קיין העברעישע ביכער און וועגן רעדן העברעיש איז דאָך שוין אָפּגערעדט. און דער יונגער דור, דער דור וואָס גייט אין די שולעס? — קאָן ער אויסטראָגן די לאַסט פון לערנען צוויי יידישע שפּראַכן, העברעיש און' יידיש, און חוץ דעם נאָך לערנען די לאַנד־שפּראַך? וועט די דאָזיקע לאַסט פון דריי־שפּראַכיקייט נישט צונעמען ביי די קינדער דעם חשק בכלל צו לערנען ביידע יידישע שפּראַכן, סיי העברעיש, סיי יידיש? ווייסן דאָך די לערער און דערציער, און אויך די טאַטעס און מאַמעס, ווי שווער ס'איז היינט צו טאָג צו באַווירקן די קינדער אויסצולערנען זיך כאָטש איינע פון די נאַציאָנאַל־יידישע שפּראַכן!

דערפאַר גלוסט זיך צו פרעגן: צי וועט די צוויי־שפּראַכיקייט אין די גלות־לענדער ברענגען נוצן דעם יידישן פאָלק, וועט עס צוהעלפן באַקעמפן די אַסימילאַציע?

אויב מ'גייט צו צו דעם ענין נישט פון אַ דאָגמאַטישן, אָדער

סתם רודף־שולמדיקן שטאַנדפונקט, מוז דער ענטפער זיין אַ קלאָ־רער: ווי־ווי, נאָר אין די גלות־לענדער קאָנען מיר זיך נישט דער־לויבן אויפן לוקסוס פון צוויי־שפּראַכיקייט. דאָ מוזן מיר אַלע כוחות קאָנצענטרירן אויף איין נאַציאָנאַלער שפּראַך. און די דאָזיקע שפּראַך מוז זיין יידיש, ווייל זי איז פאַרט אונדזער איינ־ציקע רעאַל־לעבנדיקע נאַציאָנאַלע שפּראַך.

אוודאי איז אויך פאַראַן אַ פּלאַץ פאַר העברעיש אין די גלות־לענדער. דאָס איז וויכטיק פאַר די יידן, וואָס ווילן פאָרן קיין ארץ ישראל, ווי אויך פאַר די ליב־האָבער פון העברעיש, וואָס ווילן שטודירן אין אָריגינאַל די תלמודישע און העברעישע ליטעראַטור. פאַר זיי קענען און דאַרפן געשאַפן ווערן שולן און קורסן. דאָס ענדערט אָבער נישט די אַלגעמיינע זאַכלאַגע. יידיש פאַרבלייבט און מוז פאַרבלייבן די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך, אויף וועל־כער ס׳דאַרף דערצויגן ווערן דער יונגער יידישער דור.

.2

שלום צווישן יידיש און העברעאיש! דער דאָזיקער שלום איז נויטיק, כדי אָנצוהאַלטן די קולטורעלע און גייסטיקע פאַרבינדונג מיטן יידישן ישוב פון ארץ ישראל. די דאָזיקע פאַרבינדונג איז נוי־טיק און לעבנס־וויכטיק פאַרן יידישן פאָלק.

מיר ווילן נישט אויפהויבן דאָ די אַלטע פראַגע: צי וואָלט נישט בעסער געווען פאַר דער גאַנצקייט פון יידישן פאָלק, אַז יידיש זאָל אויך דאָרט אָנערקענט ווערן ווי די נאַציאָנאַלע שפּראַך פון ישוב? דאָס וואָלט געווען נישט שווער דורכצופירן אין לעבן, ווייל נאָך היינט איז די מערהייט פון דאָרטיקן יידישן ישוב אַ יידיש־רעדנדיקע.

אָבער אויב מ׳רעדט וועגן שלום, שלום צוליב אַ העכערן צוועק, צוליב איינהאַלטן די קולטורעלע און גייסטיקע פאַרבינדונג מיט די יידן פון דער וועלט, דאַרף דאָך דאָרט לכל הפחות — און דאָס קען ביי אַ גוטן ווילן לייכט ווערן רעאַליזירט — איינגעפירט ווערן די גלייכבאַרעכטיקונג פון יידיש. ווי האַלט עס אָבער דאָרט מיט דער דאָזיקער גלייכבאַרעכטיקונג?

מ׳פרייט זיך און מ׳האַלט עס פאַר אַ גרויסער דערגרייכונג, וואָס אין דער לעצטער צייט האָט מען אויפגעהערט אַזוי ברוטאַל צו רודפן יידיש, וואָס מ׳דערלויבט אַרויסצוגעבן, אַ יידישן זשור־נאַל און מ׳דערלויבט צו דרוקן יידישע ביכער און וואָס מ׳גייט איינפירן אַ יידיש־קאַטעדרע אויפן העברעישן אוניווערסיטעט! איז דאָס די גלייכבאַרעכטיקונג? און וואָס מכוח אַ יידישער טאָג־צייטונג, און וואָס מכוח לערנען יידיש אין די שולן און אין דער יידישער אונטערריכטס־שפּראַך? וואָס מכוח אָנערקענען יידיש כאָטש אַלס צווייטע אָפיציעלע שפּראַך אין די דאָרטיקע מלוכה־אַמטן? אָט די דאָזיקע אַספּיראַציעס זעען אויס אַפילו ביי די מעסיקע ציוניסטן צו זיין פאַנטאַסטיש, אויב נישט...חוצפּהדיק.

צי זענען טאַקע אונדזערע יידיש־השגות שוין אַזוי קליין, אַז מ׳קאָן אונדז באַפרידיקן מיט אַ יידישן וואָכן־זשורנאַל?

מ׳זאָגט, אַז דאָס איז קוים דער אָנהויב פון אַן ענדערונג אין דער באַציאונג צו יידיש אין ארץ ישראל. הלוואי זאָל דאָס אַזוי זיין. אָבער דאָס הייסט דאָך, אַז דער שטרייט איז נאָך נישט גע־ענדיקט. דאָס הייסט דאָך, אַז דער קאַמף פאַר גלייכבאַרעכטיקן דעם יידישן לשון אין ישראל מוז נאָך פאַרגעזעצט ווערן. און ווער עס קאָן דעם העברעישן פאַנאַטיזם ביי די ארץ ישראלדיקע ציו־ניסטישע פירער, דער ווייסט, אַז דער קאַמף איז אַ שווערער: אַז קיין גוטער ווילן צו גלייכבאַרעכטיקן יידיש איז ביי זיי נישט פאַראַן.

און אָן יידיש אין ארץ ישראל — דאָס פאַרשטייען, דוכט זיך, אַלע יידישע קולטור־טוער אויף דער וועלט — וועט נישט מעגלעך זיין אָנצוהאַלטן קיין נאָרמאַלע, קולטורעלע און גייסטיקע, פאַר־בינדונג, צווישן די דאָרטיקע יידן מיט די יידן פון דער וועלט.

.3

וואָלט מען, ווי געזאָגט, צוגעגאַנגען צום פּראָבלעם יידיש און העברעיש פון פּראַקטיש־רעאַלן שטאַנדפּונקט, פון שטאַנדפּונקט פון נוצלעכקייט פאַרן יידישן פאָלק, וואָלט דער שטרייט צווישן די א. ב. יידישיסטן און העברעיסטן גאַנץ לייכט געקאָנט געלייזט

ווערן און ס'וואָלט געקאָנט איינגעשטעלט ווערן אַ שלום. און ווען די א. ג. יידישיסטן רעדן וועגן שלום, מיינען זיי דאָס אויפריכטיק. צי וועלן אָבער אויף דעם שלום איינגיין די ציוניסטן, וועלכע לייגן אַריין אינעם העברעיש אַ דאָגמאַטיש־אידעאָלאָגישן אינהאַלט? וועלכע ווילן זען אין העברעיש די איינציקע צוקונפטיקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק, פּונקט ווי זיי ווילן זען דאָס גאַנצע יידישע פאָלק קאָנצענטרירט אין ארץ ישראל?

דאָס איז אויך די סיבה, פאַרוואָס די ציוניסטן ווילן איינפירן די צוויי־שפּראַכיקייט אין די גלות־לענדער און זיי קלערן גאָר נישט וועגן איינפירן די צוויי שפּראַכיקייט אין ארץ ישראל. די צוויי־שפּראַכיקייט אין גלות איז ביי זיי נישט קיין אויסדרוק פון שלום־ווילן, נאָר אַ מיטל אַרויסצושטויסן דעם יידיש לטובת העברעיש. און אַזוי ווי מיר גלויבן נישט אין די ציוניסטישע גאולה־אידעען און גלויבן נישט, אַז העברעיש זאָל אין די גלות־לענדער קאָנען פאַרנעמען דאָס אָרט פון יידיש, זעען מיר די געפאַרן, וועלכע לויערן פון דער דאָזיקער צוויי־שפּראַכיקייט. זי קאָן ווערן אַ טיר, וואָס וועט נאָך ברייטער עפענען דעם וועג פאַר אַסימילאַציע.

יידיש איז און מוז פאַרבלייבן די איינציקע נאַציאָנאַלע שפּראַך פון יידישן פאָלק אויף דער וועלט. די פאַרבינדונג מיט ארץ ישראל קאָן און מוז איינגעשטעלט ווערן נאָר אויפן יסוד פון אַ דאָרטיקער גלייכבאַרעכטיקונג פון יידישן לשון. דאָס איז דער איינציק־רעאַלער און נוצלעכער פאַרן יידישן פאָלק צוגאַנג צום פּראָבלעם יידיש און העברעיש.

דער וועג פון דער יידישער ליטעראַטור אין ישראל *

די אייגנאַרטיקייט פון דער יידישער ליטעראַטור באַשטייט אין דעם, וואָס זי איז איין ליטעראַטור אין אַלע לענדער ווו יידן לעבן. בלויז די פאַרשפּרייטסטע שפּראַכן, ווי ענגליש, פראַנצויזיש, שפּאַניש זענען אין אַ געוויסער מאָס ענלעך. אַ שפּראַך הערשט אין די לענדער, ווו עס הערשט די מדינה, אין רעזולטאַט פון פּאָליטישער באַהערשונג.

ביי יידן — איז די פאַרשפּרייטונג פון שפּראַך און ליטעראַטור געקומען אָן פּאָליטישער מאַכט, נאָר מיט דער צעשפּרייטקייט פון די יידן, וועלכע האָבן אומעטום מיטגעטראָגן זייער לשון און זייער שאַפונגס־גייסט.

די יידישע ליטעראַטור שטאַמט פון מזרח־איראָפּע, זי האָט אָבער איינגעזאַפּט אין זיך זאַפטן פון די לענדער, אין וועלכער די יידן לעבן.

זי האָט געשאַפן אַ סימביאָזע צווישן דער אָפּשטאַמונג און דער נייער ווירקלעכקייט. דאָס האָט דערמעגלעכט אַ מעכטיקע אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור אין אַמעריקע, אַרגענטינע און אין אַנדערע לענדער. די יידישע ליטעראַטור איז אַזוי אַרום סיי לאָקאַל־לאַנדיש, סיי אַלנאַציאָנאַל.

קיין ישראל איז די יידישע ליטעראַטור געקומען שפּעט, מחמת דעם, וואָס די ערשטע יידן אין לאַנד זענען געווען די פרומע, וועלכע האָבן בכלל באַקעמפט וועלטלעכע קולטור און שפּעטער — די ציוניסטישע עליה, וועלכע איז געווען העברעאיסטיש.

אין קעגנזאַץ צו אַנדערע רעליגיעס, וועלכע האָבן איינגעגלי־

---

* פון כתב־יד.

דערט אין זיך אויך ליטעראַטור — איז די יידשע אָרטאָדאָקסיע געווען פיינטלעך צו וועלטלעכער ליטעראַטור, אַפילו ווען די ליטע־ראַטור איז נישט געווען אַנטירעליגיעז. די יידישע ליטעראַטור איז אויך נישט געווען אַנטיציוניסטיש. — אָבער ציוניזם האָט גע־פּרעדיקט רענעסאַנס פון העברעאיש און אויב אין די גלות־לענדער האָבן זיי געמוזט אָנערקענען יידיש — האָבן זיי עס נישט געוואָלט אין ישראל.

דאָ ווערט געפירט אַ קאַמף קעגן יידיש — ס'ווערט געשאַפן דער „גדוד מגיני השפה".

ערשט אין די צוואַנציקער יאָרן הייבן אָן צו קומען איינצלנע יידישע שרייבער, מערסטנטייל געשטימט לינק־פועלי ציוניסטיש, און שאַפן אָן אָנהייב פון אַ יידישער ליטעראַטור.

די לינקע פועלי ציון, טריי באָראָכאָוון, האָט געהאַלטן פון אַ סינטעז צווישן ישראל און גלות און געזען אין יידיש אַ פאָלקס־שפּראַך.

אין די דרייסיקער יאָרן שאַפט זיך אַ שרייבער־קרייז. עס הייבן אָן צו דערשיינען ליטעראַרישע זשורנאַלן און אויך ביכלעך. פון די אָנגעזעענסטע שרייבער זענען דאָ י. פּאַפּיערניקאָוו. א. ריוועס, אברהם לעוו, לייב שמעוני־חיין, יואל מאַסטבוים, יעקב צבי שאר־געל, אברהם ליס.

זיי האָבן אָבער דאָ אַ שווער לעבן, און טרעפן אַפילו אָן אויף געוויסע רדיפות.

ערשט נאָך דער אַנטשטייאונג פון דער מדינה — און אַ ביסל פריער, נאָך דער צווייטער וועלט־מלחמה — קומט אַ שטראָם יידיש־ריידנדיקע יידן און יידישע שרייבער. די יידישע ליטעראַ־טור צעוואַקסט זיך. דער שרייבער־פאַראיין ציילט שוין בערך 150 מיטגלידער. ס'זענען פאַראַן גרויסע טאַלאַנטן: ווי י. פּאַפּיערניקאָוו. א. סוצקעווער, יעקב פרידמאַן, יחיאל האָפער, א. מ. פוקס, ישעיהו שפיגעל, בינם העלער. עס זענען אויך פאַראַן פרויען־שרייבערינס. — מאַלאַשאַ מאַלי, רקודה פּאָטאַש, רבקה קוויאַט־קאָווסקאַ, רחל אויערבאַך, הדסה רובין, סלוצקאַ־קעסטין.

עס זענען פאַראַן יונגע שרייבער, ווי: משה יונגמאַן, רבקה באַסמאַן, צבי אייזנמאַן, א. קאַרפּינאָוויטש, רחל פישמאַן. מען קאָן שוין רעדן וועגן אַ יידישער ישראל־ליטעראַטור, וואָס נעמט אַרום אַלע זשאַנערן.

וואָס איז די ראָל פון דער יידישער ליטעראַטור אין ישראל?

קודם כל פאַרמאָגט זי עטלעכע אַטריבוטן, וועלכע עס פאַרמאָגט נישט די העברעאישע ליטעראַטור.

א. די העברעאישע ליטעראַטור איז לאָקאַל, רעגיאָנאַל, מחוץ ישראל איז זי כמעט אומבאַקאַנט.

ב. זי איז — אין תוך — אָן אַ נאַציאָנאַלן יסוד, אָפּגעריסן פון אונדזער באַעטער פאַרגאַנגענהייט. יאָרן־לאַנג איז זי געווען „שלילת הגלותדיק", באַוווסטזיניק. חיים הזז האָט גערופן צו פאַרברענען דעם גלות. די יונגע קענען בכלל נישט דאָס יידישע לעבן. פאַר זיי איז דאָס יידישע פאָלק געווען — דאָס קליינע, פאַרפוילטע שטעטל, די סימבאָלן פון יידישן פאָלק — פישקע דער קרומער, סענדערל פון טונעיאַדעווקע, מנחם מענדל פון קאַסרילעווקע און יעהופּעץ.

דער עלטערער דור, ש. י. עגנון — האָט געשריבן וועגן גלות — אָבער פון רעליגיעזן שטייגער־לעבן.

די יידישע ליטעראַטור — האָט אַהערגעבראַכט אונדזער פאַרגאַנגענהייט; יחיאל האָפער „דאָס בירגערלעכע וואַרשע", בערליגסקי, פאָפּיערניקאָוו — „די פּראָלעטאַרישע שטובן"; „חורבן־ליטעראַטור". — קאַצעטניק, קוויאַטקאָווסקאַ, אויערבאַך, ד"ר דוואָרזשעצקי, סוצקעווער, שפּיגעל; סאָוועט־רוסלאַנד — פּערלאָוו, וואַרזאַגער, זאַקאַליק, מענדל מאַן.

עליה־קליטה פון די נייע עולים — פּערלאָוו, מענדל מאַן, רחל אויערבאַך, ישראל־מאַטיוון — פּייזאַש, קיבוץ — יוסף בירשטיין, רבקה באַסמאַן, אברהם לעוו, א. קאַרפּינאָוויטש.

די יידישע ליטעראַטור — אין שוין דאָ אויך די בריק צווישן היינט און נעכטן, צווישן מדינה און דעם פאָלק. יידיש און יידישע ליטעראַטור לעבט אין ישראל מיטן אייגענעם זכות. די אָפיציעלע

מאַכט־אָרגאַנען העלפן נישט, אין בעסטן פאַל ווערט זי בלויז טאָלערירט.

די פאַקטישע באַציאונג איז געבליבן אַ פיינטלעכע אָבער דאָס לעבן צווינגט נישט צו באַקעמפן זי.

מיניסטאָרן, מיט אשכולן און שז"ר בראש, האָבן פריוואַט „ליב" יידיש, אָבער געזעלשאַפטלעך טוען זיי גאָרנישט פאַר איר.

מיסן אייגענעם כוח לעבט די ליטעראַטור. פאַרטייען מוזן אַרויסגעבן צייטונגען אויף יידיש און עס מערקט זיך אויך דער ריזיקער ווּקס פון יידישן טעאַטער.

די קעגנערישע באַציאונג צו יידיש האָט געשאַפן ביי די יידישע שרייבער — אַ מינדערווערטיקייטס־קאָמפּלעקס. מען קוקט אויף זיך אַליין, ווי אויף בירגער פון דער 2־טער קאַטעגאָריע.

מען האָט מורא אַרויסצווייזן צופיל ליבע צו יידיש, כדי נישט צו פאַרשריגן ווערן אַלס „יידישיסט". די יידישע ליטעראַטור איז היפּערפּאַטריאָטיש. זי דערלויבט זיך נישט צו קריטיקירן אַפילו אַזוי, ווי דאָס טוען אָפט העברעאישע שרייבערס.

כאָטש דער רוב פון די שרייבערס זענען נישט קיין ציוניסטן — רימט מען זיך אַפילו מיט טרייקייט צום ציוניזם.

ווען מען וויל זיין „אָביעקטיוו" — קריטיקירט מען בלויז קלייניקייטן. מען האָט מורא צו זען דאָס שלעכטס — און מען טרייבט איבער דאָס גוטע.

ס'איז נישטאָ דער באַוווסטזיין פון גלייכבאַרעכטיקונג.

די יידישע שרייבער גלויבן נישט אין דער צוקונפט פון יידיש. מען זעט זיך ווי אַ צוגאָב צו העברעאיש און דאָס האָט געווירקט, אַז די יידישע ליטעראַטור האָט אויפגעהערט צו זיין בונטאַריש. נישט אַלעמאָל איז זי פּראָגרעסיוו.

אָן יידיש און אָן יידישער ליטעראַטור — ווערט דאָס פאָלק צעשפּאָלטן אויף באַזונדערע טיילן — אַסימילאַציע אין דער וועלט — און כנענים אין ישראל.

די מיסיע פון דער יידישער ליטעראַטור בכלל איז ווערן דער וועגווייזער צו דער גאַנצקייט פון פאָלק. דאָס דאַרף אויך זיין דער וועג פון דער יידישער ליטעראַטור אין ישראל.

ישראל־
אראבישער
קאנפליקט

די מלחמה איז נישט אומפאַרמיידלעך *

„די מלחמה איז נישט אומפאַרמיידלעך" — איז געוואָרן דאָס איינציקע טרייסט־וואָרט, וואָס מיר הערן לעצטנס כסדר פון די הויפּט־שטעט פון מזרח און פון מערב. אין אַ ווילדן אימפּעט וואַקסט די באַוואָפענונג אין אַלע לענדער. אַלע מדינות, גרויסע און קליינע, גרייטן זיך פיבערהאַפט צו מלחמה — און דאָך הערן מיר כסדר די באַרואיקונגס־ווערטער: „די מלחמה איז נישט אומפאַרמיידלעך".

מיר ווייסן נישט, ווי עס זעען אויס די מלחמה־צוגרייטונגען אין די לענדער פון סאָוויעטישן מזרח. דאָרט איז אַלץ פאַרשלאָסן הינטער זיבן שלעסער: דאָרט שרייבט מען נישט וועגן דעם אין דער פּרעסע; דאָרט פירט מען נישט וועגן דעם קיין דעבאַטן אין די פּאַרלאַמענטן. דאָס דערלויבט די דאָרטיקע פירער צו מאַכן דעם אָנשטעל פון „ליבהאָבער פון שלום" און צו פּראָקלאַמירן „שלום־אַקציעס" אין דער וועלט. וועגן דעם כוח פון דער סאָוועטישער באַוואָפענונג, און וועגן די דאָרטיקע מלחמה־צוגרייטונגען, איז מען זיך נאָר משער אויפן סמך פון געהיימע ידיעות, וואָס קומען אָן פון „באַגלויבטע קוועלן".

דאַקעגן ווערן אין מערב די מלחמה־צוגרייטונגען דורכגעפירט בפרהסיה. דאָ דיסקוטירן די פּאַרלאַמענטן עפנטלעך און ליידנשאַפטלעך איבער די מיליטערישע בודזשעטן. דאָ שרייבט אָפן כמעט וועגן אַלץ די פּרעסע: זי פאַרעפנטלעכט ציפערן און דערציילט אָפטמאָל אַפילו מיליטערישע סודות; זי פאַרעפנטלעכט באַריכטן וועגן אָפענע און אָפטמאָל אויך וועגן געהיימע פאַרהאַנדלונגען.

---

* „לעבנס־פראַגן" נר. 6, 1951.

דעריבער ווייסן מיר נישט, וואָס עס טוט זיך אין מזרח, מיר ווייסן אָבער, וואָס עס טוט זיך אין מערב. און דאָס וואָס מיר ווייסן, מוז פאַרטיפן ביי אַלעמען דעם פעסימיזם לגבי דעם טרייסט־וואָרט, אַז „די מלחמה איז נישט אומפאַרמיידלעך".

דער שלום מיט די נעכטיקע שונאים

מיט אַ שנעלן טעמפּ האָבן זיך די לעצטע פּאָר וואָכן אַ רוק־געטאָן פאָרויס די מלחמה־צוגרייטונגען פון דער מערב־וועלט. ס'זענען געמאַכט געוואָרן אַ רייע ערנסטע שריט אויף צו צעמענ־טירן דעם מערבדיקן בלאָק. ס'איז אַמעריקע געלונגען דורכצו־ברעכן דעם אומווילן פון אירע שותפים, באַזונדערס פון ענגלאַנד און פראַנקרייך, אין דער פראַגע פון אַריינציען אינעם מערבדיקן בלאָק די נעכטיקע זייערע בלוט־שונאים — דייטשלאַנד און יאַפּאַן.

די שלום־קאָנפערענץ אין סאַן־פראַנציסקאָ האָט געהאַט די בולטע כוונה צו באַזייטיקן די פאָרמעלע מניעה, וועלכע האָט גע־שטערט צום אַריינציען יאַפּאַן אין דער „פאַרזיכערונג פון שלום אין געגנט פון שטילן אָקעאַן". דאָס איז גלייך באַשטעטיקט גע־וואָרן דורך שליסן באַלד צומאַרגנס נאָך דער קאָנפערענץ דעם אַמעריקאַניש־יאַפּאַנישן „זיכערהייטס־אָפּמאַך". די קאָנפערענץ איז פון פאָרויס אָרגאַניזירט געוואָרן אַזוי, אַז רוסלאַנד זאָל נישט קאָנען אונטערשרייבן, און זאָל דערביי נישט קאָנען שטערן די איבעריקע מלוכות צום אונטערשרייבן דעם „שלום־אָפּמאַך". מיט דער־דאָ־זיקער קאָנפערענץ האָט די מערב־וועלט דאָס ערשטע מאָל בולט באַוויזן, אַז זי קלערט נישט מער צו באַרואיקן רוסלאַנד, נאָר אַז זי זעט איר איינציקן רעטונגס־וועג אין דער מיליטערישער קראַפט און אין דער מאָביליזאַציע פון אַלע אַנטי־סאָוועטישע כוחות, מעגן זיי געהערן אַפילו צום נעכטיקן, און אפשר אויך צום מאָרגנ־דיקן, פיינטלעכן לאַגער.

דער שלום־אָפּמאַך מיט יאַפּאַן, איז געווען אויך דער פאָרשפּיל אַריינצוציען אינעם דאָזיקן בלאָק — מערב־דייטשלאַנד. צוליב אַ רייע פּאָליטישע און פּסיכאָלאָגישע טעמים האָט דאָ די מערב־וועלט געהאַט אויסצושטיין גרעסערע שוועריקייטן. מען האָט גע־

מוזט במשך אַ לענגערער צייט זיך רעכענען מיט די שטימונגען פון די פֿאָלקס־מאַסן, וועלכע האָבן געליטן פון דייטשישן באַרבאַריזם; מען האָט זיך געמוזט רעכענען דערמיט, וואָס דייטשלאַנד איז, אין קעגנזאַץ צו יאַפּאַן, צעשפּאָלטן אויף צוויי חלקים. מערב־דייטשלאַנד פֿאַרנעמט אָבער אַ וויכטיקע פּאָזיציע אינעם סטראַטעגישן פּלאַן פון דער מערב־וועלט, און דאָס האָט משפּיע־געווען, אַז די דריי מערבדיקע גרויסמאַכטן זאָלן אויך אין דער פראַגע קומען צו אַ הסכם.

די נאָענטסטע וואָכן וועט מסתמא אויך איטאַליע באַקומען אַ געהעריקע „סאַטיספאַקציע", צו איר ביזאיצטיקן שלום־אָפּמאַך — און אַזוי אַרום, וועט „געלייזט" ווערן דאָס קאַפּיטל פון דער צווייטער וועלט־מלחמה. די נעכטיקע שונאים ווערן פֿאַרוואַנדלט אין „אַליאירטע" אין אַנבליק פון דער נייער מלחמה־געפֿאַר.

אַ וויכטיקער שריט פֿאָרויס צו דער צעמענטירונג פונעם מערב־בלאָק, איז אויך דער הסכם צווישן די מערבדיקע גרויס־מאַכטן וועגן אַריינציען צום אַטלאַנטישן פּאַקט — גריכנלאַנד און טערקיי.

דורך אַלע די־דאָזיקע אָפּמאַכן איז געלייגט־געוואָרן דער יסוד פאַר דער מיליטערישער פֿאַרטיידיקונג פון דער מערב־וועלט אויפן ווייטן מזרח און אין אייראָפּע.

אמת, אין אייראָפּע בלייבט נאָך איין לאַנד, וואָס מוז דערווייל שטיין, אין אַ זייט פונעם דאָזיקן בלאָק — דאָס איז פראַנקאָ־שפּאַניע. אַלע ביז־איצטיקע פּרובן פון אַמעריקע צו מאַכן בויגזאַמער ענגלאַנד און פראַנקרייך צום דאָזיקן ענין, האָבן ביז איצט קיין פּאָזיטיווע רעזולטאַטן נישט געבראַכט. אין ליכט פון איצטיקן מצב אין דער מערב־וועלט קאָן מען אָבער שוין מיט זיכערקייט פֿאָרויסזאָגן, אַז דאָס איז נאָר אַן ענין פון צייט.

דער מיטעלער מזרח

דער שוואַכסטער פונקט פאַרן מערב־בלאָק שטעלט מיט זיך היינט צו טאָג פאָר — דער מיטעלער מזרח. דער דאָזיקער געאָגראַפֿישער שטח רוקט זיך אַרויס איצט ווי די עיקרדיקסטע זאָרג

פאַר די מערב־מלוכות. אויף דעם־דאָזיקן שטח האָבן זיך איצט צונויפגעפאָרט דריי וויכטיקע פאַקטאָרן, וועלכע וועלן זיכער פאַר־נעמען אַ סך צייט, איידער מען וועט געפינען פאַר זיי אַ לייזונג.

קודם־כל — די שטרעבונג פון די מדינות צו באַפרייען זיך פון אויסלענדישן יאָך. ס'איז כאַראַקטעריסטיש, אַז די־דאָזיקע שטרעבונג ווערט דאָ היינט רעפּרעזענטירט נישט נאָר דורך די ברייטע פאָלקס־מאַסן, נאָר אויך דורך די הערשנדיקע רעאַקציאָ־נערע עלעמענטן, וועלכע האָבן דערפילט אין זיך דעם כוח אַליין צו ווערן די באַלעבאַטים איבער זייערע לענדער און איבער די פאַראַנענע דאָרט אוצרות. דער פּערסיש־ענגלישער קאָנפליקט אַרום די נאַפט־גרובן, און דער מיצריש־ענגלישער קאָנפליקט אַרום סועץ־קאַנאַל, זענען נאָר בולטע אויסדרוקן פון דער וואַקסנדיקער טענדענץ.

אָן ספק נוצן די־דאָזיקע עלעמענטן אויס פאַר זיך די עקזיס־טירנדיקע רייבונגען צווישן די גרויסמאַכטן; די סכסוכים צווישן מזרח און מערב, ווי אויך די קעגנזאַצן צווישן אַמעריקע און ענג־לאַנד זענען אַ גינסטיקער באָדן פאַר די נאַציאָנאַלע אַספּיראַציעס פון די־דאָזיקע מדינות.

אַ וויכטיקע שטערונג פאַרן אַריינציען דעם מיטעלן מזרח אינעם מערבדיקן בלאָק, זענען די רייבונגען צווישן ענגלאַנד און אַמעריקע. „שטילערהייט" רוקט זיך אַמעריקע אַלץ מערער און מערער אַריין אין די דאָזיקע לענדער און שטויסט במילא צוביסלעך אַרויס פון דאַנען ענגלאַנד. אַפילו די אַזוי זיכערע, ביז איצט „פעלזן־פעסטע" ענגלישע פּאָזיציע אויפן מיטעלן מזרח, ווי ס'איז געווען עבר־הירדן, הייבט אָן — נאָכן טויט פון אַבדאַללאַ — אַרויסצוגליטשן־זיך פון די ענגלישע הענט.

אַ נישט קלענערע שטערונג, זענען די צווישנמלוכהשע ריי־בונגען, סיי צווישן די אַראַבישע לענדער גופא — סיי צווישן די אַראַבישע מדינות און ישראל.

ס'איז נאָך שווער צו זאָגן, ווי אַזוי די מערב־מלוכות וועלן פּרובירן בייצוקומען אָט די אַלע שוועריקייטן. דאָך, באַמערקן זיך לעצטנס געוויסע פאָרשריטן אין דער־דאָזיקער ריכטונג. קודם־כל

— דער הסכם וועגן גריכנלאַנד און טערקיי. די לעצטע ווענדונג פון ענגלאַנד צום זיכערהייטס־ראַט פון אונאָ וועגן אַריינמישן זיך אין נאַפט־קאָנפליקט באַוויזט אויך, אַז די טירן צו אַ פרידלעכער לייזונג זענען נאָך געבליבן אָפן. פון אַן ענלעכן כאַראַקטער, איז די ווענדונג פון ענגלאַנד צו מצרים, וועגן דורכקומען סיי אין דער פראַגע סועץ, סיי וועגן סודאַן. די אַטאָווער קאָנפערענץ פון אַט־לאַנטישן ראַט, וועלכע האָט גרויס אויפמערקזאַמקייט געלייגט אויף די ענינים פון מיטעלן מזרח, איז אַן ערנסטער שריט פאַרויס אויפן וועג פון לייזן די אַלע שוועריקייטן. די אַלגעמיינע מורא פאַר סאָוויעט־רוסלאַנד — איז אַ וויכטיקער פאַקטאָר, וואָס שטויסט די אַלע מדינות צו אַ פרידלעכער פאַרשטענדיקונג.

די פשרה־קאָנפערענץ אין פאַריז

דער קאָנפליקט צווישן די אַראַבישע מדינות און ישראל איז אַ וויכטיקע שטערונג אויפן וועג צו צעמענטירן די מערבדיקע פּאָזיציעס אויפן מיטעלן מזרח. ס׳ליגט דעריבער נישט אונטער קיין שום צווייפל, אַז די מערבדיקע גרויסמאַכטן זענען איצט פאַראינטע־רעסירט צו לייזן דעם־דאָזיקן קאָנפליקט. מיט דער כוונה איז צונויפ־גערופן געוואָרן קיין פאַריז די קאָנפערענץ פון דער פשרה־קאָמי־סיע.

זיכער זענען פאַראַן ווייניק האָפענונגען, אַז די דאָזיקע קאָנ־פערענץ זאָל דערפירן צו אַ שלום. די פשרה־קאָמיסיע שטעלט זיך נישט מסתמא אַפילו דעם דאָזיקן ציל; דעם מאַקסימום וואָס זי וויל כאָטש דערגרייכן, איז — די באַזייטיקונג פון אַ מלחמה־געפאַר און דאָס איינשטעלן אַ מאָדוס־וויוועגדי צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות. אַזאַ מאָדוס־וויווענדי ליגט אויך אין די איג־טערעסן פוןביידע צדדים, ווייל ביידע ליידן זיי, סיי פון עקאָנאָ־מישן באָיקאָט, סיי פון דער נויטווענדיקייט אויסצוטראָגן נישט פּראָפּאָרציאָנעלע גרויסע מיליטערישע בודזשעטן.

אַזאַ מאָדוס־וויווענדי, אָפּגערעדט שוין פון אַ סטאַבילן שלום, קאָן אָבער נישט דערגרייכט ווערן כל זמן ביידע צדדים, סיי די אַראַבישע מדינות, סיי ישראל, וועלן נישט זיין גרייט צו גיין, אויף

קעגנזייטיקע קאָמפּראָמיסן. דער עיקרדיקסטער בלויז פון דער פּאַריזער קאָנפערענץ איז דער, וואָס די אַראַבישע מדינות ווילן נאָך נישט שלום מאַכן מיט דעם היסטאָרישן פאַקט פון דער עקזיסטענץ פון דער ישראל־מדינה, וואָס זיי ווילן נישט אָנערקענען די דאָזיקע מדינה. און זייערע דעלעגאַציעס ווילן אַפילו נישט זיצן ביי איין טיש מיט דער דעלעגאַציע פון ישראל. אַ ברוגז־קאָנפערענץ, אין צוויי באַזונדערע צימערן, קאָן נישט זיין קיין אָרט, ווו עס קאָן דערגרייכט ווערן אַ פּשרה.

אויך די ישראל־רעגירונג ווייזט דערווייל נישט אַרויס קיין ווילן איינצוגיין אויף וואָסערע ס'איז פּשרות. איר טענדענץ צו צעשפּאַלטן די אַראַבישע אייגהייט און אָוועקצוזעצן זיך צום טיש מיט די באַזונדערע אַראַבישע מדינות, דערמאָנט די אַלטע רוימישע און אין משך פון דורות פּראַקטיצירטע איינשטעלונג פון „צעטייל און הערש". דערצו דאַרף מען אָבער זיין אַסך שטאַרקער ווי ס'איז און עס קאָן זיין די ישראל־מדינה.

דאָך זענען די שאַנסן פאַר אַ פרידלעכער לייזונג פון ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט היינט אומפאַרגלייכלעך גרעסערע ווי פריער — הויפּטזעכלעך דערפאַר, וואָס אין דעם זענען פאַראינטערעסירט די מערבדיקע גרויסמאַכטן, וועלכע איבן און וועלן אויסאיבן אַ דרוק אין דער ריכטונג אויף ביידע צדדים.

מען דאַרף דאָבײ נישט פאַרזען, אַז ווי וויכטיק דער ישראל־פּראָבלעם זאָל נישט זיין פאַר די אַראַבישע מדינות, איז ער אָבער נאָר אַ טייל פונעם גאַנצן קאָמפּלעקס פּראָבלעמען, מיט וועלכע ס'איז באַשעפטיקט היינט די אַראַבישע וועלט. די לייזונג פון ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט איז ענג פאַרבונדן מיט די אַלע קאָנפליקטן, וועלכע האָבן נאָך נישט געפונען קיין לייזונג אויפן מיטעלן מזרח.

די וואַלן אין ענגלאַנד

די וואַלן אין ענגלאַנד, וועלכע דאַרפן פאָרקומען דעם 25־סטן ד. ת. האָבן אַן ערשטראַנגיקע באַדייטונג פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון די אינטערנאַציאָנאַלע געשעענישן.

אין משך פון העכער זעקס יאָר פון איר הערשאַפט, האָט די לייבאָר־רעגירונג געהאַט אויסצושטיין אומגעהויערע שוועריקייטן, סיי אינערלעכע, סיי אויפן אינטערנאַציאָנאַלן פאָרום. די לייבאָר־פּאַרטיי האָט איבערגענומען די מאַכט אין אַ תקופה פון ירידה פון דער בריטישער אימפּעריע, ווען ענגלאַנד האָט אויפגעהערט צו שפּילן די ראָל אין דער וועלט־פּאָליטיק, וועלכע זי האָט געשפּילט. אָפּגעשוואַכט פון דער מלחמה האָט זי צוגלייך מיט אַנדערע לענדער געמוזט אָנקומען נאָך אַמעריקאַנער הילף און זי האָט געמוזט זיך לאָזן אַרויסשטויסן פון אַלץ מערער און מערער פּאָזיציעס פון איר אַמאָליקער הערשאַפטס־פּעריפעריע. אויף דער לייבאָר־רעגירונג איז אויך אויסגעפאַלן דער שווערער עול פון דורכפירן די איצטיקע באַוואָפענונגס־פּאָליטיק, וועלכע לייגט זיך ווי אַ שווערע מאַסע אויף די פּלייצעס פון די אַרבעטנדיקע מאַסן, און וועלכע האָבן געצוווּנגען זי צו פאַרהאַמעווען דעם אָנגעהויבענעם פּראָצעס פון סאָציאַלן איבערבוי.

דאָס אַלץ האָט געמוזט פאַרשטאַרקן די אומצופרידנהייט, סיי ביי דער באַפעלקערונג, סיי אין אירע אייגענע רייען, וואָס, איז געקומען צום אויסדרוק פון איין זייט אין דער בעוואַן־אָפּאָזיציע, און פון דער צווייטער זייט, אין די שטימען־פאַרלוסט ביי די פאַרשידענע צוגאָב־וואַלן.

נישט געקוקט אויף אַלע בלויזן איז די לייבאָר־רעגירונג געווען די פּראָגרעסיווסטע רעגירונג, וועלכע ענגלאַנד האָט ווען עס איז פאַרמאָגט אין איר געשיכטע. די לייבאָר־רעגירונג האָט אויפריכטיק געשטרעבט צו אַ סאָציאַל־יושרדיקער אָרדענונג אין לאַנד, און צו אַ שלום אין דער וועלט. זי האָט געמאַכט אומצאָליקע באַמיאונגען כדי צו פאַרשיטן דעם תהום וואָס עס טיילט פאַנאַנדער דעם סאָוועטישן מזרח פון דעם קאַפּיטאַליסטישן מערב, און צו דערפירן צו אַ דערנעענטערונג צווישן די צוויי וועלט־בלאָקן. די לייבאָר־רעגירונג איז געווען אַ וויכטיקע פּאָזיציע פאַרן וועלט־שלום.

ס'איז שווער פאָרויסצוזאָגן, ווי עס וועט אויספאַלן דער רעזולטאַט פון די וואַלן. נישט געקוקט אויף אַלע פאַרבאַהאַלטן וואָס מען קאָן האָבן צו איר פּאָליטיק, מוז יעדער אויפריכטיקער דעמאָ־

קראַט און סאָציאַליסט ווינטשן אַ זיג דער לייבאָר־פּאַרטיי. אַ זיג פון די קאָנסערוואַטיסטן, וועט אויסער דער פאַרשאַרפונג פון די קלאַסן־באַציאונגען אין לאַנד אָן ספק ברענגען אויך מיט זיך אַ פאַרשאַרפונג פון דער אינטערנאַציאָנאַלער שפּאַנונג און אַ פאַרגרעסערונג פון דער מלחמה־געפאַר אין דער וועלט.

די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע דערנענטערט זיך מיט שנעלע טריט צו איר ווענדעפּונקט. די צעמענטירונג פון די צוויי בלאָקן, און דער באַוואָפענונגס־געיעג, מאַכן אַלץ שווערער דאָס געפינען אַ פרידלעכן אויסוועג פון די אַלץ פאַרשאַרפנדיקע זיך באַציאונגען. אַלץ אָנגעלאָדענער ווערט די אַטמאָספער און אַלץ שוואַכער קלינגען די טענער פונעם טרייסט־וואָרט: „די מלחמה איז נישט אומפאַרמיידלעך".

דאָך זענען נאָך נישט אַלע שאַנסן פאַרשפּילט; גראָד דער אָנוואַקסנדיקער באַוואָפנטער כוח קאָן ווירקן אויף די וועלט־הערשער, אַז זיי זאָלן זיך באַזינען ערב דער צוועלפטער שעה. ווייל אין תוך גענומען האָבן אַלע, סיי רוסלאַנד, סיי אַמעריקע, אָפּגערעדט שוין פון די איבעריקע מלוכות, מורא פאַר דער מלחמה; ווייל קיינער פון זיי האָט נישט און קאָן נישט האָבן די זיכערקייט וועלכער צד עס וועט אין ענדגילטיקן סך־הכל זיגן; זיי אַלע גיבן זיך אָבער אָפּ אַ רעכענונג וועגן די חורבות און פאַרוויסטונגען, וואָס די נייע מלחמה וועט מיט זיך ברענגען.

די שלעפּנדיקע זיך קאָץ־ און מויז־פאַרהאַנדלונגען אין קאָרעאַ, איז איינער פון די סימנים, אַז קיינער פון די צדדים וויל נישט פולשטענדיק איבעררייסן די שטריק — און דאָס לאָזט נאָך אַלץ גילטיק דעם אַלגעמיינעם ווונטש, אַז „די מלחמה איז דאָך נישט אומפאַרמיידלעך".

נאָך דער סיני־אַקציע *

אָן גאַראַנטיעס...

נאָך אַ דראַמאַטישן געראַנגל, וואָס האָט אָנגעהאַלטן העכער 4 חדשים האָט די ישראל־רעגירונג ענדלעך אויסגעפירט דעם באַשלוס פון אונאָ און האָט צוריקגעצויגן איר אַרמיי פון עזה און שאַרם־אַ־שייך ביז די אַלטע וואַפנשטילשטאַנד־גרענעצן. נישט געקוקט אויף די פּילמאַליקע דערקלערונגען פון בן־גוריונען, אַז דער וואַפנשטילשטאַנד־אָפּמאַך מיט מצרים איז מער נישט גילטיק, ווערט דאָך דער דאָזיקער אָפּמאַך ווייטער אָנערקענט דורך דער אונאָ און אויף דעם סמך איז מצרים צוריק אַריינגעלאָזט געוואָרן קיין עזה.

די ישראל־רעגירונג האָט נישט באַקומען די געפאָדערטע „ממשותדיקע" גאַראַנטיעס נישט פון אונאָ און נישט פון אַמעריקע. אייזענהויערס „צוזאָגן" האָבן זיך אַרויסגעוויזן צו זיין געבויט אויף אַ מיספאַרשטענדעניש, וועגן וועלכער עס שרייבט דער וואַשינגטאָנער קאָרעספּאָנדענט פון „הארץ" עמוס אילון (דעם 29טן מערץ):

„...ס'זעט אויס אַז ישראל... איז ממשיך אין אָפּנאַרן זיך אַליין בנוגע דעם מהות פון דער „פאַרשטענדעניש" מיט אַמעריקע. לויט ווי די ענינים ווערן געזען פונדאַנען (פון וואַשינגטאָן) מאַכט עס דעם איינדרוק פון אַ באַוווסטזיניק אָפּנאַרן זיך, וואָס איז אפשר אַ פאָרם פון זעלבסט־טרייסט".

אין „הארץ" פון 15־טן מערץ שרייבט דער זעלביקער קאָרעספּאָנדענט:

„ישראל האָט נישט באַקומען קיין איינע פון די גאַראַנטיעס, וועלכע זי האָט מיט אַזאַ גרויסער עקשנות געפאָדערט במשך די

---

* „לעבנס־פראַגן", אַפּריל—מאַי 1957.

נערוון־צעטרייסלענדיקע דריי חדשים... „פּאַקטיש איז איצט קלאָר, אַז אין תוך גענומען האָט ישראל פולשטענדיק אָנגענומען די אַמע־ריקאַנער פאָרשלאָגן, ווי זיי זענען פאָרמולירט געוואָרן אין דאַ־לעסעס בריוו פון 11טן פעברואר און וועלכע זענען פריער געהאַט געוואָרן אָפּגעוואָרפן „ווי נישט גענוגנדיקע".

ס'איז אויך שווער צו האַלטן פאַר אַ דערגרייכונג די „גאַ־ראַנטיע", וועלכע די ישראל־רעגירונג האָט זיך אַליין געגעבן, אַז זי וועט זיך באַנוצן מיטן אַרטיקל 51 פון דער אונאָ־קאָנסטיטוציע, ד. ה. אַז זי וועט זיך באַנוצן מיט מיליטערישער קראַפט, כדי צו באַשיצן די פרייהייט פון איר שיף־פאַרקער.

ס'איז דעריבער נישט קיין צופאַל, פאַרוואָס דער צוריקצוג פון עזה און שאַרם־אַ־שייך האָט אַרויסגערופן אַזאַ פאַרביטערונג ביי אַ גרויסן טייל פון דער ישראל־באַפעלקערונג, וועלכע האָט געלעבט אונטערן איינדרוק פון מיליטערישן נצחון און פון דער דראַמאַטישער פּראָפּאַגאַנדע, וואָס די רעגירונג האָט געהאַט גע־פירט קעגן צוריקצוג. פאַר די אָפּאָזיציאָנעלע פּאַרטייען אין לאַנד סיי פון מחוץ, סיי פון אינערהאַלב דער רעגירונג, האָט דאָס גע־געבן אַ גינסטיקע געלעגנהייט פאַר זייער דעמאַגאָגישער קאַמ־פּאַניע קעגן דעם רעגירונגס־באַשלוס. דער אמת איז, אַז די רעגי־רונג האָט קיין אַנדער ברירה נישט געהאַט. נאָר אַוואַנטוריסטישע עלעמענטן פון „חירות"־חדר קאָנען זיך פאָרשטעלן, אַז די ישראל־מדינה האָט געקאָנט אַ לענגערע צייט אויסהאַלטן קעגן דעם דרוק פון דער גאָרער וועלט.

דער צוריקצוג פון די פאַרנומענע געביטן האָט ווידער באַנייט דעם וויכוח אַרום דעם, צי איז די סיני־אַקציע בכלל געווען נויטיק און צי זי האָט זיך געלוינט. די דאָזיקע פראַגע עגבערט היינט אַ סך פון די וואָס זענען פריער געווען אַנהענגער פון דער אַקציע. מיט דעם דערקלערט זיך פאַרוואָס בן־גוריון האַלט כסדר פאַר נוי־טיק צו באַרעכטיקן די אַקציע און אָנצווייזן אויף אירע דערגריי־כונגען. מיר האָבן נישט בדעה דאָ צו באַנייען דעם וויכוח. מיר ווילן דאָ בלויז באַמערקן, אַז אויב בעת דער אַקציע האָבן אין לאַנד כמעט זיך נישט געהערט קיין שום שטימען קעגן איר, איז

די לאַגע איצט אַנדערש. מיר זענען עדות פון אַ רייע עפנטלעכע אַרויסטרעטונגען פון אַנגעזעענע פערזענלעכקייטן קעגן דער סיני־אַקציע. אַזאַ צבש. איז געווען די כנסת־רעדע פון משה שרת, די ערשטע נאָך אַ פּאָר חדשימדיקן איבעררייס, אין וועלכער ער האָט דערקלערט, אַז

„אינעם ריס, וואָס איז געשאַפן געוואָרן צווישן ישראל, אונאָ, אַמעריקע און די אַזיאַטישע לענדער זענען פּאַרוויקלט ערנסטע געפאַרן פאַר דער צוקונפט און ווער ווייס צי אויך נישט פאַר דער עצם־עקזיסטענץ פון מדינת ישראל".

קעגן דער סיני־אַקציע זענען אַרויסגעטרעטן דער כנסת־דעפּו־טאַט און רעדאַקטאָר פון „הארץ", גרשון שאָקען, ווי אויך דער פּרעזידענט פון דער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע ד"ר נחום גאָלד־מאַן. אויך מפ"ם, וועלכע האָט אין משך פון דער צייט דורכגעמאַכט עטלעכע גלגולים — פריער איז זי געווען קעגן דער סיני־אַקציע, שפּעטער האָט זי זיך נישט נאָר אַנגעשלאָסן אין דער אַקציע, נאָר אויך פייערדיק געקעמפט קעגן פאַרלאָזן דעם עזה־געביט — איז ווידער צוריקגעקומען צו איר ערשטער שטעלונג, אַז די סיני־אַקציע איז געווען אַ „היסטאָרישער פעלער".

די סיני־אַקציע וועט נאָך מסתמא אַ לענגערע צייט זיין אַ טעמע פאַר וויכוחים. ס'איז געווען אַ צו ערנסטע געשעעניש, אַז מען זאָל זי איבערלאָזן אָן אַ גרינטלעכער דורכטראַכטונג און אָן לערנען פון איר.

די נייע לאַגע (מיט אַלטע פּראָבלעמען)

מיטן צוריקגאַנג צו די אַלטע וואַפנשטיל־שטאַנד־גרענעצן האָט זיך פאָרמעל אָפּגעשלאָסן דאָס קאַפּיטל: סיני־אַקציע. אין דער גע־שיכטע זענען אָבער נישט פאַראַן קיין אָפּגעשלאָסענע קאַפּיטלען.

די סיני־אַקציע האָט געשאַפן אַ נייע לאַגע. זי האָט אָבער נישט געלייזט קיין איינעם פון די אַלטע פּראָבלעמען, זי האָט זיי נאָר בולטער אַרויסגעבראַכט, אַוועקגעשטעלט זיי אין אַ שאַרפערער ליכט און מערער זיי קאָמפּליצירט.

ניצנה

די סיני־אקציע האט ארויסגעברענגט צום לעבן אן אונא־ארמיי, וועלכע האט באזעצט די מצרישע זייט פון דער ישראל־גרענעץ. גלייכצייטיק פאדערט אבער די אונא, אז אויך ישראל זאל דער־לויבן די דאזיקע כוחות צו באזעצן די ישראל־זייט פון דער גרע־נעץ, באזונדערס דעם געביט פון ניצנה. וואס שייך ניצנה איז דער ענין קאמפליצירט אויף אזויפיל, וואס לויט דעם וואפנשטילשטאנד־אפמאך פון 1949 האט דער דאזיקער געביט באדארפט בלייבן דע־מיליטאריזירט. אין 1955 האט אבער די ישראל־ארמיי באזעצט דעם דאזיקן געביט, וואס סיי מצרים סיי די אונא באטראכטן ווי א ברוך פון וואפנשטילשטאנד־אפמאך.

די ישראל־רעגירונג האט, קאטעגאריש אפגעווארפן דעם אונא־פארשלאג וועגן אריינלאזן פרעמדע כוחות קיין ניצנה אדער אויף אן אנדער שטח פון ישראל. ס'איז שווער דערווייל צו זאגן מיט וואס דער דאזיקער קאנפליקט וועט זיך ענדיקן. דער „הארץ" פון 24טן מערץ שרייבט וועגן דעם ענין:

„דער אפזאג פון ישראל מסכים צו זיין אויף דער באזעצונג פון אונא־כוחות אויך אין געביט פון ניצנה איז עלול צו ברענגען דערצו, אז נאצער זאל פארלאנגען פון דער אונא ארויסצוציען אירע כוחות אויך פון דער עגיפטישער טעריטאריע. דער אונא־כוח וועט דאן פארלאזן די אלע שטחים לגבי וועלכע ישראל האט ארויס־געוויזן אזא אינטערעס, אז דארט זאל דער דאזיקער כוח גראד יא זיין; אין עזה־פאס און אין ברעג־פאס פון מזרחדיקן סיני".

דאס איז אבער נאר איין זייט פון דער מטבע. פון דער צווייי־טער זייט דריקט אבער דער „הארץ" אויס די מורא, אז

„דער אפעטיט פון אונא וועט וואקסן מיטן עסן און אז נאכ־דעם ווי מיר וועלן מסכים זיין אויף דער פאדערונג לגבי ניצנה זאלן מיר נישט געשטעלט ווערן פאר א דרוק מסכים צו זיין, אז די אונא־כוחות זאלן פארנעמען פאזיציעס אויך אין די דעמיליטא־ריזירטע געביטן אין צפון און אין ירושלים".

דער „הארץ" גיט נישט קיין ענטפער, וואס די ישראל־רעגי־

רונג דאַרף טאָן. ער האַלט נאָר, אַז זי דאַרף זיך גוט פאַרטראַכטן איידער זי נעמט אָן אַ וואָסערן ס׳איז באַשלוס אין דער פראַגע.

„חירות״ איז זיכער, אַז די רעגירונג וועט לסוף אויך אין דער פראַגע זיך בייגן פאַר דער אונאָ. אויב עס דאַרף טאַקע אַזוי זיין, איז צו וואָס די „קאַטעגאָרישע״ דערקלערונגען, אַז מיר וועלן נישט אַריינלאָזן קיין אונאָ־כוחות? צו וואָס ווידער פאַרשאַרפן די באַציאונגען און אָנהאַלטן די נערוועזע שפּאַנונג? נאָכן צוריק־ציען זיך פון אַלע פאַרנומענע געביטן איז דער דאָזיקער ענין פונדעסטוועגן פון צו קליינער באַדייטונג, אַז מען זאָל צוליב דעם דאַרפן סטראַשען מיט מלחמה...

פרייער שיף־פאַרקער און די ...פליטים

אַ שווערער גרענעץ גייט נאָך אָן פאַרן פרייען שיף־פאַרקער. די אַראַבישע מדינות האָבן קאַטעגאָריש אָפּגעוואָרפן די שטעלונג פון די מערבדיקע גרויסמאַכטן, אַז דער עקבה־דורכגוס איז אַן אינטערנאַציאָנאַלער וואַסער־וועג; זיי באַטראַכטן אים פאַר אַן אַראַבישן טעריטאָריאַלן וואַסער־וועג. דער דורכפאָר פון ישראל־שיפן קענען ווילן פון די אַראַבישע מדינות וועט פריער אָדער שפּעטער מוזן זיין פאַרבונדן מיט מיליטערישע צוזאַמענשטויסן. דאָס באַנוצן זיך מיטן פאַראַגראַף 51 וועט נישט ענדערן די לאַגע, אַז דאָס קאָן פירן צו אַ נייער מלחמה. די פראַגע שטייט, צי מעג מען און צי קאָן מען לייזן די דאָזיקע פראַגע אויפן וועג פון מלחמה?

וואָס שייך דעם סועץ־קאַנאַל איז די לאַגע נאָך קאָמפּליצירטער. אין דער דאָזיקער פראַגע, ווי ס׳ווייזט זיך אַרויס, האָט אייזענהויער אפילו קיין מאָראַלישן צוזאָג אויך נישט געגעבן. און ס׳איז ווייניק וואַרשיינלעך, אַז די מערב־גרויסמאַכטן, וועלכע אין פּרינציפּ זענען זיי פאַר אַ פרייען דורכפאָר פון ישראל־שיפן דורכן קאַנאַל, זאָלן צוליב דער פראַגע איינרייסן מיט נאַצערן, אויב נאָר זיי וועלן דורכקומען מיט אים איבער אַלע איבעריקע שטרייטיקייטן.

דעם 29טן מערץ האָט נאַצער דערקלערט אויף אַ פּרעסע־קאָנפערענץ פון אַמעריקאַנער זשורנאַליסטן, אַז די פראַגע פון

פרייען שיף־פאַרקער פאַר ישראל איז ענג פאַרבונדן מיט דער לייזונג פון דער פליטים־פראַגע.

„אַמעריקע — האָט ער דערקלערט — שטייט ביי איר פאָדע־רונג צו פאַרזיכערן דעם פרייען שיף־פאַרקער; זי דערמאָנט אָבער נישט מיט קיין איין וואָרט וועגן די רעכט פון די פליטים. אויב זיי וועלן מסכים זיין צו באַהאַנדלען די פראַגע ווי איין גאַנצעס, וועלן אויך מיר מסכים זיין דערויף. מיר קאָנען אָבער נישט מסכים זיין צו באַטראַכטן די רעכט פון ישראל און נישט באַטראַכטן גלייכצייטיק אויך די רעכט פון די פליטים".

מיר ווייסן, אַז די אַראַבישע פירער נוצן אויס דעם פליטים־פראָבלעם ווי אַ פּאָליטישן קאַמפּס־מיטל קעגן ישראל. אַז זייער באַציאונג צו דער דאָזיקער פראַגע האָט קיין שום שייכות נישט צו אַ וואָסער ס'איז הומאַניטאַרער זאָרג פאַר זייערע אומגליקלעכע ברידער, וועלכע וואַלגערן זיך שוין 9 יאָר אין די פליטים־לאַגערן. דאָך קאָן מען נישט אָפּלייקענען, אַז דאָס דאָזיקע פראָבלעם איז געוועזן און איז פאַרבליבן די וויכטיקסטע שטערונג אויפן וועג צו שלום צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות, אַז כל זמן דאָס פראָבלעם וועט נישט געלייזט ווערן זענען אַלע רייד וועגן שלום אַרויסגעוואָרפענע. אומאָפּהענגיק פון נאַצערס דערקלערונג מוז די ישראל־מדינה זיין פאַראינטערעסירט צו לייזן די דאָזיקע אָנגעווייטיקטע פראַגע. און אויב נאַצער האָט עפנטלעך דערקלערט, אַז ער איז נישט קעגן דערלויבן אַ פרייען שיף־פאַרקער פאַר ישראל נאָר אַז ער פאַרבינדט דאָס מיטן פליטים־פראָבלעם, קאָנען מיר זיין נישט צופרידן, וואָס ער פאַראייניקטביידע פראַגן, איז עס אָבער דער חוב פון דער ישראל־רעגירונג אָנצונעמען די וועג־דונג פון נאַצערן. מיר וועלן דעמאָלט ווייזן דער וועלט, אַז מיר זענען גרייט צוצוהעלפן צו לייזן דעם אַראַבישן פליטים־פראָבלעם און מיר וועלן אויך קאָנען שטעלן צום עקזאַמען די אויפריכטיקייט פון נאַצערס דערקלערונג וועגן פרידלעך דורכקומען מיט ישראל.

לײדער, ווייזט די ישראל־רעגירונג נישט אַרויס קיין שום ממשותדיקן אינטערעס צו לייזן דעם אַראַבישן פליטים־פראָבלעם.

זי קוקט אויף דעם פּראָבלעם, ווי דאָס וואָלט געווען נוגע בלויז די אַראַבישע מדינות. אין זיין כנסת־רעדע דעם 2טן אַפּריל האָט בן־גוריון אָנגעגעבן ווי איינעם פון די אַרגומענטן, פאַרוואָס ער איז מסכים געווען צו פאַרלאָזן דעם עזה־געביט, אַז ער וויל בעסער איינאָרדענען דאָס יאָר 100 טויזנט עולים חדשים, איידער די 300 טויזנט אַראַבער פון עזה־פּאַס".

אוודאי זענען 100 טויזנט עולים חדשים זייער וויכטיק פאַר דער מדינה. צי קאָן מען אָבער אָננעמען די דאָזיקע אַנטקעגנשטעלונג: עולים חדשים קעגן אַראַבישע פּליטים? צי קומט נישט דאָ צום אויסדרוק די נעגאַטיווע באַציאונג פון בן־גוריונען צו דער פּליכט פון דער ישראל־מדינה צוצוהעלפן לייזן דאָס פּראָבלעם? און צי איז אַזאַ באַציאונג לטובת דער מדינה? צי איז נישט קלאָר, אַז מיט איבערלאָזן די 300 טויזנט אַראַבישע פּליטים אין עזה־געביט העלפט מען פּאַקטיש צו מיט אייגענע הענט צו דער ווידער־אַנטשטייאונג פון די פּאַדאַין־באַנדעס? אַז מיט דעם העלפט מען צו אַליין צום אַרונטעררייסן די זיכערקייט פון דער מדינה? מיט אַזעלכע דערקלערונגען באַזייטיקט ער נישט, בן־גוריון, נאָר לייגט נייע שטיינער אויפן וועג צו אַ שלום מיט דער אַראַבישער וועלט.

שלום...

די צרה איז, וואָס בן־גוריון גלויבט נישט אין קיין שלום און ער איז נישט איינגעשטעלט אויף קיין שלום. אין דער זעלביקער רעדע האָט בן־גוריון דערקלערט, אַז די סיני־אַקציע האָט נישט געהאַט פאַר קיין ציל צו דערגרייכן אַ שלום. מיט דעם האָט ער, אגב, צעקלאַפּט די אילוזיעס פון די, וואָס האָבן זיך געהאַט איינגערעדט, אַז דורך דער סיני־אַקציע קלערט די ישראל־רעגירונג צו צווינגען די אַראַבישע מדינות צו שליסן אַ שלום מיט ישראל.

„כ'רעד זיך נישט איין — האָט בן גוריון דערקלערט — אַז כל זמן ס'איז פאַראַן נאַצער און ענלעכע הערשער אין דער אַראַבישער וועלט וועלן מיר דערגרייכן אַ שלום. ער וועט נישט שליסן קיין שלום כדי אַ צווייטער אַפּיציר זאָל אים באַזייטיקן פון דער

מאַכט און נורי סאַיד זאָל אים קאָנען שטעמפּלען ווי אַ פאַרעטער פון זיין פאָלק״.

בן־גוריון גלויבט נישט אין קיין שלום מיט נאַצערן און נורי סאַידן. צי איז אָבער מעגלעך צו גלויבן אַז נאָך נאַצערן און נורי סאַידן וועלן אין די אַראַבישע לענדער קומען אַזעלכע פירער, וואָס וועלן יאָ מסכים זיין צו שליסן אַ שלום אויף קאַפּיטולאַציע־באַדינגונגען לגבי ישראל און אָן לייזן די אַראַבישע פּליטים־פראַגע ?!

אין פאַרשידענע רעדעס, וואָס בן־גוריון האָט געהאַלטן די לעצטע צייט אין כנסת, ווי אויך מחוץ דער כנסת, האָט ער אָנגעגעבן ווי אייגעם פון די וויכטיקסטע מאָטיוון, פאַרוואָס ער האָט זיך דעצידירט אונטערצוּוואַרפן די באַשלוסן פון אונאָ — נישט דעם ווילן דורכצוקומען מיט גוטן מיט מצרים, ווי אויך נישט דעם ווילן, אַז די אונאָ און די גרויסמאַכטן זאָלן זיך באַמיען צו דערפירן צו אַ פרידלעכער לייזונג צווישן ישראל און די אַראַבישע לענדער — נאָר:

„די ערנסטע סכנה, אַז אויב מיר וועלן ווערן געשטעמפּלט דורך דער אונאָ — וועלן פראַנקרייך אָדער קאַנאַדע נישט קאָנען און נישט וועלן באַזאָרגן אונדז מיט געווער... און געווער האָט אַ טבע, אַז עס ווערט שנעל פאַרעלטערט... און אויב איך האָב נישט קיין גרונט אָנצונעמען, אַז אין די נאָענטסטע חדשים דראָט אונדז אַן אָנגריף מצד די אַראַבער (כאָטש קיין פולע זיכערקייט איז נישט פאַראַן) דערוואַרט אונדז אָבער זיכער אַן אָנגריף אין אַ יאָר אַרום אָדער צוויי...״ (פון זיין רעדע צום צוזאַמענפאָר פון די דרום־ישובים דעם 7טן מערץ).

ס׳האָט זיך נאָכנישט פאַרטרוקנט דאָס בלוט פון די געפאַלענע אין דער סיני־אַקציע און שוין רעדט מען ווידער וועגן אַ נייער מלחמה; אָנשטאָט צו פירן אַן אַקציע פאַר שלום רעדט מען ווידער וועגן געווער, וועגן נייער באַוואָפענונג און די רעגירונג סטראַשעט כסדר אין אירע לעצטע אַרויסטרעטונגען מיט נייע מיליטערישע אַקציעס, אַז דאָס רעגט אַפילו אויף די מער ניכטערע ציוניסטישע טוער אין פאַרשידענע לענדער. אַזוי שרייבט צבש. אין „טאָג־מאָרגן־זשורנאַל״ פון 22טן מערץ איינער פון די אָנ־

געזעענסטע ציוניסטישע זשורנאַליסטן ס. דינגאַל אין שייכות מיט בן־גוריונס אַרויסטרעטונגען:

„ס׳איז אַמאָל נויטיק צו באַנוצן אַ שווערד, ס׳איז אָבער נישט נויטיק כסדר מיט איר צו פאָכען״.

נאָכדעם ווי די ישראל־מדינה האָט זיך אונטערגעוואָרפן די באַשלוסן פון אונאָ און האָט זיך צוריקגעצויגן פון די פאַרנומענע געביטן איז עס די פליכט פון דער אונאָ און פון די גרויסמאַכטן אויסצואיבן זייער דרוק, אַז עס זאָלן אויף אַ פרידלעכן אופן גע־לייזט ווערן די שטרייט־פּראָבלעמען צווישן ישראל און מצרים, און אַז עס זאָלן באַפרידיקט ווערן די גערעכטע טענות פון ישראל צו אַ רואיק לעבן אויף די גרענעצן און צו אַ פרייען פאַרקער פון אירע שיפן דורך די וואַסער־וועגן. פון דער אַנדערער זייט דאַרף עס אָבער זיין די אויפגאַבע פון דער ישראל־באַפעלקערונג אַנט־קעגנצושטעלן זיך די מיליטאַריסטישע טענדענצן אין לאַנד און אויסצואיבן איר ווירקונג, אַז די מדינה־פירער זאָלן פון זייער זייט אָננעמען אַלע מיטלען אויף צו פאַרשיטן דעם תהום פון שנאה צווישן אונדז און דער אַראַבישער וועלט.

שלום איז אַ נויטווענדיקייט פאַר אונדזער עקזיסטענץ און אַנט־וויקלונג. מיט מלחמה וועלן מיר נישט לייזן אונדזערע פּראָבלעמען, מלחמה איז אויך נישט קיין וועג צו שלום. דער שלום מיט דער אַראַבישער וועלט קאָן דערגרייכט ווערן נאָר דורך סטאַבילע, לאַנג־דויערנדיקע באַמיאונגען און נאָר אויפן וועג פון קעגנזייטיקע פשרות. קיין אַנדער וועג איז נישט פאַראַן. יעדער אַנדער וועג קאָן נאָר ברענגען חורבן און פאַרוויסטונג.

נאָך דעם ישׂראל־אַראַבישן בליץ־קריג*

ס׳איז שווער איבערצושאַצן די באַדייטונג פון דער 6־טאָגיקער ישׂראל־אַראַבישער מלחמה פון יוני 1967. מיט אַ קאַפּשווינדלעריי־שער שנעלקייט זענען געלאָפן די געשעענישן. אין משך פון עטלעכע טעג האָבן מיר דורכגעלעבט אַ גאַנצע היסטאָרישע תקופה. 6 טעג מלחמה האָבן ראַדיקאַל פאַרענדערט דאָס פּנים פון מדינת ישׂראל און די לאַגע אויפן מיטעלן מזרח בכלל.

מיר האָבן נישט געהערט צו די אין לאַנד, וואָס האָבן געשאַלט צו דער מלחמה. נאָך מער, מיר האָבן זיך פאַר איר געשראָקן. מיר האָבן שוין גענוג מלחמות איבערגעלעבט אין אונדזער דור און מיר ווייסן, אַז מלחמות, אַפילו זיגרייכע, זענען פאַרבונדן מיט מענטשלעכע קרבנות, מיט טרערן פון טאַטעס, מאַמעס און קינדער, און דערצו האָבן זיי נאָך קיינמאָל קיין שלום נישט געבראַנגט. מיר זענען דערפאַר געווען צופרידן פון דעם, וואָס די רעגירונג פון לוי אשכול איז געגאַנגען אויפן וועג פון זוכן אַ דיפּלאָמאַטיש־פּאָלי־טישן אויסוועג פונעם קריזיס, וואָס איז אַנטשטאַנען אין שייכות מיט דער ריזיקער קאָנצענטראַציע פון עגיפּטישן מיליטער אין האַלב־אינדזל סיני און מיט נאַצערס באַשלוס צו פאַרשליסן פאַר ישׂראל דעם דורכפאָר דורכן טיראַן־אייַנגוס.

צו אַזאַ לייזונג איז נישט דערגאַנגען. די גרויסמאַכטן האָבן זיך נישט געאיילט; זיי האָבן געהאַט צייט; אין אַסיפה האָט פאַר־רופן אַ צווייטע. דערווייל האָבן די יידן אין מדינת ישׂראל — און מיט זיי דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט — איבערגעלעבט טעג פון אומגעהויערער שפּאַנונג און שרעק.

מיר ווייסן נישט, וואָס עס האָט באַוויגן דעם גענעראַל־סעק־רעטאַר פון אונאָ, או־טאַנט, צו פּראָוואָצירן נאַצערן, אַז ער זאָל

* לעבנס־פראַגן נר. 186—187, 1967.

פאַדערן אַרויסצוציען אַלע אונאַ־כוחות פונעם האַלב־אינדזל סיני און מיט וואָס עס דערקלערט זיך זיין משונהדיק־שנעלער באַשלוס אַנטקעגנצוקומען נאַצערס ווענדונג און תיכף אים צו רעאַליזירן אָן שום באַראַטונג מיט די אָנפירנדיקע קערפערשאַפטן פון אונאָ, הגם ער האָט זיך אָפגעגעבן אַ חשבון אַז דאָס וועט אומגעהויער פאַרשאַרפן די לאַגע. ס׳האָט אויסגעזען, ווי די פייערלעשער וואָלטן אַוועק פונעם אָרט, ווו ס׳האָט געהאַלטן ביים אויסברעכן אַ שריפה.

אָבער פאַר די יידן איז עס געווען ווייניק וויכטיק צי נאַצער האָט טאַקע געהאַט אין זיין פּלאַן צו באַפאַלן ישראל אָדער ער האָט בלויז געטראַכט צו דערפירן די שפּאַנונג ביז צום ראַנד פון מלחמה. פאַר זיי איז געווען גענוג צו זען די מעכטיקע מצרישע אַרמיי ביי די גרענעצן פון ישראל און צו הערן דערביי זיינע היס־טערישע דראָאונגען צו „פאַרניכטן ישראל״.

מיט דעם לאָזונג צו „פאַרניכטן ישראל״ האָט נאַצער מעג־לעך געקאָנט אויפהעצן די אָפגעשטאַנענע אַראַבישע מאַסן און די אומגליקלעכע פּליטים צו אַ „הייליקער מלחמה פאַר באַפרייען פּאַלעסטינע״. ער האָט אָבער מיט דעם דאָזיקן גענאָסיד־לאָזונג אַוועקגעשטעלט די יידן פון דער מדינה — און אויך דאָס יידישע פאָלק אין דער וועלט — אין אַ מצב פון „אין ברירה״. אין קאָן איז דאָ געשטאַנען נישט סתם אַ פאַרשפּילטע מלחמה, נאָר די עצם־עקזיסטענץ פון דער מדינה און די סאַמע פיזישע עקזיסטענץ פון די העכער 2 מיליאָן יידן. ווער האָט דען געקאָנט האָבן וואָ־סערע ס׳איז אילוזיע וועגן דעם, וואָס עס וואָלט געשען מיט די יידן, ווען די אַראַבישע אַרמייען, פאַרנעמען, חלילה, די ישראל־טערי־טאָריע.

נאַצער מעג דעריבער האָבן די הויפּט־טענה צו זיך אַליין, וואָס מדינת ישראל האָט נישט געוואַרט אויף זיין „יושר״, נאָר האָט אויסגענוצט דעם שעת הכושר אויף צו צעשמעטערן די אַרמיי, וועלכע האָט פּלאַנירט צו פאַרניכטן ישראל.

די געאָפּאָליטישע לאַגע פון מדינת ישראל איז אַזאַ, אַז ווען עס ברעכט אויס אַ מלחמה מוזן אַוועקפאַלן אַלע שאלות און וויכו־חים. דאָ קאָן נישט גילטן די פאַרטיילונג אויף „פאַרטיידיקלער״

און „דעפעטיסטן", ווי דאס איז מעגלעך אין אנדערע לענדער; דא זיצן דאן אלע אין איין צעשטורעמטער שיף. עס איז דערפאר נישט קיין וואונדער, וואס אויך אלע די, וועלכע זענען געווען קעגן דער מלחמה און האבן געוואַרט אויף א פרידלעכער לייזונג האבן אפ־געטעמט פרייער נאך דער בליץ־מפלה פון די אראבישע ארמייען. ס'איז אוועקגעפאלן די דירעקטע געפאר, וואס האט געלויערט אויף דער מדינה און אויף אירע יידן.

ס'איז נאר א טראגישער פאראדאקס, וואס אויך אין מדינת ישראל, וועלכע האט געזאלט באפרייען די יידן פון פעלקער־שנאה און פון אומקום, זענען די יידן ווייטער אויסגעשטעלט אויף די ביידע גזירות און זיי מוזן אויך דא מיט געווער אין האנט און פארן פרייז פון כסדרדיקע קרבנות באשיצן זייער קיום. אויך דא קאנען מיר קיין מנוחהדיק לעבן נישט האבן.

אמת, אין דער מדינה האבן די יידן די מעגלעכקייט צו האבן אן אייגענע, גוט־אויסגעשולטע און מאדערן־באוואפנטע ארמיי, וועלכע שטייט אויף דער וואך און קאן צוריקגעבן קלעפ די אלע, וואס ווילן זי אומברענגען. אבער וויפל ענערגיע און נערוון, חוץ געלט און בלוט, פארשלינגט אזא עקזיסטענץ אויף באגנעטן? און צי איז אין אזא אטמאספער טאקע מעגלעך צו פירן א נארמאל מלוכהש לעבן?

ס'איז אן ספק, אז די הויפט־שולד פאר דער דאזיקער לאגע טראגן די גרויסמאכטן, וועלכע האבן יעדע, צוליב אירע אייגענע אינטערעסן, פארשיט מיט געווער די לענדער פון מיטעלן מזרח, און האבן פארוואנדלט דעם דאזיקן קאנטינענט אין א קאכעדיקן דינאמיט־קעסל. אין משך פון יארן איז דא אנגעגאנגען א ווילדער וואפן־געיעג סיי צווישן ישראל און די אראבישע לענדער, סיי צווישן די אראבישע לענדער גופא. מיטן תירוץ פון קאמף קעגן מערבדיקן אימפעריאליזם האט רוסלאנד באוואפנט מצרים און סיריע; און מיטן תירוץ פון קאמף קעגן קאמוניזם און נאצערן האבן ענגלאנד און אמעריקע באוואפנט ירדן און סאודיע. איצט האבן אלע די געווערן זיך געווענדעט קעגן מדינת ישראל.

זיכער איז פארברעכעריש די סאוועטישע פאליטיק פון באווא־

פענען מצרים און סיריע, וועלכע האָבן אָפּן געפּריידיקט דאָס אומ־ברענגען מדינת ישראל. צי איז אָבער וויניקער פאַרברעכעריש די פּאָליטיק פון ענגלאַנד און אַמעריקע פון באַוואָפענען ירדן און סאַאודיע, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט פאַרבאַהאַלטן זייער שנאה צו ישראל און זייער סאָלידאַריטעט מיט נאַצערן אין דער פראַגע פון פאַרניכטן זי? אויב אין האַלב־אינדזל סיני זענען געפאַלן יידישע קרבנות פונעם סאָוועטישן געווער, זענען דאָך אין ירדן די יידישע זעלנער געהרגעט געוואָרן פון ענגלישע און אַמעריקאַנישע באָמבעס און שראַפּנעלן. און צי איז עס בכלל אין „אָרדענונג", וואָס די אַלע מדינות, פון מזרח און פון מערב, האָבן די אַלע יאָרן טאָלערירט אַזעלכע דראָאונגען פון די אַראַבישע מדינות כלפּי מדינת ישראל, וועלכע איז אַנטשטאַנען אויפן גרונט פון אַ באַשלוס פון „אונאָ"!

מען דאַרף נישט מאַכן קיין טעות: נישט ליבע־אָדער שנאה־געפילן צו דעם אָדער יענעם פאָלק און אַוודאי נישט געפילן פון מאָראַל זענען עס די קאַטעגאָריעס, וואָס באַשטימען די פּאָליטיק פון די גרויסמאַכטן. פאַר זיי זענען אַלע לענדער און פעלקער בלויז פיגורן אויפן פּאָליטישן שאַך־ברעט. אויך דער איצטיקער ישראל־אַראַבישן קריג איז פאַר זיי געווען בלויז אַ טייל פון זייער רי־וואַליזאַציע־געראַנגל פאַר העגעמאָניע און פאַר מאַכט־פּאָזיציעס אינעם נאַפט־רייכן ראַיאָן פון מיטעלן מזרח.

הגם פאָרמעל האָבן די גרויסמאַכטן דעקלאַרירט זייער „ניי־טראַליטעט" צום דאָזיקן קריג און דערמיט אויסגעמיטן אַ צוזאַמענ־שטויס צווישן זיך, וואָס וואָלט געקאָנט דערפירן צו אַ וועלט־מלחמה — איז אָבער קלאָר נישט בלויז ווער וועמען עס האָט געשטיצט, נאָר ווער פון זיי עס האָט געוואָנען און ווער ס'האָט פאַר־שפּילט פונעם מלחמה־אויסגאַנג.

דער לאָנדאָנער „עקאָנאָמיסט" (ציטירט לויטן „למרחב" פון 16/6) שרייבט אָפן, אַז

„אין די קורצע טעג פון דער מלחמה האָט ישראל אַרויסגע־צויגן נישט בלויז אירע אייגענע קאַשטאַנעס פון פייער, נאָר אויך די קאַשטאַנעס פון אַמעריקע און ענגלאַנד. נישט בלויז דער פרע־

זידענט נאַצער האָט געליטן אַ צעשמעטערנדיקע מפּלה. ס'איז אויך אַ מפּלה פונעם ראַטנפאַרבאַנד, וועלכער האָט אים באַזאָרגט מיט געווער און פון די אַראַבישע מדינות, וועלכע האָבן זיך אויף אים סומך געווען".

די מפּלה פון מצרים און סיריע איז אַ שווערער קלאַפּ פאַר דער סאָוועטישער פּאָזיציע אינעם מיטעלן מזרח. מיט דעם דערקלערט זיך דער סאָוועטישער כעס אויף ישראל. דער באַשלוס איבער־צורייסן מיט איר די דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען איז בלויז אַן אויס־דרוק פון אוממעכטיקער נקמה און אַ מיטל איינצוהאַלטן אירע צע־טרייסלטע איינפלוסן ביי די אַראַבישע פעלקער. דאָקעגן איז קלאָר, אַז די מפּלה פון נאַצערן און פון סיריע ליגט אויף דער האַנט פון דער ענגליש־אַמעריקאַנער פּאָליטיק אינעם מיטעלן מזרח. די מפּלה פון נאַצערן האָט אויך צעטרייסלט זיין פּאָזיציע און זיינע פּלענער אין תימן און אַדען. די ענגליש־אַמעריקאַנישע פרייד איז נאָר אַ ביסל פאַרטונקלט צוליב דער מפּלה פון קעניג כוסיין, וועלכער האָט געלאָזט זיך אַריינציען אין דער נאַצערישער אַוואַנטורע, מיינענדיק דערמיט צו ראַטעווען זיין טראָן, און האָט צוליב דעם פאַרלוירן דעם גאַנצן מערבדיקן טייל פון זיין מדינה.

אויך די „נייטראַליטעט" פון פראַנקרייך איז באַשטימט פון אירע אייגענע אינטערעסן. זי רעכנט דערמיט צו שפּילן די ראָל פונעם דריטן, וואָס דאַרף געניסן פון סאָוועטישן־אַמעריקאַנישן גע־ראַנגל און צו פאַרפעסטיקן אירע אייגענע פּאָזיציעס אינעם מי־טעלן מזרח. איר ראָל איז ענלעך צו דער ראָל פון אַמעריקע בעת דער סועץ־אַקציע אין 1956.

ס'איז אומזיניק צו זוכן מאָראַלישע פּרינציפּן אין דער פּאָ־ליטיק פון די גרויסמאַכטן. די אָפּשטימונגען אויף דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון אונאָ האָבן בולט באַוויזן, אַז נישט מאָראַל נאָר אייגענע אינטערעסן באַשטימען זייער באַציאונג צום ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט.

פאַר דער ישראל־מדינה שטייט אָבער דער לעבנס־וויכטיקער פּראָבלעם, ווי אַזוי איבערצושמידן דעם מיליטערישן נצחון אין אַ שלום, וואָס זאָל איר פאַרזיכערן אַ רואיקע עקזיסטענץ.

אין געראַנגל פאַר שלום *

דער מיליטערישער נצחון האָט אַריינגעברענגט אַ טיפע ענדערונג אין די כוחות-פאַרהעלטענישן צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות. עס ליגן צעשמעטערט די הויפט-כוחות פון די אַראַבישע אַרמייען, אין געציילטע טעג האָט די ישראל-אַרמיי פאַרנומען דעם גאַנצן האַלב-אינדזל סיני, דעם גאַנצן מערבדיקן ברעג פון ירדן און די בערגיקע גרענעץ-לענג פון סיריע.

ס'איז אמת, אַז אַ סך האָט אונדז געהאָלפן דער פאַקט, וואָס שוין אין די ערשטע שעהן פון ערשטן טאָג — איז אונדז געלונגען צו פאַרניכטן כמעט דעם גאַנצן אַראַבישן לופט-פלאָט און די ווייט-אַרויסגערוקטע עגיפטישע אַרמיי אינעם מדבר סיני איז געבליבן אָן שום לופט-דעקונג, אויסגעשטעלט אויף די קאָאָרדינירטע באָמבאַרדירונגען פון אונדזערע אַרמיי-טיילן. דאָס באַווייזט די וויכטיקע ראָל פון שפּיאָנזאַש אין דער מאָדערנער מלחמה, אָבער דאָס שטרייכט נאָר בולטער אונטער דעם פאַטאַלן טעות, וועלכן נאַצער האָט געמאַכט, שטעלנדיק צופיל אויף דעם סאָוויעטישגעליפערטן געווער.

נאָך דעם מיליטערישן נצחון איז דער געראַנגל אַריבערגעפירט געוואָרן אויף דער פּאָליטיש-דיפּלאָמאַטישער אַרענע, פאַרמעל אויף דער אַרענע פון „אונאָ", פאַקטיש צו די הינטער-קוליסן פאַרהאַנדלונגען מיט די גרויסמאַכטן. דאָס מאַכט נאָר בולטער דעם פאַקט, אַז סיי די מלחמה, סיי די רעזולטאַטן פון דער מלחמה גייען ווייט אַרויס פון די לאָקאַלע ראַמען פון אַ ישראל-אַראַבישן ענין. פון דעם אויסגאַנג פון דעם געראַנגל צווישן די גרויסמאַכטן

---

* „לעבנס-פראַגן" יוני—יולי, 1967.

וועט אין אַ גרויסער מאָס זיין אָפּהענגיק דער גורל פון ישראל־אַראַבישן שלום.

ס׳ליגט אין די אינטערעסן פון ישראל, אַז די גרויסמאַכטן זאָלן אַדורכקומען צווישן זיך, כדי עס זאָלן אָפּגעשאַפט ווערן די קעגנזייטיקע אינטריגעס און דער באַוואָפענונגס־געיעג אויפן מיטעלן מזרח, וואָס האָט פּאַקטיש דערפירט צום איצטיקן צוזאַמענשטויס צווישן די יידן און אַראַבער. אָן אַזאַ פאַרשטענדיקונג וועט די אונאָ ווייטער בלייבן אַן אימפּאָטענטע אינסטיטוציע, וועלכע וועט זיין פעאיק בלויז אָנצונעמען פּאַפּירענע רעזאָלוציעס און עס וועט נישט זיין קיין שלום און נישט קיין רו צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות.

ס׳איז אָבער אויך אומגעהויער וויכטיק די פּאָזיציע פון מדינת ישראל, וועלכע האָט צוליבן מיליטערישן זיג אַריינבאַקומען אין אירע הענט אַן ערנסטן אַטוט אינעם דאָזיקן פּאָליטישן געראַנגל.

זיכער איז ריכטיק די מיינונג, אַז דער איצטיקער פייער־איבער־רייס טאָר נישט בלייבן שטיין ביי קיין וואָפנשטיל־שטאַנד־אָפּמאַך, ווי דאָס איז געווען אין יאָר 1949 און וועלכער האָט דערפירט נישט צו קיין שלום, נאָר צו אַ מלחמה. דאָס מאָל דאַרף מען זען, אַז עס זאָל דערגריין צו אַ שלום־אָפּמאַך מיט די אַראַבישע מדינות.

ס׳איז אָבער אַ טעות צו מיינען, אַז אַ שלום־אָפּמאַך איז אַ גאַראַנטיע פאַר אַ סטאַבילן שלום. שלום־אָפּמאַכן, וואָס ווערן אונטערגעשריבן דורך באַזיגטע מדינות אונטערן דיקטאַט פון זיגערישן צד, שפּילן אָפטמאָל די ראָל פון נישט־דערברענטע גלאָוועניעס, אין וועלכע עס טליען די פונקען פון שנאה און זענען עלול אין אַ צייט אַרום צו צעפלאַקערן זיך אין אַ פייער פון רעוואַנש און נקמה. אויב עס וועט נישט געלונגען צו באַפרייען די אַראַבישע פעלקער פונעם געפיל פון שנאה לגבי ישראל — וועט דער „בעסטער״ שלום־אָפּמאַך זיין בלויז אַ צייטווייליקער פייער־איבעררייס אויף עטלעכע יאָר, ווי דאָס איז געווען די סיני־אַקציע אין 1956. אויף שנאה קאָן מען נישט בויען קיין שלום, אַפילו ווען מען פאַרמאָגט אַן אונטערגעשריבענעם שלום־אָפּמאַך.

אויב מען וויל באמת דערגרייכן אַ סטאַבילן שלום, מוז די

עיקר־אויפגאַבע אונדזערע זיין, נישט בלויז מיט ווערטער, נאָר אויך מיט מעשים, איבערצוצייגן די אַראַבישער פעלקער, אַז מדינת ישראל איז אַנטשטאַנען נישט ווי זייערס אַ שונא, פאַר וועלכן זיי דאַרפן מורא האָבן, נישט מיט כוונות פון באַהערשן און אונטערדריקן, נאָר ווי אַ היים פאַר די יידן, וואָס נאָך לאַנגע דורות רדיפות און פיין, ווילן זיי אויסלעבן זיך פריי אין אַן אייגן לאַנד און ווילן דערביי לעבן בשלום און אין פריינדשאַפט מיט די אַראַבישע שכנים.

מיר האַלטן דעריבער פאַר אַ קאַרדינאַלן פעלער דאָס שטעלן דעם טראָפּ אויף די טעריטאָריאַלע דעראָבערונגען. די אַלע אָפּי־ציעלע און נישט־אָפיציעלע דערקלערונגען פון אונדזערע מדינה־פירער, אַז צוליב סטראַטעגישע אָדער צוליב היסטאָרישע טעמים וועלן מיר נישט פאַרלאָזן די פאַרנומענע געביטן — זענען סיי אין סתירה צו די אָפיציעלע דערקלערונגען פון פריער, אַז מיר האָבן נישט אין דער מלחמה קיין טעריטאָריאַלע פרעטענזיעס, סיי וועלן זיי נישט שאַפן קיין פאַסיקן באָדן פאַר שלום־פאַרהאַנד־לונגען און פאַר אַ שלום בכלל. זיי זענען נאָר עלול צו פאַרגרעסערן די שנאה אין די אַראַבישע הערצער. דאָס באַטייט נישט, אַז אין רעזולטאַט פון אַ קעגנזייטיקער פאַרשטענדיקונג ביי שלום־פאַר־האַנדלונגען זאָלן נישט קאָנען געמאַכט ווערן די אָדער יענע טע־ריטאָריאַלע ענדערונגען.

מיר האָבן דעריבער דעם מוט צו צווייפלען אין דער ריכטיקייט פונעם רעגירונגס־באַשלוס איינצושליסן אַלט־ירושלים און די אומ־געגנט, נישט וואַרטנדיק אויף וואָסערע עס איז אונטערהאַנדלונגען.

מיר מוזן דערביי צוזאַמען מיט די אַראַבישע מדינות, צי דיר־רעקט, צי דורך דער פאַרמיטלונג פון אונאָ, געפינען אַ לייזונג פאַר די אַלע נישט־געלייזטע פּראָבלעמען, וועלכע האָבן אין משך פון די אַלע יאָרן פאַרסמט די אַטמאָספער און די באַציאונגען צווישן די יידן און די אַראַבער, נישט ווייניק אויך צוליב אונ־דזער שולד.

וואָס מיר האָבן דאָס רעכט צו פאַרלאַנגען פון די אַראַבישע מדינות איז: 1) אַנערקענען מדינת ישראל, ווי אַ סטאַבילן פאַק־

טאָר אינעם מיטעלן מזרח; 2) פאַרזיכערן דעם פרייען שיף־פאַר־קער דורך די וואַסער־וועגן, טיראַן און סועץ; 3) אָפּשאַפן דעם עקאָנאָמישן באָיקאָט.

דערביי דאַרפן ביידע צדדים זיך פאַרפליכטן נישט אָנצווענדן מער קיין שום באַוואָפנטן כוח און אַלע עווענטועלע קאָנפליקטן צו לייזן אויף אַ פרידלעכן וועג.

ס׳מוז אָבער פון דער אַנדערער זייט ענדגילטיק געלייזט ווערן — און צוליבן מיליטערישן נצחון פון ישראל זענען פאַראַן די אָביעקטיווע מעגלעכקייטן צו לייזן — דאָס שווערסטע און אָנגע־ווייטיקסטע פּראָבלעם, דאָס פּראָבלעם פון די אַראַבישע פּליטים. דאָס איז אַ פּראָבלעם, וואָס איז אַממערסטן שולדיק אין די פאַר־שאַרפטע באַציאונגען צווישן ישראל און די אַראַבישע מדינות; דאָס וואַלגערן זיך קנאַפּע 20 יאָר פון אַ מיליאָן אַראַבישע פּליטים אַרום די גרענעצן פון ישראל האָט געמוזט פאַרסמען זייערע הערצער מיט פאַרביטערונג און האַס קעגן ישראל, און האָט גע־שאַפן פון זיי אַ גינסטיקן מאַטעריאַל פאַר שוקיירים טעראָריסטישע גרופן צום קאַמף פאַר „באַפרייען פּאַלעסטינע״.

הייגט, ווען די ישראל־אַרמיי האָט פאַרנומען דעם גאַנצן שטח פון דער אַמאָליקער פּאַלעסטינע, געפינט זיך אונטער דער קאָנ־טראָל פון דער ישראל־רעגירונג כמעט די גאַנצע אַראַבישע פּליטים־מאַסע, פון עזה־פּאַס און פון מערבדיקן ירדן־ברעג. ס׳איז אַזוי אַרום אַוועקגעפאַלן דאָס פּראָבלעם, צי יאָ אָדער נישט אַריינצולאָזן צוריק די פּליטים, אין הסכם מיט דער רעזאָלוציע פון אונאָ. די פּליטים האָבן זיך אויטאָמאַטיש געפונען אינערהאַלב דער ישראל־מדינה.

עס זעט אויס ווי אַ פּאַראַדאָקס: ווען מען האָט געהאַט פאַרגע־לייגט ישראל פאַרן פרייז פון שלום — און נאַצער זאָל האָבן דע־רויף מסכים געווען — אַריינצולאָזן אין לאַנד אַריין, ווי אַן אויס־דרוק פון גוטן ווילן, הונדערט טויזנט פּליטים — האָט די ישראל־רעגירונג דאָס אָפּגעוואָרפן מיטן תירוץ, אַז דאָס איז עלול אונטער־צוגראָבן די סאַמע יסודות פון דער מדינה, מחמת זיי וועלן דאָ בילדן אַ „פינפטע קאָלאָנע״. הייגט געפינען זיך אויף דער טע־

ריטאָריע פון ישראל אַרום אַ מיליאָן אַראַבישע פליטים — און מיר הערן היינט געדאַנקען, אַז אַ מיליאָן פליטים אין לאַנד איז ווייניקער געפערלעך, ווי אַ מיליאָן פליטים אַרום די גרענעצן פון לאַנד...

היינט איז עס אָפּהענגיק בעיקר פון דער ישראל־מדינה, אַז דאָס פליטים־פּראָבלעם זאָל ענדגילטיק געלייזט ווערן. דאָס איז מעגלעך, לויט אונדזער מיינונג, אויף צוויי וועגן: אָדער אויפן גאַנצן שטח פון דער אַמאָליקער פּאַלעסטינע אויפצושטעלן אַ בשותּפותדיקע יידיש־אַראַבישע מדינה — (דער דאָזיקער געדאַנק וועט זיכער אָפּגעוואָרפן ווערן דורך אַלע ציוניסטישע פּאַרטייען), אָדער, אויף דער באַזע פון דער אונאָ־רעזאָלוציע אויפצושטעלן אַ באַזונדערע אַראַביש־פּאַלעסטינישע מדינה, וועלכע זאָל זיין פעדעראַטיוו פאַרבונדן מיט מדינת ישראל. אין יעדן פאַל וועט עס זיין די אויפגאַבע סיי פון ישראל, סיי פון דער אונאָ צו העלפן די אַראַבישע פליטים איינצוגלידערן זיך אינעם נאָרמאַלן לעבן און איינאָרדענען זיך אַ מענטשלעכע עקזיסטענץ, ווי פרייע גלייכבאַרעכטיקטע בירגער.

מיט אומרו מוזן דעריבער אויפגענומען ווערן די ידיעות וועגן דעם, אַז אין ירדן און סיריע זענען שוין ווידער פאַראַן אַרום 200 טויזנט אַראַבישע פליטים פון די פאַרנומענע געביטן. דאָס איז עלול צו שאַפן אַ נייעם פליטים־פּראָבלעם מיט די מעגלעכע פאַטאַלע רעזולטאַטן.

ס'איז נישט מעגלעך נאָך פאָרויסצוזען מיט וואָס עס וועט זיך ענדיקן דער פּאָליטישער געראַנגל אין דער אונאָ. וואָסערע אָבער עס זאָלן נישט זיין די רעזאָלוציעס, וועט די אונאָ נישט האָבן קיין כוח זיי צו רעאַליזירן אויב ס'וועט נישט זיין דער קעגנזייטיקער גוטער ווילן פון די יידן און אַראַבער.

די שווידערלעכע מפלה, וואָס עס האָבן געליטן די אַראַבישע מדינות דאַרף איבערצייגן זייערע פירער, — די איצטיקע, צי די וואָס וועלן קומען נאָך זיי, אויב זיי וועלן נאָר נישט ווערן געעצט און געשטיצט דורך אויסערלעכע כוחות — אַז עס לוינט זיך נישט צו פטרן ענערגיע און געלט אויף צו וועלן פאַרניכטן

ישראל, נאר אז עס איז אין אלעמענס אינטערעס צו לעבן בשלום מיט דער ישראל־מדינה, אז דאס קאן ברענגען קאלאסאלע גוטן סיי די יידן, סיי די אראבישע פעלקער.

ס'איז דעריבער פון אומגעהויערער וויכטיקייט, אז די פירער פון דער ישראל־מדינה זאלן טאן אלץ וואס עס איז מעגלעך כדי צו פארלייכטערן די אראבישע פירער דעם וועג צו אזא שלום.

מען דארף געדענקען, אז אויב דער אראבישער נאציאנאליזם שטעלט מיט זיך פאר א שטערונג אויפן וועג צום שלום, איז אבער אויך נישט קיין קלענערע שטערונג דער יידישער נאציאנאליזם, וועלכער איז אנגעבלאזן מיט דער פארשיכורנדיקער גאווה פון נצחון. מען דארף געדענקען, אז מיליטערישע נצחונות זענען קיינמאל נישט קיין אייביקע נצחונות, אז א שלום געבויט אויף קעגנזייטיקן כבוד און קאמפראמיסן, איז האפטיקער און וויניקער קאסטבאר, ווי אן אויפגעצוווּנגענער שלום פון קאפּיטולאציע. און דער עיקר מוז מען געדענקען, אז אויך נאכן נצחון איז מדינת ישראל פארמשפּט צו לעבן בשכנות מיט א הונדערט מיליאניקער אראבישער באפעלקערונג.

איצט, ווען די דירעקטע געפאר פון פארטיליקונג איז באזייטיקט געווארן, האט מדינת ישראל א גינסטיקן שאנס אויסצושטרעקן איר האנט צו די אראבישע פעלקער, כדי איינצושטעלן א בכבודיקן שלום און שאפן דערמיט א נייע תקופה פון יידיש־אראבישן צוזאמענלעבן. עס וועט זיין א גרויסער שאדן אויב דער דאזיקער שאנס וועט פארטאכלעוועט ווערן.

נאָר אַ פּשרהדיקער אויסוועג איז רעאַל*

דער פּאָליטישער געראַנגל אַרום ישראל־אַראַבישן קאָנפליקט הויבט אָן אָנצונעמען קלאָרערע קאָנטורן. אַלנפאַלס זענען שוין היינט קלאָר צוויי מאָמענטן: ערשטנס, אַז אַמעריקע זוכט אַ וועג צו געפינען אַ בשותפותדיקע לייזונג מיט די איבעריקע גרויסמאַכטן, וועלכע האָבן זייערע אינטערעסן אין מיטעלן מזרח; צווייטנס, אַז נישט געקוקט אויף די באַמיאונגען צו פאַרטושן דעם ענין, טרעטן אַרויס קעגן דער איינשטעלונג פון ישראל נישט בלויז רוסלאַנד און פראַנקרייך, נאָר אַז מיר זענען אויסגעשטעלט צו פירן אַ שווערן געראַנגל אויך מיט דער אַמעריקאַנער רעגירונג.

ווי מען קאָן זיך אָריענטירן פון דער פרעסע איז די ניקסאָן־רעגירונג נישט צופרידן פון דער ישראלדיקער איינגעשפאַרטקייט בנוגע איר שטעלונג פון נאָר „דירעקטע פאַרהאַנדלונגען״ און „אונטערגעשריבענע שלום־אָפּמאַכן״, און ווי שמואל שניצער אין „מעריב״ פון 21־מערץ גיט איבער האָט אַמעריקע צוגעגרייט אַ פּראָיעקט פון אַ פּשרותדיקן פּלאַן פאַר דער קאָנפערענץ פון פיר אין וועלכן:

„זי פאָדערט אַ פולן צוריקצוג פון צה״ל, אויסער עטלעכע קליינע גרענעץ־ענדערונגען; זי האַלט, אַז ירדן דאַרף צוריקבאַ־קומען אַ פּאָזיציע (אויב נישט סוווערעניטעט) אין די ציווילע אוןווירטשאַפטלעכע ענינים פון מזרח־ירושלים, און זי זאָגט, אַז מען מוז לייזן די פראַגע פון די אַראַבישע פּליטים דורך געבן זיי די ברירה צוריקצוקערן זיך קיין ישראל אָדער צו באַקומען אָנט־שעדיקונגען״.

---

* „לעבנס־פראַגן״ נר. 204־205, 1969.

שמואל שניצער, וועלכער געהערט צו די אנהענגער פון שלי־מות הארץ האלט, אז מיט דעם דאזיקן פלאן ווילן די אמעריקאנער נישט בלויז „ארויסנעמען פון ישראלס הענט די פרוכטן פון איר נצחון" נאר „זיי באמיען זיך צו פארוואנדלען די זיגערס אין באַ־זיגטע". (אונטערגעשטראכן דארט — י. א.).

אפווארפנדיק די דאזיקע לעצטע פעסטשטעלונג פון שמואל שניצער ווילן מיר נאר דערמאנען, אז אין תוך גענומען איז ניק־סאנס פלאן נישט אין קעגנזאץ צו די באקאנטע 5 פונקטן פון פרעזידענט דזשאנסאן.

אמת, ווי מען גיט איבער, איז אויך ניקסאן קעגן אן „אויפגע־צוווּנגענער" לייזונג. אבער אין דעם פרט איז זיכער גערעכט גאלדע מאיר, ווען זי האט אין איר פראגראמאטישער כנסת־רעדע דער־קלערט:

„מען זאגט, אז די כוונה איז נישט אויפצוצווינגען, נאר בלויז ווי א רעקאמענדאציע. וואס באדייט אבער „נאר א רעקאמענדא־ציע", נאכדעם, ווי פארשטייער פון די גרויסמאכטן וועלן אין רע־זולטאט פון אונטערהאנדלונגען, דינגענישן און קעגנזייטיקע נאכ־געבענישן לסוף מסכים זיין אויף איר? א סתם אבסטראקטע רע־קאמענדאציע?!"

ס'איז קלאר, אז אויב די גרויסמאכטן וועלן האבן דורכגע־קומען צווישן זיך, וועלן זיי זיך באמיען זייער בשותפותדיקע „רע־קאמענדאציע" דורכצופירן אין לעבן. אן אנדער זאך, אז עס איז נאך גאנץ ווייט ביז עס וועט דערגיין צו אזא בשותפותדיקער „רע־קאמענדאציע" און צי זיי וועלן באמת קאנען רעאליזירן, אויב זיי וועלן אנטרעפן אויף א ווידערשטאנד מצד ישראל צי מצד די אראבישע מדינות.

דער וויכוח גייט דאך אבער ארום דעם צי דארף די ישראל־רעגירונג זיין קעגן — און צי דארף זי זיך באמיען נישט צו דער־לאזן צו — אזא הסכם צווישן די גרויסמאכטן.

פרינציפיעל איז זיכער גאלדע מאיר גערעכט, ווען זי זאגט, אז „ישראל, ווי יעדע זעלבשטענדיקע מדינה פון א פריי פאלק, וועט נישט דערלויבן, אז איר גורל זאל באשטימט ווערן דורך אנ־

דערע״ און אַז „נאָר די, וואָס האָבן זיך באַטייליקט אין דער מלחמה קאָנען מאַכן שלום״.

די דאָזיקע פּרינציפּיעל־שיינע ווערטער זענען אָבער עלול אַריינצופירן אין אַ געפערלעכן טעות.

ערשטנס, זענען אויך גרויסע זעלבשטענדיקע מדינות נישט ביכולת אויסצומיידן די מיטבאַשטימונג פון „אַנדערע״ וועגן זייער גורל. אין דער היינטיקער אינטערנאַציאָנאַלער קאָנסטעלאַציע איז בכלל אילוזאָריש צו רעדן וועגן „פולער״ זעלבשטענדיקייט פון מדינות. און אַוודאי איז עס נוגע קליינע מדינות און באַזונדערס אַזאַ מדינה ווי ישראל, וועלכע איז אַנטשטאַנען אַ דאַנק דער באַ־שטימונג פון אַנדערע — אויף דער באַשטימונג פון אונאָ שטיצט זיך דאָך די לעגאַלע עקזיסטענץ פון מדינת ישראל — און וועלכע האָט געקאָנט אויפבויען און אַנטוויקלען איר מלוכהש לעבן — אין אַלע הינזיכטן — אין אַ ריזיקער מאָס אַ דאַנק דער הילף פון די אַנדערע פעלקער.

צווייטנס, איז דער ישראל־אַראַבישער קאָנפליקט נישט בלויז אַ לאָקאַלער קאָנפליקט צווישן יידן און אַראַבער, נאָר איז אַ וויכטיקער באַשטאַנדטייל פונעם גלאָבאַלן קאָנפליקט צווישן די גרויסמאַכטן. ס׳איז אָן אומזין צו טראַכטן, אַז מען קאָן דאָ „מאַכן שלום״ אָן אַ הסכם צווישן די גרויסמאַכטן.

די פאָדערונג, וועלכע מען הערט גאַנץ אָפט, אַז די לייזונג פונעם קאָנפליקט דאַרף איבערגעלאָזט ווערן בלויז פאַר ישראל און די אַראַבישע מדינות, אָן אויסערלעכער אַריינמישונג, האָט פאַקטיש די כוונה אויסצוניצן די מיליטערישע איבערגעוויכט פון ישראל כדי אויפצוצווינגען די אַראַבישע מדינות אירע, אין תוך גענומען, קאַפּיטולאַנטישע באַדינגונגען, אָבער ערשטנס וועלן די אַראַבישע מדינות נישט וועלן און נישט קאָנען איינגיין אויף אַזעלכע באַדינגונגען, צווייטנס, וועלן זיך אַלעמאָל געפינען גרויס־מאַכטן, וואָס וועלן אונטערהאַלטן אַזאַ אַראַבישע קעגנערשאַפט און דריטנס, ווען אַפילו מען זאָל אָננעמען אַזאַ ווייניק וואַרשיינ־לעכע השערה, וועט אַזאַ שלום קיין האַפט נישט האָבן צוליב דער עקזיסטענץ פון דער פּאַלעסטינעזישער טעראָר־באַוועגונג.

די מיטגלידער פון דער רעגירונג זענען נישט אַזוי נאַאיוו כדי נישט צו וויסן, אַז איר באַשלוס וועגן

„דירעקטע פאַרהאַנדלונגען פאַר אַ שלום־אָפּמאַך איז אַ ריכ־טיקע און גערעכטע אַלטערנאַטיווע, אָבער ער איז נישט רעאַל. און ער איז אין 1969 ווייניקער רעאַל, ווי ער איז עס געווען אין 1967 און 1968". (חנה זמר אין „דבר" פון 21/3 ה. י.).

ס'איז נישט קיין סוד, אַז אַ טייל פון דער רעגירבנג האַלט זיך באַוווסטזיניק ביי דעם נישט־רעאַלן באַשלוס, ווייל זי זעט אין אים אַ מיטל איינצוהאַלטן אַלע אָדער כמעט אַלע פאַרנומענע שטחים. די דאָזיקע עלעמענטן זענען פאַראינטערעסירט אַז דער איצטיקער צושטאַנד זאָל אָנהאַלטן וואָס לענגער מיט דער כוונה אויסצוניצן די דאָזיקע צייט פאַר פאַרפעסטיקן און קאָלאָניזירן די „באַפרייטע" שטחים און צו שטעלן די אַראַבישע מדינות און די וועלט פאַר געשעענע פאַקטן.

ס'איז אויך נישט קיין סוד, אַז די דאָזיקע עלעמענטן איבן אויס זייער דרוק אויף די איבעריקע טיילן פון דער רע־גירונג און הגם מיט געוויסע וואַקלונגען גייט די רעגירונג אַלץ מערער אויפן וועג פון אויפשטעלן נישט בלויז מיליטערישע, נאָר אויך ציווילע זידלונגס־פונקטן אויף די נייע שטחים.

מען רעדט אָפן וועגן אויפהאַלטן דעם איצטיקן צושטאַנד אין משך פון 20 און אַפילו מער יאָרן; במילא אַרט עס קיינעם נישט, אַז דער אונאָ־שליח ה' גונאר יארינג, וועט דערווייל פאַרזעצן זיינע רייזעס איבער די שטעט פון מיטעלן מזרח, פאַרשטייט זיך, ביים אויסשליסלעכן תנאי, אַז זיין איינציקע מיסיע דאַרף באַשטיין אין דערפירן צו דירעקטע פאַרהאַנדלונגען צווישן די צדדים, ווי־סנדיק פון פאָרויס, אַז דער דאָזיקער תנאי איז נישט רעאַל. אגב איז דער דאָזיקער תנאי אויך נישט אין הסכם מיט דעם טעקסט פון דער אונאָ־רעזאָלוציע פון 22־טן נאָוועמבער. צוליב פשרות־דיקע טעמים זענען דאָרטן נישט פאַראַן די באַצייכענונגען פון דירעקטע פאַרהאַנדלונגען און פון שלום־אָפּמאַכן.

די אַנעקסיאָניסטישע עלעמענטן ספעקולירן סיי אויף דער

אומפּעאיקייט פון די אַראַבישע מדינות צו גיין אויף אַ נייער מלחמה קעגן ישראל, סיי אויף דעם אומווילן פון רוסלאַנד אַריינצומישן זיך דירעקט אין אַ פאַרמעסט מיט אַמעריקע צוליבן מיטעלן מזרח. די הויפּט־באַמיאונגען מצד דער ישראל־רעגירונג גייען טאַקע איצט אין דער ריכטונג פון נישט דערלאָזן צו קיין אָפּמאַך פון די פיר גרויסמאַכטן און פון איבערצייגן די ניקסאָן־רעגירונג, אַז זי טאָר נישט איינגיין אויף קיין שום פּשרות מיט רוסלאַנד און אַז מיט אירס אַ פעסטער שטעלונג וועט זי צווינגען אויך רוסלאַנד צו קאַפּיטולירן.

דערווייל זענען מיר עדות — און קרבנות — פון דעם ווי עס ווערט פאַרטיפט דער תהום פון שנאה צווישן די אַראַבער און יידן. די לעצטע פאַרשאַרפטע גרענעץ־אינצידענטן ביים סועץ־קאַנאַל און מיט ירדן, די אָפטע פיינטלעכע דעמאַנסטראַציעס פון דער אַראַבישער יוגנט אויף די פאַרנומענע שטחים, די באַרבאַרי־שע באָמבעס־אַטענטאַטן מצד די אַראַבישע טעראָריסטן אין ירו־שלים, און דאָס אָפיציעלע שטיצן מצד די אַראַבישע מדינה־פירער — אויך מצד דעם „מילדן” בורגיבא, — דעם פּאַלעסטינעזישן טעראָר־קאַמף — זענען נאָר אויסדרוקן פון דער פאַרשאַרפטער שנאה צווישןביידע פעלקער און זענען בולטע סימנים פון דעם ווי מיר פאַרקריכן אין אַ פאַרכישופטן קרייז פון כסדרדיקן קעגנזייטיקן בלוטיקן געראַנגל, וואָס וועט לאַנגע יאָרן נישט ברענגען אונדז נישט קיין רו און נישט קיין זיכערקייט אין די כלומרשטע „זיכע־רע” זיגרייכע גרענעצן. אָפּגערעדט שוין דערפון, וואָס דער אויפגע־צוווּנגענער, אין רעזולטאַט פון דאָזיקן מצב, כסדרדיקער מאָבילי־זאַציע צושטאַנד, די וואַסאַמאַל שאַרפערע רעפּרעסיע־מיטלען און קעגן־טעראָר — מוזן לסוף פאַטאַל זיך אויסווירקן אויף דעם פּאָלי־טישן און מאָראַלישן כאַראַקטער פון דער מדינה.

פונקט ווי מיר גלויבן נישט אין דער אומפאַרמיידלעכקייט פון דער מלחמה אַזוי גלויבן מיר אויך נישט אין דער אייביקער שנאה צווישן אַראַבער און יידן. אָבער אָפּשאַפן די שנאה קאָן מען נישט דורך אויפצווינגען זיי קאַפּיטולאַציע־באַדינגונגען, נאָר דורך געבן זיי אַ בכבודיקן אויסוועג פון דער לאַגע. ווי דער זיגרייכער

און שטאַרקערער צד קאָנען מיר און מיר דאַרפן זיך דערויף דער־לויבן. די פאַרהאַנדלונגען צווישן די פיר גרויסמאַכטן שאַפן אַ גינסטיקע געלעגנהייט פאַר אַזאַ בכבודיקן אויסוועג אויפן סמך פון דער רעזאָלוציע פון זיכערהייטס־ראַט, פון נאָוועמבער 1967.

די וואָס זענען נישט קיין אָנהענגער פון טעריטאָריאַלע אַנעקסיעס און „היסטאָרישע גרענעצן" קאָנען דעריבער נישט זיין קעגן, נאָר פאַרקערט, דאַרפן מיטווירקן צו דערגרייכן אַזאַ פשרהדיקן הסכם.

צי טאַקע ערב אַ באַנייטער מלחמה?*

די העכער אַנדערטהאַלבן יאָר פייער־איבעררייס האָבן נישט געברענגט קיין שום דערנענטערונג נישט צו אַן אַלגעמיינער, און אויך נישט צו קיין צווישנלייזונג פון ישראל־מצרישן קאָנפליקט. די לעצטע רעדעס פון פרעזידענט סאַדאַט האָבן אויסגעדריקט דעם דורכפאַל פון מצרים צו פּרובירן אויפצוצווינגען אויפן פּאָליטישן וועג אַ צוריקצוג, עווענטועל אַ צוזאָג פון אַ צוריקצוג, מצד ישראל פון די פאַרנומענע שטחים. פאַר מצרים, ווי פאַר די אַראַבישע מדינות, איז דעריבער לויט אים נישט געבליבן קיין אַנדער וועג ווי דורך מלחמה צו דערגרייכן דעם דאָזיקן ציל.

צי וועט ער טאַקע דורך מלחמה דערגרייכן דאָס, וואָס ער קאָן נישט דערגרייכן מיט פּאָליטישע מיטלען? אין ישראל האָט די רעגירונג אויפגענומען סאַדאַטס רעדעס, ווי אַ מלחמה־רוף קעגן דער ישראל־מדינה. פאַר איר, האָבן די דאָזיקע רעדעס נאָר נאָכ־אַמאָל געדינט ווי אַ פּראָפּאַגאַנדיסטישער אַרגומענט, אַז סאַדאַט וויל נישט קיין שלום. גלייכצייטיק האָבן כמעט אַלע פּאָליטישע און מיליטערישע מומחים, מיט זיי אויך כמעט די גאַנצע ישראל־פּרעסע, געהאַלטן פאַר נויטיק צו וואָרענען מצרים, אַז אויב זי וועט אָנהייבן צו שיסן וועט זי צוריקבאַקומען אַזעלכע קלעפּ און וועט ליידן אַזאַ מפּלה, וואָס וועט פיל מאָל איבערשטייגן די מפּלה פון 1967. מען רעדט אויך וועגן „סיורפּריזן", וואָס דערוואַרטן דער־מאָלט מצרים מצד דעם ישראלדיקן מיליטער. ס'איז כדאי דערביי צו דערמאָנען די דערקלערונג פון משה דיין נאָך מיט העכער 2 יאָר צוריק, אַז אויב עס וועט דערגיין צו אַ מלחמה

„וועט ישראל נישט קאָנען אָפּהיטן די מלחמה בלויז אין די

---

* געדרוקט שוין נאָכן טויט פון י. אַרטוסקי. ל. פּ. 236—237, נאָוו. דעצ. 1971.

ראַמען פון פאַרטיידיקונג, מחמת אַ מלחמה פאַרמאָגט איר אייגענע דינאַמישקייט און „קאָן אַריינשלעפּן דאָס מיליטער קעגנוויליק אין אַן אָפּענסיווער מלחמה". אויך לעצטנס האָט דיין איבערגעחזרט, אַז די מלחמה וועט געפירט ווערן ווייט פון די איצטיקע גרענעצן...

בולטערע ווערטער האָבן מיר געהערט פון גענעראַל (אין רע־זערוו) חיים הערצאָג אין ישראלדיקן ראַדיאָ דעם 27טן פעברואַר היי־יאָר, אַז „ישראל וועט אַריבערפירן די מלחמה אויפן שטח פון מצרים און וועט ווירקן אויף אַראָפּצוואַרפן דעם דאָרטיקן רע־זשים", דאָס הייסט פּאַקטיש — פאַרנעמען קאַיר און אַרויפזעצן דאָרט אַ קוויסלינג־רעגירונג.

די דאָזיקע שטימען זענען נישט קיין פאַראיינצלטע אין יש־ראל, און מיר הערן זיי נישט נאָר פון אַזעלכע עקסטרעמיסטן ווי דער געוועזענער מיניסטער עזר ווייצמאַן און זיינס גלייכן. מען רעדט אויך לעצטנס וועגן דעם, אַז ישראל איז ביכולת מיט דעם נייעם עלעקטראָנישן געווער, וועלכן זי האָט באַקומען פון אַמע־ריקע, צו צעשטערן די סאָוויעטישע ראַקעטן־באַזעס אויף יענער זייט פון קאַנאַל און אַז אין פאַל פון אַ באַנייטער מלחמה וועט דאָס ישראל־מיליטער קאָנען אַריבערגיין דעם קאַנאַל און אַליין אים עפענען פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן שיף־פאַרקער.

און דאָס אַלץ אויף אָן די נייע פאַנטאָמס, וועלכע אַמעריקע האַלט זיך כלומרשט אָפּ פון שיקן קיין ישראל. דער קאָמאַנדיר פון לופט־פלאָט, גענעראַל מרדכי הוד האָט לעצטנס אָפן דער־קלערט (לויט זאב שיף פון „הארץ" דעם 24־טן נאָוועמבער ה. י.), אַז:

„מדינת ישראל נויטיקט זיך נישט אין צוגאָבלעכע פאַנטאָמ־עראָפּלאַנען, כדי צו באַזיגן די אַראַבער אין אַ באַנייטער מלחמה". ווי ער האַלט זענען די נייע פאַנטאָמס נויטיק בלויז כדי „אויסצו־מיידן אַ מלחמה"; דאָס הייסט, כדי אַזוי אָפּצושרעקן די אַראַבער, אַז זיי זאָלן נישט וואַגן אָנצוהייבן אַ נייע מלחמה.

דעם אמת געזאָגט, גלויבן מיר נישט, אַז פרעזידענט סאַדאַט זאָל זיין אַזאַ נאַר, און אָנהייבן אַ מלחמה ביי אַזעלכע באַדינגונגען, ווען ער האָט קיין שום שאַנסן נישט צו זיגן, און איז נאָר עלול

צו דערפירן מצרים צו אַ קאַטאַסטראָפע. גיכער האָבן מיר דאָ צו טאָן סיי מיט אַ נייעם דיפּלאָמאַטישן דרוק אויף די גרויסמאַכטן און באַזונדערס אויף אַמעריקע, ווו עס באַקומען אַלץ מער די אויבערהאַנט די עקסטרעמיסטן פון פּענטאַגאָן, סיי מיט אַ מיטל צו באַווירקן די פאַרהאַנדלונגען אויף דער גענעראַל־פאַרזאַמלונג פון אונאָ.

נישט געקוקט אויף די מלחמה־דראָאונגען האָט פּרעזידענט סאַדאַט ווייטער געהאַלטן פאַר בויטיק אונטערצושטרייכן און ער האָט עס אויך דערקלערט די „מלאכי השלום" פון אַפריקע, אַז מצרים שטיצט ווייטער און זעט דעם בעסטן אויסוועג אין באַנייען די יאַרינג־געשפּרעכן ביים תנאי אַז ישראל וועט ענטפערן אויף ה' יאַרינגס פראַגע צי זי איז מסכים פאַרן פּרייז פון אַ געחתמעטן שלום צו דערקלערן איר גרייטקייט צוריקצוציען זיך ביז די אינ־טערנאַציאָנאַלע גרענעצן פון 4טן יוני 1967.

כדי עס זאָל זיין קלאָר, איז כדאי צו דערמאָנען, אַז 1) ה' יאַרינגס פראַגן האָבן אַ שייכות בלויז צום ישראל־מצרישן קאָנ־פליקט און נעמען נישט אַרום די קאָנפליקטן מיט ירדן און סיריע.

2) אַז לויט דעם יאַרינגס־דאָקומענט דאַרף מצרים דערקלערן איר גרייטקייט צו שליסן אַ פולן שלום — אָן שום רעזערוון — מיט ישראל; דאָס קאָן אויך באַטייטן אַ הסכמה צו שליסן אויך אַ סעפּעראַטן שלום מיט ישראל;

3) וואָס שייך דאַקעגן דעם צוריקטריט פון ישראל ביז די גרענעצן פון יוני 1967, וועט ער באַוואָרנט מיט אַ גינסטיקער פאַר ישראל קלאָוזולע, אַז עס וועט איבערגעלאָזן פאַר באַזונדערע פאַרהאַנדלונגען דאָס פּראָבלעם פון שאַרם אַ שייך, דאָס פאַרזיכערן די פרייהייט פון ישראל־פאַרקער דורך דעם טיראַן־איינגוס און סועץ־קאַנאַל און בכלל באַשטימען די אופנים פון זיכערהייט פאַרביידע מדינות.

אין איר ענטפער צו דער אַפריקאַנישער שלום־דעלעגאַציע האָט ישראל אויסגעדריקט איר גרייטקייט צו אַ באַנייאונג פון די יאַרינג־געשפּרעכן, אָבער ביים תנאי, אַז זיי וועלן באַנייט ווערן אָן שום פאַראויסיקע באַדינגונגען, דאָס הייסט אָן שום דערקלע־

רונגען מצד ישראל צי זי איז יאָ אָדער נישט גרייט צוריקצוציען זיך צו די פריערדיקע גרענעצן.

אינדעראמתן האָבן מיר דאָ ווידער צו טאָן מיט אַ דיפּלאָמאַ־טיש־דעמאַגאָגישן אַרויסדריי פון אַ קלאָרן ענטפער, ווייל ווער עס קען די שטעלונג פון דער ישראל־רעגירונג צו שאַרם־אַ־שייך און קוקט זיך צו צו די הונדערטער מיליאָנען לירות, וואָס ווערן אַרייג־געלייגט אין יענער געגנט — דער ווייסט, וואָסער ווערט עס האָט דער ישראלדיקער ענטפער צו די אַפריקאַנישע מדינות.

ישראל איז נישט קעגן, פאַרקערט, זי קאָן נאָר זיין צופרידן דערפון, אַז די יאַרינג־געשפּרעכן זאָלן זיך פירן, „אָן שום באַדינ־גונגען", מען זאָל רעדן און רעדן, אַפילו צען און מער יאָרן און ה' יאַרינג זאָל ווייטער גרייט זיין צו שפּילן די ראָל פון אַ בריוו־טרעגער צווישן מצרים און ישראל... די צרה איז נאָר וואָס ה' יאַרינג איז דערויף נישט מסכים און טאָקע דערפאַר האָט ער לסוף אַרויסגעשיקט צו די צדדים די דערמאָנטע פריער אָנפראַגעס, אויף וועלכע מצרים האָט געענטפערט פּאָזיטיוו און ישראל האָט בכלל נישט געגעבן קיין שום ענטפער.

מיר האַלטן אַז די ישראל־רעגירונג האָט דעמאָלט אַדורכגע־לאָזט אַ היסטאָרישן שאַנס פאַר אַ פרידלעכער לייזונג פון ישראל־מצרישן קאָנפליקט. אַוודאי איז אומזין זיך איינצורעדן, אַז תיכף מיטן אונטערשרייבן אַ שלום־אָפּמאַך וואָלטן אויך פאַרשוווּנדן די שנאה און דער אומצוטרוי צווישןביידע פעלקער — אָבער דאָס וואָלט באַטייט אַ ריזיקן שריט פאָרויס אין דער דאָזיקער ריכטונג.

מיטן אָפּוואַרפן די יאַרינג־פאָרשלאָגן איז נאָכמער פאַר־טיפט געוואָרן דער תהום פון שנאה צווישן מצרים און ישראל און ס'איז ביז גאָר ווייניק וואַרשיינלעך, אַז מצרים זאָל איינגיין אויף די קאַפּיטולאַציע־באַדינגונגען פון ישראל, אַפילו ווען ישראל וועט שוין האָבן אויך די נייע פאַנטאָמס, מיט די נייע לאָנס־ראַקעטעס און וועט זיין נאָך שטאַרקער מיליטעריש ווי זי איז הייַנט.

מיט די נייע פאַנטאָמס און די נייע עלעקטראָנישע קריגס־מכשירים וועט ישראל נאָר ווערן אַלץ מער פאַרוואַנדלט אין אַ מיליטאַריסטישער מדינה. בלויז נאַאיווע מענטשן קאָנען דאָס נע־

מען לייכט, וואָס כמעט אַלע אָנגעזעענע ווירטשאַפטלעכע און אויך פּאָליטיש־וויכטיקע פּאָסטנס ווערן כסדר באַזעצט דורך באַפּרייטע הויכע מיליטער־לייט, און וואָס מען דערלויבט זיך שוין, אַפילו אָן אַ פריערדיקער באַהאַנדלונג אין דער אייגענער פּאַרטיי און אין כנסת, צו באַשטימען אַריינצונעמען אין דער רעגירונג די צוויי געוועזענע שעפן פון גענעראַל־שטאַב, ראַבין און בר־לב, דערביי דאַרף דער לעצטער אַריין אין דער רעגירונג כמעט דירעקט פון דער אַרמיי.

גאַנץ ריכטיק שרייבט וועגן דעם, דן מרגולית אין „הארץ" פון 12טן נאָוועמבער ה. י.:

„דער פאַקט, אַז עטלעכע חדשים פאַרן ענדיקן זיין דינסט ווייסט שוין דער רמטכ"ל חיים בר־לב, אַז עס דערוואַרט אים די טעקע פון האַנדל און אינדוסטריע אין דער רעגירונג, איז איינער פון די נישט גאַרמאַלע סימנים פונעם רעזשים. דער דאָזיקער פאַקט האָט באַוויזן היינטיקע וואָך איינעם פון די הויכע פּערזענלעכ־קייטן אין דער אַרבעטס־פּאַרטיי, צו פאַרגלייכן ישראל צו אַ דרום־אַמעריקאַנישער רעפּובליק".

אין אַזאַ צושטאַנד מוז, אויב עס עקזיסטירט שוין נישט — זיך אויספאָרמירן אַ מיליטערישע קאַסטע, וועלכע וועט אויב נישט מיטאַמאָל איז בהדרגהדיק באַהערשן דעם מלוכהשן אַפּאַראַט, און איינפירן אירע „דעמאָקראַטישע" סדרים.

אָפּגערעדט שוין דערפון, וואָס דאָס אָנהאַלטן דעם צושטאַנד פון מלחמה־גרייטקייט וועט נאָך אַלץ ברייטער מאַכן דאָס לאָך פון דעפיציטן, און עס וועט אַלץ שווערער ווערן דער דרוק פון די לאַסטן, וועלכע מען וועט אַריבערוואַרפן אויף די פּלייצעס פון דער אַרבעטנדיקער באַפעלקערונג. און עס וועלן דאָ נישט ראַטעווען די לאַגע די האַלבע מיליאַרדן דאָלאַרן, וואָס די אַמעריקאַנער רעגירונג וועט אונטערן דרוק פון פּענטאַגאָן, געבן ישראל. ישראל וועט נאָר אַלץ מער ווערן אַ סאַטעליט פון אַמעריקע, און הלוואי זאָל עס נישט דערגיין דערצו, וועט זי מוזן באַצאָלן דערפאַר מיט בלוט פון אירע זעלנער. עס וועלן אויך נאָך אַ ביסל ספּעקולאַנטן און קאַפּי־

טאַליסטן אָפּלעקן אַ פּעטביינדל פון דער דאָזיקער ברייטער אַמע־ריקאַנער הילף.

מאָדנע, די יידישע פּאָליטישע חכמים האָבן אַ טבע אויסצוחוזקן די אַלע מדינות, וועלכע זענען גרייט מקריב צו זיין מיט מענטש־לעכע לעבנס צוליב אַ שטיקל טעריטאָריע. אָבער דאָס איז נוגע נאָר אַנדערע; אַנדערש — ווען עס רירט אָן די אייגענע מדינה. מחמת אין דער אמתן גייט שוין איצט אָן דער קאָנפליקט מיט די אַראַבישע מדינות, אַלנפאַלס מיט מצרים און ירדן, נישט וועגן דער עצם־עקזיסטענץ פון דער מדינה, — בלויז אומפּאַראַנט־וואָרטלעכע דעמאַגאָגן קאָנען נאָך דערלויבן צו באַנוצן דעם דאָזיקן אַרגומענט, נאָר אַרום שטחים, טעריטאָריעס. און ס'איז לחלוטין נישט וויכטיק מיט וואָסערע תירוצים, (קיין תירוצים פעלן קיינמאָל נישט פאַר קיין שום זאַך), מען וויל פאַרענטפערן די דאָזיקע טערי־טאָריאַלע פּרעטענזיעס.

אויב מיר שטייען אויפן שטאַנדפּונקט, אַז מדינת ישראל דאַרף זיין גרייט אָפּצוגעבן די שטחים איז דאָס נישט בלויז דערפאַר, ווייל די אַראַבער פאַרלאַנגען דאָס מחמת ביי זיי איז דאָס אויך אַן ענין פון נאַציאָנאַלן כבוד, נאָר דער עיקר דערפאַר, ווייל מען קאָן נישט בויען קיין שלום אויפן יסוד פון אנעקסיעס.

און דאָ איז נישט וויכטיק צי דאָס זענען גרויסע אנעקסיעס לויטן גייסט פון גח״ל, פון נישט צוריקצוגעבן גאָרנישט אָדער דאָס זענען „קליינע" אַנעקסיעס, ווי דאָס פאַרלאַנגט מפ״ם, ווי „נישט מער"... ווי מזרח־ירושלים, רמת־הגולן, עזה־פּאַס, שאַרם־אַ־שייך און נאָך „קליינינקע" גרענעץ־ענדערונגען...

דער אויסוואַל פאַר מדינת ישראל איז — אָדער שלום פאַרן פּרייז פון באַפרייען די פאַרנומענע שטחים אָדער די שטחים פאַרן פּרייז פון אַנהאַלטן, ווער ווייסט ווי לאַנג, דעם צושטאַנד פון מלחמה. ליידער, איז שטאַרק היינט אין ישראל אַט די לעצטע טענ־דענץ, ס'איז דער הערשנדיקער פּראָפּאַגאַנדע געלונגען אין משך פון די יאָרן איינצופלאַנצן ביי די מאַסן די שטימונג, אַז סיי ווי וועט קיינמאָל מיט די אַראַבער קיין שלום נישט זיין — איז במילא

בעסער איינצוהאַלטן די שטחים און צו פאַרלאָזן זיך אויפן צה״ל און אויף דער אַמעריקאַנער הילף...

אין תוך גענומען איז דאָס אויך געווען דער צוועק פון גאָלדע מאירס רייזע קיין אַמעריקע; צונישט צו מאַכן די פרווון פון סטייט־דעפּאַרטאַמענט צו וועלן געווינען מצרים פאַרן פּרייז פון אַ ישראלדיקן צוריקצוג. ישראל האָט דערביי אַ „פעסטן״ אַטוט אין דער האַנט, זי דאַרף נישט האָבן קיין אַמעריקאַנישע זעלנער, און אַז מיט דער געהעריקער הילף פון אַמעריקע וועט זי זיך „אַליין״ אַן עצה געבן סיי מיט מצרים און אַפילו מיט די רוסן, אויב זיי וועלן וואַגן זיך אַריינצומישן, כאָטש מען גלויבט ווייניק אין דעם.

ווי געזאָגט זענען סאַדאַטס דראָאונגען אויסן צו פאַרשטאַרקן דעם דרוק אויף די גרויסמאַכטן און אויף דער אונ״אָ כדי צווינגען ישראל צוריקצוציען זיך פון די פאַרנומענע שטחים. אַ געוויסע בהלה־שטימונג האָבן די מלחמה־דראָאונגען אַרויסגערופן אין דער וועלט און אויך באַווירקט געוויסע טיילן פון דער ישראל־באַפעל־קערונג.

מלחמה־דראָאונגען האָבן אָבער די טבע, וואָס זיי ווירקן ווי מאַגנעט, וועלכע ציען אַריין די דראָערס אין אַ לאַגע אָן אַן אויסוועג. ווי לאַנג נאָך — נאָך די העכער אַנדערטהאַלבן יאָר — קאָן סאַדאַט שלעפּן מיט די דאָזיקע דראָאונגען? נישט איינמאָל האָט שוין געטראָפן ווי מדינות ווערן קעגן זייער אייגענעם ווילן אַריינגעשלעפּט אין מלחמה־אַוואַנטורעס. און ווער קאָן פאַרזיכערן, אַז אין אַזאַ דעצידירנדיקן מאָמענט וועט ישראל נישט באַשליסן אָנצווועגדן די זעלביקע סטראַטעגיע, ווי אין 1956 און 1967, און אַרויסטרעטן אין אַ „פּרעווענטיוון קאָנטער־אָנגריף״, ווי דאָס האָט יגאל אַלון באַצייכנט דעם 6־טאָגיקן קריג? און ווער קאָן זיין הונ־דערט פּראָצענט איבערצייגט, אַז די גרויסע מומחים, וועלכע זענען אַזוי זיכער אין אַ שנעלן נצחון, האָבן אין זייערע אויסרעכענונגען נישט „פאַרזען״ עפּעס אַ „קליינינקייט״, אָדער געמאַכט אַ טעות אין חשבון, וואָס קאָן ענדערן דעם גאַנצן גאַנג פון דער מלחמה, און קאָן אומגעהויער פאַרגרעסערן די חורבות און די צאָל קרבנות

האבן מיר דאך שוין אזעלכעס געזען אויך ביי די גרויסע וועלט־מומחים.

אלנפאלס, איין זאך איז קלאר: מיר טרעטן אריין אין א גע־פערלעכער תקופה, וועלכע קאן האבן א גורלדיקע אויסווירקונג סיי פאר דער מדינה, סיי פאר דער מענטשהייט בכלל.

ווי מען האט געקאנט פאראויסזען איז אויף דער גענעראל־פארזאמלונג פון דער אונא מדינת ישראל ווידער געבליבן כמעט ווי איזאלירט פון דער עפנטלעכער וועלט־מיינונג. אוודאי זענען דאס אלץ פאפירענע רעזאלוציעס, וועלכע די אונא איז נישט ביכולת צו רעאליזירן. צי איז דאס אבער באמת אין די אינטערעסן פון דער מדינה, אט די פאליטיק פון „פייפן" אויף דער גאנצער וועלט בלויז דערפאר, ווייל מיר פילן זיך שטארק מיט דעם כוח פון אמע־ריקאנער געווער? און צוליב די שטחים פארטאכליעווען די זעל־טענע געלעגנהייטן, ווען עס ווערט מעגלעך אריבערצווווארפן א שלומדיקע בריק צווישן ישראל און די אראבישע מדינות?

לעבנס-פראגן

סאציאליסטישע חודש־שריפט פאר פאליטיק, ווירטשאפט און קולטור

נאוועמבער־דעצעמבער 1971 236־237 21־סטער יארגאנג פרייז 150 אגורות

י. ארטוסקי נישטא

דער לעצטער נומער „לעבנס־פראגן" אונטער דער רעדאקציע
פון י. אַרטוסקי נאָוו. דעצ. 1971

י. אַרטוסקי נישטאָ

נישטאָ מער דער חבר אָסקאַר.

דער היינטיקער נומער „לעבנס־פראַגן״ ווערט דערלאַנגט די לייענער פון דעם זשורנאַל ווי די לעצטע שאַפונג פון דעם רע־דאקטאָר, וועלכער האָט זי שוין אָבער נישט זוכה געווען צו זען מיט זיינע אויגן. ערשט באַרוואָס האָבן מיר געפייערט צוואַנציק יאָר עקזיסטענץ פון אָט דער בונדישער טריבונע אין ישראל, ערשט נאָרוואָס האָבן מיר זיך געפרייט מיטן „געזונט ווערן״ פון דעם חבר אָסקאַר — י. אַרטוסקי, און אים אויסגעדריקט אונדזער אַלעמענס אָנערקענונג און התפעלות פאַר זיין אומדערמידלעכער אַרבעט, פאַר דער געוואַלדיקער לאַסט, וואָס ער האָט געטראָגן אויף זיך, אַרויסגעבנדיק אין משך פון די צוואַנציק יאָר, אין די שווערסטע באַדינגונגען, אָט דעם זשורנאַל, וועלכער ווערט געלייענט דורך אונדזערע חברים און פריינט אין לאַנד און אין אויסלאַנד. און אָט זענען אונדזערע „לעבנס־פראַגן״, דאָס צערטל־קינד פון י. אַר־טוסקי, געבליבן פאַריתומט צוזאַמען מיט דער גאַנצער בונדישער משפחה אין ישראל.

דער דאָזיקער נומער „לעבנס־פראַגן״ איז שוין געווען פול־שטענדיק פאַרטיק און איז אַריין אין דרוק, ווען עס איז דערהאַלטן געוואָרן די דערשיטערנדיקע ידיעה וועגן דעם טויט פון אונדזער טייערן, אומפאַרגעסלעכן חבר אָסקאַר. ביז דעם לעצטן טאָג פון זיין לעבן האָט ער געזאָרגט פאַר דעם זשורנאַל, האָט אַדורכגע־קוקט די לעצטע קאָרעקטורן, געגעבן די לעצטע אָנווייזונגען... ער האָט זיך ממש געראַנגלט פאַרן לעבן — ער האָט געוואָלט זען די

* „לעבנס־פראַגן״ נאָוועמבער—דעצעמבער, 1971.

פּרוכט פון זיין אומדערמידלעכער אַרבעט, פּונקט ווי ער האָט גע־וואָלט זוכה זיין צו זען אויך די פּרוכט פון זיין אומדערמידלעכן אידעישן געראַנגל — פאַר שלום, גערעכטיקייט און סאָציאַליזם.

דעם 16־טן דעצעמבער 1971 האָט ער אונדז פאַרלאָזט. עס איז אַוועק פון אונדז דער חבר און וועגווייזער, וועלכער האָט אויפגע־שטעלט און האָט אין משך פון 20 יאָר אָנגעפירט מיט דער בונ־דישער אָרגאַניזאַציע אין ישראל, אַלס איר גענעראַל־סעקרעטאַר און אַלס דער רעדאַקטאָר פון דעם פּאַרטיי־אָרגאַן — די „לעבנס־

ערן־וואך ביים ארון פון י. אַרטוסקי. אין פראָנט (רעכטס) פּראָפ. ד"ר א. גאָלדשמידט און חוה שניידער, לינקס אין פראנט — שמעון דזשיגאַן

פראַגן". קרוב אַ יאָר צייט איז ער געווען קראַנק, אָבער ביי די סאַמע שווערסטע געזונטהייטס־קריזיסן האָט ער נישט אויפגע־הערט צו אַרבעטן, נישט אויפגעהערט צו זאָרגן פאַר דער אָרגאַ־ניזאַציע און פאַר אירע אינסטיטוציעס. מיט געוואַלדיקן מסירת נפש איז ער געשטאַנען ביז דער לעצטער מינוט ווי אַ געטרייער זעלנער אויף זיין פּאָסטן, ביז ער איז אָפּגעפירט געוואָרן אין שפּיטאָל און איז צוויי טעג נאָכדעם געשטאָרבן.

נישט נאָר אין די לעצטע טעג און חדשים — זיין גאַנץ לעבן איז געווען איין גרויסער געראַנגל — אַ פיזישער און אַ גייסטיק־

אידעישער. דאָס לעבן האָט אים קיינמאָל נישט געצערטלט, אָבער פונקט ווי אין די לעצטע חדשים, אַזוי האָט ער זיך קיינמאָל נישט אונטערגעגעבן די שוועריקייטן, וואָס פלעגן אים אַנטקעגנקומען אין זיין שטורמישן און פאַרביקן לעבן.

ישׂשכר אייכנבוים — אַזוי איז געווען זיין אמתער נאָמען — איז געבוירן געוואָרן דעם 5־טן מאַי 1903 אין וואַרשע. זיין פאָטער איז געווען אַ פאָלקסטימלעכער שניידער־מייסטער, אַ באַוווסט־זיניקער מענטש, וועלכער האָט ליב געהאַט לייענען אַ בוך — און די דאָזיקע ליבשאַפט צום בוך האָט ער אויך איינגעפלאַנצט אין זיין קינד. פון זיין פאָטער האָט ישׂשכר באַקומען, ווי ער האָט דערציילט, די ערשטע ביכער צו לייענען. אָבער ווען ער איז אַלט געווען צוועלף יאָר, איז זיין פאָטער געשטאָרבן. קורץ נאָכן פאָטער איז אים אָפּגעשטאָרבן די מוטער, און דער קליינער ישׂשכר איז געוואָרן אַ קיילעכדיקער יתום, אין מיטן פון דער ערשטער וועלט־מלחמה.

אַזוי אַרום האָט ישׂשכר אייכנבוים שוין פון קינדוווייז אָן דער־פילט דעם שווערן עול פון לעבן. זיינע ערשטע שריט אַלס אַ יתום איז אים אָבער אויסגעקומען צו שטעלן — אויפן פאַרלאַנג פונעם גורל — אין אַ קאַטוילישן מאַנאַסטיר הינטער וואַרשע... דאָס האָט אַ נזירה גענומען מיט זיך דעם הונגעריקן יתום און אים אַוועק־געפירט אין קלויסטער, ווו ער איז געהאַלטן געוואָרן דריי יאָר צייט. דאָס איינציקע, וואָס האָט אים ווירקלעך צוגעבונדן צום קלויסטער, איז געווען דער פאַקט, וואָס ער האָט דאָרט געהאַט אָן אַ שיעור ביכער צו לייענען. ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּשמדן, און ווען זיינע קרובים האָבן אים אָפּגעזוכט נאָך דריי יאָר, האָט ער זיך געלאָזט איבעררעדן דורך זיי און האָט זיך אַרויס־געגנבעט פונעם קלויסטער, כאָטש ער האָט אויך ווייטער נישט געהאַט וווהין צו גיין.

פון קינדווייז אָן האָט ישׂשכר אַרויסגעוויזן אַ שטאַרקע נטיה זיך צו לערנען און צו לערנען אַנדערע. אַזוי האָט ער אויך אָנגע־הויבן זיין נייע לעבנס־תקופה, ווען ער האָט, נישט האָבנדיק צו באַצאָלן פאַר די פּריוואַטע לעקציעס, וואָס ער האָט גענומען,

ביים ארון פון י. אַרטוסקי, 16־טער דעצעמבער 1971, עס איז מספיד
ח׳ ר. שטיינעֶרט

אנגעהויבן אַליין געבן לעקציעס פון דעם, וואָס ער האָט באַרוואָס געלערנט. ער האָט אויך געלערנט זיינע חברים, מיט וועלכע ער איז שפּעטער געזעסן אין תפיסה. די נויט און די סביבה האָבן אים אַריינגעצויגן אין דער קאָמוניסטישער באַוועגונג און ער איז געוואָרן אַקטיוו אין איר אונטערערדישער טעטיקייט. אין די סוף 20־קער יאָרן איז ער דורך דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי געשיקט געוואָרן קיין ראַטן־רוסלאַנד, ווו ער האָט שטודירט פּאָליטישע עקאָנאָמיע אויפן מאָסקווער אוניווערסיטעט. אין מאָסקווע האָט ער זיך אין יענע יאָרן געטראָפן אויך מיט סטאַלינען, און ווי ער האָט דערציילט, האָט ער זיך דאַמאָלסט נישט געקאָנט פאַרשטעלן, אַז דער קאָמוניסטישער פירער וועט ווערן אַזאַ אַכזריותדיקער דעספּאָט.

נאָכן צוריקקערן זיך קיין פּוילן, איז ישׂשכר אייכנבוים, אָדער י. אַרטוסקי — אָדער „אָסקאַר", ווי מען האָט אים גערופן אין אונטערגרונט — אָפּגעזעסן יאָרן אין די פּוילישע תפיסות. די ידיעות, וואָס זענען אָבער דערהאַלטן געוואָרן פון ראַטן־רוסלאַנד וועגן דעם סטאַליניסטישן טעראָר האָבן אַלץ מער און מער פאַר־שטאַרקט זיין אַנטוישונג אין קאָמוניזם, ביז ער האָט אין יאָר 1935 באַשלאָסן אַריינצוטרעטן אין „בונד". ער איז געוואָרן אַקטיוו אין דער וואַרשעווער בונדישער אָרגאַניזאַציע, און איז געשטעלט גע־וואָרן בראש פון די פאַרשטעט־גרופּן ביים וואַרשעווער פּאַרטיי־קאָמיטעט. זיינע אַרטיקלען אין דער בונדישער פּרעסע זענען גע־לייענט געוואָרן מיט גרויס אינטערעס און האָבן צוגעצויגן אַלע־מענס אויפמערקזאַמקייט.

מיטן אויסברוך פון דער צווייטער וועלט־מלחמה, לאָזט ער זיך מיטן פּליטים־וועג קיין ראַטן־רוסלאַנד, ווו מען האָט אים געקענט אַלס י. אַרטוסקי — אָבער נישט אונטער זיין אמתדיקן פאַמיליע־נאָמען אייכנבוים. נאָך אַ געוויסער צייט קערט ער זיך צוריק קיין וואַרשע, כדי אַריבערצונעמען מיט זיך זיין פרוי און טאָכטער — אָבער ער געפינט זיי שוין נישט מער, און איז געצוווּנגען זיך צו לאָזן צוריק אַליין אין וועג אַריין. אָבער דאָס מאָל מיידט אים שוין נישט אויס דער גורל פון די הונדערטער טויזנטער יידישע פּליטים פון פּוילן, און צוזאַמען מיט זיי ווערט ער פאַרשיקט אין די לאַגערן

פון צפון־אוראַל, פון וואַנען ער ווערט שפּעטער באַפרייט אין זכות פון דער שיקאָרסקי־אַמנעסטיע. עס געלינגט אים איינצושטעלן אַ קאָנטאַקט מיט אַנדערע בונדישע חברים, און אַדאַנק דער אינטער־ווענץ פון אַרטור זיגעלבוים ביי דער פּוילישער דעלעגאַטור אין לאָנדאָן, איז ער צוזאַמען מיט אַ גרופּע בונדיסטן אַריבערגעקומען מיט דער אַנדערס־אַרמיי קיין טעהעראַן, און פון דאָרט איז ער אין יאָר 1943 אָנגעקומען קיין תּל־אָבֿיב.

אין יאָר 1945 איז י. אַרטוסקי געפאָרן קיין פּאַריז, ווו ער האָט מיטרעדאַגירט די בונדישע צייטונג „אונזער שטימע". ער באַ־טייליקט זיך אין דער גרינדונגס־קאָנפערענץ פון וועלט־קאָאָרדיניר־קאָמיטעט פון די בונדישע אָרגאַניזאַציעס, וואָס איז פאָרגעקומען אין יאָר 1947 אין בריסל, און ווערט אַ מיטגליד אין קאָאָרדיניר־קאָמיטעט. נאָך דער אַנטשטייאונג פון מדינת ישראל ווערט ער אַן אָנהענגער פון דעם געדאַנק וועגן אויפשטעלן אַ בונדישע אָר־גאַניזאַציע אין ישראל — און אין יאָר 1950 דעלעגירט אים טאַקע דער קאָאָרדיניר־קאָמיטעט קיין ישראל, כדי צו העלפן שאַפן די בונדישע אָרגאַניזאַציע. י. אַרטוסקי ווערט דער גענעראַל־סעקרע־טאַר פון „בונד" אין ישראל, פירט אָן מיטן „אַרבעטער־רינג" און פאַרלייגט דעם חודש־זשורנאַל „לעבנס־פראַגן", וועלכן ער רע־דאַגירט פון זיין ערשטן נומער אָן, אָנהויבנדיק פון מאַי 1951.

אין משך פון די איין און צוואַנציק יאָר אין ישראל האָט י. אַרטוסקי געלעבט און געאָטעמט מיטן „בונד", ער איז געווען די פאַרקערפּערונג פון „בונד" אין ישראל. זיין וווינונג אויף דער ירקון־גאַס אין תּל־אָבֿיב איז געוואָרן דאָס גאַסט־הויז פאַר יעדן בונדישן חבֿר, וואָס איז געקומען אַהער אויף אַ באַזוך — פּונקט ווי עס איז דאָס פריער געווען די וווינונג פון איטקע און בענצל צאַלעוויטש אויף דער באַזעל־גאַס — און י. אַרטוסקי מיט זיין לעבנס־באַגלייטערין העלאַ פלעגן אויפנעמען יעדן גאַסט מיט וואַרעמער האַרציקייט. י. אַרטוסקי האָט זיך אויסגעצייכנט מיט זיין אומגעוויינלעכער באַשיידנקייט און גרענעצלאָזער איבערגע־געבנקייט אין דער אַרבעט. דאַקעגן אָבער איז ער געווען אייזן־פעסט אין זיינע איבערצייגונגען, אויסגעהאַלטן אין זיין אידעישן

וועג, וועלכן ער פלעגט אין זיינע רעדעס, רעפעראַטן און אַרטיק־לען אַרויסברענגען מיט שאַרפער לאָגיק און גראַדליניקייט. און די זעלבע איבערגעגעבנקייט און עקשנות, וואָס ער האָט אַרויסגעוויזן פאַר זיין באַוועגונג און פאַרן סאָציאַליסטישן געדאַנק, האָט ער אויך פאַרלאַנגט פון יעדן בונדיסט: פולע אויסגעהאַלטנקייט פאַרן בונדישן געדאַנק, קאָנסעקווענטע און אויפריכטיקע טריישאַפט צו די געפרעדיקטע אידעאַלן פון סאָציאַליזם, גערעכטיקייט און שלום.

אַזאַ איז ער פאַרבליבן ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.

זיין טויט איז אַ דערשיטערנדיקע אבידה פאַר דער בונדישער משפחה אין ישראל.